STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07674

DER ZIN FUN MENTSHLEKHN LEBN

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי
אַלע ווערק

אַלע ווערק פֿון

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

באַנד 2

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

דער זין פון מענטשלעכן לעבן

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פֿאַרבאַנד, איקוף
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי־פֿאָלקס־קאָמיטעט

דער באַנד איז צוגעגרייט צום דרוק דורך
נחמן מייזיל

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פֿון באָסטאָנער איקוף,
פֿון די פֿאַמיליעס ווייגמאַן, קוץ, גרויסער, בער, בלאָך, האָראָ־
וויץ, קאָלווער און פֿון די פֿריינט אידיט קאָן, כאַסיע שאַפּיראָ,
אב. שאַפּיראָ, י. באַרקוס, יעקב קראַוויץ אין אָנדענק פֿון
חיים שאַפּיראָ

Copyright by
Yidisher Kultur-Farband — Ikuf
New York, 1945

Dr. Ch. Zhitlovsky
DER SIN FUN MENTSHLECHEN LEBEN

געדרוקט מיט דער צושטימונג פֿונעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ,
אין הסכם מיט דער צוואָה פֿון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

Printed in U. S. A.

געזעצט און אויסגעפּאַרטיקט דורך דער ע. לאוב פּרינטינג קאָמפּאַני,
250 וועסט 54סטע גאַס, ניו־יאָרק 19, נ״י.

אינהאַלט

זייט

צו די לייענער — נ. מ. 7

I

דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן

קאַפּ׳

1. אָפּטימיזם, פּעסימיזם און מענטש־באַוואַרטונג 11
2. אמת, יושר און שיינקייט 17
3. געטע וועגן דעם גליק־פּראָבלעם 22
4. געטעס אָפּטימיזם און שאָפּענהאַוערס פּעסימיזם 28
5. לעוו טאָלסטאָיס טעאָריע וועגן גליק 35
6. פֿערדינאַנד לאַסאַל וועגן דער הנאה פֿונעם אייגענעם לעבן 41
7. דאָס ליבע „איך" 47
8. קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס אין דער ניט־לעבעדיקער נאַטור 53
9. זעלבסט־דערהאַלטונג און מין־דערהאַלטונג 59
10. פֿאַרמערונג, אַנטוויקלונג און דאָס „איך" 66
11. די קולטורעלע עוואָלוציע 72
12. די צווייטע יצירה 78
13. „נאַטור־פֿעלקער" און „קולטור־פֿעלקער" 85
14. „די קער־רימענס" אין דער קולטורעלער עוואָלוציע 95
15. די קולטור־קרעפֿטן ווי „צילן אין זיך גופא" 102
16. דאָס „איך" און דער „קאַמף פֿאַר אינדיווידואַליטעט" 107
17. דעטערמיניזם, פֿרייהייט און „זעלבסט־מיטל" 114
18. די שווערע ירושה 121
19. דער וועג פֿון „שלעכטס" 129
20. אידעאַליסטישע „מינים" אין דער קולטור־עוואָלוציע 137
21. דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן 144
22. שלוס־וואָרט 152

II

וויסנשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיע

לעקציע 1. די פֿאַראייניקטע וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע 159
לעקציע 2. די מאָדערנע וויסנשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע און רעליגיע 192

III

איוב, פּאָעמע פֿון דעם יידישן פֿרייען געדאַנק 229
גאָט און די וויסנשאַפֿט 265
גלויבן און „נוצלעכקייט" 270
רעליגיעזע בענקשאַפֿטן 276
אינדיווידועלע מאָראַל און סאָציאַלע עטיק 282
ס׳הויפּטל קרויט און די רויז 293
סינטעטישער מאָניזם 303

צו די לייענער

דער איצטיקער באַנד איז דער צווייטער פֿון דער פֿולער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי־אויסגאַבע, וואָס דער איקוף איז צוגעטראָטן אַרויסגעבן מיט דער הילף פֿון ד״ר זשיטלאָווסקיס פֿריינט און פֿאַרערער.

אין דעם באַנד קומען אַריין אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס האָבן צו טאָן מיט פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעמען פֿונעם מענטשלעכן זיין און לעבן, ווי אויך מיט פֿראַגן פֿון סאָציאַלער עטיק און אינדיווידועלער מאָראַל — פּראָבלעמען און פֿראַגן, וואָס האָבן נישט אויפֿגעהערט צו פֿאַרנעמען דעם דענקער און שרייבער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אַלע זיינע יאָרן ביז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן. האָט ער דאָך אָפֿט, אין סאַמע ברען פֿון פּאַסירונגען און געשעענישן, זיך אָפּגעריסן פֿון דעם אַרומיקן געטומל און זיך פֿאַרקליבן אין די העכערע עולמות פֿון פֿילאָסאָפֿישע שיטות, געפּרוּווט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופֿן אַרויסצוברענגען זיי אין אַ פּאָפּולערער פֿאָרם פֿאַרן יידישן לייענער.

דער באַנד הייבט זיך אָן מיט אַ גרויסער אַרבעט — 22 קאַפּיטלעך — אונטערן נאָמען „דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן". אָט דאָס ווערק איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „טאָג" (אין די יאָרן 1938־1939 אין פֿאָרזעצונגען). מיר האָבן דאָס ווערק געזעצט פֿונעם מאַנוסקריפּט (צוגעשטעלט אונדז דורך ש. ווינער), זיינען דעריבער אַריין אויך אייניקע שטעלן, וואָס זיינען אין דער צייטונג אַדורכגעלאָזט געוואָרן. אויף אָט דעם ווערק האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אייפֿעריק געאַרבעט אַ לענגערע צייט, ער האָט עס געפֿיילט און געמייסטרעוועט. עס איז אָן ספֿק איינע פֿון די פֿיינסטע און טיפֿסטע זאַכן, וואָס זיינען אַרויס פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס געבענטשטער פֿעדער, וואו וויסן און נשמה, געדאַנק און געפֿיל פֿאָרן זיך אַזוי וואונדערלעך.

ווייטער ברענגען מיר צוויי לענגערע רעדעס, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין פֿאַרשיידענע שטעט און לענדער איבער פֿראַגן פֿון וויסנשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע און רעליגיע. די לעקציעס זיינען געדרוקט געוועזן אין 1931 אין באַזונדערע בראָשורן. אין די ביזאַהעריקע ד״ר זשיטלאָווסקי־ווערק זיינען זיי נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

אין דער דריטער אָפּטיילונג גיין אריין זיבן ארטיקלען, וואָס באַהאנדלען אויף פֿארשיידענע אופֿנים פֿילאָסאָפֿיש־עטישע פּראָבלעמען. די ארבעט „איוב, פּאָעמע פֿון דעם יידישן פֿרייען געדאנק" איז פֿארעפֿנטלעכט געוואָרן אין 1912 אין די זשיטלאָווסקי־ווערק; די אַלעגאָרישע מעשה „ס'הויפּטל קרויט און די רויז" — האָט ד"ר זשיטלאָווסקי אָנגעשריבן אין 1928 פֿאר די „ליטעראַרישע בלעטער"; די ארטיקלען „גאָט און די וויסנשאַפֿט", גלויבן און 'נוצלעכקייט' ", „רעליגיעזע בענקשאַפֿטן" זיינען געווען געדרוקט אין „טאָג"; „אינדיווידועלע מאָראַל און סאָציאַלעטיק" איז פֿארעפֿנטלעכט אין „יידישע קולטור" אין 1941.

דער באַנד ווערט פֿארענדיקט מיט א רעדע „סינטעטישער מאָניזם", וואָס ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין יאָר 1935 צו זיין 70סטן געבוירנטאָג. מיר דרוקן זי פֿון כּתב־יד. — דאָ האָבן מיר זייער אַן אינטערעסאַנטן פּרוּוו פֿון ד"ר ח. זשיטלאָווסקין גופֿא צו שילדערן זיין אייגענעם גאַנג — דעם גאַנג צו זיין געדאַנקלעכן באַרג ארויף. עס איז א מין סך־הכּל פֿון זוכענישן און געפֿינענישן, וואָס ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אדורכגעמאַכט אין לויף פֿון צענדליקער יאָרן. פֿאַר דעם יידישן לייענער, דעם זשיטלאָווסקי־פֿאַרערער, וועט באַזונדערס זיין אינטערעסאַנט ווי ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אַליין באַמיט זיך צו שילדערן פֿאַר אונדז זיין אידעאישן גאַנג, זיין קלעטערן איבער בערג־שיפּועים און זיין שטרעבן צו דערגרייכן די העכסטע הויכן.

דער איקוף גרייט איצט צום דרוק נאָך איניקע בענד פֿון דער רייכער ד"ר ח. זשיטלאָווסקי־ירושה וואָס וועלן דערשיינען כּסדר ווי ווייט די פֿינאַנסיעלע מעגלעכקייטן וועלן אונדז דערלויבן.

סעפּטעמבער, 1945.

נ. מ.

I

דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן

קאַפּיטל איינס

אָפּטימיזם, פּעסימיזם און מענטש־באַוווערטונג

איז אַ מענטשלעך לעבן ווערט געלעבט צו ווערן? האָט אַ מענטשלעך לעבן אַ זין? און אויב יאָ, איז — אין וואָס באַשטייט ער? דאָס זיינען אייביקע פון יענע „אייביקע" פראַגן, וואָס האָבן שוין אין גרויען אַלטערטום געפייניקט דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס האָבן אָבער נאָך עד היום ניט געפונען קיין אַבסאָלוט צופרידנשטעלנדיקן ענטפער.

די שווערקייט פון דעם פּראָבלעם וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן, נעמט זיך דערפון, וואָס איידער מען קאָן אַריינבליקן אין די סודות פון אַ מענטשלעך לעבן, דאַרף מען פריער האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם זין פון לעבן בכלל, און אויך דאָ מוז מען טאַפּן אין דער פינצטער, איידער עס ווערט פאַר אונדז אויפגעלויכטן דער זין פון דער אַלוועלטלעכער עקזיסטענץ: איז דער גאַנצער וועלט־געשעען דורכגעדרונגען מיט אַ וועלכן עס איז זין? ביז אַט די פראַגע וועגן דעם זין פון לעבן בכלל און וועגן דעם זין פון דער וועלט־עקזיסטענץ זיינען ניט אויפגעקלערט געוואָרן דורך און דורך, קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אַן אַבסאָלוט זיכערן ענטפער אויף דער זעלביקער שאַלה בנוגע דעם מענטש. און גראָד אַט די פראַגן, קאָן זיין, וועלן אפשר בלייבן אויף אייביק פאַרדעקט פאַר דער מענטשלעכער דערקענטעניש.

על־כל־פּנים קאָן אונדזער ענין ניט אויסגעשעפּט ווערן אין זיין גאַנצער טיף; און מען וואָלט אויך געדאַרפט שרייבן ניט איין באַנד שריפטן, כּדי צו שילדערן דעם פאַרנעם זיינעם אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק.

אויך דער יידישער געדאַנק האָט זיך געצווונגען צו דער זעלביקער שאַלה. ווער געדענקט ניט איובס פּעסימיזם, מיט זיין שאַרפן משפּט איבער אַ מענטשלעך לעבן? „אָדם, ילוד אשה, קצר ימים ושבע רוגז. כּציץ יצא וימל; ויברח כּצל ולא יעמוד". (איוב, יד׳, 2: אַ מענטש פון

אַ ווייב געבוירן, קורץ אין טעג און זאַט אין שווערער אומרו. ווי אַ בוים בליט ער אויף און פאַרוועלקט; ווי אַ שאָטן לויפט ער פאַרביי אָן אַ באַשטאַנד".) אומזיסט האָט צופר הנעמתי פריער געוואָרנט איובן: „החקר אלוה תמצא? אם עד תכלית שדי תמצא?" (איוב, יא׳, 7: „וועסטו דען אויסגעפינען גאָטס טיפסטן גרונט? וועסטו דען דערגרייכן דעם לעצטן ענד ביי דעם אַלמעכטיקן?"). איוב איז שוין פאַרטיק געווען מיט זיין משפט אויף דעם מענטשנס לעבן, נאָך איידער ער האָט געהאַט אַן ענטפער אויף די פראָבלעמען פון דעם אַלוועלטלעכן זיין. אַן אַנדער אַלט־אידעאישע שריפט, וואָס קאָן לויט איר הויפט־אינהאַלט צוגעציילט ווערן צו די קלאַסיקער פון דעם פעסימיסטישן לעבנס־בליק, דער עיקר, ווען מען וואַרפט אַרויס פון איר די אַבסאָלוט ווידערשפּרעכנדיקע אָפּטימיסטישע אַריינשטעלעכצן — דער ספר „קהלת" קומט ניט צו קיין בעסערן אָפּשאַץ פון אַ מענטשנס לעבן — און דאָ ווערט עס שוין געטאָן אין דעם ליכט פון אַן אַלגעמיינעם וועלט־באַנעם: „הבל הבלים, אמר קהלת, הבל הבלים, הכל הבל. מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש?" (נישטיקייט שבנישטיקייט, האָט קהלת געזאָגט, נישטיקייט שבנישטיקייט; עס איז אַלץ נישטיק. וועלכן יתרון, וועלכן איבערוואָג האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי, וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?", קהלת, א׳, 2 און 3). אָט גראָד דערין, אין דער פראַגע וועגן דעם מענטשנס איבערוואָג ליגט דער אייגנטלעכער צענטער פון אונדזער ענין, פון דעם „זין", וואָס אַ מענטשלעך לעבן האָט, אָדער האָט אים ניט. קהלת איז פעסימיסטיש מבטל דעם זין. עס איז אַלץ „אונטער דער זון" נישטיקייט שבנישטיקייט.

פון די שפּעטערע, תלמודישע צייטן ווייסן מיר, אַז עס איז פאַרגעקומען אַ שאַרפע פלוגתא צווישן די בית־שמאי און די בית־הלל, וועגן דער פראַגע: וואָס עס איז בעסער פאַר דעם מענטשן, געבוירן ווערן, צי ניט? די בית־שמאי האָבן פאַרטיידיקט דעם פעסימיסטישן טעזיס: ס'לוינט זיך ניט דער גאַנצער ענין פון זיין אַ מענטש אויף דער וועלט. און בעת מען האָט געציילט די שטימען ביי דעם אָפּשטים, האָבן די בית־שמאי, וואָס זיינען כמעט אומעטום און כמעט אַלע מאָל געווען אין אַ מינאָריטעט, אָבער אין דעם פאַל האָבן בית־שמאי גראָד געהאַט אַ פריוויליקע מאַיאָריטעט. איך זאָג: „אַ פריוויליקע", ווייל אין זעלטענע אויסטערלישע פאַלן פלעגן די בית־שמאי דיקטאַטאָריש אויפצווינגען זייערע באַשלוסן. דאָ אָבער — „נמנו וגמרו: טוב לו לאדם, שלא נברא, משנברא" („מען האָט געציילט די שטימען און באַשלאָסן: ס'איז בעסער פאַר דעם מענטשן ניט געבוירן צו ווערן, איידער געבוירן צו ווערן").

זיכער איז דער פעסימיסטישער געדאַנקען־שטראָם ביי דעם יידישן פאָלק ניט געווען דער איינציקער. דער וועלט־באַנעם פון די גרויסע נביאים איז אין תוך געווען אַן אָפּטימיסטישער, אַ זוניקער און לעבנס־פריידיקער. אַנשטאָט דעם „הכל הבל" פון דעם קהלת, האָט דער אַריינפיר אין דער תורה, אין דער ערשטער פרשה בראשית, אַוועקגעשטעלט אַ „כי טוב" און „טוב מאוד" (אַ „ס׳איז גוט" און אַ „זייער גוט") צו יעדן וויכטיקן עטאַפּ אין דעם אויפבוי פון דער וועלט. און אַזוי האָבן זיך ביי אונדז געוויגט די שאָלן פון „פעסימיזם", וועלט־און מענטש־פאַר־לייקענונג — און „אָפּטימיזם", וועלט־ און מענטש־פאַרהערלעכונג. ספּע־ציעל וועגן דעם מענטשן וואָס איז שפּעטער פאַרגליכן געוואָרן צו אַ „צעבראָכן שערבל", צו „שטויב, וואָס טראָגט זיך" און צו „אַ חלום, וואָס פאַרפליט", האָט אונדז אַן אַלטער יידישער דיכטער איבערגעלאָזן אַזעלכע באַגייסטערטע שבחים: „אַז איך קוק אָן דיין הימל, די ווערק פון דיינע פינגער, לבנה און די שטערן, וואָס דו האָסט צוגעפּאַסט, — וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים האָבן אין זינען, אַ מענטשנקינד, דו זאָלסט זיך אין אים דערמאָנען? האָסטו אים אָבער וויניק געלאָזט פעלן פון צו זיין אַ גאָט („ותחסרהו מעט מאלהים"), מיט כבוד און פראַכט האָסטו אים באַקרוינט; מאַכסט אים הערשן איבער אַלע ווערק פון דיינע הענט; אַלץ האָסטו אים אַוועקגעלייגט צו זיינע פיס" (תהלים, ח׳, 4—8).

איז וואָס איז פאָרט דער מענטש: שטויביקע נישטיקייט, אָדער שיר ניט אַ גאָט?

און דאָס זעלביקע וויגן זיך פון די וואָג־שאָלן אַרויף און אַראָפּ, די גרויסע פּלוגתא צווישן אָפּטימיסטן און פעסימיסטן, צווישן „מיזאַנטראָפּן" (מענטשן־האַסער) און „אַנטראָפּאָפילן" (מענטשן־פאַרערער, ניט חלילה, „פילאַנטראָפּן") געפינען מיר ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער עלטסטער צייט אָן, ביז אויף אונדזערע דורות, מיט די שאָפּענהאַוער, פאָן־האַרטמאַן און מאַינלענדער אויף דער פעסימיסטישער זייט און אַ דיורינג און אַ מילער־ליער אויף דער אָפּטימיסטישער.

ווען איך נעם מיר איצטער די העזה, אויפצוהייבן די זעלביקע „אייביקע" פראַגן, איז דאָס ליידער ניט דערפאַר, וואָס איך האָב אויס־געפונען דעם אַבסאָלוט ריכטיקן ענטפער אויף זיי, אַזעלכע נייע אַרגו־מענטן, וואָס זיי זאָלן מאַכן אַ סוף צו דעם אייביקן סכסוך אין דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט. מיין ציל דערביי איז אַ סך אַן עניוות־דיקערער. ווי יעדער איינער, וואָס וויל ניט זיין אין גאַנצן בלינד אין דעם ענין, האָב איך מיך געמיט אויסצוהערן פיל עדות פאַר דעם אָדער

יענעם צד: איך האָב געפּרוּווט אַליין אויסגעפינען עדות, וואָס איך האָב געטראַכט, אַז גראָד זיי זיינען די וויכטיקסטע, און ווען איך האָב מיך אַריינגעטראַכט אין זייערע עדות, האָב איך באַמערקט אַז ווי פאַרשיידן עס זאָלן ניט זיין זייערע ענטפערס — פעסימיסטיש, צי אָפּטימיסטיש — קומען זיי, אָפּט אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין צו איין איינציקן געמיינשאַפטלעכן ענטפער. און איך האָב געפונען, אַז ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם מהות פון יענעם ענטפער, ווערט מען אָוועקגעשטעלט ביי דעם ראַנד פון אַ זייער וויכטיקער פילאָסאָפישער רעטעניש. ווען איך האָב מיך אָבער אַראָפּגעלאָזן אויף דעם גרונט פון דער רעטעניש, האָט זיך מיר אויסגעדוכט — און מיר דוכט זיך נאָך עד היום אויס — אַז גראָד דאָ אין דער טיף, שלאָגט אַ קוואַל פון דערקענטעניש, אַ באַלייכטונג־קוואַל, אויף וועלכן מען האָט זיך ביז אַהער אָדער גאָרניט, אָדער צו וויניק אָפּגעשטעלט, וועלכן מען האָט נאָך כמעט גאָרניט אויסגענוצט פאַר דעם פּראָבלעם וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן; און אַז גראָד אין דעם ליכט פון יענעם קוואַל דאַרף געזוכט ווערן דער וועג צו דעם ענטפער אויף אונדזער פּראָבלעם.

מיינע עדות, זייערע אַרויסזאָגן און זייער געמיינשאַפטלעכער ענטפער וועלן מיר באַלד אויסהערן, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט דער רעטעניש און דעם דערקענטעניש־קוואַל, וואָס שלאָגט פון איר. אָבער קודם מוזן מיר זיך אַליין קלאָר מאַכן, אין וועלכן „זין" מיר באַנוצן זיך דאָ מיט אָט דעם וואָרט, ווען מיר רעדן וועגן דעם „זין" פון אַ מענטשלעכן לעבן. אונדזער יידיש האָט צוויי ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט כמעט אָן אַ שום אונטערשייד: דער „זין" און דער „זינען". דער „זינען" איז אַ מענטשלעכע פעאיקייט פון קלאָרן, נאָרמאַלן דענקען און געדענקען. „ביסט פון „זינען" אַראָפּ?", „ער רעדט אויפן זינען", „עס איז מיר פון „זינען" אַרויס", אַזעלכע אויסדרוקן געברויכן מיר, ווען מען גייט אַראָפּ פון דעם שכל הישר, אָדער מען פאַרגעסט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך. דאָס וואָרט „זין" אָבער באַדייט דער רעזולטאַט פון אַ קלאָרן, שכל הישרדיקן דענקען. גראָד אָט דאָס וואָרט „זין", דעם רעזולטאַט פון אַ נאָרמאַלן דענקען, האָבן מיר איצטער אין „זינען", און וויכטיק פאַר אונדזער ציל איז צו באַווייזן, אַז דאָס וואָרט: „זין" ווערט באַנוצט אין אַ טאָפּלטן „זין".

קודם איז „זין" דער טייטש, דער קלאָרער באַדייט, דער אויסטייטש, דער שכלדיקער אינהאַלט פון מענטשלעכע רייד. דאָס איז אַ ריין טעאָרעטישער, ריין אָביעקטיווער ענין. וואָס איז דער ריכטיקער זין פון דעם וואָרט „אומאָפּהענגיקייט"? „דעטערמיניזם"? וואָס איז דער „זין (דער

„טייטש״) פון אַ וואָסער עס איז פּרעמד־שפּראַכלעכן וואָרט, צי דער ריכטיקער מיין פון אַ וועלכן עס איז אַרויסזאָג? „דעם משוגענעמס רייד האָבן ניט קיין „זין״, ד״ה קיין שכלדיקן אינהאַלט, ווייל ער איז אַראָפּ פון „זינען״.

אין אַט דעם טעאָרעטישן באַדייט קאָן מען אויך דאָס וואָרט „זין״ באַנוצן וועגן ריין נאַטירלעכע דערשיינונגען, וואָס שטאַמען ניט פון דעם מענטשלעכן שכל. וואָס איז דער זין פון די פאַרביקע בלומען און פון די גרויסע בלעטער אין דער פלאַנצן־וועלט? די נאַטור־וויסנשאַפט דעקט אונדז אויף דעם „זין״ דערפון, דעם באַדייט פון בלאַט און בלום: פון די בלעטער — פאַר דער דערנערונג און דעם וואַקסן פון דעם פלאַנצלעכן אָרגאַניזם פון די בלומען — פאַר דער באַפרוכפּערונג און דער דערהאַל־טונג פון דעם מין.

דאָס וואָרט „זין״ האָט אָבער אויך נאָך אַן אַנדער „זין״. ער ווערט דעמאָלט באַנוצט ניט אין דעם זין פון אַ שכלדיקן אינהאַלט, נאָר אין דעם זין פון אַ בר־דעתדיקן תכלית. אַן אַרויסזאָג אָדער אַ נאַטירלעכע דערשיינונג קאָנען זיך האָבן דעם קלאָרסטן און שכלדיקסטן אינהאַלט און באַדייט, ד״ה האָבן אַ ריכטיקן „זין״, און פונדעסטוועגן קאָנען זיי פון אַ ריין פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, לויט זייער בר־דעתדיקן תכלית, זיין דער גרעסטער אומזין.

אַזוי, צ״ב, קאָן מען דעם שרייבער פון אַט די שורות גלייך פון אָנהייב מכבד זיין מיט אַזאַ מין שאלה: וואָס פאַר אַ „זין״ האָט דאָס, צו פילאָסאָפירן וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן, ווען מען ווייס לכתחילה, אַז קיין אַבסאָלוטן ענטפער אויף דעם פּראָבלעם קען מען ניט געפינען?

אין אַט דער שאלה ווערט דאָס וואָרט „זין״ גענומען אין דעם באַדייט פון אַ בר־דעתדיקן תכלית, פון אַ געוואונטשענעם ציל. פילאָסאָפירן וועגן אַזעלכע זאַכענישן, ווי „דער זין פון אַ מענטשלעכן לעבן״, האָט, הייסט עס, באַדאַרפט זיין אַ געוואונטשענער ציל פאַר אַ מענטשן, וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקל בר־דעת, הגם די געדאַנקען, וואָס קאָנען דערביי אַרויס־געבראַכט ווערן קאָנען זיין פול מיט שכלדיקן אינהאַלט ווי אַ מילגרוים מיט קערנער.

אין אונדזער איצטיקער אַרבעט וועלן מיר זיך אינטערעסירן מיט ביידע באַדייטן פון דעם וואָרט „זין״: אי מיט דעם באַדייט פון „שכלדיקן אינהאַלט״, אי מיט דעם באַדייט פון אַ „בר־דעתדיקן תכלית״. האָט דאָס לעבן פון אַ מענטשן, פון יעדן מענטשן, אַ שכלדיקן אינהאַלט, אַ „יתרון״,

אָן איבערוואָג איבער דעם שכלדיקן אינהאַלט, וואָס די ביאָלאָגיע געפינט אויס אין דעם לעבנס־פּראָצעס פון יעדער לעבעדיקער בריאה? און — צווייטנס: ליגט אין אָט דעם מענטשלעכן שכלדיקן אינהאַלט אַ וואָסער עס איז בר־דעתדיקער תּכלית, אַ וועלכער עס איז געוואונטשענער ציל?

דאָס רוב, מען קאָן זאָגן כּמעט אַלע — דענקער וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן — באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אין דעם צווייטן באַדייט פון דעם וואָרט זין: געוואונטשענער ציל. די פראַגע וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן איז פּאָר זיי גלייכבאַדייטיק מיט דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ גליקלעכן לעבן. אויב גליק איז מעגלעך בפועל ממש און ניט אין אַ דמיון, האָט אַ מענטשלעך לעבן אַ זין, ווייל גליק איז אַ בר־דעתדיקער תּכלית. דעמאָלט זיינען די פּעסימיסטן גערעכט. אויב אָבער גליק איז אוממעגלעך, אין תּוך גאָר אין אַ מציאות ניטאָ; אויב אַ מענטשלעך לעבן איז אין תּוך ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ פּלאָג און ליידן; אויב „גליק״ איז אַן אילוזיע און אַ פאַנטאָם, נאָך וועלכן מען יאָגט זיך אומזיסט־אומנישט, איז דעמאָלט זיינען די פּעסימיסטן גערעכט: „טוב לו לאָדם שלא נברא, משנברא״.

ווי געזאָגט, וועלן מיר דאָ האָבן אין זינען ביידע זייטן פון דער פראַגע, און מיר וועלן פּרואוון אויסגעפינען, צי איז אפשר ניט פאַראַן אַ וואָסער עס איז אינעווייניקסטע נויטיקע שייכות צווישן דעם שכלדיקן באַדייט פון אַ מענטשלעך לעבן און זיין בר־דעתדיקן תּכלית — אַ מענטשלעך גליק?

וועלן מיר אָנהייבן מיט דעם פּראָבלעם פון ג ל י ק.

קאַפּיטל צוויי

אמת, יושר און שיינקייט

אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם.

די פּלוגתּא, וואָס גייט אַן צווישן דעם אידעאַליסטישן און דעם מאַטעריאַליסטישן איינשטעל אין דער מענטשלעכער געדאַנקען וועלט, האָט אַ גאַנץ אַנדער אויסזען אויף דעם פעלד פון דעם לעבנס־באַנעם, איידער אויף דעם פעלד פון וועלט־באַטראַכט.

דאָרטן דרייט זיך אַלץ אַרום דער פראַגע, צי אַלע וועלט־פּאַסירונגען זיינען אין תּוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי מעכאַניש־פיזיש־כעמישע פּראָב־לעמען וואָס קומען פאָר אין דער וועלט־מאַטעריע, אָדער צי מוז מען צוגעבן, אַז אַט די מאַטעריעלע פּראָצעסן גופא זיינען נאָר אַ געוויסער דרויסנלעכער לבוש פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן „רוחניות". אַ „וועלט־ווילן", ווי דאָס וויל שאָפּענהאַוער; אַ „וועלט־שכל", ווי דאָס וויל העגעל; אַן אוניווערסאַלער „לעבנס־שוואונג", ווי דאָס וויל בערגסאָן, אָדער נאָך עפּעס אַן אַנדער וועלט־פּרינציפּ, וואָס האָט, לויט זיין אינעווייניקסטן מהות, אַ נאָענטע שייכות צו יענע פּראָצעסן, מיט וועלכע מיר ווערן באַקאַנט דורך אונדזערע אייגענע אינעווייניקסטע „נשמה"־איבערלעבונגען.

געוויס איז אַט די פּלוגתּא וועגן דעם וועלט־באַטראַכט פון גאָר אַ גרויסן באַדייט אויך פאַר דעם פעלד פון דעם מענטשלעכן לעבנס־באַנעם. אָבער ניט אין איר ליגט דער צענטער פון יענעם אידעאישן סכסוך, וואָס קומט פאָר אויף אַט דעם פעלד. „מאַטעריאַליזם" און „אידעאַליזם" באַקומען דערביי אַ גאַנץ נייעם אויסטייטש.

אַן „אידעאַליסט" אין דעם לעבנס־באַנעם מוז ניט דווקא זיין אַן אידעאַליסט אין דעם וועלט־באַטראַכט. אין דער געשיכטע פון דעם מענטש־לעכן געדאַנק האָבן מיר דווקא אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון פילאָסאָפישע מאַטעריאַליסטן, וואָס זיינען אין זייער לעבנס־באַנעם גראָד געווען די

ריינסטע „אידעאַליסטן״. מיט אַ געוויסן רעכט קאָנען מיר צו אָט די „אידעאַליסטן״ צורעכענען אַזינע קאָנסעקוועגט דענקנדיקע מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפן, ווי אַ לודוויג ביוכנער, אַ פייערבאַך, אַ קאַרל מאַרקס און צו אַ געוויסן גראַד — אויך אַ קאַרל קאַוטסקי.

פון דער אַנדער זייט וועט ניט זיין קיין ברעקל אינעוויניקסטע סתירה, אויב דער אָדער יענער ריינער אידעאַליסט אין דעם וועלט־באַטראַכט זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אַ קאָנסעקווענטן „מאַטעריאַליסט״ אין זיין לעבנס־באַנעם. הגם איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס איז מיר ניט באַקאַנט קיין איין גרויסער דענקער פון אַ ריין אידעאַליסטישער ריכטונג אין דעם וועלט־באַטראַכט, וואָס זאָל זיך טעאָרעטיש האָבן איינגעשטעלט פאַר אַ ריין „מאַטעריאַליסטישן״ בליק אויף די וויכטיקסטע דערשיינונגען און פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבנס־באַנעם.

אין וואָס ליגט דאָ דער טעאָרעטישער אונטערשייד צווישן דעם אידעאַליסטישן און מאַטעריאַליסטישן איינשטעל ?

זיי ביידע האָבן בשותּפות די איינטיילונג פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און אינטערעסן אין די אַזוי גערופענע „נידעריקע״ און „העכערע״ געדאַנקען־ספערן.

צו די „נידעריקערע״ געהערן אין דער ערשטער ליניע די אינטערעסן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויפהאַלטן דאָס לעבן פון דעם יחיד, ווי אויך די פאַרמערונג פון דעם מענטשלעכן מין. צו די „נידעריקערע״ ספערן געהערן אויך יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן צו זייער ציל די פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע גיטער, וועלכע מאַרקס רופט אָן דעם „באַזיס״, דעם „פונדאַמענט״ פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער בפירוש ניט דעם בנין גופא, וואָס שטייט אויף יענעם פונדאַמענט. צו זיי, צו די „נידעריקערע״ ספערן געהערט אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דער קלאָרן כאַראַקטער פון ריינער ניצלעכקייט, וואָס העלפן דעם פּראָצעס פון באַפרידיקן די מאַטעריעלע הצטרכותן פון דעם איינצלנעם מענטשן, צי פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט.

צו די „העכערע עולמות״ געהערן אין דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין אַלע יענע ציל־שטרעבונגען, אַלע יענע לעבנס־אימפּולסן, וואָס זיינען, לפּחות, לויט זייער דרויסנלעכן אָנזען, גאַנץ פריי פון אַ וועלכן עס איז פּראַקטישן תּכלית פאַר זיך, צי פאַר דער אייגענער פאַמיליע; צי אויף דער וועלט, צי — ווי אין אַ פּרימיטיוון רעליגיעזן גלויבן — אויף יענער וועלט.

אַזעלכע „היכע עולמות" האָט שוין דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין לאַנג אַנטדעקט און באַזונדערס געשעצט. אין אַלט־יודעאַ איז זייער אידעאַל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער געשטאַלט פון גאָט, וואָס זיין תוך איז „אמת וצדק", אמת און גערעכטיקייט. „חותמו של הקדוש־ברוך־הוא אמת": „דעם אייבערשטנס חתימה איז אמת", — זאָגט זיך ערגעץ וואו אין דער תלמודישער ליטעראַטור.

אין אַלט־גריכנלאַנד, וואו דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך זייער פרי באַפרייט פון זיין טעאָלאָגיש־רעליגיעזן לבוש, איז דער אידעאַל פון די „העכערע עולמות" פאָרמולירט געוואָרן אין דעם צונויפגעגאָסענעם וואָרט „קאַלאָקאַגאַטי'אַ": „דאָס שיינע און דאָס גוטע".

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אַלט־אידעאישע וועלט האָט געשעצט נאָר אמת און גערעכטיקייט און האָט ניט פיל געהאַלטן פון שיינקייט. די ווערטער: „הוד", „הדר" און „תפארת", — וואָס זיי אַלע זיינען סינאָנימען פון שיינקייט, פראַכט, גלאַנץ און צירונג קומען פאַר זייער אָפט אין די הייליקע שריפטן אין פאַרבינדונג מיט גאָט אַליין, הגם עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין דירעקטער אָנווייז, אַז שיינקייט אָדער פראַכט זאָל זיין אַ כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם אייבערשטנס מהות. דער פסוק אין תהילים, וואָס זאָגט: „קול ד' בכוח; קול ד' בהדר" (גאָטס שטים איז אין קראַפט; גאָטס שטים איז אין פראַכט), וואָלט, אמת, געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז די געטלעכקייט אַנטפּלעקט זיך סיי אין קראַפּטיקייט, סיי אין פראַכטיקייט. אָבער אַזאַ טייטש וואָלט געווען אַ גריכיש־מעטאַפיזישע אַריינטייטשונג אין דער אַלט־יודעאישער טעאָלאָגיע. דאָס אייגנטלעכע העברעאישע וואָרט פאַר שיינקייט איז „יופי", און „יופי" איז אין אַלט־יודעאַ זיכער ניט געשטאַנען אויף דער זעלביקער הויך אין אַן אידעאַלן לעבנס־באַנעם, ווי אמת און יושר. וועגן פרויען־שיינקייט ווערן מיר בפירוש געוואָרנט אין משלי: „שקר החן והבל היופי" („חן איז אַן אָפּנאַר און שיינקייט איז נישטיק". — יהואָש). און אַפילו ביים וואָרט „חן", וואָס האָט זיכער דעם באַדייט פון „ליבלעכקייט" און „שיינקייט", — ווי אין „יעלת חן" („די חנעוודיקע הירשין" — יהואש) און „אבן־חן" („אַ חנעוודיקער דימענט", ד"ה אַ שיינער), — אפילו אָט דער ריין עסטעטישער באַגריף, זאָג איך, שטאַמט, לויט געזעניוס, פון דעם וואָרצל „חנן" (לייען: כאַנאַן"), וואָס האָט אַ ריין מאָראַלישן באַדייט פון זיין גנעדיק און באַרעמהאַרציק צו איינעם. דער שורש פון שיינקייט איז דעריבער — לויט דעם אַלט־יודעאישן באַוואוסטזיין — ניט קיין עסטעטישער, נאָר אַן עטישער.

אמת און יושר זיינען אין אַלט־יודעאַ געשעצט געוואָרן העכער, איידער שיינקייט און חן. ערשט די קבלה האָט אויפגענומען „תפארת״ און „הוד״ („פּראַכט״, „שיינקייט״ און „גלאַנץ״) אין דער צאָל פון די „ספירות״, ד״ה פון יענע געטלעכע וועלטן, וואָס שטראַלן אַרויס פון דעם געטלעכן אור־קוואַל, דעם „אין סוף״, און וואָס באַהערשן דעם גאַנצן באַשאַף.

אין דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט איז אָבער שיינקייט גע־שטאַנען אויב ניט העכער, איז אויף איין מדרגה מיט דער מאָראַלישער גוטסקייט, ווי מיר זעען דאָס פון דעם אויבן געבראַכטן צונויפגעגאָסענעם וואָרט: „קאַלאָקאַגאַטי׳אַ״. שיינקייט האָט אויך געהאַט אַ באַזונדער געטין — וואָס איז אויך געווען די געטין פון סעקסועלער ליבע: די „אַפראָדיטע״ פון גריכנלאַנד און די „ווענוס״ פון רוים.

אויך דאָ הייסט עס ניט, אַז די גריכישע געדאַנקען־וועלט האָט גע־שעצט שיינקייט און גוטסקייט העכער פאַר אמת. אדרבה! גראָד אין דער גריכישער פילאָסאָפיע בליט אויף דאָס שטרעבן צו אמת, דאָס זוכן אים, דאָס אויספאָרשן יענע וועגן, אויף וועלכע דער מענטשלעכער שכל זאָל קאָנען אים דערגרייכן. און אָט דאָס שטרעבן ווערט די הויפּט־טרייבנדיקע קראַפט פון דעם פילאָסאָפישן דענקען אין גריכנלאַנד.

ממילא קומט אויס, אַז סיי אין אַלט־יודעאַ, סיי אין דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט, זיינען די אידעאַלן פאַר די „העכערע עולמות״ אין אַ מענטשלעכן לעבנס־באַנעם געווען, לויט זייער אינעווייניקסטן מהות, מער אָדער ווייניקער אידענטיש. איןביידע וועלטן, ווי ביי דער העכער אַנטוויקלטער מענטשהייט בכלל, זיינען, אין דעם אָדער אין יענעם גראָד, פאַרהערלעכט געוואָרן דער אמת, די מאָראַלישע גיטער און די שיינקייט.

זייער אויסגלייך, זייער, אַזוי צו זאָגן, גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכ־ווערטיקייט, זיינען אָבער אויפגעקומען, ווי אַן אַלגעמיינער קנין פון דער געבילדעטער וועלט, ערשט אין דעם אַכצנטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט־רעכענונג, אין דעם פּעריאָד פון דער אַזוי אָנגערופענער „אויפקלע־רונג״. גראָד אין דייטשלאַנד האָט די „אויפקלערונג״ אַרויסגעבראַכט די פאָרמול פאַר דעם אידעאַליזם אין דעם וועלט־באַנעם, וואָס האָט געהייסן: „דאָס וואָרע, דאָס שיינע, דאָס גוטע״ — אַ פאָרמול וואָס האָט שפּעטער, מיט דעם אויפקום פון דעם רעאַליזם און דעם מאַטעריאַליזם, אַרויסגע־רופן ניט ווייניק שפּאָט.

מיר נעמען דאָ אויף אָט די פאָרמול און מיר וואָלטן זי געקאָנט איבערזעצן מיט די העברעאישע ווערטער, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אויך אין יידיש: „אמת, יושר און חן״, הגם מיר ווייסן, אַז מיט דעם

וואָרט „יושר" ווערט ניט געדעקט די גאַנצע וועלט פון מאָראַלישע ווערט־קייטן און אַז דאָס וואָרט „חן" — ליבלעכקייט — שוואַכט אָפּ דעם ריין עסטעטישן אויסדרוק „שיינקייט", אין העברעאיש — „יופי", וואָס זיין שורש באַדייט: „גאַנץ", „פול", „רייך", (געזעניוס).

וואָס זאָלן מיר טאָן? דאָס וואָרט: „אמת" האָבן מיר, יידן, אַריינ־גענומען אין אונדזער לשון אין זיין גאַנצןברייטן פאַרנעם; פאַר דאָס מאָראַליש־גוטע האָבן מיר ניט קיין כּולל־וואָרט (דאָס „טוב", ווי אַ מאָ־ראַלישע קאַטעגאָריע, איז פאַרבליבן אין העברעאיש) און אויף דעם „יופי" האָבן מיר אין גאַנצן פאַרגעסן. סיידן ווען מיר רעדן וועגן אַ „יפת־תּואר" — אַ בילד־שיינע פרוי, אָדער — מער איראָניש — וועגן אַ „יפה־פיה" (לייען: „יעפיי־פיאַ"), אַ ווייבלעכע שיינקייט. לויט דעם וואָרצל־באַדייט וואָלט דאָס וואָרט „חן" געקאָנט דעקן דיביידע ספערעס פון די „העכערע עולמות", סיי די מאָראַליש גוטע, סיי די עסטעטיש שיינע. דעריבער לאָזן מיר „יושר" שטיין, און דעם „חן" לאָזן מיר גיין. אַנשטאָט אים נעמען מיר פאַר דער עסטעטישער וועלט דאָס יידישע„שיינקייט".

לייקנט דער מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם, אַז מענטשן ליבן אמת, יושר און שיינקייט? אַז עס איז דאָ אין דער מענטשלעכער נשמה אַ שטרעבן, אויסצולעבן זיך אין זייערע ספערעס? אַז די דריי ספערעס ווערן צוגערעכנט צו די „העכערע עולמות" פון אַ מענטשלעכן, דאָס הייסט קולטורעלן לעבן?

ניין. אויך דער מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם לייקנט דאָס ניט. דער סכסוך צווישן די צוויי גרונט־שיטות דרייט זיך דאָ אַרום דער פראַגע וועגן דעם מקור פון אָט די דריי עולמות און וועגן זייער אינעווייניקסטן באַדייט אין דעם מענטשלעכן לעבן גופא.

קאַפּיטל דריי

געטע וועגן דעם גליק־פּראָבלעם

אין דעם גרויסן און שווערן פּראָבלעם וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן און וועגן דער מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט פון זיין גליקלעך אויף דער וועלט — וועמען פון די פיל־צאָליקע עדות זאָלן מיר אויסהערן? וועמעס וואָרט דאַרף פאַר אונדז האָבן אַ באַזונדער וואָג?

קודם מוזן מיר אַרויסוואַרפן פון דער ליסטע אַלע יענע עדות, וואָס פאַרבינדן דאָס לעבן אויף דער וועלט מיט אַ לעבן אויף יענער וועלט. די נייע סומען, וואָסן זיי שטעלן אַריין אין חשבון — די אויסטערלישע תּענוגים אין גן־עדן און די מאַוימדיקע יסורים אין גיהינום — זיינען, אמת, גע־וואַלטיקע, קאָלאָסאַלע, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן, צו באַגרענעצן אונדזער טעמע מיט אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

אַגב, זיינען יענע נייע סומען פרייד און לייד, גליק און אומגליק, ניט קיין רעזולטאַטן פון ווירקלעכע דערפאַרונגען און דירעקטע דערלע־בענישן, נאָר השערות און איינגעגלייבטקייטן, וועלכע קיינער קאָן ניט קאָנטראָלירן.

אין פלוג, וואָלטן מיר באַדאַרפט זוכן אונדזערע פּאַסיקסטע עדות אין דער וועלט פון די פּרייזיניקע דענקער, וואָס שליסן אָפּ דעם סך־הכּל פאַר אַ מענטשנס לעבן מיט דעם מאָמענט פון זיין טויט, אַריינגערעכנט אויך אָט דעם מאָמענט, באַטראַכטנדיק אים, ווי דעם אַבסאָלוטן סוף. אָט, צ״ב, אַזאַ וויכטיקן פילאָסאָף ווי ספּינאָזאַ. איז אָבער מיט די פילאָסאָפן אַזאַ מעשה. צווישן אונדז גערעדט: וואָס ווייס אַ פילאָסאָף פון דעם ווירקלעכן מענטשלעכן לעבן? מיר קענען זיי, די געוואַלטיקע שאַפנדיקע גייסטער. דאָס זיינען דאָס רוב מענטשן אָפּגעריסענע פון דעם לעבן. זייער געדאַנק באַוועגט זיך דאָס רוב אין דער „אידעען־וועלט” און ניט אין דער ווירק־לעכער וועלט. און וויפיל פון זיי זיינען שוין געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די ווירקלעכע וועלט איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ! אָפּלעבנדיק דאָס

רוב אַ לעבן אין דחקות און נויט, אָדער אויף בוידעם־שטיבלעך, צי אין שטודיר־קאַבינעטן, צווישן ספרים־אַלמערס מיט ביכער — ביכער — ביכער, צי גאָר אין אַ פּאַס, ווי אונדזער ליבער דיאָגענעס — וואָס קאָנען מיר דערוואַרטן פון זייער לעבנס־קענטעניש און לעבנס־קלוגשאַפט? די פּי־לאָסאָפן זיצן אויף דעם ברעג פון דעם לעבנס־שטראָם און טראַכטן טיפע געדאַנקען וועגן אים. מיר דאַרפן אָבער האָבן עדות, וואָס זיינען געשוואומען אין דעם לעבנס־שטראָם גופא, אין זיינע רואיק־פליסנדיקע, ווי אויך אין זיינע ברויזנדיק אויפגערודערטע כוואַליעס. געוויס, דאַרפן זיי אויך זיין דענקער, און גראָד אַזוינע, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן אַ פאַרדינטן נאָמען, ווי דענקער, צו דער זעלבער צייט מוזן דאָס אָבער אויך זיין „לעבע־מענטשן" מיט שאַרפע אַפּעטיטן, וואָס האָבן געקאָנט אויספּרואוון דאָס לעבן פון אַלע זיינע זייטן, און האָבן זיך אויך ניט געפוילט, צייטנווייז צו טאָן דאָס. זיי, וואָס האָבן געשפּירט אויף זיך אי דעם לעבנס שאַרפע נעגל, אי זיין גלעטנדיקע האַנט. על־כל־פּנים אַזוינע, וואָס האָבן געלעבט אין אויסערגעוויינטלעך גינסטיקע דרויסנלעכע אומשטאַנדן, אַזוי אַז ניט קראַנקהייטן און ניט מאַטעריעלע דחקות האָבן ניט געקאָנט שטערן זייער שאַרפן און קלאָרן בליק. גליקס־קינדער דאַרפן דאָס זיין און צו דער זעלביקער צייט אָנערקענטע גרויסע דענקער. ווי „גליקס־קינדער" זיינען זיי די פּאַסיקע עדות פאַר דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק.

אַזעלכע „גליקס־קינדער", מיט וועלט־באַרימטע נעמען און מיט דער רעפּוטאַציע פון חשובע דענקער, האָבן מיר אין די לעצטע צייטן געהאַט נאָר פיר: דעם דענקער־דיכטער געטע, דעם באַרימטן פילאָסאָף שאָפּענ־האָוער, דעם קינסטלער־דענקער ליעוו טאָלסטאָי און דעם געלערנטן, פּי־לאָסאָפיש העכסט געבילדעטן פאָלקס־טריבון פערדינאַנד לאַסאַל.

לאָמיר זיי אויסהערן כסדר:

געטע האָט נאָך בעתן לעבן געקראָגן די צונעמעניש: דער אָלימפּישער גאָט. אַזוי שיינענדיק, אַזוי אַלץ אַריבערשטראַלנדיק איז געווען זיין שיינע פיגור און זיין שיין לעבן. אַלע טויערן פון מענטשלעכע הנאות און תענוגים זיינען געשטאַנען אָפן פאַר אים, און ער פלעגט זיי טאָקע זייער אָפט ניט פאַרבייגיין. און גראָד ער האָט זיך כמעט זיין גאַנצן לעבן אַרומ־געטראָגן מיט דעם פּראָבלעם פון דעם העכסטן גליק פאַר דעם מענטשן, און דאָס, וואָס ער האָט וועגן אָט דעם פּראָבלעם אויסגעפונען, האָט ער אונדז איבערגעגעבן אין זיין קלאַסישן ווערק: פאַוסט, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט זיין לעבן לאַנג.

דעם גאַנצן ספור המעשה פון דעם ווערק אויף וועלכן עס זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַזוי פיל פירושים, קאָן איך דאָ ניט איבערגעבן.

די שטעלן און עפּיזאָדן, וואָס זיינען, נאָך מיין מיינונג נאָך, טעאָרעטיש וויכטיק פאַר דעם פּראָבלעם פון מענטשלעכן לעבנס־גליק און פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פיגור „פאַוסט״ האָב איך צונויפגעשטעלט אין מיין אַרבעט: „איוב און פאַוסט״, און צו איר שיק איך אָפּ די פאַראינטערעסירטע לייענער (זע: „געזאַמלטע שריפטן״, עלפטער באַנד, זז׳ 43 ביז 153) דאָ נאָר אַ פּאָר פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן, אויף וויפיל מעגלעך בתכלית הקיצור.

גאָר אין אַנהייב כאַראַקטעריזירט מעפיסטאָפעל (דער טייוול) פאַר דעם רבונו־של־עולם פאַוסטס מהות אַט אין וועלכע ווערטער:

„פון הימל פאָדערט ער די שענסטע שטערן
„און פון דער ערד יעטוועדע העכסטע לוסט
„און אַל די נאָענטקייט און אַל די וויטקייט
„קאָן ניט באַפרידיקן די טיף באַוועגטע ברוסט״.

אויף זיינע גאָר אַלטע יאָרן, אָפּגעלעבט, ווי אַ פּראָפעסאָר און אַ גרויסער געלערנטער, האָט פאַוסט געמאַכט אַ זייער טרויעריקן סך־הכל פון זיין גאַנצן לעבן. דער וויכטיקסטער שטריך פון דעם סך־הכל איז אַזאַ:

„איך שמועס מיך ניט איין, אַז איך ווייס עפּעס רעכטס,
„ווי מענטשן צו פאַרבעסערן און אָפּציען פון שלעכטס.
„אויך האָב איך ניט קיין גיטער, ניט קיין געלט
„און ניט קיין כבוד, ניט קיין פּרעכטיקייטן פון דער וועלט.
„קיין הונט וואָלט ניט געוואָלט אַזוי נאָך וויטער לעבן.

באַשליסט ער, זיך צו פאַרסמען. ער האָט שוין געהאַלטן דעם גיפטבעכער פאַר זיינע ליפּן. נאָר דאָ האָבן פרייַדיקע, יום־טובדיקע קירכןגלאָקן צעשטערט זיין באַשלוס. נאָך אַ פּאָר אַנדערע אינצידענטן יאָגן אין אים אַריין אַ נייעם ווילן צום לעבן. אין זיין מיסטישן בוך דערבליקט ער דעם צייכן פון דעם „וועלט־גייסט״ און ער הייבט אָן פילן „אַ יונג און הייליק לעבנס־גליק״. אָן איבערטראַכט נעמט אָוועק די פרייד. דערבליקט ער דעם צייכן פון דעם ערד־גייסט — און „שוין גלי איך ווידער ווי פון נייעם ווייַן. איך פיל דעם מוט, זיך וואַרפן אין דער וועלט אַריין. דעם צער דער ערדס, דאָס גליק דער ערדס צו טראָגן, מיט שטורעמס זיך אַרומצושלאָגן״. די אַלע דערהויבנדיקע אָפּטימיסטישע שטימונגען ווערן אָבער באַלד פאַרבלאָזט. און אין דער ערשטער באַגעגעניש מיט מעפיסטאָ (דער אשמדאי בכבודו ובעצמו) קלאָגט ער ווידער אַרויס זיין

איובשן „קצתי בחיי!” („עס איז מיר נמאס דאָס לעבן”.) און עס הייבט אָן קלאָגן איוב הצדיק — פאַרדאָן! איך מיין „פאָוסט הרשע”:

„אין קאַלטע אַנגסטן שטיי איך יעדן מאָרגן אויף,
„עס ווילט זיך מיר מיט ביט׳רע טרערן וויינען.
„איך זע אַ טאָג פאַר מיר, וואָס׳ט אין זיין גאַנצן לויף
„קיין איינציקן וואונטש דערפילן מיר, קיין איינעם!
„איז מיר דאָס זיין געוואָרן, ווי אַ לאַסט,
„דער טויט — אַ וואונטש, דאָס לעבן טיף פאַרהאַסט”.

לאָמיר זיך דאָס מערקן. שוין פון דעם ביסעלע, וואָס מיר האָבן געבראַכט, גייט קלאָר אַרויס, אַז געטע, וואָס שילדערט דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט און זיין שטרעבן צו גליק, האַלט ניט פון דער טעאָריע, אַז גליק איז אַ גינסטיקער באַלאַנס צווישן באַדערפענישן און באַפרידיקונגען, צווישן יסורים און הנאות. אַ מענטש וואָס וויל „פון הימל די שענסטע שטערן און פון דער ערד די העכסטע לוסט” קאָן קיין מאָל ניט שטעלן זיין גליקס־קאַרט אויף אויסבאַלאַנסירטע וואָג־שאָלן פון באַדערפענישן און אויף דער פרייד, זיי צו קאָנען באַפרידיקן. אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען אַט דעם גליקס־באַגריף, ווי דער גרויסער עמנואל קאַנט האָט דאָס פּינקטלעכער און באַפרידיקנדיקער אַרויסגעבראַכט. איך וואָלט זאָגן, אַז קאַנט האָט אין זינען אַ גליק, וואָס איז דריי־דימענסיאָנאַל: אין דער ברייט, אין דער לענג און אין דער טיף. אין דער „ברייט” דאַרפן די באַדערפענישן און זייערע באַפרידיקונגען זיין וואָס אויסגעשפּרייטער, אַרומנעמענדיק אַלערליי באַדערפענישן. אין דער „טיף” דאַרפן די הנאות, וואָס די באַפרידיקונגען ברענגען מיט זיך זיין די שטאַרקסטע די טיפסטע; און אין דער „לענג” דאַרפן זיי אָנהאַלטן די מעגליכסט לענגסטע צייט. דאָס איז זיכער דער אידעאַל פון אַ מאַקסימאַל־מעגלעכן גליק פאַר אַ יחיד, וואָס שטרעבט, ווי אַ זעלבסט־צוועק, צו זיין לעבנס־ציל, וואָס זאָל אים געבן אַ „זין” אין לעבן.

ניט אַזוי געטע: די באַלאַנסן צווישן באַדערפענישן און זייערע הנאה־דיקע באַפרידיקונגען שפּילן ביי אים ניט קיין ראָלע. שוין פריער האָט פאָוסט דערקלערט, אַז ער איז גרייט „דעם צער דער ערדס, דאָס גליק דער ערדס צו טראָגן”. גיכער שטימט שוין געטעס גליק־טעאָריע אין מיט דער פאָרמול, וואָס מיר האָבן פאָרגעשלאָגן: דער טריאומף פון דעם אייגענעם ווילן. דאָס לעבן ווערט פאָוסטן נמאס דערפאַר, וואָס יעדן מאָרגן זעט ער פאַר זיך אַ טאָג, וואָס וועט „אין זיין גאַנצן לויף ניט דערפילן קיין איין וואונטש זיינעם, קיין איינעם!”

נאָך קלאָרער טרעט אַרויס געטעס גליק־אידעאַל אין דעם אָפּמאַך וואָס פאַוסט שליסט מיט דעם טייוול — דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן מיט פאַוסטס בלוט — אַז יענעם זאָל אויף אייביק געהערן זיין נשמה, אויב דער טייוול (מעפיסטאָפעל) וועט אים העלפן צו דערפילן יעדן וואונטש זיינעם, ווי אוממעגלעך דאָס זאָל ניט זיין אין געוויינטלעכע נאַטירלעכע באַדינגונגען. שאַרפט אים פאַוסט דערביי בפירוש איין, ער זאָל געדענקען, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ באַלאַנס פון הנאות און יסורים, אָדער פון אַ לעבן, אַן אָנגעפילטן ביזן ראַנד, מיט הוילע תענוגים.

„די הערסט דאָך, וואָס מען רעדט: פון פרייד איז ניט קיין רייד. איך וואַרף מיך אין דעם טומל און דעם שמאַרצלעכן גענוס, איך וויל פאַרליבטן האַס, דערקוויקנדיקן פאַרדרוס. מיין ברוסט, וואָס איז פון וויסנס־דראַנג געהיילט, זאָל זיך פאַר קיינע שמאַרצן ניט פאַרשליסן, און אַלץ, וואָס איז דער גאַנצער מענטשהייט צוגעטיילט, וויל איך אַליין טיף אינעווייניק געניסן. צו העכסט און טיפסט זאָל מיך מיין גייסט דערפירן; אויף מיין ברוסט אָנזאַמלען דעם צער און תענוג אירן. מיין אייגן „איך" ביז צו דער מענטשהייטס „איך" פאַרברייטערן"...

וואָס לערנען מיר דערפון אָפּ? אַז אויך געטע־פאַוסט בלייבט אין דער גליק־טעאָריע אויף דעם אַלגעמיינעם יסוד פון דעם מענטשלעכן דענקען וועגן איר: דאָס איז אַ שטרעבן פון אַן „איך" צו דעם העכסט־מעגלעכן גליק, ווי מען זאָל דאָס וואָרט ניט אויסטייטשן. אויב „צער" און „תענוג" גייען ביידע אַריין אין דעם אויסטייטש, וויל פאַוסט דעם צער און תענוג פון דער מענטשהייט אויף זיין ברוסט אָנזאַמלען. אויב דערצו איז נייטיק אויסברייטערונג פון דעם מענטשלעכן „איך", איז זאָל ער זיך אויסברייטערן ביז צו דעם „איך" פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואו „ער" און „מענטשהייט" וועלן ווערן איינס אין זיין „איך"־באַוואוסטזיין.

זיינען דאָס אַלץ אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס אַן אַשמדאי, מיט זיינע איבערנאַטירלעכע כוחות, זאָלן ניט קאָנען פאַרשאַפן דעם מענטשן? געוויס קאָנען אַזוינע באַפרידיקונגען — מיט מעפיסטאָס הילף — דערגרייכט ווערן. היינט פאַרוואָס האָט פאַוסט אַזוי וואָלוול פאַרקויפט זיין נשמה צו דעם טייוול? — ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט אויסגענומען נאָך אַ באַדינג, וואָס איז דער וויכטיקסטער פאַר פאַוסטס באַגריף וועגן יענעם העכסטן גליק, וועלכן אַשמדאי דאַרף אים ברענגען. ער פאַרלאַנגט פון אים נאָר איין איינציקן אויגנבליק אַזאַ:

„וועל איך צום אויגנבליק וועלן זאָגן:

„דו בלייב דאָך שטיין אַ ווײַלע, ביסט דאָך אַזוי שיין! —

„איז דעמאָלט מעגסטו מיך אין קייטן שלאָגן,
„אויף אייביק מעג איך דעמאָלט שוין פאַרגיין”...

אַט דעם מאָמענט פון פאַוסטס גליק־פאָרשטעלונג האָב איך געהאַט אין זינען, ווען איך האָב אין מיין פריערדיקן אַרטיקל געזאָגט, אַז כדי אויך אַזאַ באַדינג זאָל קאָנען אַריינגענומען ווערן אין דעם „זין”, דעם וואָרט־טייטש, פון „גליק”, דאַרף די פאָרמול אויסגעברייטערט ווערן אַזוי, אַז „גליק בכלל זאָל באַדייטן אַזאַ צושטאַנד פון דער נשמה, פון וועלכן זי וויל ניט אַרויסגיין: „בלייב דאָך שטיין אַ ווײַלע, ביסט דאָך אַזוי שיין!” — אַט דאָס זאָל זיין דער וויכטיקסטער כאַראַקטער־שטריך פון אַ גליקלעכן זיין.

האָט פאַוסטס לעבן, מיט דער הילף פון מעפיסטאָס צויבער־קראַפט, געבראַכט אים אַט דעם מאָמענט פון העכסטן גליק און אונטער וועלכע באַדינגונגען איז דאָס געשען?

וועגן דעם — אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פֿיר

געמעס אָפּטימיזם און שאָפּענהאַוערס פּעסימיזם

פֿאַוסט האָט ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פֿון גליק, ד״ה פֿון אַזאַ נשמה־צושטאַנד, אויף וועלכן אונדזער אינעווייניקסטער אָפּשאַץ זאָל אַרויסטראָגן אַן אַבסאָלוטן „כי טוב״, — אַ צושטאַנד, פֿון וועלכן עס זאָל זיך ניט וועלן אַרויסגיין, ווייל ער, דער צושטאַנד, איז ווערט, ער זאָל געדויערן אייביקייטן. אָבער ניט נאָך אייביקייטן, אָדער דער אומענדלעכקייט אין דער צייט, יאָגט זיך דערביי פֿאַוסט, נאָר נאָך דער אומענדלעכקייט אין דעם געפֿיל, אין דער אינעווייניקסטער צושטימונג פֿון דעם ווילן און דעם באַוואוסטזיין. איז דעריבער פֿאַוסט מוכן ומזומן, אַריינצוגיין אין אַן אָפּמאַך מיט דעם טייוול, פֿאַרשענקען אים זיין נשמה פֿאַר איין־איינציקן אויגנבליק פֿון אַזאַ העכסטן גליק, וואָס ברענגט מיט זיך אויך אָט די אומענדלעכע פֿרייד.

גיט זיך פֿאַוסט איבער אין מעפֿיסטאָס הענט, אַריינצושטירצן זיך אין איינעם מיט אים אין דעם מענטשלעכן לעבנס־שטראָם. מעפֿיסטאָ מאַכט אים יונג, גיט אים די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך אין אַליידנשאַפֿטלעכער ליבע, צו אַ פּרעכטיקן מענטשן־קינד — (דער „גרעטכען״).

אָט דער עפּיזאָד פֿון גליק־זוכעניש האָט בסך־הכּל אָפּגעקאָסט פֿיר אומשולדיקע מענטשלעכע לעבנס: גרעטכענס מוטער און ברודער, וועמען מעפֿיסטאָ האָט געדאַרפֿט אָפּראַמען פֿון וועג, גרעטכענס אומגעזעצלעך קינד, פֿון פֿאַוסטן, וואָס זי אַליין האָט דערשטיקט, און גרעטכען אַליין, וועמעס קאָפּ עס איז געפֿאַלן פֿון אונטער דעם תּליונס האַק.

אויסגעניכטערט זיך פֿון זיין ליידנשאַפֿטלעכער ליבע צו איין פֿרויען־געשטאַלט, האָט פֿאַוסט זיך אַ לאָז געטאָן זוכן זיין גליק אין דעם פֿרייַלעכסטן זנות, וועלכן געטע סימבאָליזירט אין דער „וואַלפּורגיס־נאַכט״. ערשט דאָ, ווען ער איז שוין געווען אויף דעם רעכטן גרונט פֿון דיין זינלעכע הנאות, האָט אין פֿאַוסטן ווידער אָנגעהויבן רעדן די שטים פֿון זיין

מענטשלעכער חשיבות. ער נעמט זיך אַרומקוקן, וואו ער האָלט אין דער וועלט, און געפינט אויס, אַז ער איז „אַן אוממענטש אַן אַ צוועק און רו, וואָס, ווי אַ וואַסער־שטורץ, פון פעלז צו פעלז טוט ברויזן און טראָגט זיך אין אַ צאָרנדיקן באַגער אַלץ טיפער צו דעם אָפּגרונט צו".

נאָך די דערלעבענישן און דעם הפקרדיקסטן זנות, נעמט ער זיך ווידער אין די הענט אַריין. ער אַליין שטעלט זיך צילן אין לעבן, און מעפיסטאָ דאַרף נאָר אויספילן זיינע באַפעלן. עס האָבן אים אין זיין פריערדיקן לעבן געפעלט, אי געלט, אי כבוד, אי אַלע „פּרעכטיקייטן פון דער וועלט". וויל ער דאָס איצטער האָבן, אויספּרואוון, צי געפינט זיך ניט ערגעץ אין זיי יענער העכסטער גליק, וואָס איז ווערט, אַ לעבן פאַר איין־איינציקן אויגנבליק. מיט מעפיסטאָס הילף האָט ער דאָס אַלץ אין דער געוווּאונטשענער מאָס. די העכסטע הנאות זיינע האָט ער דאָ איבערגעלעבט אין די עסטעטישע געפילן און קונסט־געניסן — די לעצ־טערע זיינען סימבאָליזירט אין דעם אַזוי אָנגערופענעם „העלענע־עפּיזאָד", וואו פאַוסט לאָזט זיך אַראָפּ אין דעם אַלט־גריכישן „שאול" און לעבט דאָרטן מיט דער „שיינער העלענע".

אין קיינער פון אָט די אַלע טעטיקייטן — אין פאַרדינען געלט, אין געווינען כבוד, אין ריין עסטעטישע הנאות — האָט פאַוסט ניט געפונען קיין פולע באַפרידיקונג. טראַכטנדיק וועגן דעם גורל פון דעם מענטשלעכן לעבן און זיין שטרעבן צו גליק, האָט ער, אויף דעם סמך פון זיינע דערלעבענישן אין אַזוי פיל פאַרשיידענע ספערן, געפונען נאָר איין־איינציקע עצה: זוכן דעם זין פון דעם לעבן אין אַ שטענדיקער טעטיקייט, אין אַלץ נייע און נייע שטרעבונגען: „אין שטענדיק גיין פאָראויס זאָל ער געפינען פּיין און גליק, דער אומבאַפרידיקטער אין יעדן אויגנבליק".

אָט דאָס איז דער „זין", וועלכן דער מענטש זאָל אַליין אַריינטאָן אין זיין לעבן, כּדי צו שפּירן, אַז דאָס לעבן איז ניט אין גאַנצן אַן אומזין. וועגן פולן גליק און פרייד איז דאָ נאָך אַלץ „ניט קיין רייד".

אָבער גראָד דאָ, אויף דער העכסטער שטופע אין דער אָפּקלערונג פון זיינע געדאַנקען איבער דעם זין, וואָס קאָן געפינען ווערן אין אַ מענטשלעכן לעבן, ווערט פאַוסטס אומרואיקער גייסט צוגעצויגן צו אַ נייער אַרט טעטיקייט, וואָס איז אין פאַוסטס (געטעס) צייטן זיכער געווען אַן אומדערהערטע אוטאָפּיע. ער וויל אויסטריקענען אַ גרויסן שטח ים, אַרומצאַמען אים מיט דאַמבעס און מאַכן דערפון אַ נייע, פרייע מדינה פאַר פיל מיליאָנען מענטשן.

יאָרן גייען אַוועק אין אָט דעם אָנגעשטרענגטן קאַמף אַנטקעגן די כּוחות פֿון דעם ווילד־סטיכישן ים. אָבער די יסודות זייַנען שוין אַוועק־געלייגט, און די דערגרייכונג פֿון דעם ענדציל איז געזיכערט. דעמאָלט באַ־וויַזט זיך פֿאַר פֿאַוסטס גייסטיקן אויג די וויזיע פֿון דעם צוקונפֿטיקן לעבן אין אָט דעם לאַנד, אַ דעראָבערטן פֿון דעם ים.

„דאָ אין מיטן אַ גן־עדן לאַנד. לאָזן דרויסן שטורעמען די וואַלן ביז צום ראַנד. און ווי זיי וועלן נאָר מיט קראַפֿט אין לאַנד זיך אַרייַנרייַסן, לויפֿט שוין דער קהל שנעל די ברעשן צו פֿאַרשליסן... אַזוי אָט לעבן דאָ, אַרומגערינגלט פֿון געפֿאַר סיי אַלט, סיי יונג אין גליק און צער. אַזאַ מין טומל וואָלט זיך מיר נאָך וועלן זען; אין איינעם מיט אַ פֿאָלק אַ פֿרייַען אויף אַ פֿרייַען גרונט צו שטיין. אָט צו אַזאַ מינוט איך זאָגן מעג: בלייַב דאָך אַ ווייַלע דאָ! דו ביסט דאָך אַזוי שיין. עס קאָן די שפּור פֿון מייַנע לעבנס־טעג ניט אין מאָנען אונטערגיין — אין פֿאָרגעפֿיל פֿון אַזאַ מין הויכן גליק. געניס איך איצט דעם העכסטן אויגנבליק״.

הייסט עס, פֿאַוסט, וואָס האָט תּמיד געוואָלט „פֿון דעם הימל די שענסטע שטערן און פֿון דער ערד די העכסטע לוסט״ און האָט קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז מען קאָן דאָס האָבן אין אַ מענטשלעך לעבן, האָט פֿאָרט דערלעבט אַ מאָמענט פֿון דעם קאָנצענטרירטסטן העכסטן גליק־געפֿיל. אין זייַן אָפּמאַך מיט דעם טייוול, האָט פֿאַוסט פֿאַרשפּילט זייַן לעבן. ווי נאָר ער האָט צו דעם „מאָמענט״ אַרויסגעזאָגט: „בלייַב דאָך אַ ווייַלע דאָ!״, איז פֿאַוסט תּיכּף געפֿאַלן טויט, און... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פֿון די „מלאכי חבלה״ מיט די „מלאכי השרת״ פֿאַר זייַן נשמה. וועמען דאַרף זי על־פּי־יושר געהערן? דעם גיהינום, צי דעם גן־עדן? געזיגט האָבן די מלאכי השרת, אַ דאַנק אויך דער שתּדלנות פֿון גרעטכענס נשמה.

אין אָט דעם שטרייט, וועמען עס דאַרף „על־פּי־יושר״ געהערן פֿאַוסטס נשמה, וואָס וועגן אים זייַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשיידענע סבֿרות אין דער פֿאַוסט־ליטעראַטור, וועלן מיר זיך דאָ ניט אַרייַנמישן. מיר ווילן דאָ נאָר דערמאָנען אונדזער מיינונג, „אַז אַ קאָנטראַקט מיטן טייוול, אַפֿילו אַ פֿרייוויליק־געשלאָסענער, איז קיין מאָל ניט קיין קאָנטראַקט פֿאַר דעם מענטשן און איז לכתּחילה בטל ומבוטל, אַפֿילו ער זאָל זייַן אונטער־געשריבן מיט טייכן פֿון מענטשלעכן בלוט״ (זע: „איובֿ און פֿאַוסט״, ז׳ 101). דער גאַנצער סימבאָל פֿון פֿאַוסטס גורל נאָך זייַן טויט האָט צו טאָן מיט געטעס מאָראַל־פֿילאָזאָפֿיע, ניט מיט דעם הויפּט־פּראָבלעם פֿון דעם ווערק: דעם זין פֿון דעם מענטשלעכן לעבן און דעם ענין „גליק״.

וואָס לערנען מיר אָפּ פון געטעס עדות? איין איינציקן און וויכ־טיקן רעזולטאַט: פאַוסט איז אַ שיינער עקזעמפּלאַר פון דעם „מין" מענטש. אָבער. ווי געטע לאָזט דאָס אַליין דורכבליקן אין דעם סימבאָל פון דעם „עופאָריאָן", בשום אופן ניט דער שענסטער. כל זמן פאַוסט האָט געטראַכט נאָר וועגן זיין גליק, זיין העכסטער באַפרידיקונג, האָט ער דאָס אויף קיין פעלד פון דער מענטשלעכער טעטיקייט און פון מענטשלעכע דערלעבענישן ניט געפונען. ערשט ווען זיין גאַנצע נשמה איז פול געוואָרן ביז צום ראַנד מיט געדאַנקען וועגן מיליאָנען מענטשן; ווען זיין „איך" איז דער־טרונקען געוואָרן אין דעם ים פון „אַ פרייען פאָלק אויף אַ פרייען לאַנד" — ווען די אַרבעט פון זיינע אייגענע „לעבנס־טעג" ווערן אַריינגעוועבט ווי „שפורן" אין דעם לעבן פון דורות און דורות אין דער צוקונפט — ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון חשבון זיין אייגענעם „איך", איז פאַוסטס האָס־הונגער נאָך דער העכסטער באַפרידיקונג געזע־טיקט געוואָרן מיט אַ מאָל.

איז עס, לסוף, אַ העכסט אָפּטימיסטישער רעזולטאַט: דער העכסטער גליק איז מעגלעך פאַר דעם מענטשן: „טוב לו שנברא משלא נברא".

צו אַ גאַנץ אַנדער רעזולטאַט, אַ שטאַרק פעסימיסטישן, קומט אונ־דזער אַנדער „גליקס־קינד" און „לעבע־מענטש", דער גרויסער פילאָסאָף שאָפּענהאַוער, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען געטעס אַ נאָענטסטער פריינד, שיר ניט אַ בן־בית זיינער. אויך ער איז געווען מאַטעריעל אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק. אויך ער האָט זיך געקענט פאַרגינען און האָט זיך פאַר־גונען „אַלע פרעכטיקייטן פון דער וועלט". און פונדעסטוועגן איז שאָפּענ־האַוער דער פילאָסאָף פון פעסימיזם. ער איז אין גאַנצן מבטל דעם ענין פון גליק און פון אַ זין אין דעם מענטשלעכן לעבן, ווייל ער איז לגמרי מבטל דעם זין פון יעדער עקזיסטענץ אויף דער וועלט. דער יסוד, דער אינעווייניקסטער תּוך פון דער וועלט בכלל, לערנט ער, איז אַ בלינדער, אומזיניקער ווילן צו זיין, צו עקזיסטירן. פון אַ שפּלדיקן גאָט אין דער וועלט איז מאן דכר שמיה? אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם אומ־זיניקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ווי קאָן מען דאָ דערוואַרטן, אַז דערפון זאָל אַרויסקומען אַ וועלכער עס איז בר־דעתדיקער תּכלית אין דעם לעבן פון אַ וועלכן עס איז בעל־חי? ווער רעדט שוין וועגן גליק אין אַ מענטש־לעכן לעבן?

ווייל וואָס איז גליק, נאָך וועלכן יעדער איינער יאָגט זיך אָן אַן אויפהער? שאָפּענהאַוער גייט מיט יענער שיטה, וואָס האַלט, אַז „גליק"

איז דער גינסטיקער באַלאַנס צווישן באַדערפעניש און באַפרידיקונגען, צווישן די הנאות וואָס די באַפרידיקונג ברענגט, און די ליידן, וואָס די אומבאַפרידיקטע באַדערפעניש פאַרשאַפט. אָבער אַזאַ גינסטיקער באַ־לאַנס איז אוממעגלעך. אַ באַדערפעניש איז אַלע מאָל אַ מאַנגל, עפּעס וואָס אונדז פעלט. אין זיך גופא זיינען זיי אַן אַרט ליידן, אָפּט אַ שמאַרץ, וואָס מיר פילן פּאָזיטיוו. דאָס ליידן און דער שמאַרץ קומען אויף אַלע מאָל, ווען דער ווילן צו עקזיסטירן געפינט שטערונגען אויף שריט און טריט אין זיין אומזיניקן לויף נאָך עפּעס. די באַפרידיקונג שאַפט אָפּ אויף אַ ווײַלע יענע שטערונג. זי איז דעריבער עפּעס ניט פּאָזיטיווס, וואָס ברענגט אַריין אַ „יתרון״, נאָר אין בעסטן פאַל אַן אויסגלייך, וואָס גלייכט אויס די וואָג. דער באַלאַנס איז אַ נול, אַ גאָרניט. והראיה: שטאָפּט מען זיך צופיל אָן מיט „באַפרידיקונג״, ווערט מען איבערגעזעטיקט, און דאָס איז ווידער אַ ליידן, אָפּטמאָל אַ שמאַרץ, וואָס ברענגט אויך די פּיין פון חרטה. גייט אַריבער די איבערזעטיקונג, און דער נייער מאַנגל, די באַ־דערפעניש, האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט, באַפאַלט איינעם אַ נודנעקייט, אַ ליידיקייט און וויסטקייט. מען „גייט אויס״ פון אומעטיקייט, ביז עס שטעלט זיך ווידער איין דער מאַנגל, דאָס באַדערפעניש, דער חוב, וואָס דאָס לעבן מאָנט. און אַזוי פענדלט זיך דאָס אומרואיקע מענטשלעכע לעבן, ווי דער אומרו פון אַ זייגער: מאַנגל—באַפרידיקונג—נול—נודנעקייט—מאַנגל—באַפרידיקונג—נול. עס איז הבל הבלים, ווייל הכל הבל: די גאַנצע וועלטלעכע עקזיסטענץ איז אַן אומזין — אַ גאָרנישט.

און נעמט איר דעם ענין פון פריידן און ליידן אין דער גאַנצער לעבעדיקער וועלט, טרעט נאָך בולטער אַרויס דער ריין נעגאַטיווער כאַ־ראַקטער פון דעם געזוכטן באַלאַנס. נעמט די פרייד פון דעם הונגעריקן וואָלף, בעת ער צערייסט די שעפּס און פרעסט זי אויף, כדי צו שטילן זיין הונגער. פאַרגלייכט די פרייד מיט יענע יסורים וועלכע די שעפּס לעבט דורך, ווען זי ווערט צעריסן, און איר האָט פאַר זיך דעם קלאָרן באַלאַנס צווישן די סכומען פרייד און לייד, וואָס הערשט אין דער לעבע־דיקער וועלט. ווען דער וואָלף פרעסט די שעפּס, טראַכט ער גאָרניט דעריבער וועגן זיין אייגענער הנאה: זי איז פאַר אים, אַ געוויינטלעכע זאַך, על־כל־פּנים אַ קלייניקייט בעת די שעפּס לעבט דעריבער איבער די אומ־ענדלעכע ליידן.

ניטאָ קיין „זין״ ניט אין דעם לעבן בכלל, ניט אין דעם מענטש־לעכן לעבן בפרט. ס׳איז מער אומגליק, איידער גליק. די הויפּט־צרה נעמט זיך דערפון, וואָס דער בלינדער וועלט־ווילן און זיין דראַנג צו עקזיס־

טענץ באַשאַפט אַ דמיונדיקע וועלט פון „פאַרשטעלונגען“, אין וועלכע ער שטרעבט צו פאַרקערפּערן זיך אין אַלץ העכערע פאָרמען און געשטאַלטן. צוערשט ברענגט ער אַרויס די פאַרשטעלונג פון אַ רוים, פון אַ צייט, פון אַ באַוועגונג און ווירקונג, ד״ה פון אַ מאַטעריעלער וועלט. אין אַט דער מאַטעריעלער וועלט־פאַרשטעלונג ווערט דער איין־איינציקער גאַנצער וועלט־ווילן צעפּיצלט אין איינצלנע זאַכן, אינדיווידועז, „איכ״ן. די צעפּיצלטע זאַכן, אינדיווידועז און „איכ״ן עקזיסטירן אָבער נאָר אין די פאַרשטעלונגען. אין תּוך געפינט זיך דער וועלט־ווילן גאַנץ אין יעדן פּיצעלע. דורך אַט די פונאַנדערגעטיילטע אינדיווידועלע עקזיסטענצן שטרעבט דער וועלט־ווילן צו ווערן רעאַל. ער דערגרייכט דאָס אָבער נאָר אין דער פאַרשטעלונג, אין דעם וועלט־דמיון. אויס פאַרשטעלונג — אויס וועלט, אויס — די אייביקע יסורים פון אַן אומזיניקן ווילן צו זיין.

איז — ווי זאָל מען זיך פון די דאָזיקע יסורים באַפרייען? דורך אין זיך גופא אָפּטויטן דעם ווילן צו זיין! דורך פאַרשטיין דעם פאַטאַלן טעות פון דער וועלט־טראַגעדיע און — אויפהערן צו באַפרידיקן די אייגענע באַדערפענישן. דאָס בעסטע איז אַרויסצוגיין פון דער וועלט דורך פיזיש אויסהונגערן זיך אַליין, ווייל דאָס איז דער בעסטער וועג ניט נאָר צו טויטן דעם איינצל־גוף, וואָס איז נאָר אַ שטיק פאַרשטעלונג, נאָר אויך אָפּצוטויטן דעם גאַנצן וועלט־ווילן.

אַ געגנוג פּעסימיסטישער אויספיר! נוח לו לאדם שלא נברא משנברא!

און פונדעסטוועגן... און פונדעסטוועגן איז אויך שאָפּענהאַוער מודה, אַז אין דעם מענטשלעכן לעבן זיינען מעגלעך און קומען פאָר צושטאַנדן פון „ריינעם גליק“, וואָס קאָנען זיין פריי פון אַלע יענעליידן, מיט וועלכע דער געוויינטלעכער „גליק“ איז על־פּי הכרח פאַרבונדן: פריי פון באַדערפענישן, איבערזעטיקונג, חרטה און ליידיקייט. דאָס זיינען יענע הנאות, וואָס מען געפינט אין דער ריינער טעאָרעטישער דערקענטעניש, לשם ריינעם וויסן, אין דער ריינער קונסט לשם קונסט. דער עיקר אָבער — אין דער מוזיק. אַט די אַלע ריינע הנאות זיינען דערפאַר פריי פון אַלע יסורים, ווייל אין זיי איז דער מענטשלעכער „איך“ נאָר אַ צוקוקער, אַ דרויסנדיקער באַטראַכטער, אַ צוהערער. זיין ווילן, זיין דראַנג צו עקזיסטענץ — זיין „איכ״ישקייט, אַזוי צו זאָגן — ווערט אָפּגערוקט אַן אַ זייט און פאַרשווינדט אין גאַנצן פון דעם אייגענעם זעלבסט־באַוואוסטזיין. און מיט דעם פאַרשווינדן פון דעם ווילן — פאַרשווינדן אויך די ליידן. אַט די ריין טעאָרעטיש־עסטעטישע הנאות זיינען דעריבער ניט קיין אָפּצאָל פון אַ

חוב, וואָס וועט באַלד ווידער געמאַכט ווערן, נאָר, אַזוי צו זאָגן, דירעקטע מזומנים פון „ריינעם גליק״.

אָבער — וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמען זיי אין דער גליק־באַלע־באַטישקייט פון דער וועלט? — זיי זיינען זייער ווייניק פאַראַן ביי די גרויסע מאַסן, און אויך ביי די ווייניקע פילן זיי ניט אויס דאָס גאַנצע לעבן. מחוץ פון מענטשן זיינען זיי בכלל ניט פאַראַן. ממילא, קאָנען אַט די אויסטערלישע צושטאַנדן ניט איבערבייטן דעם פּעסימיסטישן סך־הכל פון דער גאַנצער וועלט־עקזיסטענץ, מיט דעם אומזינלעכן יאָגן זיך נאָך גליק, מיט די פאַרשיידענע באַדערפענישן און ליידן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יעדן לעבעדיקן יש.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין אַ קריטיק פון שאָפּענהאַוערס רייכער מעטאַפיזיק. ווי מיר האָבן אויך געלאָזן אָן אַ קריטיק געטעס געדאַנקען. מיר ווילן דאָ נאָר אַרויסברענגען, אַז אין גרונט קומט אויך דער פּעסימיסט שאָפּענהאַוער צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, וואָס דער לעבנס־פריידיקער געטע: גליק־צושטאַנדן, פון וועלכע מען זאָל ניט וועלן אַרויסגיין, זיינען מעגלעך און קומען פאָר אין דערווירקלעכקייט. אָבער דער פאַרבאַדינג דערצו איז — דאָס „איך״ זאָל פאַרשווינדן ווערן; זאָל אין עפּעס וואָס אַנדערש פאַרטרונקען ווערן.

פיל וויכטיקערס פאַר אונדזער ענין — נאָך מיין מיינונג נאָך, וויכ־טיקערס — וועלן מיר הערן פון די צוויי אַנדערע „גליקס־קינדער״ — טאָלסטאָי און פערדינאַנד לאַסאַל. צו זיי גייען מיר איבער.

(עיקר שכחתי: פאַר יענע יידיש־לייענער, וואָס ווילן האָבן אַ נאָענ־טערן אַריינפּיר אין שאָפּענהאַוערס און האַרטמאַנס פּעסימיסטישער מעטאַ־פיזיק, שיק איך אָפּ צו מיין „פילאָסאָפיע״, צווייטער באַנד, זז׳ 179 ביז 192.)

קאַפּיטל פינף

לעוו טאָלסטאָים טעאָריע וועגן גליק

אונדזער דריטער עדות וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן — אויב יענער זין זאָל באַשטיין אין דעם בר־דעתדיקן תּכלית פון דעם אייגענעם גליק — וועט זיין ליעוו טאָלסטאָי.

אויך ליעוו טאָלסטאָי דאַרף צוגעציילט ווערן צו די „גליקס־קינדער". זעלטן ווען אַ מענטש האָט געהאַט אַלע דרויסנלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע מענטשן זעען זייער גליק, אין אַזאַ פולער מאָס, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט טאָלסטאָיען: אַ געזונטער, אַ שטאַרקער מענטש, וואָס פלעגט קאָנען אָפּשניידן אַ פעלד היי, און איינעם מיט זיינע פויערים. דערצו הויך געבילדעט, מיט דער פעאיקייט, אריינצופאַלן אין התלהבות פון אַ געדאַנקען־רייכן פילאָסאָפישן סיסטעם, ווי דאָס האָט פאַסירט מיט אים צו פערציק יאָר. ווען ער איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיט שאָפּענהאַוערס שריפטן און האָט זיך אָנגעצונדן מיט התפּעלות פון זיי. דערצו — רייך. דערצו — אַן אַריסטאָקראַט פון געבורט, אַ גראַף; דערצו אַ מענטש, שוין מיט אַ קלינגענדיקן נאָמען איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

עס טאָר דערביי אויך ניט דורכגעלאָזן ווערן דער פאַקט, וואָס אין זיין יוגנט איז ער בשום אופן ניט געווען קיין אַסקעט. ער האָט דורשטיק געשלונגען אַלע הנאות פון לעבן. אָט די יוגנט זיינע איז ענלעך צו דעם ערשטן פעריאָד פון פאַוסטס לעבן, ווען מעפיסטאָ האָט אים ווידער יונג געמאַכט און אָנגעצונדן אין אים אַלע פייערן פון דער סעקסועלער ליידנשאַפט — די הויכע, ראָמאַנטישע, און די גאָר־גאָר נידעריקע. טאָלסטאָי האָט שפּעטער חרטה געהאַט אויף זיינע יוגנט־זינד, אָבער אויף די גאָר עלטערע יאָרן האָט ער גערעדט וועגן זיי, ווי צ״ב, מיט גאַרקין, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, אָנרופנדיק דעם ענין מיט דעם צינישסטן פאָלקס־אויסדרוק.

און דערצו — דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדזער טעמע: טאָלסטאָי האָט ניט אומזיסט זיך דערוואָרבן דעם שם פון דעם גרעסטן פּסיכאָלאָג, דעם טיפסטן קענער פון אַ נאָרמאַלער מענטשלעכער נשמה.

אין דעם לעבנס־אָפּשניט זיינעם, וואָס זיין עדות־זאָגן וועגן מענטשלעכן גליק איז פאַר אונדז פון דער גרעסטער וויכטיקייט, האָט ער באמת געקאָנט פאַרגליכן ווערן מיט אַ מעכטיקן דעמב, אַ שטאָלצן געזונטן בוים, וואָס איז געשטאַנען אין פולער בליאונג, באַגאָסן פון אַלע זייטן מיט אַ גאָלדענער גלוט פון גליק־טראָגנדיקע זון־שטראַלן.

אָבער גראָד אין יענער צייט האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט גאָר אומדערוואַרט. ער האָט זיך גענומען, כמעט ווי אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין, פאַרטראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם „לעבן, גליק און טויט״ — און — געדאַנקען פון זעלבסטמאָרד האָבן זיך צייטנווייז גענומען רייצן מיט אים. דאָס האָט אים, דעם פריידענקער, דעם אַטעאיסט און מאַטעריאַליסט אין דעם וועלט־באַנעם, אַרויפגעפירט אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג און זיינע געדאַנקען וועגן אַ מענטשלעכער נשמה און דעם גרונט־באַדינג פאַר אַ מענטשלעכן גליק.

וויּ אַ פּסיכאָלאָג, איז ער, אַ דאַנק דעם געדאַנק וועגן טויט, אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ רעטעניש. פון איין זייט איז אים געווען קלאָר, אַז גליק און פרייד זיינען די איינציקע טרייב־קרעפטן פון די מענטשלעכע האַנדלונגען, נאָך מער, דער עצם פון אַ פּסיכישן לעבן, וואָס האַלט אויף דעם מענטשן און גיט אים אַ זין אין לעבן. פון דער אַנדער זייט אָבער איז דער פאַקט פון טויט, ווען ער שטעלט זיך אַוועק קלאָר פאַר אַ מענטשלעך אויג, דער איינציקער אַבסאָלוטער אמת, וואָס יעדער מענטש פאַרמאָגט אויף זיכער.

אין מיין עסיי: „טאָלסטאָי, ניטשע, און קאַרל מאַרקס״ האָב איך וועגן דעם געשריבן בזה הלשון: טאָלסטאָיען „האָט זיך באַוויזן דער טויט... יענע שוואַרצע אימה, וואָס פאַרכאַפּט אין אונדז דעם אָטעם, בעת מיר בליקן אין איר פּלוצלינג אַריין מיט גרויס און ווילד־געוואָרענע אויגן, מיט געפּאַר־אויפגעשטעלטע האָר, יענע ווילדע, פינצטערע אימה, וואָס שלינגט איין אַלע פאַרבן פון לעבן, לעשט אויס אַלע פונקען פון האָפענונג און הויכט אין אונדז אַריין מיט אַ שוואַרצן, פּראַקטיקן אָטעם דעם אומברחמנותדיקן סוד, אַז זי, נאָר זי — די דאָזיקע פּראַקטיקע, שוואַרצע, ווילדע אימה — איז אין תוך אַריין דער לעצטער ציל, צו

וועלכן מיר שטרעבן, דער לעצטער סך־הכּל פון אונדזער גאַנצן זיין אויף דער וועלט". (זע געז. שריפטן, ערשטער באַנד, ז' 18).

ווי אַזוי טאָלסטאָי איז פון אָט דעם טיפן פעסימיסטישן אָפּגרונט ווידער אַרויף אויף דער ליכטיקער שיין, האָב איך געפּרואווט סקיצירן אין דעם אויבן דערמאָנטן עסיי: (זע דער עיקר זז' 14 ביז 26) און צו דעם עסיי מוז איך אָפּשיקן דעם לייענער. דאָ וועלן מיר ברענגען נאָר זיין לעצטן זאָג, דעם קורצן סך־הכּל פון אַלץ, וואָס ער האָט אויסגע־פונען וועגן דער מענטשלעכער נשמה און דעם זין פון איר שטרעבן נאָך פרייד און גליק.

טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז די פאַרשיידענע מענטשלעכע נשמות זיינען אַזוי צו זאָגן, ווי קליינע אָזיערעס („לעיקען"), שאַרף אָרומ־געגרענעצטע אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, וואָס זיינען אָבער אַלע צונויפגעגאָסן אין איינעם אין אַן אונטערערדישן באַסיין — אין דער וועלט־נשמה. זי איז אומשטערבלעך. איר עצם איז שכל, אָבער אָט דער שכל האָט אייביקע אַטריבוטן, עצמדיקע אייגנשאַפטן, וואָס קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם טיפערן שכל. די אַטריבוטן זיינען: שטרעבן צו גליק, רחמנותדיקע ליבע צו דעם אַנדערן, שטענדיקער חסד ורחמים, וואָס דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין מסירת־נפש. אין דער העכסטער מדרגה דערגרייכט דער מענטש אויך דעם באַפרידיקנדיקן אָפּשלוס פון זיין שטרעבן צו גליק און פרייד.

בלייבנדיק אין די גרענעצן פון אונדזער פאַרגלייך, קאָן מען דאָס פאָרמולירן אויך אַזוי: כּל זמן דער מענטש פילט זיך, ווי די אָרומגע־גרענעצטע אָזיערע אויף דער אויבערפלאַך, איז ער עגאָאיסטיש, שטרעבט ער נאָר אָנצושטאָפּן זיין אייגענעם „איך" מיט אַלערליי הנאות. אָבער גראָד אַזאַ „איך" איז ווי אַ גרויסע לײדיקע פאַס אָן אַ דעק. וויפיל הנאות מען זאָל אַהין ניט גיסן, לויפט דאָס דורך און גיט ניט קיין פולע באַ־פרידיקונג. די ליבע צו דעם אַנדערן, די אייביקער רחמנות, דער מיט־לייד מיט דעם אַנדערן, איז דער דעק, וואָס האַלט אין דעם אַריינגע־גאָסענעם אינהאַלט. אָבער גאָר פול, ביז איבער די ברעגעס — פול מיט גליק און פרייד — ווערט די נשמה, ווען זי לאָזט זיך אַראָפּ פון דער אויבערפלאַך, אין דעם אונטערערדישן באַסיין פון דער וועלט־נשמה, וואָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די האַרמאָנישע איינס פון שכל, אַלטרואיס־טישע ליבע, רחמנות און העכסטן גליק.

אין זיין וואונדערבאַרער נאָוועלע: „דער באַלעבאָס און זיין אַרבעטער״, וואו טאָלסטאָי וויקלט פונאַנדער אַלע זייטן פון זיין רעאַליסטישן און פסיכאָלאָגישן טאַלענט, מאָלט ער אונדז, ווי אַזוי אַ פּשוטער, ריין עגאָאיסטישער באַלעבאָס פאָרט אַרויס ווינטער צייט אין איינעם מיט זיין דינער; ווי אַזוי זיי ווערן פאַרכאַפּט פאַרנאַכט־צו פון אַ שניי־שטורעם, וואָס פאַרווישט אַלע וועגן און מוזן בלייבן איבערנעכטיקן אין דעם פּאַרווייעטן סטעפּ; ווי אַזוי דער דינער, אַ שלעכט אָנגעפּעלצטער פאַר אַזאַ וועטער, האַלט שוין ביים פאַרפרירן, ווי אַזוי דער מגושמדיקער באַלעבאָס, דער „בעל־גוף״, אין זיין רייכער, וואַרעמער פוטער, וואַרפט זיך אַרויף אויף אים אין דעם שליטן, כדי מיט דער וואַרעמקייט פון זיין גוף ווידער צו אָטכאָיען און צו באַשיצן דעם באַלד פאַרפראָרענעם דינער; ווי אַזוי ער ווערט אַליין דערביי פאַרפראָרן און שטאַרבט, און וועלכע מאָמענטן פון העכסטן גליק ער לעבט דורך אין זיין באַשלוס צו ראַטעווען דעם אַנדערנס לעבן. — אָט די נאָוועלע איז די בעסטע אילוסטראַציע צו טאָלסטאָיס פּסיכאָ־פילאָסאָפישן און רעליגיעזן וועלט־באַנעם.

עס איז דאָ ניט אונדזער דאגה, אויף וויפיל טאָלסטאָיס פּסיכאָלאָגיע מוז פירן צו יענער, אַזוי צו זאָגן, פּסיכאָ־מעטאַפיזיק, וועלכע טאָלסטאָי האָט אויסגעבויט, כדי צו ראַציאָנאַליזירן זיין לעצטן סך־הכל וועגן דעם עצם ענין פון מענטשלעכן גליק. עס איז, ווי טאָלסטאָי זאָגט צו יעדן פון אונדז: דו ווילסט דאָך זיין גליקלעך? דערגרייכן די העכסטע שטופע פון גליק און פרייד? איז — זיי ווי :כל זמן דו טראַכסט וועגן זיך, וועסטו דאָס קיין מאָל ניט דערגרייכן. שפּרינג אַריין אין דעם געפילס־באַסיין פון רחמנותדיקער ליבע צו אַלץ וואָס לעבט און צו דעם מענטשן בפרט. דו קאָנסט דאָס טאָן, ווייל אָט דער געפילס־באַסיין ליגט אויף דעם גרונט אויך פון דיין נשמה. שפּרינג אַהין אַריין, אַזוי, אַז דיין אייגענער „איך״ זאָל, ווי אַ קערנדל זאַלץ, צוגיין דאָרטן אין גאַנצן, אָן אַ רעשט. דעמאָלט וועסטו וויסן, וואָס עס הייסט „זיין גליקלעך״ און ווי זינפול עס ווערט דערביי אַ מענטשלעך לעבן. דעמאָלט וועסטו אויך ניט וויסן פון „טויט״, ווייל אויך דער טויט־געדאַנק און די מורא פאַר אים ווערט, אין איינעם מיט דעם „איך״־געדאַנק, לגמרי פאַרשוואונדן אין דעם געפילס־באַסיין פון רחמנותדיקער ליבע.

אַלגעמיינער אויסגעדריקט: גליק פאַר דעם „איך״ קאָן געמאָלט זיין נאָר דעמאָלט, ווען אין דער נשמה וואַקסט אויס אַ ליבע, צו אַ „ניט־איך״, צו עפּעס אַזוינס וואָס שלינגט איין דאָס „איך״־באַוואוסטזיין אין אַזאַ מאָס,

אַז די עקזיסטענץ אָדער ניט עקזיסטענץ זיינע הערט אויף צו אינטערע־סירן און עס ווערט לייכט צו שיידן זיך פון אים צוליב אַ העכערער זאַך, איידער די אייגענע עקזיסטענץ.

און איצטער — צו אונדזער פערטן עדות דעם לעצטן: צו פערדי־נאַנד לאַסאַל. געבוירן פון רייכע עלטערן, באַשאַנקען מיט שאַרפע אַפּעטיטן צום לעבן, אַ מאַגנעטיש־ווירקנדיקע פערזענלעכקייט, שוין דורך זיין שיי־נער געשטאַלט — זיין קאָפּ האָבן פריינד פאַרגליכן מיט גטעס קאָפּ, אָבער מיט יידישע שטריכן אין זיין געזיכט —— האָט לאַסאַל זיך גע־לאָזט וואויל־גיין אין לעבן, און אין דער זעלביקער צייט געשטרעבט צו די העכסטע הויכן, וואו עס לעבט זיך אויס דער מענטשלעכער שאַפֿנ־דיקער געדאַנק אין וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע. אַ וואונדער־קינד האָט אים אָנגערופן היינע, שוין נאָך דער ערשטער באַגעגעניש.

לאַסאַלס עדות וואָלט פאַר אונדז געווען נאָך פיל באַדייטנדיקער, ווען ער וואָלט אין זיינע שטודיען זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער פילאָ־סאָפיע פון אַ מענטשלעך לעבן, ווי דאָס האָבן געטאָן געטע, שאָפּענהאַוער און טאָלסטאָי. גראָד דאָס האָט אים אָבער זייער ווייניק אינטערעסירט. זיינע פּסיכאָלאָגישע בליקן מוזן אַרויסגעקריסטאַליזירט ווערן פון זיין לעבן. און זיין גאַנצער לעבן מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ פאַרקערפּערטער וואַסער־שטורץ פון לעבעדיקער ענערגיע, פון אַ שטרעבן, אַרויפצוצווינגען אויף מענטשן און אומשטאַנדן זיין אייגענעם ווילן.

לאַסאַל איז געווען דער באַגרינדער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַלע, וואָס האָבן אים געקאָנט פער־זענלעך — פון מאַרקסן ביז ביסמאַרקן — האָבן ניט געלייקנט די אויס־טערלישע העלדנהאַפטע דערשיינונג זיינע. אויך לאַסאַל האָט געשטרעבט צו גליק, און אויב ער וואָלט געדאַרפט אויסקלייבן אַ פאָרמול פאַר דעם עצם ענין „גליק”, וואָלט ער מסתמא די פאָרמול פאַר זיינע אימפּעטיקע שטרעבונגען געפונען אין דעם שטענדיקן טריאומף פון דעם אייגענעם ווילן. ס׳איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַ צוואַנציק שעה אין אַ מעת־לעת געקאָנט לעבן, טאָג איין־טאָג אויס, נאָר אויף קאַווע, כּדי זיך ניט אָפּצורייסן פון זיין אַרבעטס־טיש. אָבער אויך אָט דאָס גליקס־קינד אין אַלע פּרטים פלעגט צייטנווייז דורכלעבן „פּאָוסטישע שטימונגען” פון העכסטן עלנט. ער שילדערט זיי אין אַ בריוו צו אַן אינטימען פריינד,

אַ פּאַרעפּנטלעכטן לאַנג נאָך זיין טויט. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין 1862, ווען לאַסאַל האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט פון זיין באַרימט־קייט אין גאַנץ אייראָפּע. דער בריוו האָט ניט צו טאָן מיט דעם גורל פון דעם מענטשן אויף אונדזער וועלטל, נאָר מיט לאַסאַלס אייגענע פּער־זענלעכע איבערלעבונגען.

סיי פאַר אונדזער ענין, סיי פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון לאַסאַלס פּערזענלעכקייט, איז דער בריוו פון אַן אומגעהייערן אינטערעס. ווען מיר ברענגען אַ פּאָר גרעסערע ציטאַטן פון אים אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל זעקס

פערדינאַנד לאַסאַל — וועגן דער הנאה פונעם אייגענעם לעבן

פערדינאַנד לאַסאַל, אַ תלמיד און אַ בר־פּלוגתא פון קאַרל מאַרקס, דער באַגרינדער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז געווען אַ העלדישע, אַ ריטערלעכע און אפשר נאָך מער — אַ „מלכותדיקע" פיגור.

נאָך זיין טראַגישן ענד אויף אַ דועל האָט קאַרל מאַרקס, אין אַ באַדויער בריוו צו לאַסאַלס פריינד, דער גרעפין פאָן האַטצפעלד, פאַר־גליכן אים מיט דער שענסטער העלדישער געשטאַלט פון דער אַלט־גרי־כישער לעגענדע — מיט אַכילעסן. ס׳איז אמת, אַז אין דעם בריוו־וועקסל צווישן מאַרקסן און ענגעלסן פון יענער צייט געפינט זיך אַ היפּש ביסל קריטישע באַמערקונגען וועגן דעם מהות מענטש לאַסאַל, און די פאַר־גלייכונג מיטן אַלט־גריכישן העלד איז אפשר געמאַכט געוואָרן ניט פון גאַנצן האַרצן.

אָבער מיט אַזעלכע פאַרגלייכענישן שפּילט מען זיך ניט אפילו ביי דעם אָפענעם קבר פון אַ גרויסן מאַן. מאַרקס האָט איבערגעגעבן דעם איינדרוק, וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געהאַט פון יענער צוויבערהאַפטער דערשיי־נונג, וואָס האָט זיך גערופן פערדינאַנד לאַסאַל.

אויך דער אַבסאָלוטער היפּך פון קאַרל מאַרקסן, דער פירשט ביס־מאַרק, אַליין בלי ספק גאָר אַ גרויסער מענטש, לאַסאַלס אַ פריינד, וואָס האָט אים אינטים געקענט, איז געווען דורכגעדרונגען פון גאָר אַ הויכער מיינונג וועגן אים. אין אַ לאַנגער רעדע אין פאַרלאַמענט וועגן לאַסאַלן, ווי אַן ענטפער דעם פירער פון דער אַרבעטערשאַפט, אויגוסט בעבלען, האָט ביסמאַרק זיך דערלויבט אַט וואָס פאַר אַ שפּאַס. מיינט ניט, פאַר־זיכערט ער בעבלען, אַז לאַסאַל איז געווען אַ רעפּובליקאַנער. פאַר דייטש־לאַנד איז ער זיכער געווען אַ מאָנאַרכיסט. עס איז ביי אים נאָר געווען

אַ שאלה וועגן דער דינאַסטיע: צי דאָס זאָל זיין די דינאַסטיע פון די האָהענצאָלערנס, אָדער די דינאַסטיע פון די לאַסאַלס...

און ווער עס וויל האָבן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַן איינדרוק לאַסאַל פלעגט מאַכן אויף מענטשן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט אים צום ערשטן מאָל, דער זאָל איבערלייענען טורגעניעווס באַשרייבונג, ווי אַזוי מען האָט אים פאַרגעשטעלט לאַסאַלן. טורגעניעוו האָט זיך באמת גע־פילט, ווי איינער, וואָס שטייט פאַר אַ מלכותדיקער געשטאַלט אַזוי, אַז לאַסאַל האָט אים גערדאַרפט אַרויסהעלפן אין זיין פאַרלוירנקייט.

ליידער איז לאַסאַלס געשטאַלט היפשלעך פאַרשטעלט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע ביאָגראַפיעס, געשריבן פון מאַרקסיסטן. דער קאַמף פון דער מאַרקסיסטישער ריכטונג אַנטקעגן די „לאַסאַליאַנער״ און די נויט צו באַקעמפן יענעם פערזענלעכן לאַסאַל־קולט, וואָס האָט זיך איינגע־שטעלט ביי דער לאַסאַליאַנישער אַרבעטערשאַפט, האָט געצוואונגען די מאַרקסיסטישע ביאָגראַפן אַריבערצובויגן דעם שטעקן אויף דער אַנדער זייט. לייענענדיק די גרויסע ביאָגראַפיע, וועלכע עדוואַרד בערנשטיין, האָט, נאָך אין דעם „פאַר־בערנשטייניאַנישן״ פעריאָד, פאַרעפנטלעכט, ווי אַן אַריינפיר צו לאַסאַלס געקליבענע שריפטן, דערמאַנט זיך אָפּט אָן דעם עפּיטאַף, וואָס די אַרבעטער האָבן געלאָזט אויסקריצן אויף לאַסאַלס מצבה, אויף דעם יידישן בית־עולם אין ברעסלאַו: „היער רוט אַלעס, וואָס שטערבלעך וואַר אין פערדינאַנד לאַסאַל״. אין די מאַרקסיסטישע בי־אָגראַפיעס „רוט״ ניט דאָס „שטערבלעכע״, נאָר שטרעבט צו פאַרטונקלען די אויסטערלישע גלאַנץ און פראַכט פון יענעם העלדישן קעמפער און דענקער.

ערשט געאָרג בראַנדעס, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער חוש, אָפּצו־שאַצן די גדלותדיקע דערשיינונגען אין די העלדן פון דער מענטשהייט, האָט אין זיין לאַסאַל־בוך ווידער געלאָזט אונדז פילן די גרויס פון יענעם אַזוי טראַגיש־אומגעקומענעם פראַכט־עקזעמפּלאַר פון דעם מענטש־לעכן מין.

געוויס האָט אויך אָט די זון געהאַט פלעקן, אָבער אין דעם זכרון פון די דורות וועט לאַסאַלס מענטשלעכע געשטאַלט אַלע מאָל בלייבן, ווי אַ לייכטנדיקע זון.

פאַר אונדזער ספּעציעלן ענין איז זייער וויכטיק, צו האָבן אין זינען די פאַר דאַטן, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט. לאַסאַל איז באמת געווען אַ גאַר גרויס־אַרטיקע פיגור, וואָס האָט אַריינגעצויגן אין זיין צויבער־קרייז אַזוי פיל גאונים און גדולים. דערצו איז ער אַלע מאָל געווען

עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק, געקענט פירן און געפירט אַ גאַר גרויסן שטאַט, האָט ריטערלעך געהאָלפן מיט זיין פאַרמעגן פילע נויטבאַדערפטיקע; איז געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער, אַ גרויסער געלערנטער, אַ שאַרפער פילאָסאָפישער קאָפּ און אַ „לעבע־מענטש" אויף אַ גאַר ברייטער האַנט, וואָס איז געשוואומען אין דעם שטראָם פון דעם לעבן און געשעפּט פון אים פאַר זיינע הנאות אין דער פולסטער מאָס.

אָט פּאַר וואָס עס איז אַזוי אינטערעסאַנט אויסצוהערן זיינע אַ מיינונג וועגן לעבן און גליק אין לעבן. אויב די לייענער געדענקען, האָבן מיר פאַר דעם מהות פון גליק פאַרגעשלאָגן אויך די פאָרמול: „גליק איז דער טריאומף פון דעם אייגענעם ווילן: עס זאָל זיין און געשעען אין דער וועלט דאָס, וואָס איך וויל עס זאָל זיין אָדער געשעען; און עס זאָל ניט זיין אָדער ניט געשעען עפּעס אַזוינס, וואָס איך וויל ניט עס זאָל זיין אָדער געשעען". לייענען מיר די ביאָגראַפיעס פון לאַסאַלן, דערשיינט ער פאַר אונדז ווי אַ ווילנס־העלד. עס איז אַ שוימנדיקער שטראָם פון לעבעדיקער ענערגיע, וואָס טראָגט זיך אַלע מאָל צו אַ באַשטימטן ציל — און דערגרייכט אים אַלע מאָל, מעג דאָס קאָסטן יאָרן און יאָרן פון אָנשטרענגונג. דערמאָנט זיך, צ"ב, אָן זיין ריטערלעכן יאָרן־לאַנגען קאַמף אין דעם פּראָצעס פון דער גרעפין פאָן האַצפעלד! יעדן ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, האָט ער דורך זיין וואונדערבאַר־ענערגישן ווילן דערגרייכט, ביז די קויל פון דעם קעגנער אין אַ דועל האָט, אין דעם יאָר 1863, איבערגעריסן זיין לויף, צו „דעראָבערן" די „שיינע העלענע" פאָן דעניגעס.

אָבער די מיינונג זיינע וועגן זיין אייגענעם לעבן און די באַפרידי־קונג, וואָס ער האָט פון אים, האָט ער אַרויסגעזאָגט אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד, דעם קאָלאָנעל ריוסטאָוו, אין יאַנואַר 1862, אין אַ צייט, ווען לאַסאַל איז געשטאַנען אויף דעם העכסטן שפּיץ פון זיינע פיל־פאַכע טריאומפן, סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן, סיי אין דעם פּערזענלעכן לעבן.

דער גאַנצער בריוו איז אומגעהייער אינטערעסאַנט. מיר קאָנען אָבער דאָ ברענגען נאָר דאָס, וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות צו אונדזער ענין.

לאַסאַל שרייבט:

„אויב יעדן שטיקל תענוג, וואָס דו ווילסט אַראָפּשלינגען, מוזט דו אַלע מאָל אַליין פּראָדוצירן מיט דער אָנשטרענגונג פון דיין קראַפט; אויב קיין זאַך אין דעם אַרום, ברענגט ניט אַרויס קיין פרייד אין דיר, ווערט מען ממילא זייער גיך איינגעמאַטערט... איך עס און

טרינק און באַפרידיק אַלע מענטשלעכע באַדערפעניש אָבער מיין באַ־פרידיקונג דערביי וואָלט איך אַפילו קיין הונט ניט געוואונטשן.

„עס איז שוין מיט מיר אַ סך יאָרן אַזוי, און דאָס האַלט אַלץ אין איין וואַקסן. די איינציקע תּרופה, וואָס איך האָב דערצו איז — אונטערטונקען זיך אין אַן אַרבעט, אַ סך אַ גרעסערע, איידער אַזאַ, וואָס קאָן בכלל דורכגעפירט ווערן, אָדער וואָס קאָן דורכגעפירט ווערן אין דריי מאָל אַזוי פיל צייט, וויפיל איך קאָן אָפּגעבן פאַר איר. ווי נאָר איך דריק אין זיך אַריין אַזאַ נייע פייניקונג, אַזוי ווערן, אין אַט דעם ברען, וואָס כאַפּט מיך אַרום, דערשטיקט אַלע אַנדערע באַ־האַלטענע שטימונגען! איך אַרבעט, איך פּייניק זיך, איך קרעכץ אונטער דער משא פון אַן אוממעגלעכן ציל, איך דריק אַריין דעם אַנגעגליטן שטעך־אייזן אַלץ טיפער צווישן מיינע ריפּן; איך ווער איינגעמאַטערט, שעפּ מיך אויס, רייס פון זיך פּאַסן. אַט אין אַזעלכע מאַטערנדיקע יסורים, אין וועלכע איך דריי מיך און ווינד מיך; אין יסורים, וואָס דרינגען אַריין אין דער נשמה און פילן אַן מיין מוח, טאָג איין־טאָג אויס, ביז איך פאַרמאַך די אויגן — סיי ווען איך זיץ ביים עס־טיש, סיי ווען איך שפּאַס מיט פרויען, און מאַך דעם פלירט מיט זיי; אַט אין אַט דעם משוגענעם ציטער פון די נערוון, פיל איך מיך געזעטיקט, באַפרידיקט, און מאַך דאָס אוממעגלעכע פאַר מעגלעך.

„אָבער ווי נאָר די אַרבעט ליגט אַ פאַרטיקע אויפן טיש און דער שטעך־אייזן איז אַרויסגעצויגן פון די אינגעווייד, פאַל איך ווידער אַריין אין אַ פּאַוסטישער שטימונג: „קיין הונט וואָלט ניט געוואָלט אַזוי נאָך ווייטער לעבן. מיין אַרבעט — זיינען קאַנוואולסיעס; מיין אָפּרו איז אומעט... פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנוואולסיעס זיינען בעסער, און איך בין ווידער גרייט אויף אַ לענגערער צייט אַריינצוואַרפן זיך אין אַט דעם באַטויבנדיקן אויפגערודער״.

אין אַן אַנדער אָרט פון דעם בריוו שרייבט ער:

„אַרבעט איז דער אָפּיום פאַר דעם אייראָפּייער״.

וואָס שילדערט אונדז דאָ לאַסאַל? און וואָס איז דער מוסר השכל פון זיינע רייד פאַר דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק?

כּל זמן ער יאָגט זיך, צו „פּראָדוצירן פאַר זיך אַליין תּענוג״, כּל זמן ער באַפרידיקט זיינע מענטשלעכע, ד״ה די אייגענע פּערזענלעכע באַדערפעניש, וואָלט ער „אַזאַ באַפרידיקונג קיין הונט ניט געוואונטשן״. נאָר דעמאָלט, ווען ער „טונקט זיך אונטער״ אין אַן אַרבעט, פאַרנעמט

זיין מוח און הארץ, אפילו ווען ער עסט און טרינקט און גיט זיך אפ מיט פרויען, — נאר דעמאלט דערגרייכט ער אזא צושטאנד אין זיין נשמה, פון וועלכן זי וויל ניט ארויסגיין, ד"ה דעם אלגעמיינעם באדינג פאר זיין גליקלעך, ווי מיר האבן דאס דערקלערט אין א פריערדיקן ארטיקל. און מעג אט דער צושטאנד זיין פארבונדן מיט פיין און באטויבנדיקן אויפרודער, גיט ער אים די נייטיקע „זעטיקונג".

אזוי — לאסאל, איינער פון די גלענצנדיקסטע „גליקס־קינדער" פון דעם ניינצנטן יארהונדערט.

לאמיר איצטער פארגלייכן די סך־הכלען פון אלע פיר „עדות". געטעס „פאוסט" האט אין ערגעץ ניט געפונען זיין אידעאל פון גליק, דעם העכסטן מאמענט, מיט וועלכן ער וויל זיך ניט שיידן, ווי נאר דעמאלט, ווען זיין אייגענער „איך" איז איינגעטרונקען געווארן אין דער פארשטעלונג פון א צוקונפטס־אידעאל, ווען ער בויט א „פריי לאנד פאר א פריי פאלק". שאפענהאוער, וואס איז לגמרי מבטל דעם ענין „גליק", ווי אן אילוזיע, גיט צו די מעגלעכקייט פון גליקלעכע מאמענטן, ווען דער ווילן צו אן אינדיווידועלן זיין אויף דער וועלט ווערט אין גאנצן אפגערוקט אן א זייט, א דאנק דעם אינטערעס אין ריין שכלדיקע און ריין עסטעטישע ענינים, דער עיקר אין דער מוזיק, וואו דאס „איך" ווערט אין גאנצן איינגעשלונגען פון א גרעסערן און העכערן „ניט־איך". טאלסטאי גלייבט אין דער מעגלעכקייט פון שטענדיקן גליק פאר דעם מענטשן, אבער דער „שכל" דיקטירט אים, אז כדי צו זיין גליקלעך, דארף מען פארגעסן אויף זיך אליין און לעבן אין ליבע צו אלץ, וואס לעבט, אין אזא אינטענסיווער ליבע, וואס מאכט גרינג און זיס די מסירת־נפש פאר דעם אנדערן. און לאסאל... מאי קא משמע לן לאסאל? אויך ער „קומט אונדז צו לאזן הערן" דעם זעלביקן מאטיוו, נאר אין אן אנדער ווואריאציע. יעדער מענטש זוכט זיין אייגענעם גליק. אבער לאסאל זוכט אים אין אן אפיום, וואס פארטויבט די שטים פון זיין „איך" מיט אלע זיינע באדערפענישן און הנאות. דער „אפיום" איז דא די ארבעט, וואס איז ליב און טייער. ווידער ווערט דא דאס „איך" פארטרונקען אין א גרעסערער און חשובערער זאך, איידער דאס אייגענע לעבן.

יעדער מענטש קאן זיך א פרעג טאן: „קאן איך זיין גליקלעך?" אויסהערנדיק אט די אלע געבראכטע עדות פון מענטשן, מומחהס אין לעבן, געניטע אין אלע וועגן, אויף וועלכע מען יאגט זיך נאך גליק, מוז ער זיך ענטפערן: „יא, איך קאן זיין גליקלעך; צייטווייליק, אדער שטענדיק — אבער בתנאי; „איך" זאל דערביי ניט זיין..."

אַ משונהדיקער רעזולטאַט! איך קאָן זיין גליקלעך נאָר דעמאָלט, ווען איך בין דערביי ניטאָ! ס׳איז קלאָר, אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַן אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך, פאַר אַ רעטעניש, וואָס דאַרף אויפגעקלערט ווערן, ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ אויף איר גרונט.

און ס׳איז אונדז קלאָר, אַז דער סודות־פולער ווידערשפּרוך ליגט ערגעץ־וואו אין דעם ענין גופא פון אַ מענטשלעכן „איך״. מוזן מיר דעריבער זיך אַ ביסל טיפער פאַרטראַכטן וועגן דעם מהות און דעם באַדייט פון אַן „איך״. און דאָס — ניט נאָר אין דער מענטשלעכער וועלט, נאָר אויך אין דער לעבעדיקער וועלט בכלל, וואָס איז פול און פיל, אויב ניט מיט זעלבסט־באַוואוסטזיניקע „איכ״ן, איז מיט שאַרף אַרומגעגרענעצטע יחידים, אינדיווידוען.

ווי איז דאָס די מעשה מיט דעם יחיד און דער לעבעדיקער וועלט? איז דאָס אמת, אַז יעדע לעבעדיקע בריאה שטרעבט צו איר אייגענער הנאה, צו איר אייגענעם גליק? זיינען אירע האַנדלונגען אַזוינע, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך באַטראַכט פאַר אַ זעלבסט־צוועק אין איר עקזיסטענץ? אויב דער זין פון אַ יחידס לעבן איז דער בר־דעתדיקער תכלית פון דעם אייגענעם גליק — וואָס איז דער זין פון דעם יחידס לעבן און דער נאַטור? ווי אויך פון דעם מענטשלעכן יחיד, ווי אַן אויסשניט פון דער נאַטור?

וועגן אָט דעם ענין מוזן מיר קלאָר ווערן פריער, איידער מיר קאָנען אַריינקוקן טיפער אין דעם רעטעניש פון דעם מענטשלעכן „איך״ און דעם זין פון דעם מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט.

צו דעם „איך״ ־פּראָבלעם גייען מיר איצטער איבער.

קאַפּיטל זיבן

דאָס ליבע „איך”

אין דער פּראַגרעסיווער פרייזיניקער געדאַנקען־וועלט ווערט גע־ווינטלעך אָנגענומען, אַז דער זין פון לעבן ביי יעדער לעבעדיקער בריאה באַשטייט אין דעם שטרעבן צו דעם אייגענעם גליק. יעדער בעל־חי פירט זיך אויף אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אַ זעלבסט־צוועק, אַן „איך”, און דער תכלית כל התכליתים פאַר אים איז — צו האָבן פון דעם לעבן וואָס מער באַפרידיקונגען און הנאות און וואָס ווייניקער ליידן.

אויב אַזאַ גליק־צושטאַנד קאָן בכלל זיין בנמצא, איז ער, אין דעם לויף פון דער אַנימאַלישער אַנטוויקלונג, דערגרייכט געוואָרן אפשר ביי יענע קלענערע, שטיפערישע מאַלפּעס, וואָס לעבן אין די וועלדער פון די טראָפּישע לענדער. מיר איז באַקאַנט די באַשרייבונג פון אַזאַ לוסטיקן פעלקעלע, וואָס לעבט אויף דעם אינדזל יאַוואַ. מען דאַרף נאָר אַרויס־פאָרן אין וואַלד מיט קערב פרוכטן און נאַשערייען און זיך צוקוקן צו דעם פריילעכן געטומל, וואָס הייבט זיך אויף ביי דער שטיפערישער חברה, ווען עס קומען צו איר די חשובע געסט: ניטאָ אפשר אין דער גאַנצער לעבעדיקער וועלט אַזאַ יום־טוב פון פונאַנדערגעברויזטער פרייד!

און אין דער אמתן: וואָס פעלט דען דעם מאַלפּע־„איך”, דעם „בחיר היצירה” פון דער אַנימאַלישער וועלט, צו דערגרייכן דעם העכסטן תכלית פון דעם לעבן, דעם צושטאַנד פון גליק? לעבנס־מיטלען גיט אים דער טראָפּישער וואַלד איבערגענוג. אינטעלעקטועל איז ער כמעט דער נאָ־ענטסטער צו דעם צוויי־פיסיקן „בעל־שכל”. זיין געפילס־לעבן איז אומ־געהייער באַרייכערט מיט אַ כמעט מענטשלעכער ליבע צו זיינע קינדער, — דער עיקר ביי דער מוטער. פון די פיינד שיצט ער זיך מיט דער אויסטערלישער רירעוודיקייט פון זיינע איברים, מיט זיין פלינקען שפּרינ־גען און קלעטערן פון בוים צו בוים און מיט זיינע קלוגע איינפאַלן אין אַן עת צרה. און ניטאָ ביי זיי קיין דינים און משפּטים, קיין „מען מעג”

און „מען טאָר ניט״, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן אין אַ מענטשלעכער וועלט.

האָבן אָבער איניקע פון אַזעלכע „מאַלפּע־איכ״ן געמאַכט דעם פאַטאַלן טעות און האָבן אַריבערגעשריטן די גרענעצן פון דער ריין אַנימאַלישער ממשלה. אין דעם לויף פון אַ דורות־לאַנגער אַנטוויקלונג איז דער מאַלפּע־איך״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשלעכן „איך״. אויך ער איז נאַטיר־לעך אַ „זעלבסט־צוועק״ פאַר זיך אַליין. אויך ער יאָגט זיך נאָך וואָס מער הנאות און וואָס ווייניקער ליידן. אָבער ער האָט שוין אַ שטאַרקערן שכל, אַ ברייטערן קוק. טראַכט ער אויס וואָס מער המצאות, ווי אַזוי צו פאַרמינערן ליידן און פאַרגרעסערן דעם סכום פון באַדערפעניש, באַ־פרידיקונגען און פון פרייד. און אַז אָט דער מענטשלעכער „איך״ דער־גרייכט די הויכע מדרגות פון דער ציוויליזאַציע און פאַרטראַכט זיך וועגן דעם זין און דעם תּכלית פון זיין אייגענעם מענטשלעכן לעבן, מוז ער, אַפילו ביי די פּראַכט־עקזעמפּלאַרן פון דעם מענטשלעכן מין, אַפילו ביי אַזעלכע „גליקס־קינדער״, ווי אַ געטע, אַ שאָפּענהאַוער, אַ טאָלסטאָי, אַ פער־דינאַנד לאַסאַל, קומען, אויף פאַרשיידענע וועגן, צו אַזאַ מין חידושדיקן אויס־פיר, ווי מיר האָבן אים פאַרמולירט אין דעם פאַריקן קאַפּיטל.

ער געפינט: „יאָ, איך קאָן זיין גליקלעך, אָבער בתּנאי, איך זאָל דער־ביי ניט זיין. מיין „איך״ מוז דערביי איינגעשלונגען ווערן פון עפּעס אַ „העכערן״ „ניט־איך״ און אין גאַנצן פאַרשווינדן אין אים.

צווישן דעם „איך״ און זיין „גליק״ שטעלט זיך דאָ אַרויס אַ רעטעניש־פולער אַנטאַגאַניזם. כל זמן „איך״ שטיי אין צענטער פון מיינע שטרעבונגען צו גליק, וויכט פון מיר דאָס גליק. קומט דאָס „גליק״ איז דאָס נאָר דע־מאָלט, ווען עפּעס אַ „ניט־איך״ האָט אויפגעפרעסן מיין „איך״ און אים איינגעשלונגען אָן אַ רעשט.

וואָס איז דער מער מיט דעם מענטשלעכן „איך״? פאַרוואָס אַזאַ אַנ־טאַגאַניזם צווישן „איך״ און זיין גליק? עס איז אַ פּראָבלעם!

לאָמיר פּרואוון זיך אַראָפּלאָזן טיפער אין אָט דעם „איך״־פּראָבלעם.

מיר קענען אונדזער אייגן „איך״ פון דער אינעווייניקסטער זעלבסט־דערקענטעניש. און ווען מיר באַטראַכטן זיך נאָר פון אינעווייניק, געפינען מיר... אָדער, לאָזט מיך בעסער רעדן בלשון יחיד: מיר האָבן דאָ צו טאָן גראָד מיט דעם פּראָבלעם פון אַן איינצלנעם, פון אַן אינדיווידיאום! איך זאָג, ווען איך באַטראַכט מיך פון אינעווייניק, געפין איך, אַז איך בין אַ פּסיכישער צענטער, וואָס שפּילט מינדעסטנס אַ פּירפאַכע ראָלע: איך בין אַ צענטער פון דערקענטעניש, דענקען און אויפמערק. איך בין דער

צונויפזאַמלער, אָפּט אַרויסברענגער פון איינצלנע געדאַנקען און דערקענטעניש, אָפּט אויך דער צונויפבינדער זייערער אין איין איינצלנעם סיסטעם. מעג דער קירכן־גלאָק קלינגען ווי שטאַרק, אויב מיין אויפמערק איז פאַרנומען מיט אַן אַנדער זאַך, עקזיסטירט ער ניט פאַר מיר. דערצו בין איך אַ צענטער פון געפיל. ליידן און פריידן, תענוג און שמאַרץ זיינען מיר באַקאַנט נאָר ווי מיינע ליידן און פריידן. און איך ווייס, אַז איך האָב אָפּטמאָל די מאַכט, צו פאַרטויבן מיינע ליידן. דערנאָך בין איך אויך אַ צענטער פון אַלערליי וועלענישן, געלוסטן און פון דעם אַלץ־באַשליסנדיקן ווילן. „איך״ בין דער צענטער, פון וועלכן עס גייען אַרויס מיינע האַנדלונגען. איך האָב אַ געפיל פון בחירה חפשית און פון אייגענער זעלבסטשטענדיקייט. און לסוף בין איך מיר אַ זעלבסט־צוועק, און אַלע מיינע האַנדלונגען זיינען פאַר מיר מיטלען, כדי אין דער לעצטער ליניע צו דערגרייכן מיינע צילן.

אָט דער „איך״־צענטער, וואָס פאַלט צונויף מיט דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין איז אַן אַבסאָלוטער, אַן אין זיך גופא איינגעשלאָסענער סיסטעם. קיין פּיצעלע פון מיין באַוואוסטזיין קאָן ניט אַרויסגעטראָגן ווערן אין דרויסן. ווען איך שריי אַרויס מיין צער אין אַן „אוי ווייי, אוי וויי!״ און דאָס רופט אַרויס אַ סימפּטאָמאַטישן אָפּקלאַנג ביי אַן אַנדערן „איך״, האָט דאָס ניט מיין צער דירעקט אַרויסגערופן דעם אַנדערנס מיטלייד. דאָס האָבן דרויסנלעכע קלאַנגען פון מיין שטים, כוואַליעס פון לופט, דערוועקט אין דעם אַנדערן אַ מער אָדער ווייניקער שטאַרקן דערמאָנען זיך אָן זיין אייגענעם צער און דערפון זיין „מיטגעפיל״.

און צוריק: מיין „איך״ איז אַזוי אַבסאָלוט איינגעשלאָסן אין זיך גופא, אַז קיין זאַך פון דרויסן קאָן ניט אַריינדרינגען אין אים. ווען איך הער דעם אַנדערנס „אוי וויי! אוי וויי!״, דרינגען ניט אַריין אין מיין באַוואוסטזיין די לופט־כוואַליעס פון זיין שטים. זיי מוזן ביי דעם ברעג פון מיין „איך״ פאַרוואַנדלט ווערן אין עפּעס אַן אַנדער זאַך, וואָס צינדט אָן אין מיר מיין באַוואוסטזיין פון קלאַנגען און מיין געפיל פון רחמנות.

אָט די אַבסאָלוט זיכערע פאַקטן פון דעם ריין סוביעקטיוון, אינעווייניקסטן איינזען האָבן געפירט אין דער פילאָסאָפיע, אין דעם וועלטבאַנעם, צו דעם אַבסאָלוטן סאָליפּסיזם, וואָס לערנט, אַז קיין דרויסנלעכע וועלט איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. עס איז דאָ נאָר מיין אייגענער „איך״, אין וועלכן עס קומען אויף — אַ הויז געפילן, אַבסטראַקטע געדאַנקען, וועלענישן און באַשלוסן פון דעם ווילן — אויך בילדער, דמיונות פון אַ כלומרשט דרויסנלעכער וועלט, מיט באַוועגונגען און געשעענישן וואָס שפּילן זיך אָפּ אין אַ כלומרשט דרויסנלעכן „ניט־איך״.

ס׳איז ניט דאָ דאָס אָרט, אויפצודעקן די ריין לאָגישע פעלערן פון דעם פילאָסאָפישן סאָליפּסיזם. דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק אַרויסצוברענגען, אַז די זעלביקע אַבסאָלוט זיכערע פאַקטן פון דעם אינעווייניקסטן איינזען זיינען דאָס רוב עלול צו פירן — ווי צ. ב. ביי שטירנערן — אויב ניט צו דעם אַבסאָלוטן סאָליפּסיזם אין דעם וועלט־באַנעם, איז לפּחות צו דער טעאָריע פון דעם „עגאָאיזם״ („איכיזם״) אין דעם לעבנס־בליק, אין דער עטיק און אין דער פּסיכאָלאָגישער דערקלערונג פון „מיינע״ שטרעבונגען און האַנדלונגען.

דער גרונט־געדאַנק איז — ווי איך האָב אים שוין דאָ אַ פּאָר מאָל פאָרמולירט — אַז „איך״ בין אַ זעלבסט־צוועק און אַז דער תּכלית כּל התּכליתים אין מיין לעבן איז מיין אייגן גליק. איך שטרעב צו הנאות און אַנטלויף פון ליידן. אויב איך זאָג מיך אָפּ פון אַ הנאה, איז דאָס אָדער צוליב אַ שטאַרקערער, דויערהאַפטערער אַנדערער הנאה, אָדער כּדי אויסצומיידן יסורים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ערשטער. אויב איך נעם אויף מיר ליידן, איז דאָס אָדער כּדי צו אַנטלויפן פון גרעסערע ליידן, אָדער כּדי צו געווינען אַ שטאַרקע הנאה, וואָס וועט אַרויסוואַקסן פון די יסורים, וועלכע איך נעם אויף זיך.

הכּלל: מיין גליק איז דער ציל פון מיין זיין און מיין לעבן... וואָס איז דערביי מיין לעבן, דער גאַנצער סכום פון מיינע איבערלעבענישן? — זיי זיינען נאָר אַ פאַרבאַדינג און אַ מיטל, כּדי איך זאָל דורך מיין לעבן דערגרייכן מיין ציל, מיין גליק.

וואָס ברענגט מיר הנאה? וואָס ברענגט מיר ליידן? — אויך אויף אָט דער פראַגע האָט דאָס „איך״ אַן אַבסאָלוט „זיכערן״ ענטפער. אַלץ וואָס פאַרשטאַרקט און פאַרלענגערט די עקזיסטענץ פון מיין „איך״ ברענגט מיר הנאה — ווי צ. ב. די שפּייז, וואָס זעטיקט מיין הונגער. אַלץ וואָס שוואַכט אָפּ אָדער פאַרקירצט די עקזיסטענץ פון מיין „איך״ — אַ וואונד אָדער קראַנקהייט — ברענגט מיר ליידן.

אַזוי זעט דאָס אויס פון אינעווייניק, וואו דער „איך״ דערשיינט ווי אַן אין זיך אָפּגעשלאָסענער, צוליב זיך זעלבסט עקזיסטירנדיקער סיס־טעם. און דערביי איז קיין נפקא מינא ניט, צי מיר באַטראַכטן דאָס „איך״, ווי אַן אומטיילבאַרע „איינס״, אָדער מיר נעמען אָן מיט די מאָ־דערנע ביאָלאָגן, אַז דאָס „איך״, מיין „אָרגאַניזם״, איז אין תּוך אַן אָר־גאַניזאַציע, אַ מין געזעלשאַפט פון איינצלנע קלייטעלעך, וואָס האַלטן אויף מיט זייערע טעטיקייטן דאָס לעבן פון דעם גאַנצן. און אַפילו ווען מיר נעמען אָן — אין איינעם מיט די נייערע פּסיכאָלאָגן — דער עיקר פון

דער פּרווידיאַנישער שולע — אַז דאָס „איך" איז נאָר אַ קלײנער באַלויכטענער שפּיץ פון אַן אומבאַוואוסטזיניקן פּסיכישן זײן, וועלכן פּרויד רופט אָן דאָס „עס", ווערן מיר אויך ניט פּטור פון דעם „איך", ווי אַ זעלבסט־צוועק. אויך אין דעם „עס" הערשט דאָס שטרעבן צו זעלבסט־דערהאַלטונג, דער קאַמף פאַר דער אײגענער, אין זיך אָפּגעשלאָסענער עקזיסטענץ, מיט דעם זעלביקן שטרעבן, צו אַנטלויפן פון לײדן און טויט.

זעלבסט־דערהאַלטונג — זעלבסט־צוועק! דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי „זעלבסט־פאַרשטענדלעך!" אָבער גראָד אָט דאָס זעלבסט־פאַרשטענדלעכע איז אין דער אמתן אײנער פון די גרעסטע וואונדער, וואָס עס קאָן נאָר געבן. און אויב מיר חידושן זיך ניט דערויף, איז דאָס ווײל עס איז אַזוי באַענט און באַקאַנט, ווי מיר חידושן זיך ניט אויף דעם ענין רוים (אויסגעשפּרײטקײט) און צײט, וואָס געהערן אויך צו די גרעסטע וואונדער פון דער וועלט.

פאַרלאָזן מיר אָבער אָט די „זיכערע פאַקטן" פון דעם אינעווייניקסטן סוביעקטיוון אײנזען, און באַטראַכטן דעם ענין אָביעקטיוו; ווען מיר נעמען דאָס „איך", דעם „יחיד", ווי אַ טײל פון דער גאַנצער נאַטור, אַזוי ווערט קלאָר, אַז דער געדאַנק פון אַן „איך", פון אַ סיסטעם, אַן אָפּגעשלאָסענעם אין זיך גופא, פון אַ זעלבסט־צוועק פאַר זיך אַלײן — אָט דער געדאַנק, זאָג איך, ווײזט זיך אַרויס ווי אַ פּשוטע אוממעגלעכקײט, ווי אַ פאַטש אין פּנים אַלע פאַקטן, וואָס מיר ווײסן פון דער נאַטירלעכער וועלט.

איך נעם מײן גוף. זײן לעבן באַשטײט פון אַ שטענדיקן שטאָף־אויסבײט מיט דער נאַטור. שטיקער פון דעם „ניט־איך" אין דער פאָרעם פון שפּײז, געטראַנק און לופט פאַרוואַנדלען זיך שטענדיק אין מײן „איך", און שטיקער פון מײן לעבעדיקן „איך" ווערן ווידער שטענדיק אַרויסגעשלײדערט אין דעם „ניט־איך", אין דער דרויסנדיקער וועלט. יעדע רגע מוז איך אײנאָטעמען און אויסאָטעמען לופט, צוליב אַ פאַרברענונגס־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין מײן אָרגאַניזם, און די לונגען שפּילן דערבײ די ראָלע פון אַ בלאָז־זאַק אין אַ שמיד־שטוב. מײן גוף קאָן פּונקט מיט אַזאַ רעכט אָנגערופן ווערן אַן „איך", ווי מען קאָן אָנרופן אַן „איך" אַן אויוון מיט ברענענדיקע קוילן.

מײן „איך", ווי אַ גוף, איז אַזוי אויסגעבונדן אין אײנעם מיט דעם גאַנצן ים פון די נאַטירלעכע דערשײנונגען פון דער דרויסנלעכער וועלט, אַז עס איז אות באות אמת שפּינאָזאַס פאַרגלײך פון יעדער אײנצל־זאַך און פון יעדן „איך" מיט אַ כוואַליע אין דעם ים, וואָס הײבט זיך אויף

אַ ווײַלע, באַקומט אַן אייגענע געשטאַלט און גיסט זיך ווידער צונויף מיט דעם ים.

גייט מען איבער צו דעם פּסיכישן לעבן און מען באַטראַכט עס ריין אָביעקטיוו, פאַרלירט זיך ווידער דער גאַנצער ענין „איך״. שוין יום האָט באַוויזן, אַז דאָס גאַנצע פּסיכישע לעבן פון דעם „איך״ באַשטייט פון איינצלנע פּסיכישע צושטאַנדן, וואָס פאַרבינדן זיך און שיידן זיך פונאַנדער, לויט געוויסע געזעצן. דאָס „נשמה״־לעבן איז פּונקט אַזאַ קאָמפּליציר־טער פּראָצעס פון איינצלנע פּסיכישע עלעמענטן, ווי דאָס לעבן פון דעם גוף איז אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, דורכגעפירט פון די איינצלנע קליי־טעלעך, וואָס שטעלן אים צונויף. מיין „פרייער ווילן״, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט מיין „איך״־באַוואוסטזיין, איז אַפילו אַ רעאַליטעט — אויב ער איז אַ רעאַליטעט — עפּעס מער ווי אַ פּסיכישער דמיון — אַן איינצלנער פּסיכישער פּראָצעס. און אַפילו בערגסאָן, וואָס שטרעבט צו באַווייזן די רעאַליטעט פון אַ פרייען ווילן, מוז צוגעבן, אַז דער ווילן שטייט אונטער דעם דרוק פון אַנדערע פּסיכישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דעם „איך״ און זעלטן ווען קאָן זיך דער פרייער ווילן אַרויסרייסן, פון אונטער זייער משא און גובר זיין זיי.

און דאָס „איך״־באַוואוסטזיין״ גופא! אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט זיינען אַנגעקליבן געוואָרן מאַסן פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז אויך ער איז ניט דער אין זיך אָפּגעשלאָסענער סיסטעם, וואָס איז כולל אַלע פּסי־כישע פּראָצעסן אין זיך, נאָר איז אַן איינצל־דערשיינונג אין דעם פּסיכישן ים. מיר האָבן פאַקטן, וואו אינעווייניקסטע „אייגענע״ פּסיכישע דערלע־בענישן, אַפילו ווייטאָגן, ווערן אויפגענומען — צ״ב אונטער אַ שוואַכן כלאָראָפאָרם — ווי דערלעבענישן, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם אייגענעם „איך״. מיר האָבן פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז אין איין־און־דעם זעלביקן פּסיכישן סיסטעם קענען לעבן פאַרשיידענע „איכ״ן, וואָס זיינען, לויט זייערע „איך״־באַוואוסטזיינס לגמרי פאַרשיידן איינס פון דעם אַנדערן.

נאָר — מער וועגן דעם ענין „איך״ אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל אַכט

קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס אין דער ניט־לעבעדיקער נאַטור

אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם זעט אויס, ווי אַ זעלבשטענדיקער, אין זיך איינגעשלאָסענער יחיד, ווי אַ יש בפני עצמו. אָבער אויך אין דער ניט־לעבעדיקער, אַנאָרגאַנישער נאַטור האָבן מיר אַזאַ מין דערשיינונג, וואָס „כאַפּט דעם אָנבליק" פון אַן אין זיך איינגעשלאָסענעם יחיד, אין אַ נאָך מער זעלבשטענדיקן זין, איידער אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. דאָס איז דער קריסטאַל. פאַר וואָס ניט אַראָפּלאָזן זיך צו אים? ווער ווייס? אפשר וועט ער אונדז ווי עס איז העלפן פונאַנדערצופּלאָנטערן דעם ענין פון דעם זעלבשטענדיקן יחיד, מיט זיין „זעלבסט־דערהאַלטונג", ווי אַ זעלבסט־צוועק, מיט זיין יאָגן זיך נאָך הנאות און גליק, מיט זיין אַנטלויפן פון יסורים און פיין?

מיר נעמען אַ גלעזל הייס וואַסער און זעטיקן עס אָן מיט דין צע־פולווערטן זאַלץ. ווען די טעמפּעראַטור קילט זיך אָפּ, פאַלט פּלוצלינג אַראָפּ אויפן גרונט אַ קליינינקער קריסטאַל אין דער פאָרעם פון אַ קוב. ער איז אַרויסגעשיידט געוואָרן פון דעם וואַסער אין אַן אייגענער אינדיווי־דועלער, אין זיך אָפּגעשלאָסענער געשטאַלט. — מיר קאָנען אויסגיסן דאָס זאַלציקע וואַסער און עס בלייבט אַבסאָלוט אומבאַרירט. מיר קאָנען איבער־בייטן זיין אָרט, ער בלייבט דער זעלביקער. איז ער אין גאַנצן און אַלע מאָל אומאָפּהענגיק פון דעם זאַלציקן וואַסער? — ניין, ניט אין גאַנצן. אויב מען זאָל אין דעם פּראָצעס פון קריסטאַליזאַציע אָפּברעכן אַ ווינקל פון דעם קריסטאַל, וועלן פון דער אַרומיקער סביבה צופליען צו אים זאַלץ־מאָלע־קולן און גאַנץ מאַכן דעם חסרון.

ווי אַזוי ווערן געבוירן קריסטאַלן, מיט זייערע פאַרשיידענע אויס־טערלישע שיינע, מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכע פאָרמען, וועלכע מיר באַוואונ־דערן צ"ב אין אַ וואַסער־קריסטאַל (אַ „שניי־עלע") אונטערן מיקראָסקאָפּ

אָדער אין אַ בריליאַנט ? — די וויסנשאַפט האָט נאָך ניט קיין ענטפער אויף אָט דער שאלה. האָבן מיר דערפאַר אַ וואָרט, וואָס פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַ קלאָרן אײנזען. דער קריסטאַל, זאָגט די וויסנשאַפט, איז אַ פּראָדוקט פון אַ „קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס״. לאָרד קעלווין, איינער פון די גרעסטע טעאָרעטיקער אין דער אַנאָרגאַנישער נאַטור, האָט יאָרן און יאָרן געפּרואווט אויסגעפינען דעם סוד פון אָט דעם פּראָצעס, צוריק־פירן אים צו יענע „קרעפטן״ און „געזעצן״, וואָס רופן אַרויס און באַ־הערשן די ריין־מעכאַנישע, פיזיקאַלישע און כעמישע דערשיינונגען אין דער נאַטור. לאָרד קעלווין האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אָט דער אויפ־גאַבע. עס בלייבט תמיד אַ רעשט, וואָס קאָן ניט דערקלערט ווערן דורך זיי. און דער רעשט איז גראָד — די קריסטאַליזאַציע גופא. דעריבער רעדט מען וועגן דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס, ווי וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט למעלה פון די מעכאַניש־פיזיקאַליש־כעמישע פּראָצעסן. ס׳קאָן זיין אַז ווען עס איז וועט זיך פאָרט דער וויסנשאַפט איינגעבן צו דער־קלערן דעם סוד, דורך אַ זייער קאָמפּליצירטער קאָמבינאַציע פון יענע „כוחות״ און „געזעצן״, וואָס באַהערשן די פּשוטערע באַוועגונגען. עס זיינען אָבער דאָ געלערנטע דענקער, וואָס לייקענען אָפּ אַזאַ מעגלעכקייט. כּדי צו האַלטן אונדזער באַטראַכטונג לגמרי אומאָפּהענגיק פון יענעם טעאָרעטישן ספק, וועלן מיר רעדן וועגן דעם „קריסטאַליזאַציע־כוח״, אָדער נאָך בעסער : וועגן די „קריסטאַליזאַציע־כוחות״. — אַלץ איינס, צי זיי האָבן אין זיך עפּעס אייגנס, אָדער זיי זיינען נאָר אַ קאָמבינאַציע פון ריין „פיזיקאַלישע״ באַוועגונגען, אין דעם ברייטסטן זין פון דעם וואָרט.

איינס איז אָבער קלאָר, און דאָס איז פאַר אונדז דאָס וויכטיקסטע: ניט דער קריסטאַל ברענגט אַרויס יענע קריסטאַליזאַציע־כוחות, נאָר זיי ברענגען אַרויס אים. זיי זיינען פריער פאַר אים. ער איז זייער פּראָדוקט. אין דעם גלעזל מיט הייס זאַלץ־וואַסער ווירקן זיי אויף אַזאַ אופן, אַז זיי קערן און ווענדן די איינצלנע זאַלץ־מאָלעקולן אַזוי אַז יעדער איינער זאָל פאַרנעמען זיין באַשטימטן פּלאַץ אין דעם קריסטאַל. און אויב אַ טייל זיינער ווערט אָפּגעבראָכן, זאָלן תיכף אַנדערע מאָלעקולן פון דעם זעל־ביקן כעמישן שטאָף פאַרנעמען זיין פּלאַץ. דער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס איז אַ פּאַרמירנדיקער, אויפבויענדיקער קער־ און ווענד־פּראָצעס, דורך וועלכן די „קריסטאַליזאַציע־כוחות״ דיריגירן די איינצלנע אומגעפאָרעמטע שטאָף־מאָלעקולן, זיי זאָלן אויספילן גראָד אָט די און ניט קיין אַנדער קריסטאַלינישע פאָרעם.

קאָן מען דאָ פרעגן אַזאַ קשיא: איר זאָגט אַז די קריסטאַליזאַציע־כוחות ווירקן אין דער פליסיקייט פריער, איידער דער קריסטאַל ווערט געבוירן. אָבער — וואו איז דאָ דער חידוש? איר האָט דאָך פריער אָנגעזעטיקט די פליסיקייט מיט אַ שטאָף, וואָס טראָגט שוין אין זיך גופא יענע קריסטאַליזאַציע־כוחות: דאָס וואַסער מיט זאַלץ, אָדער דאָס צעלאָזענע גליענדיקע אייזן מיט ריינעם קוילן־שטאָף, איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס ביים אָפּקילן זיך, שיידט זיך אַ זאַלץ־קוב אַרויס פון דעם אָנגעזעטיקטן זאַלץ־וואַסער און וואָס פון דעם פליסיקן אייזן, אַן אָנגעזעטיקטן מיט קוילן־שטאָף, זעצט דערנאָך זיך אָפּ אַ דימענט, וואָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ קוילן־קריסטאַל.

דער ענטפער אויף דער קשיא איז אַזאַ: עס איז דאָך געווען אַ צייט אין אונדזער פּלאַנעט — אַזוי נעמט אָן די וויסנשאַפט — ווען זי איז געווען אין אַ גליענדיקן צושטאַנד און די גאַנצע מאַסע האָט זיך נאָך ניט דיפערענצירט אין איינצלנע עלעמענטן און זייערע כעמישע פאַרבינדונגען. דער ערשטער קוילן־קריסטאַל, צי זאַלץ־קריסטאַל איז דאָך דעמאָלט זיכער געווען אַ פּראָדוקט פון יענע קריסטאַליזאַציע־כוחות, וואָס האָבן געווירקט אין דער גליענדיקער, אפשר גאַז־אַרטיקער מאַסע. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די קריסטאַלן, ניט די קריסטאַלן זיינען געווען די באַשאַפער פון יענע כוחות. זיי, אָט די פאַרמירנדיקע כוחות, ווירקן אין אַ ספערע, אין וועלכער עס איז נאָך ניטאָ קיין קריסטאַל, זיי פאַרמירן אים און האַלטן אים אויף, אויף וויפל עס לאָזט זיך.

אין דער לעצטער צייט ווערן אין דער וויסנשאַפט דערמאַנט אייניקע אַנאַלאָגיעס צווישן דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס און דעם לעבנס־פּראָצעס. געוויס פעלן אין די קריסטאַלן די וויכטיקסטע סימנים פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש. עס פעלן: דער שטאָף־אומבייט מיט דער נאַטור, דער אינסטינקט פאַר זעלבסט־דערהאַלטונג, דער פּראָצעס פון פאַרמערן זיך פון זיך אַליין (דאָס שטרעבן אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם „מין" קריסטאַל), די אַנטוויקלונגען צו אַנדערע „העכערע" פאָרמען. אָבער שוין די אויבן געבראַכטע דערשיינונג פון ווידעראויפבויען, ד"ה באַנייען, אַ צעשטערטן טייל פון זיין פאָרעם, ברענגט אים נאָענט צו לעבעדיקע ברואים.

דער רוסישער געלערנטער באַכמעטיעוו, אָט דער, וואָס איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין סאָפיאַ און האָט געמאַכט די ערשטע געלונגענע עקספּערימענטן, אויף אַ געוויסן אופן איינצופרירן פיש, האַלטן זיי אין אַן

איינגעפּרוּוירענעם צושטאַנד און זיי דערנאָך ווידער לעבעדיק מאַכן, האָט זייענדיק נאָך אַ סטודענט אין ציריך, מיר דערציילט וועגן זיינע עקספּע־רימענטן מיט דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט אים געפירט צו דער איבערצייגונג, אַז אין דעם „ווידערגעבורט״ פון קריסטאַלן פון ניי געשאַפענע כעמישע שטאָפן — פריער זיי אַרויסקריסטאַליזירן, דערנאָך זיי לאָזן צעגיין און דערנאָך זיי ווידער לאָזן אַרויסקריסטאַליזירן זיך — אַז אין אָט דעם סדרדיקן „רעפּראָדוקציע״־פּראָצעס פון קריסטאַלן באַ־מערקן זיך פּאָזיטיווע סימנים פון פאַראַרבלעכקייט און פון אַ מין אי־נעוויייניקסטן זיכּרון. על־כּל־פּנים נעמען פילע געלערנטע אָן, אַז דער פאַר־מירנדיקער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס קאָן באַטראַכט ווערן, ווי אַ בריק, וואָס פירט פון דער ניט־לעבעדיקער, אַנאָרגאַנישער פאָרעם־סטרוקטור, צו די לעבעדיקע, אָרגאַנישע פאָרמען.

צי גיט אונדז ניט אָט דער אויספיר דאָס רעכט אָנצואווענדן אויך אויף לעבעדיקע אָרגאַניזמען דעם כּלל, וואָס מיר האָבן געפונען אויבן ביי די קריסטאַליזאַציע־כּוחות? צי קאָנען מיר אויך ביי דעם אויפקום פון לעבע־דיקע ברואים ניט אָננעמען, אַז עס איז דאָ אַ געוויסער לעבנס־פּראָצעס — אַן איינהייטלעכער, אָדער אַ קאָמפּליצירט־צונויפגעשטעלטער פון די „ניט־לעבעדיקע פּראָצעסן״ — וואָס האָט עקזיסטירט און געווירקט, איידער עס איז אויפגעקומען אויף דער ערד די ערשטע לעבעדיקע באַשעפעניש, ד״ה דרויסן פון איר? אַז אויך דער לעבנס־פּראָצעס איז אַ קער־ און ווענד־פּראָצעס, וואָס קאָן אויך עקזיסטירן דרויסן, למעלה פון דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם; וואָס באַווירקט און באַהערשט די איינצלנע שטאָף־טיילעכלעך, פון וועלכע ער, דער לעבעדיקער אָרגאַניזם, ווערט אויסגעפורעמט? אַז פּונקט ווי דער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס ברענגט אַרויס דעם קריסטאַל און ניט פאַרקערט, אַזוי ברענגט אויך דער לעבנס־פּראָצעס אַרויס די לעבעדיקע באַשעפעניש און ניט — די לעבעדיקע באַשעפעניש דעם לעבנס־פּראָצעס?

לאָמיר פּרוּוון אָנווענדן אָט דעם שטאַנדפּונקט אויף דער נידע־ריקסטער לעבעדיקער בריאהלע, דער מיקראָסקאָפּער „מאָנערע״, ביי וועל־כער עס מערקט זיך שוין קלאָר אַ זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט און ביי וועלכער מען נעמט אָן, אַז זי האָט שוין, זאָל זיין די בלאָסעסטע שפּי־רונגען פון הנאה און ווייטאָג, וועלכע שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין איר קאַמף פאַר זיין, פאַר דער דערהאַלטונג פון דער אייגענער עקזיסטענץ. דאָ ביי דער „מאָנערע״ מוז דאָך אַרויסטרעטן עפּעס אַזוינס וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו אונדזער פּראָבלעם פון גליק, ווי אַ בר־דעתדיקן

תכלית פאַר יעדן מענטשן, וועלכער באַטראַכט זיך אַליין, ווי אַ „זעלבסט־צוועק”.

די „מאַנערע” האָט אַ זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט. זי שטרעבט צו זיין אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס האַלטן אויף איר לעבן, זי אַנטלויפט פון יענע באַדינגונגען, וואָס זיינען אַ שטער פאַר איר עקזיסטענץ. ווי איז דאָס צו דערקלערן? דער „כמו־מעכאַניסטישער” בליק אויף דעם לעבנס־פּראָצעס שטעלט זיך פאַר דעם ענין אַזוי: די מאַנערע האָט די פעאיקייט צו שפּירן הנאה און ווייטאָג. לאָמיר אָננעמען, אַז אָט די שפּירונגען זיינען ניט פאַרבונדן מיט די באַדינגונגען, וואָס האַלטן אויף איר לעבן. קאָן זיך דעמאָלט מאַכן אַזוי, אַז אַ מאַנערע, וואָס טרעט אַריין אין באַדינגונגען, שעדלעכע פאַר איר עקזיסטענץ, זאָל גראָד דערביי דערשפּירן אַ הנאה און ניט וועלן אַרויסגיין פון זיי. און צוריק, ווען זי געפינט זיך אין באַדינגונגען, וואָס קענען אויפהאַלטן איר לעבן, פילט זי זיך „לא עליכם־דיק”, אַנטלויפט זי פון זיי. אַזעלכע מאַנערעס מוזן נאַטירלעך באַלד פאַרשווינדן. בלייבן ביים לעבן אין דעם „נאַטירלעכן אָפּקלייב” וועלן נאָר אַזעלכע מיקראָסקאָפּישע ברואימלעך, ביי וועמען די שפּירונגען פון „וואויל־זיין” באַווייזן זיך נאָר דעמאָלט, ווען זיי קומען אַריין אין פאַר זיי גינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען, און די שפּירונגען פון אומוואויל־זיין טרעטן אויף אין באַדינגונגען, וואָס זיינען שעדלעך פאַר זייער עקזיסטענץ. באַקומט זיך ממילא, כמעט אויף אַ מעכאַנישן אופן, אַ זעלבסט־דערהאַלטונג, וואָס איז אין תוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ שטרעבן, צו באַקומען הנאות און אויסצומיידן יסורים. די נאַטירלעכע זעלבסט־דערהאַלטונג, אַ פון קיינעם ניט דירעקט געוואָלטער פּראָצעס, ווערט דערנאָך, אין אַנטוויקלונג־לויף „פון דער מאַנערע ביז צום מענטשן” אַ פאַראַרבעטער אינסטינקט.

ווי אין דאָס רוב כמו־מעכאַנישע דערקלערונגען פון דעם לעבנס־פּראָצעס, שפּילט אויך דאָ דער צופאַל אַ גאַנץ געוואַלטיקע ראָלע. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ביי דער „מאַנערע”, פון וועלכער עס שטאַמען אָפּ אַלע אַנדערע ברואים פון דער אַנימאַלישער ממשלה ביז צו דעם מענטשן, זאָל זיך פּלוצלינג האָבן באַוויזן די פעאיקייט צו שפּירן וואויל־זיין און אומוואויל־זיין. קיין גענוגיקן דערקלערונגס־גרונט פאַר אַזאַ צופאַל געפינען מיר אין ערגעץ ניט.

אַ גאַנץ אַנדער באַלייכטונג באַקומט דער ענין, ווען מיר באַטראַכטן דעם לעבנס־פּראָצעס אַנאַלאָגיש מיט דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס. ניט די מאַנערע באַשאַפט דורך אירע אייגענע פּראָצעסן דאָס לעבן, נאָר גאָר

פאַרקערט: דער לעבנס־פּראָצעס, וואָס איז אויסגעגאָסן אין דער נאַטור, ברענגט אַרויס, דורך זיין קער־ און ווענד־פּראָצעס, די לעבעדיקע פאָרעם פון דער מאַנערע, אין וועלכער ער, דער לעבנס־פּראָצעס, ווערט קאָנ־צענטרירט און פאַרווירקלעכט. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג איז ניט דער מאַנערעס, נאָר שטאַמט פון דעם לעבנס־פּראָצעס, ווי די דערהאַלטונג פון דער קריסטאַלינישער פאָרעם אין דער אַנאָרגאַנישער נאַטור, שטאַמט ניט פון דעם קריסטאַל, נאָר פון די „קריסטאַליזאַציע״־כוחות. דער לעבנס־פּראָצעס, וואָס איז אויך אַ קער־ און ווענד־פּראָצעס, ברענגט אַרויס די שפּירונגען פון וואויל־זיין און אומוואויל־זיין, כדי מיט זיי צו קערן־און־ווענדן די מאַנערע, זי זאָל דורך דער שפּירונג פון וואויל־זיין זוכן באַדינגונגען, גינסטיקע פאַר איר עקזיסטענץ, און דורך דער שפּירונג פון אומוואויל־זיין, אויסמיידן באַדינגונגען, וואָס זיינען שעדלעך פאַר איר עקזיסטענץ.

עס וואָלט דעריבער געווען פאַלש צו זאָגן, אַז די מאַנערע איז זיך אַ „זעלבסט־צוועק״, אַז דער „בר־דעתדיקער תכלית״, אָדער דער „זין״ פון דער מאַנערעס עקזיסטענץ, איז איר וואויל־זיין, און אַז דער אינס־טינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, איז אַ קאַמף פאַר מער הנאות. פּונקט פאַרקערט, דער „זין״ פון דער מאַנערעס הנאה, איז צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. ניט די הנאה, אָדער „דאָס גליק״ איז דאָ דער ציל, און דאָס לעבן נאָר אַ פאַרבינדונג און אַ מיטל צום ציל, פאַר דער „מאַנערע״, ווי אַ זעלבסט־צוועק, נאָר דער לעבנס־פּראָצעס איז דאָ דער זעלבסט־צוועק, און די „הנאה״, ווי די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער מאַנערע, איז נאָר אַ בלינדער מיטל, ווי אַזוי עס זאָל רעאַליזירט ווערן דער לעבנס־פּראָצעס. די שפּירונגען פון וואויל־זיין און אומוואויל־זיין, פון הנאות און יסורים, זיינען די צוויי קער־רימענס אין די הענט פון דעם לעבנס־פּראָצעס, כדי צו קערן און ווענדן מיט זיי די מאַנערע, זי זאָל צוגעצויגן ווערן צו לעבנס־גינסטיקע באַדינגונגען, וואו זי קאָן אַריינגעמען שפּייז און פאַרוואַנדלען ניט־לעבעדיקע נאַטור אין לעבעדיקע, און אָפּגעשטויסן ווערן פון אומגינסטיקע, וואָס שטעלן אָפּ דעם פּראָצעס.

אַז דער יחיד, ווי אַ נאַטור־דערשיינונג, איז ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ בלינדער מיטל אין דעם לעבנס־פּראָצעס, וועט אונדז נאָך קלאָרער ווערן, ווען מיר וועלן אַריבערגיין צו אַ צווייטן כאַראַקטעריסטישן שטריך, אין דעם יחידס נאַטור־לעבן: די דערהאַלטונג פון דעם מין.

קאַפּיטל ניין

זעלבסט־דערהאַלטונג און מין־דערהאַלטונג

אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז דאָס „לעבן" דאַרף באַטראַכט ווערן פונקט ווי דער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס אין דער ניט־לעבעדיקער נאַטור. ניט דער קריסטאַל ברענגט אַרויס די קריסטאַליזאַציע־כּוחות, נאָר פון זיי ווערט אַרויסגעבראַכט דער קריסטאַל און פון זיי ווערט ער אויך אויפגעהאַלטן אין יעדער רגע פון זיין עקזיסטענץ, ווי אַ באַזונדער יש. אַזוי אויך מיט דעם לעבנס־פּראָצעס. צי דאָס איז אַן איינהייטלעכע, גאַנץ באַזונדערע קראַפט, אָדער אַ צונויפגעגאָסענע פון אַנדערע, איינפאַכערע פּראָצעסן — ברענגט זי אַרויס די לעבעדיקע יחידים און האַלט זיי אויף אין יעדער רגע פון זייער עקזיסטענץ. מיר האָבן אויך געזען, אַז ניט פון דעם יחיד, נאָר פון דער לעבנס־קראַפט קאָן שטאַמען דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג און אַז די שפּירונגען פון „וואויל־זיין" און „אומוואויל־זיין", פון „הנאה" און „ליידן" זיינען נאָר די צווייקער־רימענס, מיט וועלכע דאָס לעבן קערט און ווענדט דעם יחיד, ער זאָל קאָנען בלייבן ביים לעבן און זאָל קאָנען פאַרוואַנדלען ניט־לעבעדיקע מאַטעריע אין לעבעדיקע.

אָבער די טרייב־קראַפט פון אינדיווידועלער זעלבסט־דערהאַלטונג איז ניט די איינציקע טרייב־קראַפט, וואָס מיר באַמערקן אין דעם לעבן און דעם אויפפיר פון די לעבעדיקע אָרגאַניזמען. נאָך אַ שטאַרקערע טרייב־קראַפט איז דאָס שטרעבן צו דער פאַרמערונג און דער דערהאַלטונג ביים לעבן פון דעם גאַנצן מין צו וועלכן דער יחיד געהערט. מיר האָבן געזען טעמים אָנצונעמען, אַז אויב מען קאָן מליצהדיק זאָגן, אַז „דאָס לעבן" איז אין וואָס עס איז „פאַראינטערעסירט", איז דאָס ניט אַזוי אין דעם לעבן פון דעם יחיד, ווי אין דעם לעבן פון דעם גאַנצן מין, און אַז אומעטום אין דער נאַטור, וואו עס קומט פאָר אַ קאָנפליקט צווישן דעם לעבן פון דעם יחיד און דעם לעבן פון דעם מין, איז אַלע מאָל גובר דער אינטערעס פון דעם מין.

פאַקטן, וואָס באַווייזן דאָס באַשיינפּערלעך, זיינען פאַראַן אין די מיליאָנען. דאָ וועלן מיר ברענגען נאָר אַ פּאָר ביישפּילן, וואָס זאָלן אי־לוסטרירן דעם ענין.

נעמט דעם בינשטאָק אין דעם מאָמענט, ווען די „קעניגין" ווערט צייטיק און פליט אַרויס אין דעם בלויען מרחב אַריין, און נאָך איר טוען זיך אַ לאָז די „דרוינען", די זכרים, וואָס דאַרפן זי אַניאָגן און באַפרוכפּערן. הויך פליט אַרויף די קעניגין. נאָר דער שטאַרקסטער פון די דרוינען קאָן זי דעריאָגן און אַריינשפּריצן אין איר די צוקונפט פון דעם נייעם דור בינען. און ווען אַריינגעשפּריצט, פאַלן ביי אים אַרויס זיינע איב־געווייד, און ער אַליין פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, ווי אַ טויטע ליידיקע שאָלעכץ.

עס איז אפשר ניטאָ אין דער נאַטור קיין בוילעטערע דערשיינונג, וואָס זאָל אַזוי פּראַכטפול־טראַגיש סימבאָליזירן דעם גורל פון דעם יחיד אין דער לעבעדיקער נאַטור. זי דאַרף אים, ווי אַ „גענעראַטאָר", וואָס זאָל באַשאַפן וואָס מער מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרמערונג פון לעבן. „האָט דער מאָר זיינע שולדיקייט געטאָן, קאָן דער מאָר גיין". די דרוינען, וואָס קומען צוריק, ווערן אין דעם בינשטאָק ניט מער אַריינגעלאָזן, זיי פליען אום, נעמען ניט אַריין אין זיך קיין שפּייז, ביז די קעלט שלעפּערט זיי איין אויף אייביק.

נאָך וואונדערלעכער זיינען אין אַט דעם פּרט די אָבסערוואַציעס און עקספּערימענטן, וועלכע דער גרויסער פראַנצויזישער נאַטור־פאָרשער, פאַבר, האָט באַשריבן אין זיינע „ענטאָמאָלאָגישע מעמואַרן". מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר איין איינציקן ביישפּיל, אַ פאַראַמתטן דורך פילע אָב־סערוואַציעס און באמת חידושימדיקע עקספּערימענטן. איך גיב דאָ איבער דעם עקספּערימענט אין אַ פאַרקירצטער און ממילא אַ ביסל סכעמאַטישער פאָרעם.

פאַראַן אַזעלכע פליגן, פון פאַרשיידענע מינים, וואָס ווערן אַרומ־גענומען מיט דעם נאָמען „אָסמיאַ". אַן אָסמיאַ זוכט אויס אָדער אַ ליי־דיקע גראָז־רער, אָדער אַן אויסגעליידיקטן צווייגל פון אַ באַשטימטער פלאַנץ, כּדי דאָרטן אויפצובויען די נעסטן פאַר אירע אייעלעך. אַזעלכע נעסטן איינע איבער דער אַנדערער, אָדער איינע לעבן דער אַנדערער קאָן זי בויען עטלעכע. מען האָט שוין געפונען גאַנצע פּופּצן אַזעלכע נעסטן, אין איין רער. (מיר וועלן דאָ בלייבן ביי די נעסטן אין אַ גראָז־רער). פריער גרייט די אָסמיאַ צו איין נעסט, באַזאָרגט די נייטיקע שפּייז פאַר דאָס אייעלע, לייגט דאָס אייעלע און בויט אויס אַ דאַך. אויף דעם

דאָך בויט זי די צווייטע נעסט. און אַזוי ווייטער. דאָס אייעלע ווערט, ווי ביי אַלע באַפליגלטע אינסעקטן, באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ ווערעמל, וואָס עסט אויף די שפּייז און ווערט אַנטשלאָפן. אין דעם שלאָף ווערן אויסגעפורעמט אַלע אברים פון דער פליג, וואָס ליגט נאָך אין שלאָף אין אַ העמדעלע. ווען זי ווערט אויסגעצייטיקט, קריכט זי אַרויס פון דער העמדל, עגבערט דורך דעם דאָך מיט דעם עגבערל, וואָס אויף איר קאָפּ, און פליט אַרויס אין דער פריי. אַט די פאַקטן זיינען געווען באַקאַנט אַלע נאַטורפאָרשער. און ווען מען וואָלט געהאַט צו טאָן נאָר מיט איין נעסט אַזאַ, וואָלט דערינען ניט געשטעקט קיין ברעקל באַזונדערער חידוש. דער חידוש איז ביי די געלערנטע אַרויסגעוואַקסן פון דעם פאַקט, וואָס מען האָט דאָ צו טאָן מיט עטלעכע נעסטן, איינע אויף דער אַנדערער, אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער מיט דעכלעך. מען האָט געגלייבט, אַז עס דאַרף נעמען פונקט אַ געגוי־באַשטימטע צייט, ביז די פליג ווערט אויסגעצייטיקט פון דעם אייעלע ביז צו דעם באַפליגלטן גילגול. איז ווי זאָל מען דאָ דערקלערן דאָס אַרויספליען? די אייעלעך פון די אונ־טערשטע גאָרנס, ווערן דאָך צייטיק פריער, איידער די אייעלעך פון די אייבערשטע גאָרנס. איז ווי קאָנען די פריער איינגענעסטעטע פליגן וואַרטן ביז די יינגערע וועלן צייטיק ווערן צום אַרויספלי?

זיינען אייניקע געלערנטע אַרויף אויף דעם געדאַנק, אַז די יינגערע ווערן לפי ערך פריער צייטיק, איידער די עלטערע. דאָס האָט זיך אָבער פאַרבערן ניט געלייגט אויפן שכל. און ער האָט באַשלאָסן, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע אומקלאָרע פאַלן, צווינגען די נאַטור, זי זאָל דורכפירן דעם פּראָצעס ביי אים אין דער לאַבאָראַטאָריע אין דינע, ליידיקע גלאָז־רערלעך, אַנשטאָט גראָז־רערן אָדער צווייגן. האָט ער דערביי אויסגע־פונען, אַז ניט אַלע פליגן ווערן גלייך צייטיק, אָבער געוויינטלעך, ווערן די עלטערע פריער צייטיק, ווי די יינגערע. ווען אַזאַ פליג פון דעם אונטערשטן גאָרן קריכט אַרויס פון איר הייטל, לעכערט זי דורך דאָס דעכל ניט אין מיטן, נאָר ביי דער וואַנט, און נעמט זייער אָפּגעהיט קריכן צו דעם נאָך שלאָפנדיקן שכן, וואָס איז פון איר אייגענעם מין. זעט זי, אַז זי קאָן קריכן ווייטער, ניט שטערנדיק דעם שלאָף, לעכערט זי דורך דאָס צווייטע דעכל, אַלץ טאָקע ביי דער וואַנט. און ווען אַלץ גייט דורך בשלום, פליט זי אַרויס פון דעם אייבערשטן גאָרן. טרעפט זיך אָבער אַ מאָל, אַז איר קריכן שטערט דעם שלאָף פון דעם שכן, דעמאָלט איז — אָדער זי קערט זיך אום צוריק און וואַרט, אַ מאָל עטלעכע טעג — אָדער זי פּרוּווט נאָך אַ מאָל קריכן. גיט זיך דאָס ניט איין,

שטאַרבט — ווען עס דויערט צו לאַנג — בלייבט זי אויף איר אָרט און זי, פון הונגער אָדער מאַנגל אין לופט; אָבער זי ווערט קיין מאָל ניט שעדיקן דאָס לעבן פון איר „אייגן בלוט". נאָך פאַרפלעפנדיקער איז אַ וואַריאַציע פון די זעלביקע עקספּערימענטן מיט די אָסמיאַס, אויסגע־פירט צוליב אַן אַנדער טעאָרעטישער שאלה. איך גיב אים דאָ איבער אין פאַברס אייגענע ווערטער:

„איך נעם אַ צאָל לעבעדיקע „קאָקאָנעס" (אַ געוויסער גלגול אין דער אַנטוויקלונג פון דער פליג) ניט פון איין מין, נאָר פון צוויי פאַרשיידענע מינים, פון כמעט דער זעלבער גרויס, כדי מען זאָל קאָנען באַקוועם אַריינלייגן זיי אין דעם טרייבל, און עס זאָל ניט זיין קיין ליידי־קער פלאַץ צווישן דעם קאָקאָן און דעם ווענטל. דאָס זיינען צוויי מינים: דער „וואַנדער סאָלעני", וואָס פליט אין יוני און אַן אָסמיאַ, וואָס פליט אין מאַי. אין דעם גלעזערנעם טרייבל, לייג איך איינס אויפס אַנדערע אַ קאָקאָן פון דער אַסמיאַ און אַ קאָקאָן פון דער „סאָלעני". אָט דער לעצטער פאַרענדיקט די שורה גאַנץ אויבן. דער רעזולטאַט איז אַ פאַרפלעפנדיקער. די אָסמיאַס, נאַטירלעך, שיילן זיך פריער אַרויס און תיכף גייען זיי אַרויס פון זייערע נעסטן. דערביי פאַרוואַנדלען זיי די די קאָקאָנעס און די איינוואוינער פון די סאָלענים, וואָס זיינען שוין דעמאָלט היפש דערוואָקסן, אין פּיץ־פּיצלעך, אין וועלכע איך קען מיך שוין ניט פונאַנדערקלייבן, סיידן אין די איינצלנע קעפּלעך, וואָס וואַלגערן זיך דאָ און דאָרט. הייסט עס, די אָסמיאַ האָט ניט געשוינט די לעבע־דיקע קאָקאָנעס פון אַן אַנדער מין. אָט דאָס איז דאָס געזעץ, וועלכן מען קאָן דורכאויס אויפשטעלן: אַ חיה איז לגמרי גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס איז ניט איר גזע."

(פאַברס „מעמואַרן" זיינען איבערגעזעצט אין אַ סך שפּראַכן. אין רוסיש זיינען פאַראַן צוויי איבערזעצונגען. איינע, אַ פאַרקירצטע, וואָס לאָזט אויס פאַברס טעאָרעטישע חקירות, דערפאַר אַן אילוסטרירטע. איך ציטיר פון אָט דער איבערזעצונג, די אויסגאַבע פון פ. מאַרקס, צווייטע אויפלאַגע, „דער אינסטינקט און דער לעבנסשטייגער פון די אינסעקטן", 1906, ערשטער באַנד, ז' 367—368. דער גאַנצער, אומגעהייער אינ־טערעסאַנטער קאַפּיטל וועגן די אָסמיעס איז אויף די זייטלעך 356 ביז 396.)

וואָס לערנט אונדז דאָ די „נאַטור" — בלי ספק לערנט זי אונדז, אַז פאַר איר איז דער יחיד ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ בלינדער מיטל צו אַ העכערן צוועק: די זעלבסט־דערהאַלטונג ווערט באַהערשט פון אַ

נאָך העכערן פּרינציפּ: די דערהאַלטונג פון דעם מין. די פאַרשיידענע מינים זיינען דאָ ווי די פאַרשיידענע פיליאַלן פון אַ גרויסן „געשעפט", וואָס אויף אים איז דער באַלעבאָס — דאָס לעבן. די עובדא פון דעם „געשעפט" איז די פאַרמערונג פון לעבן אויף דער וועלט. פאַר דעם באַלעבאָס איז וויכטיק די פיליאַלע, דאָס „געשעפט", ניט דער איינצל־נער „אַרבעטער", דער יחיד. לאָזט די נאַטור אַרויס — אין דער ממשלה פון פלאַנצן — מיליאָנען קערנדלעך, פון וועלכע נאָר אַ קליינער טייל קאָן געפינען גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דעם לעבן. לאָזט זי אַרויס מיליאָנען אייעלעך, פון וועלכע נאָר אַ טייל קאָן זיך אַנטוויקלען צו אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, די איבעריקע גייען לאיבוד.

צו דעם זעלביקן גרונט־געזעץ, אַז די זעלבסט־דערהאַלטונג איז נאָר אַ מיטל פאַר דער מין־דערהאַלטונג איז נאָך אין 1879 געקומען דער באַדייטנדיקער זאָאָ־פּסיכאָלאָג, שרייבער, אין זיין בוך: „דער טירישער ווילע" („דער ווילן פון חיות"). ער באַווייזט דאָרטן, אַז אַפילו דאָס עסן און טרינקען פון דעם יחיד ווערט באַהערשט פון אַט דער איבער־אינ־דיווידועלער קראַפט. די נאַטור איז „פאַראינטערעסירט" אין דעם יחיד נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער קאָן דינען ווי אַ מיטל צו פאַר־מערן זיין מין. און דער זעלביקער גרונט־געזעץ ווערט געשטיצט פון פאַרשיידענערליי זייטן. נעמט די פּסיכאָלאָגיע פאָרשונגען פון זיגמונד פרויד און זיין שולע. לויט דעם פרוידיאַניזם, איז דער דראַנג צו גע־שלעכטלעכער הנאה כמעט ווי פאַרבונדן מיט דעם לעבנס־פּראָצעס גופא. נעמט די פּרוּאוון צו מאַכן יינגער עלטערע לייט. אויך זיי זיינען אַלע — פון בראַון סעקאַרן אָן — געצילט קודם־כל אויף דעם ווידעראויפ־לעב פון דעם סעקסואַלן פּראָצעס, פון דער פעאיקייט צו פאַרמערן דעם מין. אַלטע לייט דאַרף ניט די נאַטור. זי דאַרף יינגערע, פעאיקע צו פאַרמערן דעם מין.

אויף אַט דעם פּרט — דער סעקסואַליטעט — מוזן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אַ ווײַלע. ווען אַ מענטש איז הונגעריק און זוכט זעטיקונג, קאָן זיך אים זייער גרינג אויסדוכטן, אַז דאָס איז זיין „איך" הונגעריק: זיין „איך" זוכט די זעטיקונג: "איך וויל עסן". הגם אויך דאָס איז פאַלש. ניט „איך" הונגער. עס הונגערן אין מיר, מיליאָנען קלייטעלעך פון מיין גוף, מיליאָנען „שטאַטס־בירגער" וואָס שטעלן צונויף יענעם „שטאַט", וואָס רופט זיך „מיין אָרגאַניזם". ווען דער „שטאַט" איז אין אַן אַבנאָר־מאַלן צושטאַנד, ניט „בקו הבריאה", קאָן דער אַפּעטיט לגמרי פאַר־שווינדן, אָדער זיך פאַרשטאַרקן ביז צו אַ „הייס־הונגער", וואָס קאָן מיט

קיין זאַך ניט געזעטיקט ווערן. דער דאָרשט קאָן ביי פאַרשיידענע דיאַ־בעטיקער זיך שטייגערן אַזוי, אַז ער קאָן מיט צעבערס ניט געשטילט ווערן.

וויל „איך״ דאָס אַלץ? אָבער ווי געזאָגט: דאָ קאָן נאָך די אילוזיע פון דעם „איך״ באַשטיין איר שטעטל פאַר דעם שכל. עס הונגערן אין מיר די קלייטעלעך פון „מיין״ גוף. זאָל זיין „איך״ בין אַ שטאַט מיט מיליאָנען איינוואוינער. בלייב איך דאָך דער זעלבסט־צוועק. אָבער ווי איז דאָס מיט דער סעקסואַלער ליידנשאַפט, וואָס דוכט זיך אויס צו זיין אַזוי אינדיווידועל, אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין מיין „איך״? פאַר וואָס הונגערט מיין „שטאַט״ נאָך דעם אַנדער מין? — אין מיין גוף זאַמלען זיך אָן זוימען פון מענטשלעכער זריעה. זיי זיינען אַלע „ניט־איכן״. זיי זיינען לעבעדיקע קערנדלעך פון זעלבשטענדיקע פערזאָנען, וואָס שטרעבן צום זיין, „סעפּאַראַטיסטן״, וואָס רייסן זיך, צו בילדן אייגענע „שטאַטן״. וואָס זאָל „מיך״ אַרן זייער שטרעבן? און פונדעסטוועגן — וואָס פאַר יסורים, ווען זיי רייסן זיך צו שטאַרק! וואָס פאַר אַ תענוג פאַר „מיר״, ווען איך לאָז זיי אַרויס פריי, צו אַ פרויען־אייעלע, וואו זיי באַמבאַרדירן זי, כדי אַריינצודרינגען אין איר, כּמעט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי די דרוינען וואָס יאָגן זיך אין דער הייך נאָך דער קעניגין פון די בינען. איינער פון די „סעפּאַראַטיסטן״ (די „ספּערמאַטאָזאָען״) וועט מצ־ליח זיין. די אַנדערע וועלן גיין לאיבוד.

דער סעקסואַלער פּראָצעס איז בפירוש ניט קיין אינדיווידועלער. ער איז אַן איבער־אינדיווידועלער. ער איז אַ פונקציע פון דעם לעבנס־פּראָצעס בכלל, וואָס קאָן רעאַליזירט ווערן נאָר דורך די אינדיווידוען. דער יחיד איז דאָ אַ בלינדער — אָדער ריכטיקער: אַ פאַרבלענדטער מיטל צו אַ העכערן ציל. די ליידן און די פריידן זיינען טאַקע מיינע ליידן און פריידן. אָבער די נאַטור האָט זיי אַריינגעטאָן אין מיר, כדי זיי זאָלן דינען ווי צוויי קער־רימענס, ווי צו קערן און ווענדן מיך אַזוי, אַז איך זאָל דורכפירן אירע באַפעלן, די באַפעלן פון דעם לעבנס־פּראָצעס.

פונקט ווי די ליידן און פריידן פון געוויינטלעכן הונגער און דאָרשט זיינען די קער־רימענס אין די הענט פון דעם לעבנס־פּראָצעס, כדי צו צווינגען דעם יחיד, ער זאָל אויפבויען לעבעדיקע מאַטעריע אין זיין אייגענעם אינדיווידועלן גוף, אַזוי זיינען די ליידן און פריידן פון דעם סעקסועלן פּראָצעס — קער־רימענס, כדי צו פאַרמערן דאָס לעבן אויף דער וועלט דורך וואָס מער יחידים פון דעם זעלביקן מין.

אַ חוץ זעלבסט־דערהאַלטונג און מין־דערהאַלטונג איז אין דער נאַטור פֿאַראַן נאָך אַ דריטער, גאָר וויכטיקער לעבנס־פּראָצעס, וואָס באַשטימט דעם גורל פֿון דעם יחיד. דאָס איז די אַנטוויקלונג פֿון אַלץ העכערע ביאָלאָגישע טיפּן. וועגן אָט דעם פּראָצעס אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צען

פאַרמערונג, אַנטוויקלונג און דאָס „איך"

אין דעם פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז דער פאַרמערונגס־פּראָצעס וואָס דינט דער דערהאַלטונג פון דעם מין טראָגט, מיט זיינע פריידן אוןליידן, אַ קלאָרן איבער־אינדיווידועלן כאַראַקטער, און אַז אָפּטמאָל איז ער גובר דעם אינסטינקט פון דער „זעלבסט־דערהאַלטונג". זיינע פריידן און ליידן זיינען די קער־רימענס אין דעם לעבנס קער־ און ווענד־פּראָצעס, כּדי דורכצופירן דורך אים די פאַרמערונג פון לעבעדיקער „מאַטעריע" און די דערהאַלטונג פון אַ באַשטימטער פאָרעם אירער. דער יחיד איז דאָ זיכער ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ בלינדער, אָדער פאַרבלענדעטער מיטל צו אַ העכערער זאַך, איידער זיין אייגענע עקזיסטענץ. פירנדיק אים „צו דער חופּה", קאָן די נאַטור דערביי זינגען דאָס יידישע חתונה־לידל: „אָט אַזוי און אָט אַזוי נאַרט מען אָפּ אַ חתן"...

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ דריטער פּראָצעס אין דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור, וואָס איז ניט נאָר אַ באַהערשונג פון דעם יחיד, נאָר אָפּטמאָל אויך די פאַרטיליקונג פון דעם גאַנצן מין, צו וועלכן ער געהערט. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם וויכטיקסטן ביאָלאָגישן פּראָצעס: די אַנטוויקלונג פון אַלץ העכערע און העכערע לעבנס־פאָרמען, אָדער מינים, און דאָס פאַרשווינדן, דאָס אויסשטאַרבן פון פילע נידעריקערע פאָרמען.

ס'איז מערקווירדיק, אַז אין דער טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכער דורכפאָרשונג פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס אין דער לעבעדיקער נאַטור שטויסן מיר זיך אָן אָן אַ דערשיינונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אויך אין דער פאַרטיפטער דורכפאָרשונג, סיי פון דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס, סיי פון דעם לעבנס־פּראָצעס, וואָס איז אפשר ענג פאַרבונדן מיט דעם פּראָצעס פון פאָרמירן קריסטאַלן. מיר האָבן שוין דערציילט, אַז לאָרד קעלווין האָט זיך געמיט, צו דערקלערן די קריסטאַליזאַציע דורך ריין מעכאַניש־

פיזיש־כעמישע דערשיינונגען, און אַז ער איז געצוואונגען געווען אָפּצוזאָגן זיך, פון אַזאַ טעאָרעטישער אויפגאַבע. אין דער טעאָרעטישער דערקלערונג פון לעבנס־דערשיינונגען בכלל ווערן נאָך עד היום געמאַכט אַלערליי פּרואוון, צוריקצופירן לעבן, אָן אַ שום רעשט, צו איינפאַכערע נאַטור־געזעצן. דאָ האָבן מיר אָבער אַ גאַנצע ריכטונג פון די נעאָ־וויטאַליסטן, וואָס ווייזן אויף דורך אַ שאַרפערן אַנאַליז, אַז דער לעבנס־פּראָצעס איז אַ זעלבשטענדיקע קראַפט, וואָס קאָן בשום אופן ניט פונאַנדערגעפּאַלמעסט ווערן, אָן אַ שום רעשט, אין פּראָצעסן פון דער ניט־לעבעדיקער וועלט. עס בלייבט אַן אומדערקלערלעכער „נשאר" אַפילו דעמאָלט, ווען מען גיט צו, אַז לעבעדיקע מאַטעריע קאָן „קינסטלעך" אויפגעבויט ווערן פון ניט־לעבעדיקער, פּונקט אַזוי ווי דאָס קומט טאָג־טעגלעך פאָר אין דער נאַטור, וואו פון לופט און „ערד" ווערן אויפגעבויט גאַנצע טאָנען פון לעבעדיקער מאַטעריע, סיי אין דער פאָרעם פון דער פלאַנצן־וועלט, סיי אין דער פאָרעם פון דער אַנימאַלישער.

פּונקט אַזאַ לאַגע האָבן מיר אויך אין דעם טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע, וואָס ברענגט אַרויס אַלץ העכערע און העכערע מינים. אויך דאָ האָט זיך דער מענטשלעכער גייסט פאַרמאָסטן, צוריקצופירן דאָס „העכערע" צו דעם „נידעריקערן". נאָך די גרויסע אויפטוען פון אַ דאַרווין, אַ העקעל, אַ וויסמאַן איז אויסגעוואַקסן אַ באַזונדער וויסנצווייג: „די אַנטוויקלונגס־מעכאַניק", וואָס האָט געשטרעבט אויסצופאָרשן דעם מעכאַניזם פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע סיי אין דעם וואַקסן פון אַ יחיד, סיי אין דעם אויפקום פון נייע אַרטן. די וויסנשאַפט איז דערביי באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שלל נייע פאַקטן און שטאַנדפּונקטן. אָבער גראָד איינער פון די וויכטיקסטע אויפבויער פון אָט דעם וויסנצווייג, וואָס האָט לכתחילה געטרוימט, אַז אויך דער עוואָלוציע־פּראָצעס קאָן דערקלערט ווערן ריין מעכאַניש, דער פּראָפעסאָר דריעש, איז לסוף געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די אַלע דערקלערונגען דעקן אויף נאָר די דרויסנלעכע זייט פון די דערשיינונגען, ניט אָבער זייער אינעווייניקסטן תוך, און אַז דער איבערגעבליבענער רעשט קאָן ניט פאַרשטאַנען ווערן אַנדערש, סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז די ביאָלאָגישע עוואָלוציע, ווי דאָס לעבן בכלל, איז אַ געוויסע פאָרמאַטיווע קראַפט, וואָס באַהערשט די מאַטעריע מיט אַלע אירע ריין מעכאַנישע און פיזיקאַלישע געזעצן.

על־כּל־פּנים איז דער הערשנדיקער געדאַנק אין דער ריין טעאָרעטישער ביאָלאָגיע אַזאַ, אַז דער גאַנצער עוואָלוציע־פּראָצעס „פון דער

מאָנערע ביז צום מענטשן״, שטעלט מיט זיך פאַר איין איינציקן שוועב צו אַלץ העכערע און העכערע אויסגעשטאַלטונגען פון לעבעדיקע ברואים — אַ שוועב, וואָס האָט געדויערט מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן און האָט זיך אפשר נאָך ניט אָפּגעשטעלט מיט דעם אַרויסבערענג פון דעם מענטש־לעכן מין.

דער געדאַנק פון דער איינהייטלעכקייט פון דעם גאַנצן ביאָלאָגישן שוועב ווערט פאַרשטאַרקט דורך ווייסמאַנס טעאָריע, אַז די לעבעדיקע סובסטאַנציע, די „פּראָטאָפּלאַזמאַ״, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן דער „עץ החיים״ מיט אַלע זיינע צווייגן און פאַרצווייגונגען אין די פאַר־שיידענע מינים, איז בעצם אומשטערבלעך און אַז אין יעדן פון אונדז געפינט זיך אַ שמץ פון אָט דער אייביק לעבעדיקער סובסטאַנציע, וועל־כע מיר גיבן איבער בירושה צו די קומענדיקע דורות.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָט דער עוואָלוציע־פּראָצעס צו דעם גורל פון דעם יחיד אויף דער וועלט און ספּעציעל צו דעם פּראָבלעם פון גליק, וועלכן מיר לאָזן דאָ ניט אַרויס פון אויג? שוין גאָר אַ גרויסע שייכות! לויט דעם זעלביקן ווייסמאַן, האָבן מיר, אַלע יחידים אין דער לעבעדיקער וועלט צו פאַרדאַנקען דעם עוואָלוציע־פּראָצעס יענע „טובה״, וואָס ער טוט מיט אונדז, וואָס, ווי יחידים, שטאַרבן מיר אויס... אויב דער פּראָצעס פאַרדינט דערפאַר „אַ האַרציקן דאַנק״. פאַר אַ פּראָגרעסיווער עוואָלוציע פון אַלץ העכערע מינים, איז אַבסאָלוט נויטווענדיק, אַז זי זאָל געטראָגן ווערן פון יונגע צופּאַסונגס־פּעאיקע אינדיווידועז; אַז די עלטערע, די פאַרקנעכערטע אין אַ באַשטימטן לעבנס־שאַבלאָן, זאָלן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעבן די אומשטערבלעכע לעבנס־סובסטאַנציע צו די קומענ־דיקע דורות, אין גאַנצן אָפּרייניקן דעם פּלאַץ פאַר די יונגע, די צו אַנט־וויקלונג פעאיקערע... דאָס לעבן פאַרמשפּט אונדז צום טויט, כּדי דאָס לעבן זאָל קאָנען אַרויסבערענגען העכערע פאָרמען...

אַ שיינעם דאַנק, חשובע עוואָלוציע! אָבער צוריק געשמועסט: אויב עס וואָלט ניט געווען דער טויט אין דער לעבעדיקער וועלט, אויב די יחידים פון אַ נידעריקערן טיפּ וואָלטן געווען אומשטערבלעך, וואָלטן דאָך אויך קיין מענטשן ניט געקענט אויפקומען אויף דער וועלט, ווייל די גאַנצע ערד וואָלט שוין לאַנג געווען באַפעלקערט פון אָט דעם איין איינציקן אומשטערבלעכן מין. אַפילו אין אונדזער אייגענעם מענטשלעכן וועלטעלע האָבן מיר אויך דעם טויט פון די יחידים צו פאַרדאַנקען אין אַ היפּשער מאָס אונדזער מענטשלעכן פּראָגרעס.

זייט אייך באמת משער די אומשטערבלעכקייט פון דעם מענטש־לעכן יחיד; טוט אַ טראַכט, אַז איצטער וואָלטן נאָך געלעבט דער אַלטער תּרח און דער אַלטער נמרוד מיט זייערע השגות און זייערע אויפפירונגען — און זייער מאַכט איבער די אַנדערע „טערעכס״...

ס׳איז אמת, אַז גראָד איצטער, ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, זעט די פּראָגרעסיווע וועלט אויס, אַקוראַט ווי זי פאַרנעמט זיך, מיט אירע היטלערס און מוסאָליניס, אַ שוועב צו טאָן צוריק צו די צייטן פון אַ תּרח און אַ נמרוד. אָבער אַזעלכע רעאַקציאָנערע צייטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען שוין פאַרגעקומען ניט איין מאָל. אַ דאַנק דעם טויט, זיינען יענע דורות אויסגעשטאָרבן און האָבן אַלע מאָל געמאַכט פּלאַץ פאַר נאָך אַ העכערן שוועב און שוואונג אויף דעם וועג פון דעם פּראָגרעס.

טראַכטן מיר וועגן דעם טויט פון די יחידים פון אַט דעם שטאַנד־פּונקט, מוזן מיר געבן אונדזער הסכמה צו יענעם מדרש, וואָס זאָגט: „טוב״ — זה החיים; „טוב מאוד״ — זה המות״. („גוט״, דאָס איז לעבן; „זייער גוט״ — דאָס איז דער טויט״), הגם דער מענטש האָט געהאַט אין זינען אַ גאַנץ אַנדער „גוטסקייט״, וואָס איז פאַרבונדן מיטן טויט.

פון אַט די אַלע באַטראַכטונגען אונדזערע וועגן דעם יחידס לעבן און באַדייט אין דער נאַטור קומט אַרויס נאָר איין איינציקער אַבסאָלוט קלאָ־רער פּועל־יוצא: דער יחיד איז פאַר דער נאַטור שוין גאָר ניט קיין „בן־יחיד״. אויב ער איז אַן „איך״, איז ער בשום אופן ניט קיין זעלבסט־צוועק. דער גאַנצער אָביעקטיווער זין, ד״ה דער שכלדיקער אינהאַלט, פון זיין לעבן, איז צו זיין אַ מיטל פאַר דער דערהאַלטונג פון לעבן בכלל, פאַר דער דערהאַלטונג פון באַשטימטע לעבנס־פאָרמען, אָדער מינים און פאַר זייער העכערער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג.

נאָך מער: די פאָרשטעלונג, אַז יעדער לעבעדיקער אינדיווידו איז אַן „איך״, ווי מיר קענען אַט די דערשיינונג פון אונדזער אינעווייניקסטן לעבן, אַ מין באַזונדער יש, מיט אַן אייגענעם באַוואוסטזיין, אַן אָפּגעשיידטער פון דעם „אַרום״, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך גופא, אַט די פאָרשטעלונג זאָג איך, איז אַבסאָלוט פאַלש. דער לעבעדיקער יחיד איז נאָך ווייניקער איינגעשלאָסן אין זיך, איידער אַ קריסטאַל, אָדער אַ פּערל, אָדער אַפילו אַ ניסל, אַן אַראָפּגעפאַלענע פונעם בוים.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געשילדערט דעם מענטשנס שטענדיקע אָפּהענגיקייט פון דער דרויסנדלעכער נאַטור, פון איר שטענ־דיקן אַריינשטראָמען אין אים און ווידער אַרויסשטראָמען פון אים. כּדי אַט דער פאַקט זאָל נאָך קלאָרער שטיין פאַר די אויגן, וועלן מיר אַנשטאָט

אַ מענטש נעמען אַ קליין מייזעלע, וואָס מעג דאָך אויך האָבן די פּרעטענזיע צו זיין אַן „איך״. מיר וועלן עס אַריינזעצן אין אַ קעסטל מעל. אין אַ צייט אַרום וועט פון דעם מעל ניט בלייבן קיין זכר. דאָס מייזעלע וועט בלייבן אין דער זעלביקער גרויס. דאָס מעל — די „דרויסנלעכע נאַטור״ — האָט דאָ אַריינגעשטראָמט אין און אַרויסגעשטראָמט פון דעם מייזעלע. און וואָלט אָט דער שטראָם זיך אָפּגעשטעלט, וואָלט אויך דאָס מייזעלע סוף־סוף פונאַנדערגעפאַלן אין איינצלנע שטאָף־טיילעכלעך פון דער דרויסנלעכער וועלט. עס איז דעריבער ניט גאַנץ ריכטיק צו רעדן וועגן אַ „שטאָף־אומבייט״ („מעטאַבאַליזם״) אין דעם אָרגאַנישן פּראָצעס. ריכטיקער איז צו רעדן וועגן אַ „שטאָף־דורכשטראָם״.

שטעלט אייך פאָר, איר שטייט פאַר דעם ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַל און טראַכט אין אים אַריין אַ דמיונדיק רינגעלע, דורך וועלכן דאָס וואַסער שטראָמט דורך. דער יחיד אין דער לעבעדיקער נאַטור איז ניט מער אַן „איך״, איידער אָט דאָס דמיונדיקע רינגעלע. געוויס, אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם איז ניט קיין דמיון; ער איז אַ רעאַלע ממשות, אָבער בשום אופן ניט קיין „איך״. אין תוך איז ער אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע נאַטירלעכע „כוחות״, וואָס טראַנספאָרמירן דעם אַריינשטראָמענדיקן נאַטור־שטאָף און באַשאַפן אין אים זייערס אַ זאַך, ניט דעם אינדיווידואומס אַ זאַך, לויט זייערע געזעצן, לויט זייער, אונדז נאָך פאַרבאָרגענעם זין.

ווי קאָן דאָ זיין די רייד וועגן אַן „איך״, ווי מיר קענען אים פון אונדזער אינעווייניקסטן לעבן? ווי איז דאָ מעגלעך אַן אין זיך אָפּגעשלאָסענער יש, מיט אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין, מיט אַ זעלבסט־געפיל, מיט אַ זעלבסט־דערהאַלטונג, מיט אַ צענטער פון דערקענטעניש און וועלעניש, מיט אַ זעלבסט־צוועק און אַן אייגענעם שטרעבן צו דעם „תכלית כל התכליתים״ — צו דעם אייגענעם גליק? זיינען דאָך אויך די הנאות און די יסורים, די באַגערונגען און די באַפרידיקונגען, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די קער־רימענס, מיט וועלכע די נאַטור פירט דורך אירע פאַרמירנדיקע פּראָצעסן, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען.

פון אַן אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן מיר שטייען, באַטראַכטנדיק דעם „זין פון אַ מענטשלעכן לעבן״ איז אַזאַ מין זאַך, ווי אַן „איך״ אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט. און פונדעסטוועגן איז דאָס „איך״־זיין אַ פאַקט פון אונדזער אינעווייניקסטן באַוואוסטזיין. אָביעקטיוו גענומען, איז אָט דער פאַקט אַ ריינע אילוזיע, פּונקט אַזאַ אילוזיע, ווי דער איינדרוק, אַז די זון איז די גרויס, ווי אַ טעלערל.

און מערקווירדיק דערביי איז, וואָס דער מענטש ווערט ניט געבוירן מיט אַט דער „איך"־אילוזיע, ווי דאָס וואָלט געמוזט זיין דער פאַל, ווען ער וואָלט געקומען אויף דער וועלט מיט אַן איינהייטלעכן „גייסטיקן יש" אין זיך, מיט אַן אַזוי גערופענער „נשמה". אַ צוויי דריי יאָריק קינד, וואָס קאָן שוין ריידן און דענקען האָט נאָך קיין ברעקל באַגריף ניט וועגן דעם, אַז ער איז אַן „איך". וועגן זיך אַליין באַנוצט ער נאָך ניט דאָס וואָרט „איך". ער רופט זיך אַליין מיט זיין נאָמען, פּונקט ווי ער רופט אַן אַלע אַנדערע דרויסנלעכע זאַכן און פּערזאָנען מיט זייערע נעמען. ער זאָגט נאָך ניט: „איך וועל עסן", „משהלע" איז נאָך פאַר אים אַ „דרויסנ־לעכע" זאַך, ווי אַלע אַנדערע „דרויסנלעכע" דערשיינונגען. ערשט שפּעטער פאַרבינדט ער די פאַרשטעלונג מיט זיין אייגענעם גוף מיט דער פאַרשטעלונג פון אַן אייגענעם „איך".

איז טאַקע דער ענין „איך" אפשר דער גרעסטער וואונדער אין דעם גאַנצן, אונדז באַקאַנטן וועלט־באַשאַף. מיר ווייסן נאָך ניט, ווי אַזוי, און אויף וועלכער שטופע פון דער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג עס האָט געקאָנט אויפקומען אַזאַ אילוזיע. מיר ווייסן אָבער יאָ, וואָס אַזוינס עס איז פון אַט דער אילוזיע אויפגעקומען אין דער וועלט. עס איז, אַ דאַנק אים, אויפגעקומען אַ נייער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס איז ביז צו דעם מענטשן נאָך ניט געווען אין דער וועלט: דער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער קולטור־שאַפונג. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער מענטש האָט דורך זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין זיך אַרויסגעשיידט פון דער נאַטור, וואָס זי, די נאַטור, איז פאַר אים פונאַנדערגעפאַלן אין אַן „איך" און אַ „ניט־איך", און אין וועלכן דער מענטש שטרעבט איבערצואַנדערשן די נאַטור, לויט זיין מענטשלעכן ווילן און פאַרשטאַנד, האָט געקאָנט זיך אַנטוויקלען אַט דער נייער פּראָצעס.

אין דעם נעקסטן קאַפּיטל וועלן מיר פּרואוון באַווייזן, אַז אויך דער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער קולטור־שאַפונג איז אַ פאַרמאַטיווער פּראָ־צעס, וואָס פאַרוואַנדלט נאַטור־דערשיינונגען אין קולטור־דערשיינונגען, פּונקט ווי דער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס פאַרוואַנדלט אומגעפורעמטע נאַ־טור אין געפורעמטע און ווי דער לעבנס־פּראָצעס פאַרוואַנדלט ניט־לע־בעדיקע נאַטור אין לעבעדיקע. דערביי וועט אויך דערפון געוויזן ווערן, אַז אויך דער קולטור־פּראָצעס איז אַ קער־ און ווענד־פּראָצעס, וואָס האָט זיינע „קער־רימענס" אין די ריין־מענטשלעכע פאַרשטעלונגען פון „גוט" און „שלעכט", און אין וואָס פאַר אַ באַלייכטונג עס ווערט דערביי אָוועק־געשטעלט דער פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק, און פון דעם אָביעק־טיוון „זין" פון דעם מענטשנס זיין אויף דער וועלט.

קאַפּיטל עלף

די קולטורעלע עוואָלוציע

דער ווערטפולסטער אוצר אין דער גייסטיקער ירושה, וואָס אונדזער יאָרהונדערט האָט אַריבערגענומען פון דעם ניינצנטן, באַשטייט אין דער טעאָריע פון דער וועלט־אַנטוויקלונג — דער „עוואָלוציע" — וואָס ווערט פאַראַמתט מיט יעדן ווייטערדיקן שריט אין דער וויסנשאַפטלעכער דער־קענטעניש און דינט ווי אַ באַזיס, כמעט, פאַר יעדן זעלבשטענדיקן צוויג אירן.

די וועלט־עוואָלוציע ווערט טעאָרעטיש באַטראַכט ווי איין איינציקער איינהייטלעכער שוועב, וואָס נעמט זיך, מיר ווייסן נישט פון וואַנען, און טראָגט זיך, מיר ווייסן ניט וואוהין. אָבער אין אָט דעם איינהייטלעכן טראָג, גייט זי דורך אָדער ברענגט אַרויס פאַרשיידענע ספּעציעלע ממשלות, אין וועלכע עס הערשן ניט נאָר די אַלגעמיינע געזעצן פון יעדער עוואָלוציע בכלל, נאָר אויך די ספּעציעלע אייגנאַרטיקע געזעצן און כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יעדער ממשלה באַזונדער.

אַזוי האָבן מיר: (א) די ממשלה פון דער קאָסמישער עוואָלוציע, אין וועלכער עס ווערן אויסגעפורעמט די איינצלנע „הימל"־קערפּער, מיט זייערע ספּיראַלישע „מילך־וועגן", מיט זייערע זונען, שטערן, פּלאַנעטן און קאָמעטן. (ב) די געאָלאָגישע עוואָלוציע, וואָס פורעמט אויס אונדזער פּלאַנעט, די ערד. אין אָט דעם פּראָצעס שפּילן שוין אַ ראָלע די קריס־טאַליזאַציע־כוחות, וואָס זיינען, ווי אַן איבערגאַנג צו נאָך אַ העכערן פאָר־רעם־בילדנדיקן פּראָצעס (ג) די ביאָלאָגישע עוואָלוציע, וואָס איר עובדא איז די אויספורעמונג פון לעבעדיקע ברואים, מיט זייערע פאַרשיידע־נע מינים. אין איר גופא הייבט זיך אָן (ד) די פּסיכאָלאָגישע עוואָ־לוציע, די אַנטוויקלונג פון געפיל, פאַרשטאַנד און באַגער, אָנגעהויבן פון זייערע נידעריקסטע שטופן ביז צו זייערע העכסטע דערשיינונגען אין אַן איינשטיין, לאַסאַל אָדער בעטהאָווען. גלייכצייטיק מיט די אָנהויבן פון דער ביאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער עוואָלוציע קומט פאַר נאָך אַ הע־

בערע אַרט פֿאָרמירונגס־פּראָצעס — (ה) די סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע, דאָס צונויפֿלעבן פֿון איינצלנע אינדיווידועןאין אַ וועלכער עס איז פֿאָרעם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. עספּינאָס וויל האָבן, אַז אויך די אָרגאַניזמען זיינען אויפֿגעקומען אונטער דער ווירקונג פֿון אָט דעם סאָציאָלאָגישן פּראָצעס. אָרגאַניזמען, זאָגט ער, זיינען געזעלשאַפֿטן פֿון „קעמערלעך" אָדער „קליי־טעלעך", וואָס געהאָרכן די סאָציאַלע געזעצן פֿון קאָ־אָפּעראַציע און פֿונאַנ־דערטיילן די פֿאַרשיידענע „אַרבעטן" צווישן די איינצלנע „קלייטעלעך" און אָרגאַנען. צוריק — באַטראַכטן אַ סך סאָציאָלאָגן, צווישן זיי אויך קאַרל מאַרקס, די געזעלשאַפֿט, ווי אַן אָרגאַנישן פּראָצעס. די איצטיקע געזעלשאַפֿט, זאָגט ער, איז „ניט קיין פֿעסטער קריסטאַל, נאָר — אַן אָרגאַניזם" (פֿאָרוואָרט צו דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", ענגלישע איבער־זעצונג, ז' 16). ספּענסער, איינער פֿון די גרעסטע טעאָרעטיקער פֿון דער „עוואָלוציע", באַטראַכט אָבער די געזעלשאַפֿט, ווי אַן איבער־אָרגאַנישן פּראָצעס.

ביי דער ממשלה פֿון דעם סאָציאָלאָגישן פּראָצעס בלייבט שטיין די איצטיקע טעאָריע פֿון דער וועלט־עוואָלוציע. אויך קאַרל מאַרקס באַ־טראַכט די ווייטערדיקע וועלט־אַנטוויקלונג אין דער מענטשן־וועלט, נאָר ווי אַ היסטאָרישן פּראָצעס, ד"ה נאָר ווי די אַנטוויקלונג פֿון די געזעל־שאַפֿטלעכע אָרגאַניזמען ביי דער מענטשהייט. לפֿי דעם דאַרף טעאָרע־טיש אויך דער היסטאָרישער פּראָצעס פֿון דער מענטשהייט ווערן ניט ווי אַ באַזונדער זעלבשטענדיקע ממשלה פֿון דער וועלט־עוואָלוציע, נאָר ווי אַן אויסשניט פֿון דעם אַלגעמיין־סאָציאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס נעמט אין זיך אַריין אויך אַזעלכע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמירונגען, ווי די, וועל־כע מיר שטודירן אין אַ בינשטאָק אָדער אין אַ בנין פֿון די טערמיטן.

אָבער ביי דעם זעלביקן קאַרל מאַרקס געפֿינען מיר אַ פּאָר שטעלן, וואָס לאָזן דייטלעך דורכבליקן, אַז ער נעמט אַרויס די מענטשלעכע גע־זעלשאַפֿט און איר היסטאָרישן פּראָצעס פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאָ־לאָגער עוואָלוציע און מאַכט אַ פּלאַץ פֿאַר אים אין אַ באַזונדער ממשלה — דער ממשלה פֿון דער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג — הגם אָט דער געדאַנק שטאַרצט אַרויס פֿון זיין „געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע", נאָר ווי אַ שפּראַצ־לינג פֿון אַ גאַנץ אַנדער געוויקס. און אפֿשר איז מאַרקסן אַליין נאָך ניט געווען קלאָר דער גאַנצער באַדייט פֿון זיין אויפֿטו פֿאַר דער טעאָריע פֿון דער וועלט־עוואָלוציע.

ענגעלס פֿאַרזיכערט אונדז אין דעם סוף פֿון זיין אַרבעט וועגן פֿייערבאַכן, אַז מאַרקס „האָט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבעט גע־

פונען דעם שליסל צו פאַרשטיין די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט״. פרעגט זיך נאָר די שאלה, צי די מענטשלעכע אַרבעט האָט אַ באַזונדער אייגענע אַרט, וואָס שיידט זי אָפּ פון יענער „אַרבעט״, וועלכע ווערט דורכגעפירט אין אַלגעמיינע געזעלשאַפטן (ווי די בינען), און צי ווערט ניט די מענטשלעכע געזעלשאַפט דורך דעם גופא אַרויסגענומען פון דער אַלגעמיינער סאָציאָלאָגישער עוואָלוציע אין דער נאַטור. אין דער אמתן טוט דאָס טאַקע מאַרקס, ווי מיר זעען דאָס קלאָר אָט פון וועלכן ציטאַט אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דעם קאַפּיטאַל.

קאַרל מאַרקס שרייבט: „מיר האָבן דאָ [אין דעם מענטשלעכן אַרבעטס־פּראָצעס ה. זש.] ניט צו טאָן מיט די ערשטע, אינסטינקטיווע, חיה־אַרטיקע פאָרמען פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס... מיר זעצן פאָראויס דעם אַרבעטס־פּראָצעס אין יענער פאָרעם, וואָס געהערט נאָר דעם מענטשן אַליין. אַ שפּין פירט דורך האַנדלונגען, וואָס דערמאָנען אונדז דעם וועבער, און אַ בין פאַרשעמט אַ היפּש ביסל מענטשלעכע בוימייסטערס מיט דעם בוי פון אירע וואַקס־קלייטלעך. אָבער דער ערגסטער בוימייסטער צייכנט זיך אויס פון דער בעסטער בין דורך דעם, וואָס ער האָט דאָס קלייטעלע פריער אויפגעבויט אין זיין קאָפּ, איידער ער בויט זי אין וואַקס. צום סוף פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס קומט אַרויס אַ רעזולטאַט, וואָס איז שוין לכתחילה געווען אין דער פאָרשטעלונג פון דעם אַרבעטער, ד״ה אידעאַל. ער ברענגט אַרויס ניט נאָר אַן ענדערונג אין דער פאָרעם פון נאַטירלעכן שטאָף, נאָר ער פאַרווירקלעכט אין אים אין דער זעלביקער צייט זיין באַוואוסטזיניקן ציל, וואָס באַשטימט ווי אַ געזעץ דעם אופן פון זיין טאָן, און מוז אונטערוואַרפן זיין ווילן אונטער יענעם געזעץ. ...אויסער דער אָנשטרענגונג פון די אָרגאַנען, וואָס אַר־בעטן, פאָדערט זיך פאַר דער גאַנצער דויער פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס אַ צוועק־מאָסיקער ווילן, וואָס טרעט אַרויס ווי אַן אויפמערק, און דאָס אַלץ מער, וואָס ווייניקער די אַרבעט פאַרכאַפּט דעם אַרבעטער מיט איר אינהאַלט און מיט דעם אופן פון איר דורכפיר; וואָס ווייניקער געניס ער האָט פון איר, ווי אַ שפּיל פון זיינע אייגענע קערפּערלעכע און גייסטיקע כוחות״. (זע „דאָס קאַפּיטאַל״, ערשטע אויפלאַגע, 1867, זז׳ 141—142, אונטערגעשטראָכן פון מאַרקסן גופא. פ״גל די ענגלישע איבערזעצונג ז׳ 198).

וואָס לערנט אונדז דאָ מאַרקס? ער לערנט אונדז, אַז די מענטשלעכע אַרבעט, וואָס איז דער פון אים געפונענער „שליסל״ צו דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז פאַרשיידן פון יענע אינסטינק־

טיווע האַנדלונגען, וואָס קומען פאָר אין אַן אַנימאַלער געזעלשאַפט, ווי צ"ב אין אַ בינשטאָק. די מענטשלעכע אַרבעט איז אַ באַוואוסטזיניק־צוועקמעסיקע. זי מוז עקזיסטירן אידעעל; אין דעם מענטשלעכן קאָפּ, ווי אַ „סוף מעשה במחשבה תחילה". עס איז אַן אַרבעט, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַרומגעשפּונען מיט אַ באַוואוסטזיניקן מענטשלעכן געדאַנק — סיי ווען זי צווינגט דעם מענטשן, אונטערצוואַרפן זיך אונטער איר געבאָט און געזעץ, סיי ווען זי קומט אַרויס ווי אַ „שפּיל" פון דעם מענטשנס קערפּערלעכע אָדער גייסטיקע כּוחות. דערפאַר זאָגט טאַקע מאַרקס אין אַן אַנדער אָרט, אַז „די אַרבעט איז דער לעבנס־אַרויסווייז פון דעם מענטשן".

אָבער גראָד אַזאַ אַרבעט איז דער יסוד און דער גרונט־געזעץ פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג. וואָס איז קולטור? — דאָס איז ניט נאָר אַלץ, וואָס גייט דורך מאַטעריעל דורך דער מענטשלעכער האַנט, נאָר אויך אַלץ, וואָס גייט דורך אידעעל דורך דעם מענטשלעכן קאָפּ, דורך דעם מענטשלעכן געדאַנק, געפיל און ווילן. צי האָבן מיר דעריבער ניט אַ רעכט, צו באַטראַכטן אויך די קולטור־אַנטוויקלונג, ווי אַן אייגנאַרטיקן שטועב פון דער אַלוועלטלעכער עוואָלוציע? צי האָבן מיר ניט אַ רעכט צו גלייבן, אַז זי, די וועלט־עוואָלוציע, האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי דער פינפטער ממשלה, דער סאָציאָלאָגישער, דער „אײַבער־אָרגאַנישער", ווי ספּענסער רופט זי אָן, נאָר אַז זי ברענגט אַרויס אין נאָך אַ העכערן שוואונג, ווי אַ באַזונדער ממשלה, אַן אידעעלע וועלט, דורך די אידעען, דורך די גייסטיקע פּראָצעסן פון די איינצלנע מענטשלעכע „איכן", אַן אידעעלע וועלט, וואָס האָט אירע אייגענע געזעצן, וואָס האָרכט אָבער אויך יענע גרונט־געזעצן, וואָס באַהערשן יעדע עוואָלוציע בכלל, און די ביאָלאָגישע ווי סאָציאָלאָגישע בפרט?

דער מאַטעריאַליסט מאַרקס וואָלט זיכער ניט איינגעשטימט מיט אַזאַ פאָרמולירונג פון דעם ענין, און וואָלט אויף דער שאלה מסתמא געענטפערט מיט: „ניין!" אָבער מיר מעגן דאָך גיין אונדזער אייגענעם וועג, האָבנדיק אין זינען אויך יענע גרונט־געדאַנקען פון מאַרקסעס סאָציאָלאָגיע און געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס שטאַרצן אַרויס פון זיין מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, ווי שפּראָצלינגס אָדער עמבריאָנען פון אַ העכערן גייסטיקן איינשטעל. גייענדיק אָט דעם וועג, האָבן מיר גענוג און איבערגענוג טעמים, צו באַטראַכטן די קולטור־אַנטוויקלונג, ווי אַן אייגענע ריין גייסטיקע ממשלה פון דער וועלט־עוואָלוציע, ווי דעם זעקסטן און העכסטן שטאַפּל אירן, וואָס איז אונדז באַקאַנט.

לאָמיר קודם קלאָר ווערן אין דעם אונטערשייד צווישן אַ ריינער נאַטור־דערשיינונג און אַ קולטור־דערשיינונג!

אָט איז אַ בוים, וועלכן דער ווינט האָט אויסגעוואָרצלט און אַריבער־געוואָרפן איבער אַ וואַסער. דאָס איז אַ ריינע נאַטור־דערשיינונג. אָבער דער זעלביקער בוים, אַ ביסעלע צו רעכט געלייגט, כדי מענטשן זאָלן קאָנען אַריבערגיין איבערן וואַסער, איז שוין אַ קולטור־דערשיינונג: אַ „בריק". אָט איז אַ פאַרשפּיצטער שטיינדל, אָפּגעברעקלט פון אַ פייער־שטיין. דאָס איז אַ ריינע נאַטור־דערשיינונג. אָבער אָט איז פּונקט אַזאַ פאַרשפּיצטער שטיקל פייערשטיין, וואָס טראָגט אָבער אויף זיך קלאָרע סימנים, אַז מענטשלעכע הענט האָבן אים אָפּגעשפּאָלטן און צוגעשפּיצט. דאָס איז שוין אַ קולטור־דערשיינונג: אַ „פייל", ווי מיר זעען אים אין פאַרשיידענע קולטור־היסטאָרישע מוזייען. זיין פאָרעם איז פריער דורכ־געגאַנגען דורך דעם געדאַנק פון אַ מענטשלעכן „איך" און איר באַוואוסט־זיניקער ציל ווערט פאַרשטאַנען פון אַנדערע מענטשלעכע „איכן".

הוא הדין, מיט אַלע חפצים, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין דער קול־טור. הייזער, און געצייג און מאַשינעס, און קליידער, און צירונג און... און... ווי נאַטור־דערשיינונגען זיינען זיי מאַטעריעלע שטאָפן, וואָס זיינען איינגעאָרדנט אויף אַ וועלכן עס איז אופן. ווי קולטור־דערשיינונגען זיינען זיי שטיקער נאַטור, אַזוי צו זאָגן, אַרומגעוועבטע מיט מענטשלעכן גע־דאַנק, וואָס גיט זיי די באַשטימטע פאָרעם. און וואָס מער מענטשלעכער געדאַנק עס דאַרף, אין דעם לויף פון דער קולטור־אַנטוויקלונג, אָנגע־ווענדט ווערן אויף אַרויסצוברענגען אַזאַ מאַטעריעלן חפץ, אַלץ אויף אַ העכערער מדרגה שטייט ער אין דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור.

נעמט אַ דאָלאַר־ביל. ווי אַ נאַטור־דערשיינונג, איז דאָס אַ שטיקל מאַטעריע, באַדעקט מיט פינטעלעך, שטריכעלעך, פּאַסיקלעך, פאַרבן, פון אַזאַ אָדער אַנדער פאָרעם. אָבער מען וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנץ דיקן בוך, כדי אויסצורעכענען אַלע יענע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע, וויסנשאַפטלעכע און אויך קינסטלערישע קולטור־געדאַנקען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון פּאַפּיר־געלט. שוין די דרוק־מאַשין אַליין, וואָס ברענגט אַרויס דעם דאָלאַר־ביל, איז אַ שלל פון מענטשלעכע געדאַנקען, ווי דאָס איז צו זען פון יענעם חשבון, וועלכן ספּענסער מאַכט פאַר איר אין זיין „אַריינפיר צו דער סאָציאָלאָגיע". און דער „זין" פון דעם דאָלאַר־ביל איז ניט דאָס פּיצל באַקריצלטע „מאַ־טעריע", נאָר דער געדאַנק, וואָס איז פאַרבונדן מיט אים אין מענטשלעכע מוחות: זיין געלט־ווערט. זאָל אָט דער „זין" פאַרשווינדן אין גאַנצן —

ווי דאָס טרעפט אָפט מיט געלט־פּאַפּיר — און דער דאָלאַר־ביל קאָן ווידער ווערן אַ נישט־ווערטיק שטיקל מאַטעריע.

וועגן אָט דעם ענין קאָנען איצטער גוט אַ טראַכט טאָן יענע „אַל־רייטניקעס" אונדזערע, וואָס האָבן אָנגעקויפט „שערס" איידער דעם גרויסן קראַך. זאָלן זיי זיך חקירהן וועגן יענעם גרויסן וואונדער, וואָס האָט קולטור־דערשיינונגען פון אַ „הויכן ווערט" פאַרוואַנדלט אין פּשוטע פּאַפּירענע שמאַטעס, גוט נאָך אפשר אויף צו מאַכן פייער אין אַן אויוון.

מיר נעמען איצטער אַן אַנדער קולטור־דערשיינונג, אין וועלכער דער נאַטירלעכער שטאָף, די „מאַטעריע", איז שוין געוואָרן „דק מן הדק", אַזוי דין ווי לופט. מיר האָבן דאָ אין אויג — אַ קאָנצערט. וואַרפן מיר אַראָפּ פון חשבון די „מאַטעריע" פון די אינסטרומענטן — וואָס זיינען אויך קולטור־דערשיינונגען, ווייל זייער „מאַטעריע" איז אַרומגעוועבט מיט אַ דורות־לאַנגען גייסטיקן פּראָצעס, איז דער תוך פון דעם קאָנצערט — לופט־כוואַליעס, וואָס רופן אַרויס אין אונדזערע הער־נערוון געוויסע קלאַנגען. יאָ, דאָס איז דער „תוך" פון אַ קאָנצערט, ווען מיר באַטראַכטן אים, ווי אַ ריינע נאַטור־דערשיינונג. אָבער וואָס איז זיין „תוך", ווי אַ קאָנצערט ווי אַ קולטור־דערשיינונג אין יענעם קולטור־פּראָצעס, וואָס רופט זיך די „אַנטוויקלונג פון מוזיק"? ניט פון „נאַטירלעכע" לופט־כוואַליעס זיינען זיין „תוך" נאָר יענע גייסטיקע פּראָצעסן אין אַ מענטשלעכן „איך", וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די „מעלאָדיעס" און „האַרמאָניעס" און וואָס אַנדערע מענטשלעכע „איכן" פאַרשטייען זיי און לעבן דורך דערביי געוויסע גייסטיקע פּראָצעסן.

מיר וועלן איצטער אַריבערגיין צו אַזעלכע קולטור־דערשיינונגען, וואו די „מאַטעריע", וואָס באַטייליקט זיך דערביי, ווי גראָב זי זאָל ניט זיין, שפּילט שוין גאָר קיין ראָלע ניט אין זייער „תוך", ווי אַ קולטור־דערשיינונג.

קאַפּיטל צוועלף

די צווייטע יצירה

אין דער מענטשלעכער קולטור־וועלט געפינען זיך אַ סך זאַכן, וואָס זיינען, לויט דעם שטאָף, פון וועלכן זיי באַשטייען, פשוטע שטיקלעך „נאַטור". קליידער, הייזער, מאַשינעס, צירונג וכו'. מיר רופן זיי אָבער ניט „נאַטור־דערשיינונגען", נאָר „קולטור־דערשיינונגען". דאָס איז דערפאַר, וואָס די שטיקלעך „נאַטור" זיינען דאָ דורכגעגאַנגען דורך דעם פּראָצעס פון מענטשלעכער אַרבעט, דורך דעם מענטשנס הענט און קעפּ. זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, „אַרומגעוועבט" מיט מענטשלעך־גייסטיקע פּראָצעסן. נאָך מער אָבער דערפאַר, וואָס דער „זין" און באַדייט זייערער, ד"ה דער שכלדיקער אינהאַלט זייערער פאַר דעם מענטשן, באַשטייט ניט אין דעם נאַטירלעכן שטאָף, פון וועלכן זיי באַשטייען, נאָר אין דעם גייסטיקן פּראָצעס, וועלכן זיי שטעלן מיט זיך פאָר.

איינזען קלאָר אָט דעם ענין, איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט אויך פאַר אונדזער פּראָבלעם וועגן דעם „זין" פון אַ מענטשלעכן לעבן, סיי פאַר דעם שכלדיקן אינהאַלט זיינעם, סיי פאַר זיין בר־דעתדיקן תכלית, וואָס באַשטייט אין דעם שטרעבן צו אַ „גליקלעכן" זיין אויף דער וועלט.

אויף טויזנטער און טויזנטער ביישפּילן קאָן מען קלאָר איינזען, אַז דער „תוך" פון אַ קולטור־דערשיינונג איז דער גייסטיקער פּראָצעס, וואָס איז פאַרווירקלעכט אין איר און ניט די „גשמיות" פון וועלכער זי באַשטייט. מיר וועלן דאָ דערמאָנען נאָר איינעם. נעמט איינע פון די גרעסטע נאַטור־דערשיינונגען אויף דער ערד, דעם באַרג טשימבעראַזאָ. פאַרגלייכט אים מיט אַ „קליינער" קולטור־דערשיינונג — זאָגן מיר, מיט דעם ערשטן באַנד פון מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". לויט דעם סכום „מאַטעריע" אין די געדרוקטע בלעטער פון דעם „קאַפּיטאַל", איז עס אַ קליין הויפּנדל לגבי דעם באַרג. אָבער לויט דעם סכום מענטשלעך־גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם באַרג אין דער נאַטור, און ניט אין אונדזער דער־

קענטעניש, איז דער באַרג פון זיין זייט אַ גאָרנישט לגבי דעם בוך. און וואָס נאָך מער: דער "זין", דער שכלדיקער אינהאַלט פון דעם באַרג אין דער דערקענטעניש, באַשטייט דורכאויס פון „נאַטיר־לעכע", מעכאַניש־פיזיש־געאָלאָגישע פּראָצעסן. דער „זין" אָבער פון מאַרקסעס שריפט האָט אין זיך קיין שמץ ניט פון געאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס זאָלן זי האָבן דירעקט אַרויסגעבראַכט. דער„זין" באַשטייט דאָ אין ריין מענטשלעכער גייסטיקער אַרבעט.

מיר גייען איצטער איבער צו אַזעלכע קולטור־דערשיינונגען, וואָס הגם זי זיינען אומגעהייער רעאַל, און וואָס זייער רעאַליטעט ווערט פון דעם מענטשן געשפּירט אויף שריט און טריט, האָבן זיי ווי קולטור־דערשיינונגען קיין ברעקל שמץ ניט פון אַ וועלכער עס איז מאַטעריע. זייער רעאַליטעט ליגט דורכויס אין די מענטשלעכע געדאַנקען און די גייסטיקע פּראָצעסן בכלל. דאָס זיינען אין דער ערשטער ליניע אַלע יענע קולטור־דערשיינונגען, וואָס וואַקסן אַרויס פון די מענטשלעכע שייכותן אין דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, יורידישן און פּאָליטישן לעבן. מיר נעמען אַ „קיסר", דאָרטן וואו ער לעבט נאָך אין זיין פריערדיקער מאַכט, ווי אַ באַלעבאָס אויף אַלעמענס לעבנס, און אַן „אונטערטאַן". מאַרקס זאָגט, אַז דער קיסר איז נאָר דערפאַר אַ „קיסר", ווייל די אונטערטאַנען גלייבן, אַז זיי זיינען „אונטערטאַנען". טוט זיי ביידן אויס מוטער־נאַקעט און פאַר־גלייכט זיי, ווי נאַטור־דערשיינונגען, וועט איר אין זיי ביידן ניט געפינען קיין ברעקל פון אַ „קיסר" אָדער אַן „אונטערטאַן". די רעאַליטעט פון זייער אונטערשייד ליגט ניט אין זייער „נאַטירלעכן חומר", נאָר אין דעם אינעווייניקסטן מענטשלעך־גייסטיקן פּראָצעס. און ווי „רעאַל" איז די דאָזיקע רעאַליטעט! אין די פּרימיטיווע צייטן האָט אַ קיסר „געמאָגט" מיר־ניט דיר־ניט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ פון יעדן „אונטערטאַן". — אָדער: אַ „קאַפּיטאַליסט" און אַן „אַרבעטער"; אַ לערער און אַ תּלמיד"; אַ „ריכ־טער" און אַן „אָנגעקלאָגטער"; אַן „איידעם" און אַ „שוויגער" (איז אַ „שוויגער" ניט קיין מאוימדיקע „רעאַליטעט"?); אַ „לענדלאָרד" און אַ „טענאַנט" וכו', וכו', וכו'! אַנאַליזירט אַזעלכע ביישפּילן, וואָס קאָנען פאַרמערט ווערן אין די טויזנטער, און איר וועט געפינען אַז דער „זין" פון זייער רעאַליטעט ליגט ניט אין דער „מאַטעריע" פון זייערע גופים — ווי דיק עס זאָל אַמאָל ניט זיין דער גוף פון דעם „קאַפּיטאַליסט" און ווי דאַר עס זאָל אַמאָל ניט זיין דער גוף פון דעם „אַרבעטער". דער „זין" פון זייער רעאַליטעט ליגט אין זייערע געזעלשאַפטלעכע שייכותן, ד"ה אין אַ באַשטימטן סכום פון מענטשלעכע געדאַנקען.

און נאָך ווייטער פון די „נאַטור״־דערשיינונגען שטייען יענע קול־טור־פּראָדוקטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ריין גייסטיקע ענינים: איר האָט דאָ געדאַנקען־בילדער וועגן דער דרויסנדיקער וועלט און דער וויסנ־שאַפט, דער פילאָסאָפיע און דער רעליגיע. איר האָט דאָ קונסט־וויזיעס, וואָס דער קינסטלער שטרעבט צו פאַרווירקלעכן און זיינע שאַפונגען. איר האָט דאָ פּאָעטישע געפילן סיי ביי די פּאָעטן, סיי ביי די פּשוטע בשר־ודמס; איר האָט דאָ מאָראַלישע שטרעבונגען.

אַ ים, ניט אויסצושעפּן, איז די ממשלה פון דער מענטשלעכער קולטור! אויסצוגעפינען די וויכטיקסטע שטאַמען פון דעם קולטור־בוים, צו געבן אַ קלאַסיפיקאַציע פון די וויכטיקסטע פעלדער, אויף וועלכע עס אַרבעט דער מענטשלעכער גייסט, האָב איך געפּרואווט אין מיין אַרבעט: „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״. אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט, צו ברענגען יענע קלאַסיפיקאַציע און צו באַלייכטן דעם וועג, ווי אַזוי איך בין צו איר געקומען.

דאָ מוזן מיר האָבן אין אויג, אַז אַלע יענע גרונט־שטאַמען (אָדער „צווייגן״, אָדער „פעלדער״) פון דער גרויסער קולטור־ממשלה שטייען אַלע אין אַ כּמו־אָרגאַנישן צונויפבונד. דאָס האָבן געשפּירט און אַרויס־געבראַכט אין זייערע ווערק שוין אַזעלכע אַלץ אַרומנעמענדיקע דענקער פון דער וועלט־אַנטוויקלונג, ווי אַ העגעל, אַ מאַרקס, אַ ספּענסער. פאַר דער ריין מענטשלעכער אַנטוויקלונג האָבן דאָס געטאָן אַגיוסט קאָנט און די „פּאָזיטיוויסטישע שולן״ אין דער פילאָסאָפיע.

דערצו דאַרף מען אויך געדענקען, אַז דער כּמו־אָרגאַנישער צו־נויפבונד פון אַלע קולטור־צווייגן, זייערע ווירקונגען און קעגן־ווירקונגען איינס אויפן אַנדערע, שטעלן מיר זיך פאַר אַ געזעצמעסיקע אַנטוויקלונג פון עפּאָכן און פּעריאָדן, אָנגעהויבן פון די ערשטע קולטור־אויפבליצן ביי די פּרימיטיווע פעלקער ביז צו דער קאָמפּליצירטער ציוויליזאַציע פון אונדזער צייט. אַזוי רעכנט, צ״ב מאַרקס, אַז אויף דעם סאָציאַלן פעלד איז די מענטשהייט דורכגעגאַנגען די עפּאָכן פון דעם פּרימיטיוון קאָמוניזם, דער שקלאַפעריי, דער קנעכטשאַפט, דעם קאַפּיטאַליזם מיט זיין לוין־אַרבעט. אַלע אָט די עפּאָכן האָבן געמוזט אַרויסוואַקסן איינע פון דער אַנדערער, די קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע וועט אַרויסברענגען פון זיך נאָך אַ העכערע אָרגאַניזאַציע־פאָרעם, דעם סאָציאַליזם, מיט אַ הע־כערן אויפשוואונג אין אַלע קולטור־שאַפונגען. אויך די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק לאָזט זיך איינטיילן אין עפּאָכן, וואָס גרייטן פאָר איינע די אַנדערע. אַזוי רעכנט ענגעלס, אַז די אַנטוויקלונג פון דער טעכנישער

קולטור שטעלט מיט זיך פאַר אַיין איינציקן פּעריאָד, אָנגעהויבן מיט דעם פאַרוואַנדלען באַוועגונג אין וואַרעמקייט — דער דערפינדונג פון פייער — און פאַרענדיקט מיט דעם צוריק פאַרוואַנדלען וואַרעמקייט אין באַוועגונג — דער דערפינדונג פון דעם דאַמף־מאַטאָר.

אַט די אַלע פאַקטן און באַטראַכטונגען, וואָס מיר האָבן געבראַכט וועגן דער ממשלה פון דער מענטשלעכער פיזישער און גייסטיקער אַרבעט, ווי אַ „לעבנס־אַרויסווייז פון דעם מענטשן" — לויט דער כאַראַקטעריסטיק פון קאַרל מאַרקס — זיי אַלע, זאָג איך, גיבן אונדז אַ רעכט צו באַטראַכטן די קולטור־ממשלה, ווי אַ זעלבשטענדיקן אייגנאַרטיקן באַשאַפונגס־שוועב פון דער וועלט־עוואָלוציע, פונקט אַזאַ זעלבשטענדיקן און אייגנאַרטיקן, ווי די ביאָלאָגישע עוואָלוציע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט לעבעדיקע יחי־דים, און די סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע, וואָס פאַרווירקלעכט זיך אין פאַר־שיידענע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען סיי אין דער אַנימאַלישער וועלט, סיי אין דער מענטשלעכער: אַ זעלבשטענדיקער שוועב דערפאַר, וואָס די „קרעפטן" דורך וועלכע ער ווערט פאַרווירקלעכט, זיינען טאָטאַל פאַר־שיידן פון די אַזוי אָנגערופענע נאַטור־פּראָצעסן. מיר קאָנען רעדן וועגן זיי, ווי וועגן „קולטור־קרעפטן", ווי וועגן פאַרמאַטיווע, געשטאַלט־בילדנ־דיקע כוחות, מיט דעם זעלביקן רעכט, מיט וועלכן מיר רעדן וועגן „קריסטאַ־ליזאַציע קרעפטן" אין דער נאַטור. און זעלבשטענדיק, אייגנאַרטיק איז דער קולטור־שוועב,— אַ סך אייגנאַרטיקער, איידער די אַנדערע אייגנאַרטי־קע שוואונגען פון דער וועלט־עוואָלוציע— דערפאַר, וואָס זיינע באַשאַפנדיקע קרעפטן זיינען מענטשלעכע, און וואָס אַלע פּראָדוקטן זיינע זיינען רעאַלי־זירונגען פון אַ מענטשלעכן גייסטיקן פּראָצעס, וועלכן מיר קאָנען אין דער נאַטור אין ערגעץ ניט אָנטרעפן. ער ווירקט נאָר אין דער ממשלה פון דער מענטשלעכער קולטור.

מיר קאָנען גיין נאָך ווייטער. מיר קאָנען אָנרופן די קולטור־ממשלה אַ צווייטע יצירה, ווייל אין איר גייסטיקן איהאַלט איז זי נאָך אַ סך רייכער, איידער יענע נאַטור, וואָס קאָן אַריינגענומען ווערן אין דער מענטש־לעכער דערקענטעניש, איידער יענער גאַנצער נאַטור־באַשאַף, אין וועלכן עס לעבט באַוואוסטזיניק דער מענטש, ווייל פון קיין אַנדער נאַטור האָבן מיר, מענטשן, אפילו ניט די קלענסטע השגה.

יאָ, „קולטור" איז רייכער, איידער „נאַטור". דאָס קלינגט פּאַראַ־דאָקסאַל, אָבער דאָס איז אות באות ריכטיק. אין דער אמתן! לאָמיר אָנ־נעמען אויף אַ ווײלע, אַז אין דער דערקענטעניש פון דער נאַטור האָבן מיר היינט צו טאָג דערגרייכט דעם העכסטן אַבסאָלוטסטן אמת וועגן די נאַטור־

דערשיינונגען, צ״ב אַז עס איז שוין אַבסאָלוט זיכער און פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף אייביק, אַז די זון שטייט און די ערד דרייט זיך אַרום איר, ווי די לבנה דרייט זיך אַרום דער ערד. האָבן מיר דאָ אין דער „נאַטור־געשיכטע״, איין איינציקן געדאַנק. אָבער אין דער קולטור־געשיכטע איז אַט דער איין איינציקער געדאַנק נאָר אַ קווער־שניט — לאָז זיין דער לעצטער — פון אַ גאַנצן לאַנגן „לענג־שניט״, דער אַנטוויקלונג פון דער אַסטראָנאָמיע. אין דעם איין איינציקן שוועב פון דער קולטור־געשיכטע האָבן מיר ערשטנס אַ זון און אַ לבנה, וואָס זיינען ווי לאָמפּן אַזוינע, צו באַלייכטן די פלאַטשיקע ערד. מיר האָבן צווייטנס אַ זון און לבנה וואָס זיינען געטער. מיר האָבן דריטנס אַ זון און פּלאַנעטן, וואָס דרייען זיך שוין אַרום אַ קיילעכדיקער ערד. מיר האָבן פערטנס פאַרשיידענע טעאָריעס, „די עפּיציקלען״, ווי אַזוי צו דערקלערן דעם גוזעצמאַסיקן גאַנג פון די פּלאַנעטן אַרום דער ערד. קורץ: מיר האָבן דאָ אַ סך אַ גרעסערן סכום פון מענטשלעכער גייסטיקער אַרבעט, איידער נאָר אין דעם געפונענעם, „אייביק זיכערן״ רעזולטאַט.

און אַזוי איז דאָס מיט יעדן איינציקן „אַבסאָלוט־זיכערן אמת״ פון דער מענטשלעכער נאַטור־דערקענטעניש. יעדערער פון זיי איז נאָר דער לעצטער קווער־שניט פון אַ לאַנגען גייסטיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס אַלע זיינע פאַזיסן אין איינעם, זיינען, אין זייער גוזעצמאַסיקער אַנטוויקלונג, — גייסטיק, ד״ה פון אַ קולטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, אַ סך — אַ סך רייכער, איידער דער לעצטער רעזולטאַט. אמת, מען קאָן דערויף ענטפערן: „דער לעצטער רעזולטאַט איז דאָך אָבער דער בעסטער, ווייל ער איז דער ריכטיקסטער״. אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס מיר שאַצן אָפּ דעם רעזולטאַט וואָס מיר באַצייכענען אים מיט „ריכטיק״ און „אמת״, ד״ה מיט כאַראַקטעריסטיקן, וואָס זיינען ניטאָ אין דער נאַטור, וואָס געפינען זיך נאָר אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, מאַכן מיר אים פאַר אַ קולטור־דערשיינונג, באַרייכערן מיר אים מיט מענטשלעכן גייסט.

דאָס איז —ווען מיר האָבן שוין אויסגעפונען דעם „לעצטן רעזולטאַט״, דעם „אַבסאָלוטן אמת״. אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז די וויסנשאַפט גיט אונדז דעם „אַבסאָלוטן אמת״? ניט מאַרקס, ניט ענגעלס און ניט קיינער פון די ערנסט־דענקנדיקע אַנטוויקלונג־טעאָרעטיקער האָבן אַזוינס געגלויבט. לויט דער מאַרקס־ענגעלשער „דיאַלעקטיק״, איז אויך די מענטשלעכע דערקענטעניש אַן אומענדלעכער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, אָן וועלכע עס איז לעצטע „אַבסאָלוטע אמתן״. איין דערקענטעניש לייקנט אָפּ די פריערדיקע און דערנאָך לייקנט זי אָפּ אויך זיך אַליין — אין דעם דערקענטעניש־

פּראָצעס. הייסט עס דאָך, אַז יעדע פאַזע פון דער דערקענטעניש איז ניט קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם נאַטור־פּראָצעס, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געוויסן קולטור־מעמד, ד״ה אַז זי איז אַ קולטור־דערשיינונג. נאַטירלעך, רעדט זיך דאָ ניט וועגן אייצלנע אָפּגעריסענע פאַקטן מיט וועלכע מיר קאָנען באַקאַנט ווערן פון דער דערפאַרונג אין דעם עקספּערימענט, נאָר וועגן דעם באַדייט זייערן פאַר דער מענטשלעכער וויסנשאַפט.

דערמאָנט זיך נאָך דערביי אַז אַלע קולטור־דערשיינונגען אין אַלע קולטור־צווייגן זיינען אויסגעבונדן אין איינעם און אַנטוויקלען זיך, לויט געוויסע געזעצן, דעמאָלט ווערט קלאָר, אַז אויך די וויסנשאַפטלעכע נאַטור־דערקענטעניש איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ צווייג פון דעם קולטור־בוים, וואָס שטייט אין אַן אינעווייניקסטן צונויפבונד מיט אַלע אַנדערע צווייגן זיינע.

די „נאַטור״ אויף וויפיל זי קאָן אַריינגיין אין אַ מענטשלעכער דערקענטעניש, איז אַ סך אַרעמער אין גייסטיקן אינהאַלט, איידער די „קולטור״, ווייל די קולטור האָט נאָך אַ סך אַנדערע צווייגן, פון וועלכע מיר געפינען ניט אַפילו קיין זכר אין דער „נאַטור״.

ערשט, ווען מיר שטעלן זיך אַוועק אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער קולטור־פּראָצעס איז אַ „צווייטע יצירה״, אַן עוואָלוציע־שוועב פון אַ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער — נאָך מער אייגנאַרטיק איידער דער ביאָלאָגישער און דער סאָציאָלאָגישער — קאָנען מיר זיך אַנגעמען מיט דער העזה, צו געבן, זאָל זיין, נאָר אַ שאָטן פון אַן ענטפער אויף דעם ערשטן טייל פון דער גרויסער שאלה, וואָס האָט אַרויסגערופן אונדזער גאַנצע חקירה: וואָס איז דער „זין״ פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, ווען מיר נעמען דאָס וואָרט „זין״ נאָר אין דעם אויסטייטש פון „שכלדיקן אינהאַלט״ און נאָך ניט אין דעם אויסטייטש פון בר־דעתדיקן תכלית.

מיר האָבן געזען: די ביאָלאָגישע עוואָלוציע באַשאַפט לעבעדיקע אַפּאַראַטן, אין וועלכע די „לעבנס־כּוחות״ פאַרוואַנדלען די ניט־לעבעדיקע נאַטור אין לעבעדיקע. זי באַשאַפט „יחידים״, אין וועלכן די זעלביקע כּוחות שטרעבן צו דער דערהאַלטונג פון דעם יחידס אייגענעם לעבן, צו דער דערהאַלטונג פון זיין מין און צו דער אַנטוויקלונג פון די העכערע לעבנס־פאַרמעגן. די סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע באַשאַפט דורך אירע פאַרמאַטיווע כּוחות אַלערליי געזעלשאַפטס־פאַרמען, אין וועלכע די יחידים טרעטן אַריין אין געוויסע שייכותן פון קאָאָפּעראַציע. וואַקסט פאַר אונדז אויס די אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז אויך די קולטור־עוואָלוציע, ווי אַ באַזונדער ממשלה אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, באַשאַפט אויך אירע יחידים,

אין דער פּאָרעם פון מענטשן, מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין אין יעדן איינעם, ווייל נאָר דורך די „איכן״, קאָנען די קולטור־שאַפנדיקע כוחות אַנווענדן זייער קער־און ווענד־פּראָצעס, וואָס ברענגט אַרויס די אַנטוויקלונג פון דער „קולטור־ממשלה״. דער „זין״ פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווי פון נאָר אַ לע־בעדיקן אַפּאַראַט, איז זיין ראָלע אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפן די לעבע־דיקע מאַטעריע פון זיין גוף. דער אָביעקטיווער זין פון דעם מענטש־לעכן לעבן, ווי פון אַ ביאָלאָגישן יחיד, באַשטייט אין דער זעלבסט־דער־האַלטונג און אין דערהאַלטונג פון דעם מענטשלעכן מין. אָבער דער אָביעקטיווער זין פון דעם מענטשנס לעבן, ווי פון אַ באַשאַף מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, באַשטייט אין יענער ראָלע, וואָס דער מענטש שפּילט אין באַשאַפן און איבערשאַפן, ד״ה אין אַנטוויקלען נאַטור־פּראָדוקטן, אָדער אין העלפן צו באַשאַפן און איבערשאַפן זיי, אָדער לפּחות אין נהנה זיין פון זיי, כדי זיי צו דערהאַלטן, כדי אין זיי זאָל זיך פאַרווירקלעכן די קולטורעלע עוואָלוציע.

מיר ווילן דאָס איצטער פּרוּאוון „באַווייזן״ — הלוואי ניט נאָר אין דעם זין פון „אַ ווייז טאָן״, לאָזן אַ קוק טאָן, נאָר אויך אין דעם זין פון ברענגען אַ באַווייז.

קאַפּיטל דרייצן

„נאַטור־פּעלקער" און „קולטור־פּעלקער"

אין דער עטנאָלאָגיע מאַכט מען אָפּט אַן אונטערשייד צווישן „נאַטור־פּעלקער" און „קולטור־פּעלקער". ביי די קולטור־פּעלקער שטייט אויף אַ העכערן מעמד די באַהערשונג פון דער נאַטור. לויט מאַרקסן, מיינט דאָס די העכערע פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענטשלעכער אַרבעט. אין לעצטן סך־הכל איז דאָס אַ רייכערער „אַרויסוווּקס" פון קולטור־שאַפנדיקע כוחות, פון מענטשלעכן „גייסט".

אַ קינד פון אַ קולטור־פאָלק איז אַרומגערינגלט מיט אַ באַשטימטער קולטור־ספערע. ער לעבט אין איר, „ווי אַ פיש אין וואַסער", ד"ה, אַז ווי אַ מענטש אָטעמט ער איין און אָטעמט אויס ניט נאָר נאַטירלעכע לופט, וואָס איז אַ „נאַטור־דערשיינונג", נאָר אויך „קולטור־דערשיינונגען". מיט יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, מיט יעדן געדאַנק, וואָס ער טוט אַ טראַכט, מיט יעדעס שוועבעלע, וואָס ער צינדט אָן, מיט יעדן טעפּל, וואָס ווערט געשטעלט אויף אַ פייער, מיט יעדן טראָט, וואָס ער מאַכט אין שיך אויף אַ טראָטואַר, באַטייליקט ער זיך אין דער קולטור־טעטיקייט פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דער אָביעקטיווער „זין", דער „שכלדיקער אינהאַלט", פון אַזאַ מענטש־לעכן לעבן באַשטייט ניט אין קיין אַנדער זאַך, ווי אין דער ראָלע, וואָס ער שפּילט אין באַשאַפן, אויפהאַלטן, אַנטוויקלען און אָפּט אויך אין ראַדיקאַל איבעראַנדערשן דעם אָדער יענעם צווייג, דעם אָדער יענעם פּרט פון דער מענטשלעכער קולטור.

וואָס איז דער אָביעקטיווער זין פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווען מיר נעמען דעם מענטשן ניט ווי אַ ביאָלאָגישן יחיד, נאָר ווי אַן „איך" אין אַ קולטור־ספערע? אָט איז אַ זייגערמייסטער. דער ערשטער זייגערמייסטער איז געווען אַ באַשאַפער פון אַ נייער „קולטור־דערשיינונג", וואָס איז גע־וואָרן ווי אַ ריטל אויף אַ באַשטימטן צווייג פון מענטשלעכן קולטור־בוים.

די שפּעטערע האָבן אויסגעבעסערט, אַנטוויקלט דעם צווייג; די אַלע, וואָס טראָגן זייגערס האַלטן אויף די זייגער־אינדוסטריע ביז צו יענער צייט, ווען מען וועט אפשר דערפינדן אַ בעסערן צייט־מעסטער, איידער אַ מעכאַנישן אַפּאַראַט. דער אָביעקטיווער מיין פון דעם זייגערמאַכערס „לעבנס־אַרויסוויז״, באַשטייט לפי דעם אין זיין באַשטימטער ראָלע אין דער קולטור־טעטיקייט, אין זיין באַשטימטער מענטשלעכער אַרבעט. אַזוי איז אויך דער אָביעקטיווער „זין״, דער „שכלדיקער אינהאַלט״ פון דעם „ציגאַרן־מאַכער״ ניט קיין אַנדערער, ווי נאָר זיין ראָלע אין דער „טאַבאַק־קולטור״, דער טאַבאַק־אינדוסטריע, וואָס איז אַ ריטעלע אויף דעם צווייג פון דער אַגריקולטור. עס איז ממילא מובן, אַז יעדער אַרבעטער שפּילט דערביי נאָך אַ סך אַנדערע ראָלן אין דער קולטור־עוואָלוציע — אַחוץ זיין הויפּט־ראָלע: דאָ, ווי אַן אויפטוער, דאָ ווי אַ מיטהעלפער, דאָ ווי אַן אויפהאַלטער פון דעם אָדער יענעם ריטל אויף דעם אָדער יענעם צווייג — אַן אויפהאַלטער שוין דורך דעם וואָס ער איז נהנה פון די אָדער יענע פּראָדוקטן. אַלע אָט די ראָלן שטעלן צונויף דעם אָביעקטיוון זין פון זיין מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט.

פון אַזעלכע מינים פיזישע אַרבעטן שפּרינגען מיר אַריבער צו די גייסטיקע אַרבעטער און שאַפער. מיר נעמען די פילאָסאָפן, און פון זיי אַלעמען נאָר דווקא דעם פּעסימיסט שאָפּענהאַוער. וואָס איז געווען דער „זין״ פון שאָפּענהאַוערס לעבן? שאָפּענהאַוער אַליין האָט געלייקנט, אַז זיין לעבן, ווי די עקזיסטענץ פון דער וועלט בכלל, האָט אַ וועלכן עס איז זין. אָבער דאָס וואָרט: „זין״ האָט ער גענומען אין דעם אויס־טייטש פון אַ „בר־דעתדיקן תכלית״, פון דער מעגלעכקייט צו זיין גליק־לעך. נעמען מיר אָבער דאָס וואָרט „זין אין דעם אויסטייטש פון אַ „שכל־דיקן אינהאַלט״, איז אונדז ניט שווער אויסצוגעפינען אים. דער „זין״ פון שאָפּענהאַוערס לעבן, אַ חוץ זיין באַטייליקונג, ווי גלאָט אַן „איך״ אין אַ באַשטימטער קולטור־ ספערע, איז באַשטאַנען אין דעם אויסבוי פון זיין פילאָסאָפישן סיסטעם.

די פילאָסאָפיע איז אַ צווייג פון דער מענטשלעכער העכערער קול־טור. דער צווייג איז אויפגעקומען מיט טויזנטער יאָרן איידער שאָפּענ־האַוערס געבורט. אונדזער דענקער באַדייט מיט זיך אַן אַנטוויקלונגס־מאָמענט אין דעם פילאָסאָפישן שאַפונגס־פּראָצעס. ווי אַן אַנימאַלישער יחיד, איז ער אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ בלעטל פון דעם ביאָלאָגישן „עץ החיים״. ווי אַ קולטור־שאַפער לעבט ער „אומשטערבלעך״ אויף דעם קולטור־בוים פונעם „עץ הדעת״, אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. זיין ווירקונג

שפּירט מען נאָך עד היום זייער שטאַרק אין דער פּסיכאָלאָגישער און פּסיכיאַטרישער וויסנשאַפט — דער עיקר אין דער שולע פון זיגמונד פרויד — ווי אויך אין די פילאָסאָפישע סיסטעמען פון אַן עדוואַרד פאַן האַרטמאַן, אַ מאַינלענדער, אַ וויינינגער, אַפילו אַ בערגסאָן. יעדער זעצער וואָס זעצט שאָפּענהאַוערס אַ שריפט, אָדער אַפילו אַ ציטאַט פון זיינע ווערק — לשבח, צי לגנאי — האַלט אויף די אומשטערבלעכקייט פון זיין מענטשלעכן „גייסט" אין דער מענטשלעכער קולטור־וועלט. — און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע גייסטיקע שאַפער.

אַט די אַלע ביישפּילן פון דער קולטור־וועלט, ווי אויך די, וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט, פירן דירעקט אַרויף אויף דעם געדאַנק, אַז יענער העכסטער שוועב פון דער וועלט־עוואָלוציע, וואָס מיר רופן „די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור", באַגייט זיך מיט אירע אינדיווידועלע פאָרמען, מיט די מענטשלעכע „איכן", כמעט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי יענע פריערדיקע שטאַפּלען פון דער וועלט־עוואָלוציע, וואָס האָבן פאָרגעברייט דעם מענטשן. ניט די אינדיווידועלע פאָרעם ברענגט אַרויס דעם נוגע'דיקן עוואָלוציע־שוועב, נאָר דער עוואָלוציע־שוועב ברענגט אַרויס די אים נייטיקע אינדיווידועלע פאָרעם, וואָס זאָל אים רעאַליזירן. ניט אומזיסט זאָגט ענגעלס, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז זי' געשיכטע פון דער מענטשווערונג פון דעם מענטשן, ד"ה, אַז דער מענטש ווערט ערשט אַ מענטש אין דעם קולטור־פּראָצעס, פּונקט ווי דער קריסטאַל ווערט אַ קריסטאַל אין דעם קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס.

ווי דער קער־און ווענד־פּראָצעס פון די פאָרמירנדיקע קריסטאַליזאַציע־כוחות ברענגט אַרויס, ווי מיר האָבן דאָס פריער געזען, דעם קריסטאַל; ווי די ביאָלאָגישע עוואָלוציע, ברענגט אַרויס יחידים, מיט זייער זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס שפּילן זייער ראָלע אין דער דערהאַלטונג פון דעם מין און אין דעם אויפקום פון אַלץ העכערע מינים; ווי אין דער סאָציאָלאָגישער עוואָלוציע באַקומען זייער געשטאַלט די פאַרשיידענע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען, וואָס ווייזן אויך קלאָר אַרויס זייער טענדענץ צו זעלבסט־דערהאַלטונג, אַזוי איז דאָס אויך מיט דער קולטור־עוואָלוציע: זי, אירע באַשאַפערישע כוחות, ברענגען אַרויס מענטשן, יעדן איינעם מיט אַן „איך"־באַוואוסטזיין, און נאָר אַ דאַנק אַט דעם אַרויסברענג קאָן זיך רעאַליזירן די קולטורעלע עוואָלוציע.

פאַר װאָס גראָד דורך אַן ״איך״־באַװאוסטזיין ? לאָמיר װידער הערן אונדזער רבין, קאַרל מאַרקסן! שילדערנדיק דעם מענטשלעכן אַרבעטס־פּראָצעס, פון װעלכן מיר האָבן שוין פריער געבראַכט אַ העכסט־באַדײ־טנדיקן ציטאַט, הייבט אָן מאַרקס אַזוי : „דער אַרבעטס־פּראָצעס איז קודם אַ פּראָצעס צװישן דעם מענטשן און דער נאַטור... דער מענטש טרעט אַרויס אַנטקעגן דעם נאַטור־שטאָף גופא, װי אַ נאַטירלעכע מאַכט״. (זע „קאַפּיטאַל״, ערשטער באַנד, ז׳ 141) אין אָט די פּאָר שורות ליגט אי דער טיפער אמת, אי דער פאַטאַלער טעות פון דעם מאַרקסיסטישן סיס־טעם. דער מענטש טרעט אַרויס אַנטקעגן דעם נאַטור־שטאָף. דאָס איז דער טיפער אמת. מיר האָבן געזען, אַז דער מענטש אין דער קולטור־װעלט טרעט אַרויס אַנטקעגן דער גאַנצער נאַטור, פאַרװאַנדלנדיק נאַ־טור־דערשיינונגען אין קולטור־דערשיינונגען און באַשאַפנדיק אַזעלכע קול־טור־דערשיינונגען, דאָס דער זין פון זייער רעאַליטעט האָט שוין גאָר נישט װאָס צו טאָן מיט אַ װעלכן עס איז „נאַטור־שטאָף״, װי צ״ב אין אַזעלכע „רעאַליטעטן״, װי די שייכותן צװישן „קיסר״ און „אונטער־טאַן״.

די מענטשלעכע אַרבעט, לערנט מאַרקס, איז ניט דאָס אייגענע װי די אַרבעט פון אַ בין אין אַ בינשטאָק. פאַר װאָס זאָגט ניט מאַרקס, אַז אויך די בין טרעט אַרויס אין איר אַרבעט אַנטקעגן דעם „נאַטור־שטאָף״, זאָגן מיר, דעם בלומען־שטויב, פון װעלכן זי „אַרבעט אויס״ האָניק און װאַקס? װייל די מענטשלעכע אַרבעט, דער יסוד פון דער מענטשלעכער קולטור, איז פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט. זי איז, װי מאַרקס שטרייכט אונטער, אַ ציל־באַװאוסטע, און דער צװעק װערט פריער פאַר־געשטעלט אין דעם מענטשלעכן באַװאוסטזיין. הייסט — פאַר װאָס כאַ־ראַקטעריזירן די מענטשלעכע אַרבעט, װי סתם „אַ נאַטור־מאַכט״ ?

געװיס, יעדע פון די אַזוי גערופענע „כּוחות״, װאָס קומען פאָר אין דער װעלט, קאָן אין דעם ברייטסטן זין פון דעם װאָרט אָנגערופן װערן אַ „נאַטור־מאַכט״, די קריסטאַליזאַציע־כּוחות, פּונקט אַזוי גוט, װי די „לעבנס־כּוחות״, די סאָציאַלע כּוחות, און די קולטור־שאַפנדיקע כּוחות. די אַרבעט פון דעם מענטשן איז אָבער ניט סתם אַ „נאַטור־מאַכט״, װי יעדע אַנדערע, זי איז אַ ציל־באַװאוסטע און װערט געטאָן פון דעם אַרבעטער, כּדי „צו דערהאַלטן זיין אייגן לעבן״ (דאָרטן גופא). אָט, װאו עס ליגט דער קערן פון דעם גאַנצן ענין! ציל־באַװאוסטזיניק ניט אינס־טינקט־מאָסיק צו דערהאַלטן זיין אייגן לעבן, קאָן נאָר אַ באַשאַף מיט אַן „איך״־באַװאוסטזיין. אַ דאַנק אָט דעם „איך״־באַװאוסטזיין, שיידט זיך

דער מענטש אַרויס פון אַלע אַנדערע „נאַטור־מאַכטן". ער טרעט אַרויס „קעגן דער נאַטור", ער קריטיקירט זי, ער מאַכט זי איבער, ער באַהערשט זי. אַזאַ כאַראַקטעריסטיק קאָן ניט געמאַכט ווערן וועגן סתּם אַ „נאַטור־מאַכט". אַט דער צווייטייטיקער, אומריכטיקער צוגאַנג איז אַ שטיק פון יענער מאַטעריאַליסטישער הויט, וואָס הענגט נאָך אַפּט אויך אויף אַזעל־כע שטעלן אין מאַרקסעס סיסטעם, וואו זי, די דרויסנלעכע הויט, האָט שוין געפּלאַצט און עס זעט שוין פון איר אַרויס דער אמתער תּוך פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי — דער „קולטור־פילאָסאָפישער אידעאַליזם".

וואָס איז דער מאַסשטאַב פון דעם „איכס" קריטיק, וועלכן ער ווענדט אָן אויף דער נאַטור? וואָס גיט דעם „איך" די מעגלעכקייט, זיך אַרויס־צושיידן פון דער נאַטור און אַרויפצוצווינגען אויף איר זיין ווילן, זיין פאַרשטאַנד?

דאָס איז אַ מאַסשטאַב, וועלכן מיר קאָנען ניט געפינען אין ער־גענץ ניט, אין דער נאַטור, אַחוץ ביי דעם מענטשן, און וואָס דיריגירט זיין גאַנצע אַרבעט און אַלע זיינע קולטורעלע אַרויסברענגונגען. דאָס איז דער מאַסשטאַב פון „גוט" און „שלעכט", אַ „סוביעקטיווער" אָפּשאַץ, פון וועלכע די „נאַטור", ווייניקסטנס די, וואָס מיר האָבן אין אונדזער מענטש־לעכער דערקענטעניש, הייבט אָפילו ניט אָן צו וויסן.

אַ גאַרן איבער אַ גאַרן, אַ ממשלה איבער אַ ממשלה, בויט דער מענטש אויס אין זיין קולטור, געפירט פון יענעם אָפּשאַץ, לויט דעם מאַסשטאַב פון „גוט" און „שלעכט". גאַר אונטן אין דעם „באַזיס", ליגט די ממשלה פון דער „דרויסנלעכער ניצלעכקייט". דאָ הייסט „גוט" — „ניצלעך" און „שלעכט" — „שעדלעך". „רפואות", צ״ב, זיינען „ניצלעך", גיפטן — „שעדלעך". אַזוי ווערט אויך גערעדט וועגן געזונטע לופט און „שעדלעכע" לופט. פאַר דער נאַטור אין זיך גופא זיינען רפואות און גיפטן, געזונט און קראַנקהייט גלייכע מיוחסים. אויף אַט דעם או־טאַליטאַריסטישן איינשטעל און אָפּשאַץ אין „ניצלעך" און „שעדלעך" רוט די קולטור־אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער טעכניק, פון אַלע מלאָכות און אַלע פּראַקטישע וויסנשאַפטן, ווי די מעדיצין, די פּאָליטיק אָדער די פּעדאַגאָגיק.

אויף אַט דעם אוטיליטאַריסטישן גאַרן בויט זיך אויס דער גאַרן פון קונסט, מיט אַלע אַנדערע קולטור־אַרויסווייזונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו איר. דאָ איז „גוט" וואָס עס איז „שיין", „חנעוודיק", „אַנגענעם" און „שלעכט" וואָס עס איז „מיאוס".

דאָס איז אַן עסטעטישער אָפּשאַץ. ניטאָ קיין איין זאַך אין דער נאַטור און דעם מענטשלעכן לעבן, אויף וועלכער עס זאָל ניט קאָנען אַנגעווענדט ווערן אָט דער עסטעטישער מאָסשטאַב, און דער אָפּשאַץ, לויט שיין און מיאוס, ווירקט זיך אויס אויף אַלע פֿעלדער פֿון דער מענטש־לעכער קונסט, אין אַלע אירע צווייגן: דער אַרכיטעקטור, דער מאַלעריי, דער מוזיק און דער פּאָעזיע.

דערנאָך קומט דער גאַרן פון דעם רעכט־באַוואוסטזיין, מיט דעם מאָסשטאַב פון „גערעכט״ (גוט) און „אומגערעכט״ (שלעכט). אין אים בילדן זיך אויס אַלע יורידישע אינסטיטוציעס.

די אַנווענדונג פון יעדן מאָסשטאַב און יעדער אַרט אָפּשאַץ, הענגט אָפּ פון מענטשלעכע געדאַנקען און איינזעענישן. אויך אָט די געדאַנקען ווערן אונטערגעוואָרפן אַ באַשטימטן אָפּשאַץ, מיט זיינע אייגענע כאַראַק־טעריסטיקן; דאָס איז דער לאָגישער, אָדער דער טעאָרעטישער אָפּשאַץ. דאָ ווערן „גוט״ און „שלעכט״ געפּירט לויט די מאָסשטאַבן פון „ריכטיק״ (אויך „אמת״) און „פאַלש״, ווי אויך „קלוג״ און „נאַריש״ צ״ב: אַן אמתער, אָדער פאַלשער, אַ קלוגער אָדער נאַרישער געדאַנק. און ניט נאָר אויף געדאַנקען ווערט אַנגעווענדט דער טעאָרעטישער מאָסשטאַב. אויך אויף זאַכן, און אַפילו נאַטור־פּראָצעסן. אַזוי שיידן מיר, צ״ב, פונאַנ־דער צווישן אַן „אמתן״ בריליאַנט און אַ פאַלשן, אַזוי רעדט די מעדיצין וועגן אַ „ריכטיקן״ אָדער „אמתן״ טראָגן (שוואַנגערשאַפט) און אַ „פאַלשן״ אָדער „איינגעבילדעטן״, וואָס האָט אַלע סימנים פון אַן אמתער שוואַנ־גערשאַפט.

אויף דער אָפּשאַצונג פון טעאָרעטישן „גוט״ און „שלעכט״ רוען די וויכטיקסטע קולטור־צווייגן פון וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע.

נאָך העכער פאַר דעם גאָרן פון דער דערקענטעניש שטייט דער גאָרן פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין: „יושר״ — „עוולות״, „איידל״ — „געמיין״, „גוט־האַרציק״ — „בייזוויליק״, „חשוב״ — „שפל״, „מענטש־לעך״ — „בעסטיאַל״ און נאָך אַנדערע — אַלץ כאַראַקטעריסטיקן פאַר מאָראַלישן „גוט״ און „שלעכט״. און גאָר צוהעכסט קומט דער רעליגיעזער באַוואוסטזיין און געפיל. דאָ איז דער מאָסשטאַב „הייליק״ (גוט) און „אומווערדיק״ (שלעכט).

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט נאָר די וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטיקן פון „גוט״ און „שלעכט״ און די וויכטיקסטע גאָרנס פון דעם קולטורעלן באַוואוסטזיין.

זיינען אָבער אַט די אַלע איינטיילן נאָר ריינע קולטור־דערשיינונגען? מוזן מיר זיי צו־שרייבן נאָר צו דער מענטשלעכער וועלט? קאָנען מיר ניט געפינען קיין, לאָז זיין, שוואַכערע אַנאַלאָגיעס צו זיי אויך אין דער נאַטור? — וואָס איז שייך די „טויטע", די אַנאָרגאַנישע נאַטור, איז זיכער ניטאָ אין איר אַפילו קיין סימן פון זיי. ווי איז דאָס אָבער מיט דער לעבעדיקער נאַטור, דער ניט־מענטשלעכער? ווען מיר שטודירן די וועלט פון לעבעדיקע ברואים, קאָנען מיר גאַנץ גרינג באַמערקן, אַז זייער אויפפיר אין לעבן ווערט דיריגירט דורך איינטיילונגען, וואָס זיינען זייער ענלעך צו אונדזערע. פייגל קלייבן אויף און באַאַרבעטן אַ מאַטעריאַל, וואָס איז ניצלעך פאַר זייערע נעסטן. בהמות מיידן אויס גראָזן אין פעלד, וואָס זיינען שעדלעך פאַר זייער געזונט. קראַנקע הינט לויפן אַפּט אין פעלד און אין וואַלד, אויפצוזוכן גראָזן, וואָס זיינען אַ תּרופה פאַר זייער חולאת. דאָ טרעט קלאָר אַרויס אַן אוטיליטאַריסטישע איינטיילונג אין „ניצלעך" און „שעדלעך". אויף דער עסטעטישער איינטיילונג, לויט „שיין" און „מיאוס", „אַנגענעם" און „אומאַנגענעם", טרעפן מיר זיך אָן אויף שריט און טריט אין די פאָרמען און די פאַרבן פון די פאַרשיידענע ברואים — דער עיקר ביי די פייגל — ווי אויך אין די פאָרמען, פאַרבן און דופטן פון די פאַרשיידענע בלומען.

אויך אַ טעאָרעטישע איינטיילונג, לויטן מאָסשטאָב פון „ריכטיק" און „פאַלש", קאָן ניט אָפּגעלייקנט ווערן פאַר דער וועלט פון די לעבעדיקע ברואים, ווי דאָס איז מערערע מאָל באַמערקט געוואָרן ביי פייגל, וואָס לערנען זיך אויס ניט מורא צו האָבן פאַר אַ „סטראַשידלע" — פאַר אַ פאָר פלעקלעך, אַנגעטאָן אין אַ פראַק און אַ צילינדער. זיי באַהאַנדלען די „סטראַשידלע" ניט ווי אַן „אמתן" מענטשן, פאַר וועלכן זיי דאַרפן מורא האָבן, נאָר ווי אַ „פאַלשן", אַ „נאָכגעמאַכטן", וואָס קאָן זיי ניט אָנטאָן קיין שאָדן. נאָך מער סימנים פון אַ טעאָרעטישן מאָסשטאָב געפינען מיר ביי די העכערע, „אינטעליגענטערע" חיות, ווי די מאַלפּעס, די הינט, די העלפאַנטן.

און גאָר צאָלרייך זיינען די דערשיינונגען אין דער לעבעדיקער וועלט, וואָס קאָנען אַריינגעבראַכט ווערן אין דער מאָראַלישער, אָדער „עטישער" איינטיילונג פון „איידל" און „געמיין" — דער עיקר ביי יענע באַשעפענישן, וואָס לעבן אין געזעלשאַפטן, אָדער פירן אַ געוויסע צייט אַ פאַמיליען־לעבן. אויף שריט און טריט טרעפט מען זיך דאָ אָן אויף מסירת־נפשדיקע קרבנות מצד די עלטערן צוליב דעם יונגען דור און מצד די איינצלנע מיטגלידער צוליב דעם וואוילשטאַנד פון דעם גאַנצן כּלל.

מיר ווילן דאָ דערמאָנען דעם ביישפּיל, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט אויס דעם לעבן פון די אַסמיעס, און וועלן שפּעטער ברענגען נאָך אַ מער כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פון מסירת־נפש. זיי אַלע גיבן מאַטעריאַל פאַר אַ העכסט וויכטיקער סטודיע וועגן דער „מאָראַל" אָדער דער „עטיק" אין דער נאַטור.

אין דעם ביישפּיל פון די אַסמיעס האָבן מיר פאַר אונדז ביי איין און דעם זעלביקן באַשעפעניש אי אַ פאַל פון העכסטער „איידלקייט", פון העכסטער מסירת־נפש, בנוגע אַ יחיד פון דעם אייגענעם מין, אי אַ פאַל פון געמיינסטער ברוטאַליטעט בנוגע אַ יחיד פון אַ פרעמדן מין. פון וואַנען ווייס דאָס פליגעלע, ווער איז זיין „אייגענער" און ווער איז אַ „פרעמדער"? וועלכער מלאך האָט מיט אים געלערנט אין שלאָף די תורה, אַז פאַר דעם אייגענעם מין דאַרף מען זיך מוסר־נפש זיין און אַז אַ פרעמדן איז אַ מצווה אויסצוראָטן? — די געלערנטע דערקלערן אַלע אַזעלכע דערשיינונגען מיט דעם אומבאַוואוסטזיניקן „נאַטור־אינסטינקט". דאָס פליגעלע ווייס גאָר ניט, וואָס עס טוט און פאַר וואָס. עס פירט זיך אויף אויטאָמאַטיש, ווי אַ מאַשין און אַזוי ווערן אפשר אַלע קלאַסן פון „גוט" און „שלעכט", וואָס מיר באַמערקן אין דעם לעבן און דעם אויפפיר פון דער אַנימאַלישער ממשלה, אַרויסגעבראַכט אין איר אויף אַ ריין אינסטינקטיוון אופן. עס קאָן גריילעך זיין, אַז די אַלגעמיינע אָביעקטיווע איינטיילונג אין „גוט" און „שלעכט" איז אויפגעקומען אין דער נאַטור שוין מיט דעם פאַקט גופא פון דעם לעבן; אַז אין דעם מהות פון דעם לעבנס־פּראָצעס גופא ליגט שוין „אינסטינקטיוו" איינגעפורעמט די פונדאַמענטאַלע איינטיילונגען, וואָס צווייגט זיך שפּעטער פונאַנדער אין דעם לויף פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע. על־כל־פּנים האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אָביעקטיווער איינטיילונג אין „גוט" און „שלעכט". אין דער מענטשלעכער ממשלה, אין דער ממשלה פון דער קולטור, האָבן מיר אָבער צו טאָן ניט נאָר מיט אַן אָביעקטיווער איינטיילונג, נאָר אויך מיט אַ סוביעקטיוון אָפּשאַץ. די איינטיילונג איז פאַרבונדן מיט אַ באַוואוסטזיין, מיט פּסיכישע פּראָצעסן פון דענקען, פילן און וועלן. מיר נעמען אָבער אָן, אַז יעדע באַוואוסטזיניקייט שפּילט זיך אָפּ אין די גרענעצן פון אַן איינצלנעם מענטשן, פון אַן „איך". די פילאָסאָפישע סברות, אַז עס איז דאָ אַ וועלט־גייסט, מיט אַ וועלט־באַוואוסטזיין, וואָס געפינט זיך און ווירקט אויף ערגעץ וואו דרויסן פון לעבעדיקע באַשעפענישן, לאָזן מיר דאָ אין גאַנצן אָן אַ זייט. אין אונדזער עמפּירישער דערפאַרונג טרעפן מיר די באַוואוסטזיניקייט נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַ

סוביעקט, מיט אַן „איך", וואָס נעמט זיך אַליין אַרויס פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט און שאַצט אָפּ אירע דערשיינונגען, לויט זיינע מענטשלעכע מאָסשטאַבן פון אוטיליטאַריסטישן, עסטעטישן, טעאָרעטישן, מאָראַלישן און רעליגיעזן „גוט" און „שלעכט". אויפבויענדיק די קולטור־וועלט, לויט אָט די באַוואוסטזיניקע אָפּשאַצונגען, דורך זיין אייגענער מענטשלעכער, באַוואוסטזיניקער אַרבעט, ווערט יעדער מענטש, יעדער „איך" אַ צענטער פון דער קולטור־וועלט, ווייל אַלע זיינע שאַפונגען, קאָנען זיך ניט אַרויסווייזן אין דרויסן, סיידן זיי זאָלן האָבן פריער געלעבט אין זיין באַוואוסטזיין און פון דאָרטן האָבן זיי אַרויסגעשטראַלט אין דער דרויסנוועלט, ווי פון אַ צענטער. מיר טאָרן קיין מאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג די גרונט־אידעע פון מאַרקסעס קולטור־פילאָסאָפיע, וואָס ליגט אין זיינע פאָרזיכערונגען, אַז „נאָר דער מענטש אַרבעט" און אַז „די אַרבעט איז דער לעבנס־אַרויסווייז פון די מענטשן".

כדי זיך צו קאָנען אַרויסשיידן פון דער נאַטור מיט אַזאַ פירנדיקן פאָדעם, ווי דער מאָסשטאַב פון „גוט" און „שלעכט", וואָס איז ניטאָ אין דער נאַטור, כדי דורך אים זאָל קאָנען אויסגעבויט ווערן דער קולטורעלער „עץ הדעת טוב ורע", מוז דער מענטש האָבן אַן „איך" באַוואוסטזיין, וואָס זאָל די גאַנצע נאַטור באַטראַכטן, ווי אַ „ניט־איך", וואָס דאַרף איבערגעמאַכט ווערן, צוליב „מיין" לעבן, צוליב „מיינע" צילן.

דאָס „איך"־באַוואוסטזיין איז אַן אילוזיע; אין תּוך איז יעדער מענטש ניט קיין „איך", ניט קיין „יש בפני עצמו". אָט דעם ענין האָבן מיר שוין געענוג דערקלערט פריער. געערעכט איז, אין מיינע אויגן, דער „אַלטער ספינאָזאַ", וואָס האָט געלערנט, אַז יעדע איינצל־דערשיינונג איז נאָר אַ קליין וואַלכעלע אין דעם גרויסן ים פון דעם נאַטור־געשעען. דאָס „איך"־באַוואוסטזיין, מיט זיין זיכערן גלויבן, אַז ער איז אַ „זעלבסט־צוועק", וואָס איז טעטיק צוליב זיין „אייגן לעבן", איז אַן אילוזיע. אָבער גראָד אָט די אילוזיע איז דער ווייטיקסטער פאָרבאַדינג פאַר דער לעצטער פאַזע פון דער וועלט עוואָלוציע אויף דער ערד, דעם איינהייטלעכן קולטור־שוועב. דער מענטש איז דער פּראָדוקט און דער טרעגער פון אָט דעם קולטור־שוועב. „אַ מענטש זוכט וואו בעסער, ווי אַ פיש — וואו טיפער". כדי צו קאָנען זוכן וואו בעסער (פאַר „זיך אַליין"), און ווי צו מאַכן „בעסער", דאַרף מען האָבן דעם מאָסשטאַב פון „גוט" און „שלעכט", — יענע צענטראַל־אַקס, אויף וועלכער עס דרייט זיך דער גאַנצער קולטור־פּראָצעס.

אין דער אַנימאַלישער עוואָלוציע האָבן מיר געזען, אַז דער יחיד איז ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ בלינדער מיטל צו אַ העכערער זאַך, איידער זיין אייגענע עקזיסטענץ. ניט ער באַשאַפט דעם אינס־טינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, נאָר דער לעבנס־פּראָצעס באַשאַפט דאָס אין דעם יחיד. דאָס לעבן באַשאַפט דאָס אין אים און עס קערט און ווענדט אים צו דער זעלבסט־דערהאַלטונג און צו דער מין־דערהאַלטונג מיט די צוויי „קער־רימענס״ פון לוסט און אומלוסט, פון הנאות און ליידן (די סעקסועלע ליידנשאַפט!).

טוט דאָס אויך די קולטור־עוואָלוציע מיט אירע אינדיווידועלע גע־שטאַלטן, מיט די מענטשן און זייער „איך״־אילוזיע? איז אויך דאָ דער יחיד נאָר אַ בלינדער מיטל צום צוועק, צו דער אויסבילדונג פון דער „צווייטער יצירה״ — דער מענטשלעכער קולטור־וועלט? איז אויך דער מאַסשטאַב פון קולטורעלן „גוט״ און „שלעכט״ אין תוך אַריין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די קער־רימענס, מיט וועלכע עס ווערט איינגעאָרדנט אין דעם קולטור־פּראָצעס דער מענטש, וואָס זוכט, וואו „בעסער״ איז פאַר זיין „אייגן לעבן״?

לאָמיר זען!

קאַפּיטל פּערצן

„די קער־רימענס" אין דער קולטורעלער עוואָלוציע

דער מענטש, ווי נאָר אַ לעבעדיקער באַשאַף, ווערט דיריגירט אין זיין לעבנס־פּראָצעס מיט די צוויי קער־רימענס פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע: הנאות און יסורים. זיי קערן און ווענדן יעדן ביאָלאָגישן יחיד אין יענע ריכטונגען, וואָס זיינען גינסטיק פאַר זיין זעלבסט־דערהאַלטונג, ווי אַ פאַרבאַדינג פאַר דער דערהאַלטונג פון זיין מין. די זעלביקע ביאָלאָגישע עוואָלוציע פאַרמשפּט דעם יחיד צום טויט, העלפנדיק דורך דעם גופא די אַנטוויקלונג פון אַלץ העכערע מינים ביז צום מענטשן.

דער מענטש אָבער ווי אַ באַזונדער אַרט יחיד, מיט אַן „איך"־באַוואוסטזיין, וואָס מאַכט אים פאַר דעם טרעגער פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, ווערט דיריגירט נאָך מיט צוויי אַנדערע קער־רימענס: מיט אַ באַוואוסטזיניקן שטרעבן צו באַשאַפן אַזוינס, וואָס איז „גוט" און צו צעשטערן, אָדער לפּחות אויסצומיידן אַזוינס, וואָס איז „שלעכט". דאָס באַוואוסטזיין פון „גוט" און „שלעכט" איז די דיריגירנדיקע פאַרמאַטיווע קראַפט פון דער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג. „ביצלעך" — „שעדלעך"; „שיין" — „מיאוס"; „ריכטיק" — „פאַלש"; „איידל" — „געמיין"; (אָדער אויך „חשוב" — „שפל"); „הייליק" — „אומווערדיק" — זיינען נאָר אויסצווייגונגען פון די גרונט־באַגריפן „גוט" און „שלעכט", און ווירקן, יעדע פאָר, אין אַ באַזונדערער ספערע פון באַוואוסטזיין: דער „אוטיליטאַרישער", דער „עסטעטישער", דער „טעאָרעטישער", דער „מאָראַלישער" און דער „רעליגיעזער".

דאָס האָבן מיר געזען אין דעם פאָריקן קאַפּיטל. אָבער דאָס „גוט" און „שלעכט" מיט אַלע זייערע אויסצווייגונגען ברענגען אַרויס נאָך אַנדערע אַרטן פון „טוב ורע", זייער פילפאַכע און פסיכאָלאָגיש זייער קאָמפּליצירטע. דורך זיי ווערט דער מענטשלעכער „איך" דיריגירט אין זיין שטרעבן צו זיין גליקלעך. זיי קאָנען אויך טאָטאַל פאַרענדערט ווערן אין

דעם לויף פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג. דאָ זאָלן נאָר אָנגעמערקט ווערן עטלעכע פון די וויכטיקסטע. אין דער ערשטער ליניע איז דאָס אַ שטרעבן צו טאָן זאַכן, אָדער זיך אויפפירן אַזוי, אַז די „זאַכן" אָדער דער אויפפיר זאָלן ווערט זיין געלויבט צו ווערן, און ניט צו טאָן זאַכן, אָדער פאַרמיידן אויפפירונגען, וואָס זיינען ווערט מען זאָל פאַר זיי אָוועק־געשטעלט ווערן צום „שאַנד־קלאָץ". „לויבנסווערט" („ערנהאַפט") און „שאַנדהאַפט" — „אוממענטשלעך" זיינען אויך קער־רימענס, וואָס קומען פאָר נאָר אין דער מענטשלעכער קולטור־וועלט, און זייערע ווירקונגען באַמערקן זיך שוין ביי די גאָר פרימיטיווע פעלקער. שוין ביי זיי ווערט געבוירן איינע פון די וויכטיקסטע און טייערסטע גיטער אין דער קול־טור־וועלט: „די פאָרשטעלונג פון אַ מענטשלעכער חשיבות".

צו די קער־רימענס, וואָס זיינען, ווי איך גלייב, ניט עצמדיק פאַר־בונדן מיט דער קולטורעלער עוואָלוציע און אויך ניט אוניווערסאַל, ד״ה ניט קיין קער־רימענס פאַר יעדן מענטשן, זיינען די שטרעבונגען צו אַזעל־כע „גיטער", ווי „רייכטום", „מאַכט" און „כבוד".

מיר וועלן דאָ לאָזן אָן אַ זייט דעם קולטור־פסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דעם שטרעבן צו רייכטום און מאַכט. אָבער אַ פאָר ווערטער מוזן דאָ געזאָגט ווערן וועגן דער תּאווה פון כבוד־זוכעניש, דעם שטרעבן, אַרויסצורוקן אין פראָנט דאָס אייגענע „איך", כּדי עס זאָל באַמערקט ווערן, אַרויסגעהויבן ווערן פון צווישן די אַנדערע „איכן", כּדי דאָס דאָזיקע „איך" זאָל ווערן „געלויבט", „געערט" און „געאַכפּערט".

די תּאווה פון כבוד־זוכעניש קאָן מיט פולן רעכט אָוועקגעשטעלט ווערן אין אַן אַנאַלאָגיע מיט דער סעקסועלערליידנשאַפט. מיינער אַ פריינד, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ גאַנץ שיינעם נאָמען אויף אַ גע־וויסן פעלד פון דער העכערער מענטשלעכער קולטור אין אַ גרויסן, העכסט ציוויליזירטן לאַנד, און וואָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען פון דער אייגענער דערפאַרונג אַ נישקשהדיקער מומחה אין ביידע ליידנ־שאַפטן, האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז פונקט ווי די סעקסועלע ליידנ־שאַפט איז אין תּוך ניט קיין פונקציע פון דעם יחיד, נאָר אַ מיטל צו דערהאַלטן דעם מין, אַזוי איז אויך די כבוד־זוכעניש, וואָס קאָן זיך ניט אָנזעטיקן מיט דער שטענדיקער פאַרליבטקייט אין דעם אייגענעם „איך" און אין זיינע אויפטואונגען, אויך ניט קיין פונקציע פון דעם אין זיך פאַרליבטן יחיד, נאָר אַ פונקציע פון דעם „געזעלשאַפטלעכן לעבן" (איך וואָלט געזאָגט: „פון דעם קולטור־פּראָצעס"). דאָס ווילן געלויבט און „געאַכפּערט" צו ווערן איז אַ „צוקער־לעקעכל", מיט וועלכן דער

„איך" ווערט אַריינגענאַרט אין דעם דינסט פון דעם אָדער יענעם „גע־זעלשאַפטלעכן" (קולטורעלן) אויפטו.—

און נאָך אַ וויכטיקע אַנאַלאָגיע קאָן געצויגן ווערן צווישן אָט די צוויי אינטענסיווע ליידנשאַפטן. די גרעבסטע „הפקרות" און צעלאַזנקייט אין דעם סעקסועלן לעבן שפירן מיר ווי אַ שאַנד, ווי אַ דערנידערונג פון דער מענטשלעכער חשיבות. אָבער אַזוי ווירקט אויף אונדז אויך די גרעבסטע, מיט קיין „פייגנבלאַט" ניט באַדעקטע תאווה פון כבוד־זוכע־ניש, עס איז אַן ערנסטער פגם אין מענטשלעכער חשיבות, וואָס ווירקט אָפּשטויסנדיק, אָפט מאָל פשוט עקלהאַפט. און ווען מען רעדט וועגן איי־נעמס לייכטערע פגימות אין דעם פרט פון כבוד־זוכעניש, געשעט דאָס אויך דאָס רוב הומאָריסטיש, פונקט אַזוי, ווי מען ווויצלט זיך אָפט וועגן אַזאַ אין תוך טיף ערנסטן ענין, ווי עס איז דער סעקסועלער פאַרלאַנג.

פון וואַנען נעמען זיך די געפילן פון עקל אָדער אפילו הומאָר אין דעם אָפּשאַץ פון אַזאַ תאווה, ווי כבוד־זוכעניש, אָדער לפּחות אָנערקענונג־זוכעניש, אין וועלכן עס טרעט פאַר אונדז אַרויס די פאַראינטערעסירט־קייט פון דעם „איך" אין זיין אייגענער „איכישקייט"? אויב דער „איך" איז אַ זעלבסט־צוועק אין זיין שטרעבן צו גליק, צו וואָס מער הנאות אין דעם לעבן, פאַר וואָס ניט גראַד אָכפּערן אים פאַר יענער אינטענסיווער הנאה פון זיין „איכישקייט", צו וועלכער ער דערשטופּט זיך מיט זיינע אייגענע עלנבויגנס? פאַר וואָס ווערן פון אַ סך געאַכפּערט יענע מענטשן, וואָס דערשטופּן זיך אָפּן פאַר אַלעמען צו רייכטום און מאַכט און ניט די, וואָס ווילן מיט די אייגענע כוחות, אָפּן פאַר אַלעמען דעראָבערן זיך די קרוין פון כבוד? פאַר וואָס פאַראַכטן מיר די „אומפאַרשעמטע" „איכיסטן", אַנשטאָט צו אָכפּערן זיי?

שוין דאָס אַליין האָט געדאַרפט אַרויספירן אויף דעם געדאַנק, אַז מיט דעם ענין „איך", ווי אַ זעלבסט־צוועק, איז עפּעס ניט גלאַט. און עס איז טאַקע ניט „גלאַט"! מיר האָבן געזען, ווי די „נאַטור" באַגייט זיך מיט די יחידים אין דעם פּראָצעס פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע. זיי זיינען פאַר איר ניט קיין זעלבסט־צוועקן נאָר בלינדע מיטלען צו אַ העכערן צוועק. די זעלביקע דערשיינונג קאָן קאָנסטאַטירט ווערן בנוגע דער סאָציאַלער עוואָלוציע — דער עיקר ביי די אינסעקטן. מיר האָבן געזען, ווי דער בינשטאָק באַגייט זיך מיט זיינע דרוינען, ווען די „קעניגין" איז שוין באַפרוכפּערט געוואָרן. צוליב אונדזער איצטיקן ענין וועלן מיר דאָ דערמאָנען נאָך אַ בוילעטערן ביישפּיל, ווי אַזוי די יחידים מיט זייערע „זעלבסט־צוועקן" ווערן באַהאַנדלט אין דער ממשלה פון דער סאָציאַלער

עוואָלוציע. מיר געפינען אים ביי די טערמיטן (אַזעלכע מערעשקעס). עס טרעפט, אַז אין די צעמענטענע רערן, וואָס די טערמיטן בויען אויס אין זייערע בנינים, באַווייזט זיך ערגעץ אַ שפּאַלט, דורך וועלכן עס קאָן אַריינדרינגען אַ פיינדלעכע מאַכט. תּיכּף לויפן ארויס דורך אים די „קריגער״ פון דעם טערמיטן־שטאַט און באַשיצן דעם שפּאַלט, ביז די „אַרבעטער״ וועלן מיט זייער צעמענט פון אינעווייניק פאַרריכטן דעם דורכברוך. די קריגער קאָנען שוין צוריק ניט אַריין. זיי מוזן פאַרהונ־גערן אין דרויסן, ווייל אַליין שפּייזן זיך קאָנען זיי ניט. זיי האָבן זיך אינסטינקטיוו, בלינד מקריב געווען פאַר דעם וואויל־זיין פון זייער סאָ־ציאַלן אָרגאַניזם.

האָבן מיר ניט אויך אין דער קולטור־עוואָלוציע פאַקטן פון דעם זעלביקן מין, קומען אויך אין איר ניט פאַר דערשיינונגען, וואו דער יחיד ווערט פון דעם קולטור־פּראָצעס גופא פאַרמשפּט צום טויט, אין די אינטערעסן פון דער אָדער יענער קולטורעלער פונקציע? אַזעלכע דער־שיינונגען קומען פאַר איבער־ און איבער־געענוג. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר איין טראַפּנדל אַזאַ, כּדי צו אַנאַליזירן זייער באַדייט.

געווען אין אַמעריקע אַ מיליאָנער, הערימאַן. איז ער געוואָרן שווער קראַנק. האָבן זיינע דאָקטוירים געפאָדערט פון אים, ער זאָל פאַרלאָזן זיין ביוראָ אויף דריי וואָכן, אויסצורוען זיך. הערימאַן האָט זיך אָפּ־געזאָגט, ווייל „די געשעפטן לאָזן אים ניט״. איז ער באַלד געשטאָרבן. די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע פון יענער צייט האָט געזונגען שבחים צו דעם העראָאיזם פון דעם „אינדוסטריע־קאַפּיטאַן״, וואָס איז געשטאָרבן „אויף זיין פּאָסטן״.

הערימאַן איז, ווי אַ מענטש מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, אַ „זעלבסט־צוועק״. זיין „אייגן לעבן״ האָט אים געדאַרפט זיין טייערער פאַר אַלץ. ער האָט געוויס זיך געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס פון דריי וואָכן אָפּרו. איז ער אָבער געווען, ווי צוגעשמידט צו זיין אַרבעטס־טיש. וואָס האָט אים צוגעשמידט? ס׳קאָן זיין, דאָס איז געווען די תּאווה פון רייכטום, אָדער פון מאַכט, אָדער פון כּבוד. אין איינער פון זיי האָט ער, ווי אַ „זעלבסט־צוועק״, געזוכט זיין „גליק״ און — פאַרגעסן אויף זיין אייגן לעבן.

אָבער דאָס איז דאָך נאָר די סוביעקטיווע זייט פון דער זאַך. באַ־טראַכט דעם „זין״ פון הערימאַנס לעבן און טויט אָביעקטיוו, אין דעם ליכט פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס איז אין איר אַרויסגעסטילירטן תּוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פילאָסאָפיע פון יענער

ממשלה אין דער וועלט־עוואָלוציע, וואָס מיר רופן אָן די ממשלה פון דער מענטשלעכער קולטור. הערימאַן איז געווען אַ קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליזם איז געווען אַ נויטווענדיקער, ווען אפשר גאָר ניט קיין נייטיקער פּעריאָד אין דער קולטור־עוואָלוציע. אַ צווייג פון דעם קאַפּי־טאַליזם איז דער האַנדל. הערימאַן האָט ניט אויסגעטראַכט דעם האַנדל און דעם קאַפּיטאַליזם. ער איז אַריינגעבוירן געוואָרן אין דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן סדר. ער איז געווען אַ בלעטל אויף איינעם פון זיינע צווייגן. דער אָביעקטיווער „זין", דער באַדייט און „שכלדיקער אינהאַלט" פון זיין לעבן, דער „בר־דעתדיקער תּכלית" זיינער איז באַשטאַנען פון יענער הנאה, פון יענעם שטרעבן צו „גליק", ווי ער, דער „איך"־מענטש, האָט אים פאַרשטאַנען: לאָז זיין, ווי אַ שטרעבן צו געלט, אָדער מאַכט, אָדער כבוד. אָבער גראָד אָט די „קולטור־גיטער" זיינען געווען די מאַגנעטן, די קער־רימענס, מיט וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע עוואָלוציע — ווי אַ טייל פון דער קולטור־אַנטוויקלונג — האָט הערימאַנען געקערט און געווענדט. ער זאָל דינען אירע צילן, ניט ווי אַ „זעלבסט־צוועק", נאָר ווי אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק. האָט ער אַלע כּוחות זיינע אַוועקגעגעבן דער קאַפּיטאַליסטישער עוואָלוציע אויף דעם חשבון פון זיין „אייגענעם לעבן".

איז אָבער הערימאַן געווען נאָר אַ בלינדער מיטל, פּונקט אַזאַ אינסטינקטיוו־בלינדער, ווי די „קריגער" פון דעם „טערמיטן שטאַט"? ניין! בשום אופן ניט! ווי אַ מענטש, ווי אַ באַשאַפער, אָדער אַ העלפער אָדער אַזאַ, וואָס איז נהנה פון אַ וועלכן עס איז קולטור־פּראָצעס, איז הערימאַן ניט געווען קיין בלינדער מיטל. ער איז געווען אַ מענטש, מיט אַ קלאָרן „איך"־באַוואוסטזיין, מיט דער „אילוזיע" פון אַ „פרייען ווילן". פריווויליק, באַוואוסטזיניק האָט ער געטאָן דאָס, וואָס די עוואָלוציע פון דעם קאַפּיטאַליזם האָט פון אים פאַרלאַנגט, ניט וויסנדיק אַפילו אַז זי פאַרלאַנגט דאָס פון אים, און שטרעבנדיק, ווי אַ „זעלבסט־צוועק", צו זיינע אייגענע הנאות, צו דעם גליק אין זיין אייגענעם לעבן. זיין נשמה־צושטאַנד ביי דעם אַרבעטס־טיש איז געווען אַזאַ, פון וועלכן ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגיין; אַזאַ, אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדריקט דער טריאומף פון זיין ווילן — אַלץ פונדאַמענטאַלע מאָמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט אַ מענטשלעך גליק.

אין אָט דעם פאַל, ווי אין טויזנטער אַנדערע אַזעלכע, איז דער „איך"־מענטש געווען ניט קיין „זעלבסט־צוועק" — ווייל אין תּוך האָט ער גאָר געדינט ווי אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק, אָבער ניט קיין בלינדער מיטל, ווייל ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן, אונטער דער ווירקונג

פון יענער „אילוזיע״, וואָס באַשאַפט אַן „איך״־באַוואוסטזיין און אַ „פרייען ווילן״.

אין דעם קולטור־פּראָצעס ווירקט לפי זה, דער מענטש, ניט ווי אַ בלינדער מיטל, נאָר ווי אַ זיך זעלבסט באַשטימנדיקער מיטל צו אַ העכערן צוועק. און אויב די אַרבעט פאַר אַט דעם העכערן צוועק, אָדער דער אויפּפיר אין דעם ליכט פון אַט דעם צוועק, גיט אים אַן אינע־ווייניקסטע באַפרידיקונג, האָבן מיר דאָ דעם צונויפגוס פון דעם אָביעק־טיוון זין, דעם „שכלדיקן אינהאַלט״ פון אַ מענטשלעכן לעבן, און דעם „בר־דעתדיקן״ תכלית — דאָס גליק, די באַפרידיקונג, וואָס מען האָט פון דער זעלבסט־אויסגעווילטער אַרבעט אָדער דעם זעלבסט־באַשטימטן אויפפיר אין לעבן. דער מענטש קאָן דערגרייכן אַ גליקלעכן נשמה־צושטאַנד, ווען אַפילו אַט דער צושטאַנד איז פאַרבונדן מיט האַרטער אַרבעט, אָדער נאָך ערגער: מיט די פּיינלעכסטע יסורים, און מיט דעם זיכערן אויסבליק אויף אַ פּריצייטיקן טויט. דאָס קומט פאַר דעמאָלט, ווען ער באַטראַכט זיך ניט ווי אַ „זעלבסט־צוועק״, וואָס דאַרף אָנפילן זיין „איך״ — אַט די פאַס אַן אַ דעק — מיט אַלערליי הנאות, און אויך ניט דעמאָלט, ווען ער ווערט געצוואונגענערהייט אָוועקגעשטעלט, צו זיין, אַ בלינדער מיטל צו אַ צוועק, נאָר דווקא ווען ער איז, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַ זעלבסט־מיטל.

נאָך אַ פּאָר ביישפּילן, כּדי דער ענין זאָל ווערן גאַנץ קלאָר. אין די כרעסטאָמאַטיעס פאַר שול־קינדער לייענט מען אָפט אַ מעשהלע, ווי אַ טיפער זקן פלאַנצט פרוכט־ביימער. פרעגט אים איינער, צו וואָס טוט ער דאָס? ניט שוין האָפט ער נאָך, נהנה צו זיין פון זייערע פרוכטן? ענט־פערט דער זקן: „ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט, האָב איך געפונען פרוכט־ביימער, וואָס מיינע טאַטעס און זיידעס האָבן געפלאַנצט פאַר מיר. צאָל איך זיי איצטער אָפּ דערמיט, וואָס איך פלאַנץ פרוכט־ביימער פאַר מיינע זין און אייניקלעך״. אַט די ראַציאָנאַליסטישע דער־קלערונג איז מסתמא נאָר אַ מאָראַלישער פשטל, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ כרעסטאָמאַטיע. דער אמתער תּוך דערפון איז, וואָס דער זקן האָט זיך אויפגעפירט, ווי אַ זעלבסט־מיטל.

די פרוכט־בוים־פלאַנצונג איז אַ צווייגל אויף דעם גרויסן קולטור־בוים, אַרויסגעבראַכט פריער פאַר דעם זקנס געבורט, וואָס וועט בלייבן אויך דערנאָך, ווען ער וועט, ווי אַ בלעטל אַראָפּפאַלן פון בוים און „מיסט וועט זיין פון אים״. ווי אַ מיטל, פאַר אַ העכערן צוועק, האָט ער ווייטער געפירט די פאַרלענגערונג פון אַט דעם צווייג. ווי אַ זעלבסט־

מיטל, האָט ער הנאה געהאַט פון דער אַרבעט גופא. דערפון זיין ניט וועלן זיך שיידן מיט איר.

הערימאַן און דער זקן, האָבן געאַרבעט, ווי „זעלבסט־מיטלען״ אין יענע קולטור־ספערן, וועלכע קאַרל מאַרקס האָט אָנגערופן „די ממשלה פון נויטווענדיקייט״. נאָך שאַרפער טרעט אַרויס די ראָלע פון דעם מענטשן, ווי אַ זעלבסט־מיטל, אין יענער ממשלה, וועלכע מאַרקס באַצייכנט, ווי די „ממשלה פון פרייהייט״. זי האָט אירע קער־רימענס — אַ סך העכערע און פאַר דעם קולטור־פּראָצעס וויכטיקערע איידער דאָס שטרעבן צו רייכטום, מאַכט און כבוד.

דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ איז געגאַנגען מוטיק אויף דעם פלאַקער פון דער אינקוויזיציע. ער האָט דאָס געטאָן ניט ווי אַ „זעלבסט־צוועק״, וואָס שטרעבט נאָך הנאות, נאָר ווי אַ זעלבסט־מיטל. די טעאָרעטישע דער־קענטעניש איז אַ גרונט־שטאָם פון דער מענטשלעכער קולטור־עוואָלוציע, וואָס איר עובדא איז צו זוכן דעם אמת צוליב דעם אמת, און צו פאַריאָגן די פאַלשע — ריכטיקער: „אָפּגעלעבטע״ געדאַנקען. אין ברונאָס צייטן איז דער ניי־אויסגעפונענער אמת געווען די קאָפּערניקאַנישע שיטה, אין וועלכער ברונאָ האָט געגלייבט, און וועלכן די אינקוויזיציע האָט געוואָלט דערשטיקן. האָט ברונאָ פרייוויליק זיך געלאָזט פאַרברענען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרלייקענען דעם אמת, אין וועלכן ער האָט געגלייבט. אָביעקטיוו איז אָט דער אַקט פון מסירת־נפש געווען אַ מיטל צוליב דעם העכערן ציל — דעם אויפהאַלטן פון דעם טעאָרעטישן קולטור־צווייג, וואָס זוכט דעם אמת צוליב דעם אמת, און דער „זין״, דער „שכלדיקער אינהאַלט״ פון ברונאָס גאַנצן לעבן, איז געווען זיין אַרבעט אין דעם דינסט פון דער טעאָרעטישער דערקענטעניש. סוביעקטיוו אָבער, האָט ער געקאָנט גיין אויף מסירת־נפש ווייל ער איז געווען אַ „זעלבסט״, וואָס האָט זיך פרייוויליק געשטעלט אין דעם דינסט פון דער אמת־זוכעניש; אין דער מסירת־נפש איז געלעגן דער טריאומף פון זיין אייגענעם ווילן — אַ מאָמענט פון מענטשלעכן גליק־צושטאַנד וואָס מאַכט אין גאַנצן שווייגן די אילוזיע פון אַן אייגענעם „איך״, ווי אַ „זעלבסט־צוועק״.

קאַפּיטל פֿופֿצן

די קולטור־קרעפֿטן ווי „צילן אין זיך גופֿא"

קאַרל מאַרקס האָט דעם שליסל צו דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג געפֿונען אין דער מענטשלעכער זעלבסט־ און ציל־באַוואוסטער אַרבעט, — ד"ה אייגנטלעך אין דער אַרבעט פֿון אַ מענטשן, מיט אַן „איך"־באַוואוסטזיין. אין זיין שילדערונג פֿון דעם אַרבעטס־פּראָצעס, אין דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", שיידט ער פֿונאַנדער צווישן דער נויטווענדיקער אַרבעט, וואו דער מענטש „מוז אונטערוואַרפֿן זיין ווילן" אונטער די געגעבענע פֿון זיין ציל, און יענער אַרבעט, וועלכע „ער איז נהנה („געניסט"), ווי „אַ שפּיל פֿון זיינע אייגענע קערפּערלעכע קרעפֿטן" (ערשטער באַנד, ז' 142).

דער זעלביקער אונטערשייד שפּרינגט ווידער אַרויס אין דעם דריטן, לעצטן באַנד פֿונעם „קאַפּיטאַל", וואו מאַרקס רעדט וועגן דער „ממשלה פֿון דער פֿרייהייט", וואָס בויט זיך אויף דער „ממשלה פֿון דער נויטווענדיקייט". אָבער דאָ באַקומט שוין די צווייטע אַרט אַרבעט אַ גאַנץ אַנדער פֿאָרמולירונג. אין דער ממשלה פֿון דער פֿרייהייט, זאָגט מאַרקס, הייבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער קראַפֿט, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופֿא" („די זיך אַלס זעלבסט־צוועק גילט". די ענגלישע איבערזעצונג אין דריטן באַנד, ז' 954, טייטשט דאָס: „וואָס איז איר אייגענער ציל"). דאָ ווערט שוין מער ניט גערעדט פֿון אַ „שפּיל" און פֿון „אייגענע" קרעפֿטן אין אַ מענטשלעכן „איך". דאָ שפּרינגט פּלוצלינג אַרויס אַ ציל, וואָס שטעקט אין דער מענטשלעכער קראַפֿט גופֿא; ס'איז אַן אַרבעט צוליב דער אַרויסברענגונג פֿון אַ באַשטימטער מענטשלעכער קראַפֿט, אַן אַרבעט צוליב דער באַשטימטער אַרבעט און ניט צוליב אַ וועלכן עס איז דרויסיקן צוועק.

פֿון וואַנען פֿליסט אַריין אין די מענטשלעכע קרעפֿטן אַזאַ מין משונהדיקע זאַך ווי אַ „זעלבסט־צוועק"? דער ריין „מאַטעריאַליסטישער"

בליק אויף די טרייב־קרעפטן פון דער מענטשלעכער אַרבעט, פירט אונדז דאָ צו צו דעם ראַנד פון אַ רעטעניש, וועלכע ער קאָן ניט באַשיידן מיט זיינע אייגענע מיטלען. ערשט דער געדאַנק, אַז די קולטורעלע עוואָלוציע, וואָס איר תוך איז אַ פּראָצעס פון באַוואוסטזיניקייט, איז אַ העכערע ממשלה אין דער וועלט־עוואָלוציע, איידער די ביאָלאָגישע און די סאָציאָלאָגישע, וואַרפט אַ ליכט־שטראַל אויף אָט דעם רעטעניש. דער צוועק פון יענער מענטשלעכער קראַפט וואָס באַדייט פאַר דעם מענטשן, („גילט”), ווי אַ זעלבסט־צוועק פון דער קראַפט גופא, שטאַמט פון דעם וועלט־פּראָצעס אין זיין קולטורעלן גלגול, און אָט דער פּראָצעס איז אַ סך העכער, איידער די צוועקן פון אַן „איך”, וואָס איז אין זיין תוך ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ זעלבסט־מיטל דורכצופירן די צילן פון דעם איינהייטלעכן קולטור־שוועב.

עס איז גענוג צו אַנאַליזירן די מענטשלעכע „קרעפטן”, וואָס האָבן פאַר דעם מענטשן דעם באַדייט פון אַ זעלבסט־צוועק, כּדי איינצוזען דעם אמת דערפון. ווי שוין אין דער קאָסמישער עוואָלוציע טרעפן מיר אָן די פּראָצעסן פון „אָפּשטויס” און „צוצי‏ִ”, פון „צענטריפּעטאַל” און „צענטריפוגאַל” — האָבן מיר אין יעדער ממשלה פון דער וועלט־עוואָלוציע די „צוצי‏ִ”־ און „אָפּשטויס”־פּראָצעסן, מיט וועלכע די איינצלנע עלעמענטן ווערן געקערט און געווענדט און איינגעאָרדנט אין דעם גאַנג פון דער עוואָלוציע. אַזעלכע „צוצי‏ִ”־ און „אָפּשטויס”־פּראָצעסן האָבן מיר אויך געזען אין דער ביאָלאָגישער און דער סאָציאָלאָגישער עוואָלוציע. אין דער קולטור־עוואָלוציע, וואָס ווערט דורכגעפירט דורך באַוואוסטזיניקע מענטשלעכע „איכן”, באַקומען די „צוצי‏ִ”־ און „אָפּשטויס”־פּראָצעסן, וואָס איך רוף זיי „די קער־רימענס” פון דער אַנטוויקלונג, די פאָרעם פון צוצי‏ִ צו „גוט” און אָפּשטויס פון „שלעכט”. מוז מען אָבער איינזען, אַז דער עצם ענין „גוט” שליסט אין זיך איין דעם געדאַנק פון אַן אידעאַל. און אָט פאַרוואָס: יעדער ציל איז פאַרבונדן מיט אַ ווערט־אָפּשאַץ, וואָס ווערט אָנגעווענדט סיי אויף די צילן גופא, סיי אויף די מיטלען צו זייער דערגרייכונג, סיי אויף די רעזולטאַטן, וואָס די דערגרייכונג דאַרף אַריינברענגען אין לעבן. דער „בעסטער” ציל, דערגרייכט מיט די „בעסטע” מיטלען, מיט דער אויסזיכט אויף די „בעסטע” רעזולטאַטן — דאָס איז דער „אידעאַל”, וועלכן דער מענטש שטרעבט צו פאַרווירקלעכן אין יעדן צווייג פון דער קולטור־טעטיקייט אַזוי, אַז „דער גאַנצער קולטור־פּראָצעס פון דער מענטשהייט איז אין דער ערשטער און דער זיכערסטער ליניע אַ פאַרווירקלעכונג פון מענטשלעכע אידעאַלן”. (זע מיינע אַרטיק־

לען: „אידעאַל״, „אידעאַליזם אין דער פילאָסאָפיע״ און „אידעע״ אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״, צווייטער באַנד, זז׳ 36, 37—46 און 50).

די „בעסטע רעזולטאַטן״ פון דעם „אידעאַל״ זיינען אָבער ניט אַלע מאָל די „בעסטע״ פאַר דעם אייגענעם לעבן פון יענע מענטשן, וואָס שטרעבן צו זייער פאַרווירקלעכונג. אויך דער מענטש, ווי אַ „זעלבסט־מיטל״ אין דער קולטור־שאַפונג, פאַלט אַרונטער אונטער דעם גורל, צו זיין אַ מיטל פאַר אַ העכערן צוועק און צו צאָלן דערפאַר מיט זיין אייגענעם וואויל־זיין אָדער אַפילו מיט דעם אייגענעם לעבן.

דער אידעאַל פון דעם דערקענטעניש־פּראָצעס, די „צוצי־קראַפט״, וואָס הערשט אין אים, איז דאָס שטרעבן צו דעם אמת צוליב דעם אמת. האָט דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ באַצאָלט דערפאַר מיט זיין פאַרברענט ווערן אויף דעם פלאַקער־הויפן פון דער אינקוויזיציע. זיין מענטשלעכע קראַפט, וואָס האָט „געהאַט דעם באַדייט פון אַ ציל אין זיך גופא״ האָט אין דער אמתן געקראָגן דאָס ציל ניט „פון זיך גופא״, נאָר פון דעם דערקענטעניש־פּראָצעס אין דער קולטור־אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיט ברונאָן און האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיט אים. דער „אמת צוליב דעם אמת״ איז דאָ געווען די „צוצי־קראַפט״, דער קער־רימען אין ברונאָס גאַנצן לעבן, ער איז אָבער אויך געווען די „אָפּשטויס־קראַפט״, וואָס האָט פאַר אים מבטל געווען זיין אַנימאַלישן אינסטינקט פון זעלבסט־דער־האַלטונג.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט דער עסטעטישער עוואָלוציע, וואָס איר צוצי־פּראָצעס באַשטייט, דער עיקר, אין דער באַשאַפונג פון קונסט־פּראָדוקטן. די צוצי־קראַפט איז דאָ דער עיקר, דאָס שטרעבן צו „שיינ־פּראָדוקטן. די צוצי־קראַפט איז דאָ דער עיקר, דאָס שטרעבן צו „שיינ־קייט לשם שיינקייט״. די קינסטלערישע שאַפונגס־קראַפט באַדייט פאַר דעם מענטשן אַ קראַפט, וואָס טראָגט „איר ציל אין זיך גופא״. אין דער אמתן, ווערט דער צוועק אַריינגעטראָגן אין איר פון דעם עסטעטישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. ס׳קאָן טאַקע זיין, אַז דער אָנהייב פון קונסט־שאַפונג ליגט אין דעם „שפּיל״, שוין אין די שפּילן פון די יונגע חיות. אָבער פאַר דעם קינסטלער אין דעם קולטור־פּראָצעס איז דאָס שוין גאָרניט קיין „שפּיל״. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען ניט נאָר אָן די „חבלי לידה״ פון דעם שאַפן ביי אַ סך גרויסע קינסטלער, נאָר אויך אָן די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע אַ סך גרויסע קינסטלער האָבן „פריייוויליק״ גענומען אויף זיך, כדי צו קאָנען פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן. אויך דאָ ווערן די אידעאַלן געפורעמט פון דעם גאַנצן עסטעטישן

אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. און וואָס פאַר איין עפּאָכע אין דער קונסט־געשיכטע איז אַן „אידעאַל" קאָן פאַר אַן אַנדער עפּאָכע ווערן אַ „הבל הבלים".

דער זעלביקער ענין פון זיין ניט אַ „זעלבסט־צוועק", נאָר אַ „זעלבסט־מיטל" טרעט ניט ווייניקער קלאָר אַרויס אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָראַלישער באַוואוסטזיינס־ספערע. אויך די מאָראַלישע קראַפט געהערט צו דער „ממשלה פון פרייהייט". אויך זי „באַדייט" (פאַר דעם מענטשן) „אַ ציל אין זיך גופא". אָבער אויך זי ווערט דיריגירט פון „קער־רימענס", פון „צוצי־" און „אָפּשטויס"־פּראָצעסן, פון אידעאַלן דורך וועלכע דער מענטש, ווי אַ „זעלבסט־מיטל", פירט דורך די עטישע עוואָלוציע. די „קער־רימענס" זיינען דאָ פילפאַכע: ליבע צו מיט־מענטשן; רחמנות אויף יעדן ליידנדיקן באַשאַף; דאָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות און דעם אייגענעם לעבן, אין די האַנדלונגען, געפילן און כוונות; דער פליכט־געפיל; דאָס שטרעבן צו גערעכטיקייט און דעם אייגענעם לעבן און אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט; דאָס שטרעבן צו דעם „העכסטן גליק פאַר דער גרעסט־מעגלעכער צאָל"; דאָס שטרעבן אויפצוהייבן די מיט־מענטשן אויף דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער חשיבות; דאָס שטרעבן צו דער העכער־בילדונג פון דעם מין מענטש.

און וויפל קרבנות קומט אויס דעם מאָראַלישן מענטשן צו ברענגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן! סאָקראַט, אַ פאַרמשפּטער צום טויט, זאָגט זיך אָפּ צו אַנטלויפן פון תּפיסה און טרינקט רויִק אויס דעם בעכער מיט סם. אַלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס אָדער וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין די פאַרפאָלגונגען און די יסורים מצד זייערע פייניקער; אַלע פאָלקס־אויפשטאַנדן, אין וועלכע מען האָט געקעמפט ניט פאַר דער אייגענער הויט, נאָר פאַר דעם וואויל־זיין פון אַנדערע מענטשן, צי פאַר צוקונפטיקע דורות — דאָס אַלץ שטעלט צונויף דעם לאַנגן־לאַנגן מאַרטיראָלאָג פון דער מאָראַלישער ספערע, אַ סך אַ לענגערן און באַדייטנדערן, איידער אין דער ספערע פון דער דערקענטעניש, וואָס האָט אויך אַ גאַנץ היפּשן מאַרטיראָלאָג. אָט די אַלע קרבנות שטאַמען דערפון, וואָס דער מענטש איז, ווען אַפילו ניט קיין בלינדער מיטל, איז פאָרט — אין לעצטן סך־הכל, אַ מיטל, אַ „זעלבסט־מיטל" פאַר דעם העכערן צוועק, דער עוואָלוציע פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

עס מאַכט ניט קיין אויסנאַם פון אַט דעם כּלל אויך די ספּערע פון דער רעליגיעזער עוואָלוציע, מיט אירע אומצאָליקע קרבנות פון גיין „על קידוש השם״, הגם עס איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי אין דאָס רוב אַזעל־כע קרבנות איז דאָ דער סוביעקטיווער „זעלבסט״ אין גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער ראָלע פון זיין אַ מיטל, געטריבן און געקערט מיט די צוצי־ און אָפּשטויס־פּראָצעסן פון „הייליקייט״ און „אומווערדיקייט״. ס׳קאָן זיין אַז ביי דאָס רוב אַזעלכע קרבנות איז גראָד דער גורל פון דעם „איך״ געשטאַנען אויף דעם ערשטן פּלאַן, און זיין שטרעבן אויס־צובייטן זיין צייטווייליק לעבן אין דעם „יאָמער־טאָל״ פאַר אַן אייביק לעבן אין גן־עדן. אָבער זיכער איז אויך אין דער רעליגיעזער קולטור־ספּערע געווען געגנוג „קדושים וטהורים״, וואָס האָבן געטראַכט נאָר וועגן „דינען גאָט״ שלא על מנת לקבל פּרס. דינענדיק גאָט, האָט די רעליגיעזע שאַפונגס־קראַפט, וואָס באַדייט אויך „אַ ציל אין זיך גופא״, אין דער אמתן באַקומען איר ציל ניט פון זיך אַליין, נאָר דערפון, וואָס דער מענטש איז אויך דאָ ניט קיין בלינדער מיטל צום צוועק און אויך ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר אַ זעלבסט־מיטל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם קול־טור־צווייג רעליגיע, אַלץ איינס, צי אַט דער צווייג איז אַן אייביקער, ווי איך גלייב, צי נאָר אַ „היסטאָרישער״ וואָס וועט ווען עס איז אָפּ־דאַרן און אַראָפּפאַלן פון דעם קולטור־בוים.

מיר האָבן ביז אַהער גענומען דאָס „איך״־באַוואוסטזיין ווי אַ ריין אָביעקטיווע, כּמעט נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דערשיינונג און האָבן עס באַ־טראַכט, ווי אַן „אילוזיע״ — אַ נויטווענדיקע אילוזיע פאַר דעם אויפבוי פון דער מענטשלעכער קולטור, אָבער פאָרט ניט מער ווי אַ „דמיון״. די „רעאַליטעט״ פון דעם „איך״ האָבן מיר ביז אַהער צוגעגעבן, נאָר ווי אַן אינעווייניקסטע „עמפּיריש־פּסיכאָלאָגישע״, אָבער ניט ווי אַ רעאַלי־טעט אין דעם וועלט־פּראָצעס, וואָס מחוץ פון אַן אינדיווידועלן באַוואוסטזיין.

אויסגעפינענדיק אָבער, אַז די קולטור־עוואָלוציע איז אַ זעלבשטענדיקע ממשלה אין דער וועלט־עוואָלוציע, וואַקסט אויס די שאלה, צי האָבן מיר נאָך אַ רעכט, צו באַטראַכטן דאָס „איך״, ווי אַ נאָר עמפּיריש־פּסיכאָלאָגישע רעאַליטעט.

וועגן אַט דער שאלה אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל זעכצן

דאָס „איך" און דער „קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט"

„דער מענטש זוכט וואו ס'איז בעסער, ווי אַ פיש, וואו ס'איז טיפער". באַטראַכט מען דעם מענטשן ריין אָביעקטיוו, נאָר ווי „אַ פיש", נאָר ווי אַ „נאַטור־דערשיינונג", קאָן דעמאָלט גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אַן „איך", אַ „פרייען ווילן", אַ זעלבסטשטענדיקן „יש", וואָס איז אַ צוועק אין זיך גופא. דעמאָלט איז דאָס „איך"־זיין אַ דמיון, אַן אילוזיע. אַפילו מאַקס שטירנער, דער גרויסער דענקער, וואָס האָט זיין גאַנצן בנין אויפֿגעשטעלט אויף דעם „איך"־פּרינציפּ, האָט צום סוף פון זיין קלאַסישער שריפט: „דער איינציקער און זיין אייגנטום" געמוזט מודה זיין, אַז דאָס „איך" גופא איז אין תוך גענומען אַ „גאָרנישט" און לפי דעם האָט ער, ווי אַ מאָטאָ צו זיין שריפט גענומען דעם שפּרוך: „איך האָבע מיינע זאַכע אויף ניכטס געשטעלט".

צוריק, ווען מען גייט צו צו דעם ענין „איך" סוביעקטיוו, פון אינעווייניק, און מיר פרעגן אונדז, וואָס איז דעם מענטשנס איינבליק אין זיין אייגענעם „איך", מוז מען צוגעבן, אַז ער זעט אייך בחוש, ווי זיין „איך" איז אַ מין צענטער פון דער גאַנצער וועלט, און אַז זי, די וועלט, איז פאַר אים אַ „ניט־איך". דאָס „איך" איז דער צענטער פון אַלע דערקענטענישן, פון אַלע געפילן, פון אַלע ווילנס־האַנדלונגען און שטרעבונגען. אין דעם „איך" זאַמלען זיך אָן אַלע איינדרוקן פון דרויסן; פון דעם „איך" גייען אַרויס אַלע איינווירקונגען אויף דעם דרויסנדיגן „ניט־איך", צו וועלכן עס געהערט אויך דער אייגענער גוף.

טראַכט מען קאָנסעקווענט אין אָט דער סוביעקטיווער ליניע פון געדאַנק, מוז מען, אינאיינעם מיט די „סאָליפּסיסטן", קומען צו דעם שלוס, אַז דאָס „איך" איז פאַר דעם מענטשן די איינציקע, זיכערע רעאַליטעט, און אַז די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט, אין איינעם מיט דעם אייגענעם „גוף", איז אפשר ניט מער ווי אַ דמיון, אַן אילוזיע אין דעם „איך".

האָבן מיר דאָ פאַר אונדז איינע פון די גרעסטע און טיפסטע ווידער־שפּרוכן אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש. דער סוביעקטיווער און דער אָביעקטיווער שטאַנדפּונקט לייקענען אָפּ, איינס דאָס אַנדערע. פאַר דעם אָביעקטיוון „ניט־איך״־שטאַנדפּונקט איז דאָס „איך״ אַן אילוזיע. פון דעם סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט קאָן מען די גאַנצע ניט־איך־וועלט באַטראַכטן ווי אַ דמיון.

אין דער אמתן אָבער מוזן ביידע שטאַנדפּונקטן רייך טעאָרעטיש באַ־טראַכט ווערן ווי גלייכבאַרעכטיקט און אויך די „אמתן״ (די דערקענ־טענישן), וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון זיי, דאַרפן גענומען ווערן, ווי רעאַליטעטן און ניט ווי דמיונות און אילוזיעס. און דאָס — ניט געקוקט אויף זייער תהום־טיפן ווידערשפּרוך.

מיר האָבן אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש נאָך אַ סך אַנדערע סיטואַציעס, וואו דער מענטש נעמט אויף צוויי ווידערשפּרוכפולע אמתן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע רעאַליטעטן. דאָס זיינען קודם די „אמתן״, ווי די נאָרמאַלע חושים נעמען זיי אויף, הגם זיי זיינען סותר יענע אמתן, וואָס די וויסנשאַפט פון דער צייט, צווינגט אונדז צו דענקען וועגן זיי. דער בוילעטסטער ביישפּיל איז די שטעלונג פון אַ מאָדערנעם געבילדעטן מענטשן צו די אויספירן פון דער אַסטראָנאָמישער און פיזיקאַלישער וויסנשאַפט.

מיר וויסן פון דער אַסטראָנאָמיע, אַז די גרויס פון דער ערד לגבי דער גרויס פון דער זון איז, זאָגן מיר, ווי אַן אַרבעסל לגבי אַ קירבעס. אונדזער אויג זעט אָבער די זון ווי אַ טעלערל, ווי זיבן־הונדערטל פון יענעם שטיקל שטח ערד און לופט, וואָס מיר כאַפּן אַרום מיט אונדזער אויג. אָט די גרויס פון דער זון איז פאַר אונדז רעאַל,ווירקלעך. איר אמתע גרויס איז נאָר אַ געדאַנק. פאַר אונדז איז רעאַל דער פאַקט, וואָס די זון דרייט זיך אַרום דער ערד. מיר זעען און מיר זאָגן, אַז די זון „גייט אויף אין מזרח און פאַרגייט אין מערב״. און לויט אָט דער רעאַליטעט פון די חושים באַשטימען מיר אונדזער גאַנצע צייט־איינטיילונג און אונדזער גאַנצן לעבן און שטרעבן אין דער צייט. מיר וועלן קיין מאָל ניט זאָגן: „די ערד איז אונטערגעגאַנגען אין מערב־זייט״, אַנשטאָט: „די זון איז אויפגעגאַנגען אין מזרח־זייט״.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַזוי גערופענע „צווייטיקע קוואַ־ליטעטן״ („סעקאַנדעס קוואַליטיס״), ווי ליכטיק און פינצטער, רויט און גרין, האַרט און ווייך, קאַלט און וואַרעם, ביטער און זיס וכו׳, וכו׳ — אַלץ ניט אָפּצופּרעגנדיקע רעאַליטעטן, ווירקלעכקייטן, וואָס פילן אַן אונ־

דזער גאַנץ לעבן. מיר זאָגן — און מיט פולן רעכט: „דאָ איז ליכטיק; דאָרטן איז פינצטער". „דער מאַן איז רויט; די גראָז איז גרין". „דער צוקער איז זיס; דער פעפער איז ביטער". הגם על־פי וויסנשאַפט האָבן מיר אפשר געדאַרפט זאָגן: „עס איז אין אונדזער זע־נערוו אַרויסגערופן געוואָרן אַ שפּירונג פון ליכטיקייט, פון רויט, פון גרין; אין אונדזער געשמאַק־נערוו — אַ שפּירונג פון זיסקייט, פון ביטערקייט וכדומה.

דער „אמת" פון די חושים און דער „אמת" פון דעם טעאָרעטישן פאָרשן לייקענען אָפּ איינס דאָס אַנדערע. אָבער מיר, מענטשן, נעמען פּאַקטיש אָן ביידע אמתן. מיר רעכענען זיך מיט ביידע, פונקט ווי ביידע וואָלטן געווען גלייך רעאַל. פונקט ווי ביידע אָרטן „אמת" וואָלטן, אַזוי צו זאָגן, געלאָפן אין צוויי פּאַראַלעלע ליניעס און ניט פאַרשטעלט איינער דעם אַנדערן דעם וועג.

גייען מיר מיט דער ליניע פון אונדזער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג אין יענערווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר לעבן, איז דעמאָלט „אַבסאָלוט" אמת, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד. שפּרינגען מיר אַריבער אויף דער פּאַראַלעלער ליניע פון דער וויסנשאַפטלעכער אַסטראָנאָמיע, איז דע־מאָלט „אַבסאָלוט" אמת, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

מיר לאָזן דאָס דער העכערער טעאָריע פון דערקענטעניש, זי זאָל, ווי כּדומה אין דער העכערער מאַטעמאַטיק, אויסגעפינען דעם פונקט, וואו די צוויי פּאַראַלעלע אמתן, וואָס לויפן אין פונקט אַנטקעגנגעזעצטע ריכ־טונגען, גיסן זיך צונויף אין איינעם. און ווער עס איז אַ ביסל מער באַקאַנט מיט די פּלאָגענישן פון דער מאָדערנער דערקענטעניש־טעאָריע וויים, ווי ווייט דער מענטשלעכער געדאַנק איז נאָך פון האָבן געפונען אָט דעם איין איינציקן מקור, פון וואַנען עס נעמען זיך די פאַרשיידענע פּאַראַלעלע ליניעס און די פאַרשיידענע ספערן פון דעם מענטשלעכן באַ־וואוסטזיין, מיט די פאַרשיידענע געזעצן און נויטווענדיקייטן, וואָס הערשן אין יעדער באַזונדער ספערע אויף אַ באַזונדער אופן. ניטאָ נאָך אַזאַ „מאָניסטישער" שטאַנדפּונקט, וואָס זאָל אָפּשאַפן אַלע ווידערשפּרוכן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש און וואָס זאָל זיין אַ חוב פאַר יעדן נאָרמאַל־דענקענדיקן מענטשן. אין דער דערקענטעניש־טעאָריע, ווי אין דער פילאָסאָפיע בכלל, קעמפן נאָך האַרטנעקיק פאַרשיידענע שטאַנד־פונקטן און מעטאָדן, ווי אַזוי אַרויסצוברענגען יענעם „מאָניזם". און אַלע שטאַנדפּונקטן זיינען, ריין לאָגיש גענומען, גלייכוואָגיק און האָבן דעם זעלביקן דרוק, די זעלביקע שטויס־קראַפט אויף דער ריכטונג פון דעם אַלגעמיין־פילאָסאָפישן געדאַנק.

נעמען מיר אויף אָט די ווידערשפּרעכפולע לאַגע אין דער מענטש־לעכער דערקענטעניש, וואָס שטאַמט פון דעם סוביעקטיוון איינבליק און דעם אָביעקטיוון איינזען, און מיר טראָגן זי אַריבער אויך אויף דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשן מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, קאָנען מיר זאָגן: דער „איך״, מיט זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין, זיין „פריייען״ ווילן און זיין זעלבסט־באַשטימונג, איז פּונקט אַזוי רעאַל, פּונקט אַזאַ דירעקטע ווירקלעכקייט, ווי ליכטיקייט און וואַרעמקייט, (אָדער אויב איר ווילט דווקא אַ פּעסימיסטישן פאַרגלייך), ווי פינצטערניש און ביטערניש, און אין דער זעלביקער צייט איז ער פּונקט אַזאַ דמיון, פּונקט אַזאַ אילוזיע, ווי ליכטיקייט און ווירקלעכקייט, ווי פינצטערניש און ביטערניש.

דאָס איז — ווען מיר באַטראַכטן דאָס „איך״־זיין, ווי אַן איינצל־מאָמענט אין דעם אַלגעמיינעם וועלט־באַנעם. דאָ בלייבט דער אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך צווישן „דמיון״ און „רעאַליטעט״ אַ ניט פאַר־ענטפערטער און אין אונדזער איצטיקער אַרבעט, אין וועלכער מיר האָבן זיך לכתחילה אָפּגעזאָגט צו פאַרענטפערן די שאלה, ווי אַזוי איז מעגלעך געוואָרן, אַז אַ דמיונדיקער „איך״, אַ „גאָרנישט״, לויט שטירנערן, זאָל ווערן אַ „רעאַליטעט״, מוז יענער ווידערשפּרוך בלייבן ניט אויסגע־האַרמאָנירט.

וואָס מיר האָבן געוואָלט אַרויסברענגען און באַקרעפטיקן — אויב דאָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן — איז נאָר דער געדאַנק, אַז אין דעם פּראָצעס פון דער וועלט־עוואָלוציע, וואָס האָט באַשאַפן אַזוי פיל פאַר־שיידענע ממשלות, מיט באַזונדערע געזעצן און מיט באַזונדערע יחידים — שטערן און פּלאַנעטן, קריסטאַלן, לעבעדיקע פּלאַנצן און חיות, פּלאַנצ־לעכע און אַנימאַלישע, — אין וועלכע און דורך וועלכע עס ווערט פאַרווירק־לעכט דער באַזונדערער אַנטוויקלונג־שוועב פון דער אָדער יענער ממשלה, ווערט אויך, נאָך דער סאָציאַלער עוואָלוציע, אַרויסגעבראַכט די ממשלה פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, וואָס איר עובדא איז די פאַר־וואַנדלונג פון נאַטור־דערשיינונגען און קולטור־דערשיינונגען, באַשאַפנדיק דערמיט אַ גאַנץ נייע „וועלט״, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן די „צווייטע יצירה״; אַז די מענטשן מיט זייערע „איך״־באַוואוסטזיינס זיינען יענע אייגנאַרטיקע יחידים, אין וועלכע און דורך וועלכע עס ווערט פאַר־ווירקלעכט דער אַנטוויקלונגס־שוועב פון אָט דער ניט איבער־נאַטירלע־כער, נאָר אויבער־נאַטירלעכער וועלט; אַז אויך דאָ באַגייט זיך די קולטור־רעלע עוואָלוציע מיט אירע יחידים כמעט אויף דעמזעלביקן אופן, ווי דאָס

קומט פאַר אין אַלע אַנדערע ממשלות פון דער וועלט־עוואָלוציע, ד״ה ווי מיט אַ מיטל צו אַ צוועק.

כמעט אויף דעמזעלביקן אופן, אָבער פאַרט ניט אין גאַנצן אויף דעמ־זעלביקן אופן. אין דער נאַטור, איז דער אַנימאַלישער יחיד ניט מער ווי אַ בלינדער מיטל צו אַ צוועק, געקערט און געווענדט דורך אומבאַוואוסט־זיניקע אינסטינקטן — זעלבסט־דערהאַלטונג, מין־דערהאַלטונג, קאַמף־אינסטינקטן וכו׳. אין דער קולטור־עוואָלוציע איז דער מענטש, מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, מיט אַ ציל־שטרעביקער אַרבעט, אמת, אויך ניט קיין צוועק פאַר זיך גופא, ווען מיר באַטראַכטן דאָס אָביעקטיוו, אָבער דערפאַר אויך ניט קיין בלינדער מיטל, צו אַ צוועק, נאָר אַ זיך־זעלבסט־באַשטימנדיקער מיטל, אַ „זעלבסט־מיטל״, ווי מיר האָבן דאָס אָנגערופן. און אַנגעטריבן ווערט דער מענטש ניט דורך אינסטינקטן, ווי גלאַט אַן אַנימאַלישער יחיד, נאָר דורך אַ ציל־באַוואוסטן שטרעבן, צו באַהערשן די נאַטור, צוליב דעם אייגענעם גליק.

דערפון וואַקסן אַרויס אַ היפּש ביסל פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן אינ־טערעסירן דעם טעאָרעטיקער פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, ווי אַ העכערע שטופע פון דער וועלט־עוואָלוציע בכלל.

קודם געווינען מיר דאָ דעם איינזען, אַז אין די גרענעצן פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, אין יענער ספערע פון דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט איר, מוז דער מענטשלעכער יחיד, מיט אַ פרייען ווילן, מיט אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין און אַ זעלבסט־באַשטימונג, באַטראַכט ווערן, ווי יענע פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט, דורך וועלכער עס ווערט באַשאַפן די גאַנצע נייע ממשלה אין דער וועלט־אַנטוויקלונג און וואָס ווערט געקערט און געווענדט מיט די קער־רימענס פון „גוט״ און „שלעכט״. ווי „דמיונדיק״ אַט די רעאַליטעט זאָל ניט זיין אין דעם ליכט פון דער אַל־וועלטלעכער עוואָלוציע, איז זי, גראָד זי, אַ רעאַלע קראַפט, וואָס ברענגט אַרויס נייע שטרעמונגען אין דעם שטראָם פון דער קולטור־רעלער אַנטוויקלונג. צו די פאַרשיידענע צוצי־ און אָפּשלוס־קרעפטן, וואָס פירן צו די פאַרשיידענע צונויפשטויסן, אַנטאַגאָניזמען, קאָנפליקטן און קאַמפן אין דער נאַטור, קומט צו אַ נייער קאַמף, פון וועלכן די „אונטער־נאַטור״ איז אין גאַנצן פריי. דאָס איז דער קאַמף, וועלכן מיכאַילאָווסקי האָט אָנגערופן „דער קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״.

ליידער האָט מיכאַילאָווסקי אין זיין אָריגינעלער, געדאַנקען־רייכער אַרבעט, געקענט נאָר אָנמערקן זיין טעמע און אָנוואַרפן וויכטיקע שטריכן,

כּדי זי צו באַלייכטן. אים איז אָבער ניט באַשערט געווען, אויפצואַקערן דאָס ניי־געפונענע פעלד.

אָבער אויך אין דעם גאַנצן צוגאַנג זיינעם איז געלעגן אַ פּרינציפּיע־לער טעות. ער האָט זיך לכתּחילה אַוועקגעשטעלט אויף דעם ריין־סוביעק־טיוון, כּמעט ריין שטירנערשן שטאַנדפּונקט פון דעם „איינציקן און זיין אייגנטום״. אַרויסגעבראַכט האָט ער פונדעסטוועגן דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד, וואָס הערשט צווישן דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ״, וואָס קומט פאַר אין דער לעבעדיקער נאַטור, און דעם „קאַמף פאַר אינדיווי־דואַליטעט״, וואָס קומט פאַר אין דער מענטשלעכער וועלט. דאָרטן גייט עס אין צופּאַסן דעם יחיד צו זיין לעבנס־סביבה. דאָ גייט עס אין דעם יחידס פּראָטעסט אַנטקעגן דער לעבנס־סביבה, אין דעם שטרעבן, צו־צופּאַסן די סביבה צו זיך.

אין תּוך איז דאָס דער זעלביקער געדאַנק, וועלכן קאַרל מאַרקס ברענגט אַרויס אין זיין עפּאָכע־מאַכנדיקער שילדערונג פון דעם מענטש־לעכן אַרבעטס־פּראָצעס, מיט וועלכן מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל — אַ שילדערונג, וואָס האָט אונדז געגעבן דעם אַרויס־גיי־פּונקט פאַר אונדזער גאַנצער באַטראַכטונג, וועגן דער ממשלה פון דער מענטשלעכער קולטור.

לויט מאַרקסן איז דער אַרבעטנדיקער מענטש, אַזוי צו זאָגן, אַ „מורד־במלכות־נאַטור״, אַ רעוואָלוציאָנערע קראַפט, וואָס בויט זי איבער, לויט זיינע צילן, ד״ה וואָס שטרעבט צוצופּאַסן צו זיך די סביבה, — מיט די מיטלען פון קינסטלעכע געצייג — אַנשטאָט צוצופּאַסן די איברים פון זיין גוף צו איר. דאָס איז גראָד דער תּוך פון יענעם ענין, וועלכן מיכאַי־לאָווסקי רופט אָן „קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״. אָבער פּונקט ווי מי־כאַילאָווסקי האָט דערביי איינזייטיק איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער סוביעקטיווער זייט, וואו „מענטש״ — דער יחיד — איז אַ „זעלבסט־צוועק״, אַזוי האָט אויך מאַרקס איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער אָביעקטיווער זייט, שילדערנדיק דעם מענטשן ווי כּמעט נאָר אַ בלינדן מיטל אין די הענט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

אמת, מען טאָר דערביי ניט פאַרגעסן לטובת מאַרקסן, אַז ער נעמט דעם מענטשן נאָר אין דעם פּעריאָד ביז צום סאָציאַליזם — אַ פּעריאָד, וועלכן ער רופט אָן „די פאָרגעשיכטע פון דער מענטשהייט״, וואו עס ווערט ערשט דורכגעפירט די „מענטשווערונג פון דעם מענטשן״ און וואָס איז נאָך ניט די אמתע געשיכטע פון דעם באַפרייטן אַרבעטנדיקן, ד״ה קולטור־שאַפנדיקן מענטשן.

ווען מיר פֿאַרגלייכן מאַרקסעס געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע מיט מיכאַי־לאָווסקיס סאָציאָלאָגישע אויפֿבליצן — אויב ניט פֿאַרשונגען — און ווען מיר לאָזן אַרויס פֿון אויג דעם היפּשן מהלך, וואָס הערשט צווישן די צוויי דענקער אין דעם פּרט פֿון גרויס און טיף, — שטייט אויף דאָס בילד, פֿון צוויי מענטשן, וואָס גראָבן אַ טונעל פֿון צוויי זייטן באַרג, איינער פֿונקט אַנטקעגן דעם אַנדערן. וואָלטן זיי ביידע געגאַנגען אין אַ ווי־רע־גלייכער ליניע, דעמאָלט וואָלטן זיי ביידע געמוזט קומען צו דעם פּונקט, וואו זיי באַגעגענען זיך און וואו זייער ביידנס אַרבעט וואָלט געווען פֿאַר־ענדיקט. דער פּונקט וואָלט געווען די אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם מענטשן, ניט ווי אַן אַבסאָלוטער יחיד, אָדער סתּם אַ „נאַטור־קראַפֿט", ניט ווי אַן אַבסאָלוטער „זעלבסט־צוועק" און ניט ווי אַ בלינדער מיטל צו אַ צוועק, נאָר ווי אַ זעלבסט־מיטל, ווי אַן אייגנאַרטיקער, ווידערשפּרוכפֿולער אָרגאַן פֿון אַ העכערער ממשלה אין דער וועלט־עוואָלוציע.

נאָר — דעם ענין פֿון קולטור־שאַפֿונג בכלל מוזן מיר דאָ אַרויס־לאָזן, ווייל מיר דאַרפֿן האַלטן אין אויג נאָר דאָס, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו אונדזער ענין וועגן דעם זין פֿון דעם מענטשלעכן לעבן און זיינע צוויי באַדייטונגען פֿון שכלדיקן אינהאַלט און בר־דעתדיקן תּכלית.

קאַפּיטל זיבעצן

דעטערמיניזם, פּרײַהייט און „זעלבסט־מיטל"

אין דער נאַטור ווערט דער יחיד, אין זיין „קאַמף פאַר עקזיסטענץ", צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון זיין סביבה. אין דער קולטור־וועלט שטרעבט דער מענטש, אין זיין „קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט", צוצופּאַסן די סביבה צו די באַדערפעניש פון זיין אייגענעם לעבן. אין זייער באַפרידיקונג זוכט ער זיין אייגן גליק, אין זיין „סביבה" איז דערביי ניט נאָר די דרויסנדיקע נאַטור, נאָר אויך די געזעלשאַפטלעכע און די קולטור־ספערע אין וועלכע ער לעבט.

דאָס איז פאַר אים מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַן „איך", מיט אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין און אַ זעלבסט־באַשטימונג, מיט אַ „דמיונדיקן" „פרייען ווילן", פונאַנדערצושיידן צווישן „גוט" און „שלעכט" און אַליין אויסצוקלייבן דעם וועג, אויף וועלכן ער וויל דערגרייכן זיין אייגן גליק.

ווי דמיונדיק דער פרייער ווילן זאָל ניט זיין אין דעם ליכט פון דער עוואָלוציע, איז ער אָבער אין דער באַוואוסטזיין־ספערע פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג די פונדאַמענטאַלסטע רעאַליטעט, ווייל ער איז דער אַבסאָלוט נויטווענדיקער פאָרבאַדינג פאַר דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער קולטור. מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז די „פרייהייט" איז ניט נאָר אַן עמפּיריש־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אַן „אילוזיע". זי איז אָבער אויך ניט קיין „פּאָסטולאַט", ניט קיין טעאָרעטישע פאָדערונג „פון דעם פּראַקטישן שכל", ווי קאַנט האָט דאָס געלערנט. זי איז אַן „אַ־פּריאָרישער", אַ לכתחילהדיקע עמפּירישע רעאַליטעט אין דער קולטור־אַנטוויקלונג, פונקט, ווי „רוים", „צייט" און „באַוועגונג" זיינען עמפּירישע — דאָס מאָל אין דער דערפאַרונג אַנצוטרעפנדיקע אַ־פּריאָרישע רעאַליטעטן פאַר דער גאַנצער וועלט־אַנטוויקלונג — אַלץ איינס, וואָס עס זאָל ניט זיין דער מהות פון אַט די אַלע אַ־פּריאָרישע רעאַליטעטן אין יענער „זאַך, ווי

זי איז אין זיך גופא" (דעם קאַנטישן "דינג אַן זיך"), וואָס ליגט מחוץ פון אַ מענטשן־מעגלעכער דערקענטעניש.

דער "פרייער ווילן" אין אָט דעם ספּעציעלן זין, אין וועלכן מיר נעמען אים דאָ, אין וועלכן נאָר דער מענטש האָט, ווייל "נאָר דער מענטש אַרבעט", ד"ה ברענגט אַרויס קולטור — אָט דער "פרייער ווילן", אינאיינעם מיט דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין, גיט דאָס דעם מענטשן די מעגלעכקייט, אַלצדינג אָפּצושאַצן מיט דעם מאַסשטאַב פון "גוט" און "שלעכט" און אויסקלייבן יענעם וועג, אויף וועלכן ער וויל גיין — ד"ה אַרויסצוברענגען יענע רעאַלעווירקלעכקייטן, פון וועלכע עס באַ־שטייט די מענטשלעכע קולטור־וועלט. ממילא איז דער פרייער ווילן פּונקט אַזוי רעאַל, ווי עס איז רעאַל די "קאַוזאַליטעט", אָדער דער "רוים".

"זעלבסט־באַוואוסטזיין" און "זעלבסט־באַשטימונג" — אָט דאָס איז דער יסוד פון דער מענטשלעכער חשיבות, וואָס איז אַזוי טייער דעם מענטשן; אָט דאָס איז וואָס מאַכט אים, לויט דער אַלט־יידישער טעאָ־לאָגיע, פאַר "שיר ניט אַ גאָט" ("ותחסרהו מעט מאלהים"). אָבער אָט די גרויסע מעלה פון דער מענטשלעכער חשיבות איז אויך פאַרבונדן מיט אַן אינעווייניקסטן ("אימאַנענטן") חסרון.

דער גרויסער יידישער פריי גייסט און ביבל־קריטיקער פון דעם אַכטן יאָרהונדערט, חיווי הבלכי, האָט קריטיקירט די תורת משה אויך דערפאַר, וואָס זי לאָזט גאָט באַשאַפן אַ מאַטעריעלע וועלט בכלל און אַ מענטשן בפרט. ער פרעגט, פאַר־וואָס האָט גאָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין וועלט פון מלאכים, וואָס מוזן, לויט זייער טבע נאָך, ווי ריינע גייסטער, שטרעבן נאָר צו "גוט"? די קריטיק טרעפט דאָ — אין דער לעצטער ליניע — ניט די תורת משה נאָר דעם מענטשן, און אויך דאָ איז זי אומגערעכט.

אויב דער מענטש מוז אין דער קולטור־שאַפונג גענומען ווערן, ווי אַן "איך" מיט אַ פרייען־ווילן, ווי אַ באַזונדער אייגנאַרטיקע רעאַליטעט, מוז ער אויך האָבן די מעגלעכקייט, אויסצוקלייבן גראָד דאָס שלעכטס. אויב ער זאָל, לויט זיין טבע, זיין געצוואונגען, צו גיין נאָר אויף דעם וועג פון "גוטס", דעמאָלט איז אַ סוף צו זיין "פרייען ווילן" און צו זיין גאַנצער מענטשלעכער חשיבות. דעמאָלט איז זיין שטרעבן צו "גוט" ניט קיין חשובערע זאַך, איידער דאָס פאַלן פון אַ שטיין צו דער ערד. אויב "איך" האָב אַ "פרייען ווילן", דאַרף איך אויך קאָנען וועלן שלעכטס, אַנשטאָט גוטס; שאַדן אַנשטאָט נוצן, מיאוסקייט אַנשטאָט שיינקייט, שקר אַנשטאָט אמת, געמיינהייט אַנשטאָט איידלקייט, אומווערדיקייט אַנשטאָט הייליקייט.

און ניט נאָר וועלן שאַדן אין אַלע אַנדערע אָרטן קולטורעלע „שלעכטס״ פאַר דעם אַנדערן, נאָר אויך פאַר זיך גופא. האָט דאָך איינער פון די העלדן פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „די שדים״ („ביעסי״) זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר כדי צו באַווייזן זיך אַליין, אַז ער האָט אַ „פרייען ווילן״. געענדיקט, אגב, האָט עס זיך דערמיט, וואָס נאָך איידער ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, איז ער פון אָט דעם פּרואוו זיינעם אַראָפּ פון זינען...

איך וויל, מען זאָל מיך גראָד אין אָט דעם פּונקט ריכטיק פאַרשטיין. איך הייב דאָ ניט אויף די פראַגע וועגן דעם זייער פאַרפלאָנטערטן ענין פון „בחירה חפשית״ און דעטערמיניזם, אַ פראַגע, וואָס מאַטערט דעם פילאָסאָפישן און רעליגיעזן געדאַנק, זינט די פילאָסאָפיע איז גע־בוירן געוואָרן, און איז נאָך ווייט פון צו זיין פאַרענטפערט עד היום. מיר רעדן דאָ ניט וועגן די יסודות פון דעם אַלוועלטלעכן זיין, נאָר וועגן די יסודות פון דער אייגנאַרטיקער קולטורעלער עוואָלוציע, ווי אַ באַזונדערער ממשלה אין דער אַלוועלטלעכער אַנטוויקלונג, און אויך דאָס נאָר — אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות צו דעם פּראָבלעם וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן. וואָס עס זאָלן ניט זיין אונדזערע בליקן אויף דעם ענין „פרייער ווילן״, מוזן מיר דאָך צוגעבן, אַז אין דער ספערע פון דער מענטשלעכער קולטור־שאַפונג איז דער „פרייער ווילן״ אַן אַ־פּריאָ־רישע רעאַליטעט, אַ פאַרבאַדינג פאַר אונדזער גאַנצן קולטורעלן לעבן.

איין ביישפיל פון דער איצטיקער צייט.

מיר נעמען דעם לעצטן וועלט־קריג, דעם מאוימדיקן בלוטיקסטן אין דער גאַנצער געשיכטע, און יענע מאוימדיקע נאַכווייענישן זיינע אין דער פאָרעם פון דעם פאַשיזם און דעם נאַציזם. מיר זוכן די „שולדיקע״ אין דעם וועלט־קריג, און אָט די פראַגע אַליין: „ווער איז דער אמתער שולדיקער אין אים?״ און די זיך ווידערשפּרעכנדיקע ענטפערס, וואָס ווערן געגעבן אויף אים פון די ביידע, אין קאַמף געשטאַנענע צדדים, געהערן, כּידוע, צו יענע מאָמענטן, וואָס קאָנען פירן צו אַ נייעם וועלט־קריג. מיר באַשולדיקן אויך די היטלערס, די מוסאָליניס און זייערע אַנהענגער, פאַר דעם גאַנצן סכום אומגערעכטיקייטן און יסורים, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. מיר פּראָטעסטירן, מיר שטרעבן צו באַשטראָפן, צו באַקעמפן אָט די אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרשולדיקט און פאַרשולדיקן זיך נאָך טאָג־טעגלעך.

אָבער אָט די גאַנצע שולד־זוכעניש, דער גאַנצער צאָרן, וואָס די רשעים רופן אונדז אַרויס — וואָס פאַר אַ זין, וואָס פאַר אַ באַרעכ־

טיקונג האָבן זיי אין דעם ליכט פון דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, פון דעם דעטערמיניזם, לויט וועלכן יעדע פּאַסירונג האָט געמוזט און מוז פּאַרקומען אַזוי ווי זי איז, לויט וועלכן זי האָט ניט געקאָנט און קאָן ניט פּאַרקומען אַנדערש איידער זי איז?

און דאָ גייט עס, מערקט איך, ניט נאָר אין דעם מאָראַלישן משפּט, לויט דעם מאַסשטאַב פון „איידל" און „געמיין" און זייערע פילפאַכע וואַריאַציעס. אַפילו ווען איר האַלט זיך פאַר דעם נידעריקסטן קולטורעלן מאַסשטאַב אין דעם ענין פון „גוט און שלעכט", דעם מאַסשטאַב פון „ניצלעך" און „שעדלעך", קאָנט איר פון אַ ריין דעטערמיניסטישן שטאַנד־פּונקט, ניט זוכן דעם שאָדנברענגער און אים משפּטן און באַשטראָפן. ער האָט חרוב געמאַכט מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס? ער האָט געבראַכט אומצאָליקע יסורים אַנדערע מיליאָנען? אָבער איז דאָס דען אַלץ ניט פּאַרגעקומען לויט דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט? פאַר דער „נאַטור" איז באמת קיין חילוק ניט, צי געוויסע אַטאָמען פון יענעם קאָסמישן יחיד, וואָס רופט זיך „די פּלאַנעטע ערד", געפינען זיך אין אַן אָרגאַנישן צונויפבונד, אין לעבעדיקע מענטשלעכע גופים, אָדער זיי נעמען אַן אָנטייל אין אַ וועלכן עס איז אַנאָרגאַנישן „טויטן" פּראָצעס פון דער וועלט־עוואָלוציע; פּונקט ווי עס איז פאַר דער „נאַטור" קיין חילוק ניט, צי אויף אַ פעלד וואַקסט „ניצלעכע" תבואה, אָדער זי איז באַוואָקסן מיט ווילדע, אָפט גיפטיקע פּלאַנצען; פּונקט ווי עס איז אַלץ איינס, צי דער „עלעמענט" שוועבל געפינט זיך אין אים אין אַן אָרגאַניזירטער קריסטאַ־ליזירטער פאָרעם, אָדער אין אַן אַמאָרפן (אויספאָרמישן) צושטאַנד.

פאַר דעם דעטערמיניסטישן בליק איז אַלץ אין דער וועלט אַזוי, ווי עס איז, ווייל עס קאָן ניט זיין אַנדערש. זי ווייס ניט פון אַזאַ מענטשלעכער איינטיילונג, ווי „גוט" און „שלעכט". אָבער דער מענטש, ווי אַ זעלבסט־מיטל אין דער ממשלה פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, איז אַ מורד במלכות נאַטור, דורכדעם גופא איז ער אויך אַ מורד במלכות נויט־ווענדיקייט. ניטאָ פאַר אים קיין תירוץ: „עס האָט ניט געקאָנט זיין אַנדערש, ווי עס איז געווען". ער זאָגט: „דער קיסר ווילהעלם האָט געקאָנט ניט אַרויסרופן דעם קריג, ווייל ער איז אַ מענטש, אַן „איך" מיט אַ „פרייען ווילן", וואָס קאָן איבעררייסן די קייט פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט". אָדער: „די פירער פון די אַליאירטע מאַכטן האָבן ניט געטאָרט באַשאַפן אַזאַ פּאָליטישע לאַגע, אין וועלכן עס איז פאַר דייטש־לאַנד ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר דער קריג. זיי האָבן עס ניט געטאָרט, ווייל זיי זיינען געווען מענטשן מיט פרייע ווילנס, וואָס

האָבן געקאָנט און געוואָלט זיך אויפפירן גאַנץ אַנדערש, איידער זיי האָבן זיך אויפגעפירט. און דערפאַר זיינען זיי די שולדיקע, און דערפאַר איז דער „חוב פון גערעכטיקייט", עס זאָל ווידער „גוט" געמאַכט ווערן, וואָס זיי האָבן פאַרדאָרבן".

דער מענטש קאָן ניט דענקען אין איינעם מיט דעם ספינאָזיסטישן, רוסיש-יידישן דיכטער, ב. מינסקי: „ניטאָ קיין צוויי וועגן: גוט און שלעכט; פאַראַן נאָר איין וועג: גוט". און אויב דער מענטש, ספינאָזאַ, זאָגט אַזוי, און אויב אויך דער מענטש ניטשע וויל בויען זיין לעבנס-פילאָסאָפיע „פון יענער זייט גוט און שלעכט", איז דאָס דערפאַר, וואָס זיי זיינען אומגערעכטערהייט אַריבערגעשפּרונגען פון דער מענטשלעכער ליניע, וואָס איז די ליניע פון „פרייהייט", אויף דער פּאַראַלעל-לויפנדיקער נאַטור-ליניע, וואָס איז די ליניע פון „נויטווענדיקייט". די מענטשלעכע ליניע אין דער קולטור-שאַפונג איז די ליניע פון „פרייען ווילן", ווי פון דער אַ-פּריאָרישער רעאַליטעט פאַר דער גאַנצער ממשלה פון דער קולטורעלער עוואָלוציע.

איינער פון גאַרקיס העלדן רופט אויס: „מענטש? — דאָס קלינגט שטאָלץ!" יאָ, דאָס איז אַזוי. און דער גרעסטער שטאָלץ פון זיין אַ מענטש, איז צו זיין פריי, — ד"ה ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צו קאָנען וועלן און דורכפירן ניט נאָר „גוטס", נאָר אויך „שלעכטס", שטרעבן צו „שאַדן", „מיאוסקייט", „שקר", „געמיינהייט" און „אומווירדיקייט": צו קאָנען דאָס; צו האָבן צוויי וועגן: פון „גוט" און „שלעכט" און אויסצוקלייבן דעם וועג פון „גוט". די נאַטור קאָן ניט זיין „שלעכט", נאָר דער מענטש, דער מורד במלכות-נאַטור.

דאָס רופט זיך זייער שטאַרק אָפּ אויף דער מעגלעכקייט פון אַ גליק-לעכן לעבן פאַר דעם מענטשן. נאָר — צו דעם וועלן מיר באַלד קומען. דאָ דאַרפן מיר נאָך פאַרענדיקן איינעם פון יענע פּעדים, וואָס זיינען אַריינגעוועבט אין דעם ענין: „קולטורעלע עוואָלוציע, פרייער ווילן און דעטערמיניזם", און וועלכן מיר האָבן גענומען ציען אין אָט דעם קאַפּיטל.

אויב אויך מיר באַוועגן זיך אויף דער פּאַראַלעלער ליניע פון „נויט-ווענדיקייט", פון „דעטערמיניזם" — און מיר טוען דאָס, ווייל יעדע טעאָרעטישע באַטראַכטונג מוז זיך רעכענען מיט דעם גרונט-געזעץ פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, וואָס צווינגט, צו זוכן דעם טעם-מספיק פאַר יעדער זאַך, פאַר וואָס זי איז אַזוי, ווי זי איז — קאָנען מיר דעמאָלט פאַרענטפערן זיך פאַר דעם „דעטערמיניזם" בזה הלשון:

„מיר, מענטשן, זיינען ניט „שולדיק", וואָס מיר זיינען אויף שריט און טריט „מורדים במלכות נויטווענדיקייט". מיר קאָנען ניט אַנדערש. מיר זיינען געצוואונגען דערצו דורך יענעם דעטערמיניסטישן פּרינציפּ, וואָס באַהערשט די ממשלה פון דער קולטור־עוואָלוציע. דאָס איז אַן אייגנאַרטי־קער דעטערמיניסטישער פּרינציפּ. ער רופט זיך: „מענטש". ניט מיר האָבן אים אויסגעטראַכט. די וועלט־עוואָלוציע האָט אים אַרויסגעבראַכט. ווי אַ יחיד אין אַ באַזונדערער ממשלה — דער העכסטער, וואָס איז אונדז באַקאַנט — ווערט דער מענטש געקערט און געווענדט דורך אירע נייע קער־רימענס פון „גוט" און „שלעכט". מיר קאָנען דאָ ניט זיין קיין בלינדע מיטלען פאַר די צוועקן פון דער וועלט־עוואָלוציע, ווי די אינ־דיווידוען פון די נידעריקערע ממשלות; מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין „זעלבסט־צוועקן", ווייל מיר ווערן באַהערשט פון דעם קולטור־שוועב, וואָס ווירקט אין אונדז און דורך אונדז — אַ קולטור־שוועב מיט זיינע פּערספּעקטיוון און ענד־צילן, וועלכע מיר קאָנען איצטער נאָך ניט אויפ־כאַפּן מיט אַ קלאָרן, טעאָרעטישן אויג, וועגן וועלכן מיר קאָנען אָבער חלומען, אין וועלכן מיר קאָנען הייס גלייבן, אויב מיר זאָלן זיך אַליין איינגלייבן, אַז דער ענדציל פון דער קולטור־עוואָלוציע, איז — ווי מאַרקס האָט דאָס פאָרמולירט: „לתקן עולם במלכות שדי". („בעסער מאַכן די גאַנצע וועלט דורך דעם קעניגרייך פון דעם הימל")

נאָר — פּאַרדאָן! מיר דוכט, דאָס האָט גאָר ניט מאַרקס געזאָגט, נאָר עפּעס אַן אַנדער ייד. אָבער — וואָס מאַכט דאָס אויס. ווער? אַ מענטש האָט דאָס געזאָגט. „מענטש? דאָס קלינגט שטאָלץ". דער מענטש דאַרף פאַרענדערן, איבערמאַכן, בעסער מאַכן ניט נאָר די גאַנצע דרויסנדיקע נאַטור, ניט נאָר דעם אייגענעם גוף, נאָר אויך יענע פּאָטענציעל אַזוי רייכע וועלט, וועלכע ער רופט אָן זיין אייגן „נשמה־לעבן". ווייל — און דאָס האָט שוין זיכער געזאָגט קאַרל מאַרקס: „דורך דעם וואָס ער" (דער אַרבעטנדיקער מענטש), „ווירקט דורך אָט דער באַוועגונג" (דער אַרבעט) „אויף דער נאַטור, וואָס דרויסן פון אים און פאַרענדערט זי, פאַרענדערט ער אין דער זעלביקער צייט זיין אייגענע נאַטור". (קאַפּיטאַל, ערשטער באַנד, 1867, ז' 141).

אָט דאָס קומט פאָר אין דער קולטורעלער עוואָלוציע און דאָס ווערט פאַרווירקלעכט דורך דעם מענטשן און זיין אַרבעט, — דער פיזישער, ווי דער גייסטיקער, ווייל דער מענטש איז ניט קיין בלינדער מיטל, און ניט קיין „זעלבסט־צוועק", נאָר אַ „זעלבסט־מיטל", אַן „איך", מיט אַ קאַמף ניט נאָר פאַר עקזיסטענץ, נאָר אויך פאַר אינדיווידואַליטעט, מיט אַ

זעלבסט־באַוואוסטזיין און אַ זעלבסט־באַשטימונג — סיי צום „גוטן״, סיי צום „שלעכטן״.

אין דעם גרויסן, טיפן, אַלץ נאָך ניט אויסצושעפּנדיקן פּראָבלעם פון „נויטווענדיקייט״ און „פרייהייט״ האָט מען געזוכט אויסצואיינען די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּרינציפּן אויף אַ גענעטיש־מאַניסטישן אופן, ד״ה אויף אַזאַ, וואָס ברענגט אַרויס איין פּרינציפּ פון דעם אַנדערן. פאַר די עקסטרעמע און קאָנסעקווענטע אָנהענגער פון דער „פרייהייט״, ווי צ״ב פאַר קאַנטן, איז די „נויטווענדיקייט״ נאָר אַ נייטיקער דמיון אין דער ספערע פון דער טעאָרעטיש־ וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, ווייל בעצם איז דער מענטש פריי. פאַר די אָנהענגער פון דער אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט („דעטער־מיניזם״), קאָן די „פרייהייט״ באַשטיין נאָר אין דעם „איינזען די נויטווענ־דיקייט״ (ספּינאָזאַ און דאָס רוב מאַרקסיסטן). עס איז אָבער מעגלעך אויך אַ סינטעטישער צונויפגוס פון אָט די צוויי זיך ווידערשפּרעכנדיקע פּרינציפּן. איין צונויפגוס אַזאַ איז דער באַגריף פון דעם „מענטשן״, ווי אַ זעלבסט־מיטל אין דער קולטורעלער עוואָלוציע. ווי אַ יחיד, וואָס ווערט געקערט און געווענדט דורך די קער־מיטלען פון דעם קולטור־שוועב, ווערט ער ניט נאָר, ווי אַ נאַטור־דערשיינונג, נאָר אויך ווי אַ קולטור־שאַפער, באַהערשט פון יענע אייגנאַרטיקע נויטווענדיקייטן, וואָס ליגן איינעווייניק אין דער קולטורעלער עוואָלוציע. לפי דעם איז ער אַ „מיטל״, אַ פּראָדוקט פון נויט־ווענדיקייט. אָבער היות ווי די דאָזיקע קער־רימענס גופא זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די איינטיילונג אין „גוט״ און „שלעכט״, מוז דער יחיד אין אָט דער אויבער־נאַטירלעכער עוואָלוציע־ספערע לכתחילה זיין ניט נאָר אַ „מיטל״, נאָר אויך אַ „זעלבסט״, ד״ה אַן „איך״ מיט זעלבסט־באַוואוסטזיין און אַ זעלבסט־באַשטימונג, ד״ה ער מוז זיין פריי.

קאַפּיטל אַכצן

די שווערע ירושה

איינער פון די גרעסטע דענקער וועגן דער וועלט־אַנטוויקלונג, אַנרי בערגסאָן, האָט אין זיין „באַשאַפערישער עוואָלוציע" אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן, וואָס ברענגט אַרויס די פאַרשיידענע מינים לעבע־דיקע ברואים, אַרבעט, ווי אַ קינסטלער, וואָס טרעט צו צו זיין ווערק נאָר מיט אַן אַלגעמיינער אידעע, אָבער ניט מיט אַ גוט אויסגעאַרבעטן פּלאַן. די פּרטים טרעטן אויף נאָר אין דעם פּראָצעס גופא פון שאַפן; זיי ווערן פיל מאָל געענדערט, און דער פּלאַן אַליין קאָן זיך דערביי ענדערן אין זיינע גרונט־שטריכן.

איך ווייס ניט, צי איז דאָס טאַקע אַזוי אין אַלע אַנדערע ממשלות פון דער וועלט־עוואָלוציע. באַוואונדערט דאָך איינשטיין די האַרמאָניע אין דעם בוי פון דעם וועלט־אַל. גלייבט דאָך ספּינאָזאַ, אַז אַן אומענדלעכער געט־לעכער שכל איז די „נאַטורא נאַטוראַנס", דאָס אינעווייניקסטע דענקען פון דער נאַטור און גלייבט ער דאָך אויך, אַז אין דער „גאָט־וועלט", איינ־געשלאָסן דעם מענטשן, איז ניטאָ קיין „שלעכטס", ווייל „שלעכטס" איז נאָר אַ נידעריקערע מדרגה פון „גוט".

די ממשלה אָבער פון יענער וועלט־עוואָלוציע, וואָס מיר רופן די קולטורעלע, וואָס רעאַליזירט זיך דורך דעם מענטשן מיט אַן „איך"־באַ־וואוסטזיין, וועלכן זי אַליין ברענגט אַרויס, מאַכט באמת דעם איינדרוק, פּונקט, ווי זי וואָלט געווען אַ „קינסטלער" און דערצו נאָך — אַ קאַפּריז־נער, אַ לייכטזיניקער, וואָס בייט אַלע ווילע זיינע פּלענער, יאָגט זיך נאָך פאַרשיידענע צילן מיט אַ מאָל, וואו איין ציל פאַרלויפט דעם וועג דעם אַנדערן ציל און פאַרוויקלט זיך אַלע ווילע אין אינעווייניקסטע ווידער־שפּרוכן. דער עיקר איז ער פול מיט ווידערשפּרוכן אין דער אַרויס־ברענגונג פון יענעם יחיד, דעם מענטשלעכן „איך".

די אַנימאַלישע עוואָלוציע באַגייט זיך מיט אירע יחידים, די לעבע־דיקע אָרגאַניזמען, ווי אַ גוטער רייטער מיט אַ היציקן, שטיפערישן פערד: שאַרף אָנגעצויגן די קער־רימענס, צוגעבונדענע צו דער צוים פון דעם אינסטיקט, געטריבן מיט דער בייטש און די שפּאָרן פון „דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ״ און געפירט אים, וואוהין ער, דער רייטער, וויל.

ניט אַזוי מיט די יחידים פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, די „איך״־באַוואוסטזיניקע מענטשן. עס איז, ווי די פאַרבאָרגענע כּוחות פון דער קולטורעלער ממשלה וואָלטן זיך געזאָגט: „נו — מיר פאַרמירן אַ מענטשן, וואָס דאַרף ווערן כּדמותנו, שיר ניט אַ גאָט. ער מוז דאָך זיך פילן ווי אַן „איך״ מיט זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־באַשטימונג. דאָס איז דאָך דער פאַרבאַדינג פון דעם גאַנצן פּראָצעס. איז — טאָר מען דאָ ניט אָנציען צו שאַרף די צוים און די קער־רימענס פון דעם אומבאַוואוסט־זיניקן אינסטינקט. „שיר ניט אַ גאָט״, — לאָמיר אים אויך לאָזן אַליין פירן זיין וועלטל.

פירט טאָקע דער מענטש זיין קולטורעל וועלטל אַזוי, אַז עס נעמט אָפּט מאָל אָן אַ גרויל, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין זיינע מעשים און אין זיין אויפפיר ניט נאָר אויף די ערשטע שטופן פון דער קולטור־אַנטוויקלונג, נאָר אויך עד היום. דער „שיר ניט אַ גאָט״ איז צו אָפּט די ערגסטע חיה רעה אין דער וועלט.

האָמאָ האָמיני לופּוס״ „דער מענטש דעם מענטשן איז אַ וואָלף״, האָבן די אַלטע רוימער געזאָגט. „אילמלא מוראה של מלכות, איש את רעהו חיים בלעו״. „ווען ניט די מורא פאַר דער רעגירונג, וואָלט איין מענטש דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען״. דער „שיר ניט אַ גאָט״ איז שיר ניט אַ טייוול. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם קאַ־ניבאַליזם, די מענטשנפרעסעריי, די שטענדיקע מלחמות, די בלוט־דורש־טיקע געטער, וועלכע דער מענטש (די „קולטור״) האָט באַשאַפן, די מענטשלעכע קרבנות צו זיי; די שקלאַפעריי, וכו׳, וכו׳, וכו׳. קיין מין אין דער אַנימאַלישער וועלט האָט ניט פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט פון דעם אייגענעם מין, האָט ניט אָנגעטאָן אַזוי פיל יסורים צו זיינע ברידער פון דעם אייגענעם מין, ווי גראָד דער „מין האנושי״ —דער מענטש, מיט זיין שטרעבן צו „וואָס בעסער״, צו זיין אייגענעם גליק.

עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס דאָס רוב פעסימיסטן, ניט אַלע, האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ שאַרפע קריטיק אויף דעם מהות מענטש, ווי דעם טרעגער פון שלעכטס אין דער וועלט און ניט פון גוטס (כּי יצר לב האדם רע מנעוריו״ — „ווייל דאָס מענטשלעכע האַרץ טראַכט בייז פון

דער יוגנט אָן״, בראשית ח׳, 22) און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אַ ניטשע האָט געלערנט, אַז „מענטש״ איז עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף „אַריי־בערגעשפּרייזט ווערן״, אַז פון אים דאַרף נאָך זיך אַרויסאַנטוויקלען אַן „איבערמענטש״, וואָס וועט שטיין העכער פאַר אים, ווי דער מענטש שטייט העכער פאַר דער מאַלפּע.

מען טאָר אָבער דערביי ניט אַרויסלאָזן פון אויג אויך די אַנדערע זייט, די וויכטיקערע זייט פון דעם ענין. דער מענטש געפינט זיך נאָך אין אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד, ניט פון „מענטש״ צו „איבערמענטש״, נאָר פון „חיה״ צו „מענטש״, פון דער אַנימאַלישער עוואָלוציע צו דער קולטורע־לער, מיר האַלטן נאָך אין דעם פעריאָד פון „מענטשוווערונג״, ווי ענגעלס רופט דאָס אָן, פון אַריינמענטשלען זיך אין קולטור־פּראָצעס. דער מענטש האָט נאָך ניט קיין קלאָרן באַוואוסטזיין, אַז ער איז — לויט זיין עצם — אַ זעלבסט־מיטל אין אַ העכערער ממשלה פון דער וועלט־עוואָלוציע. ער שטאַמט פון די אונטערשטע שטופן אירע און ברענגט מיט זיך אַ שווערע ירושה, סיי פון דער אַנימאַלישער ממשלה, סיי פון דער סאָציאַלער. אָט די ירושות ווערן איבעגעאַרבעט אויף אַ נייעם שטייגער. דער מענטש מאַכט פון די געירשנטע נאַטור־דערשיינונגען — קולטור־דערשיינונגען, און אין אָט דעם פּראָצעס עפענען זיך פאַר אים אַזוי פיל אָפּנייגן צו דער זייט, סיי פון „שלעכטס״, סיי פון „גוטס״, אַז דאָס לעבן פון דעם מענטשן אויף דער וועלט ביז אַהער האָט געמוזט ווערן פול מיט אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן און טראַגישע קאָנפליקטן.

אַ גערעכטע קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט וואָלט באַדאַרפט אַרויסברענגען און שילדערן קודם כל דעם גורל פון די אַנימאַלישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונגען אין דער מענטשלעכער וועלט; זייער איבער־געשטאַלטונג אין דער ספערע פון אַ מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אונטער דער שליטה פון יענע געזעצן, וואָס באַהערשן אַ מענטשלעכן דענקען און שטרעבן; די אַלע אָפּנייגן, וואָס האָבן זיך דערביי אויפגעעפנט פאַר דעם מענטשן, סיי צו דער זייט פון „גוטס״, — פון „ניצלעך״, „שיין״, „אמת״, „איידל״, „הייליק״, — סיי צו דער זייט פון „שלעכטס״, — פון „שעדלעך״, „מיאוס״, „שקר״, „געמיין״ „אומווערדיק״.

מיר ווילן דאָ אַרויסהייבן נאָר אַ פּאָר פּונקטן.

דער מענטש ברענגט מיט זיך פון דער נאַטור דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, פון שטרעבן צו דעם אייגענעם קיום. אָט דער אינ־סטינקט ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר געשטאַרקט דורך דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין. ער ווערט דער יסוד פון דעם „קאַמף פאַר אינדיווידואַלי־

טעט״. ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין די נטיה, צוצופאַסן זיך צו דער סביבה, צוליב דער זעלבסט־דערהאַלטונג און צו פאַרלירן, אין דעם צופּאַסונגס־פּראָצעס, די אייגענע אינדיווידואַליטעט, רייסט זיך דאָך דורך די טענדענץ פון דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין, מיט זיין אינעווייניקסטן שטרעבן, צו־צופּאַסן די סביבה צו זיך. אין אָט דעם פּראָצעס ווערט געבוירן דער קיין מאָל ניט זאַט־ווערנדיקער עגאָאיזם (דער „ראָגגעד אינדיווידואַליזם״), וואָס, אויב ניט איינגעהאַלטן אין געוויסע גרענעצן, קאָן ער באמת באַטראַכטן אַלץ און אַלעמען, וואָס ניט ער אַליין, דער שטאָלצער „איך״, ווי טיילן פון יענעם „ניט־איך״, וואָס מיט זיי קאָן ער זיך באַגיין, ניט נאָר לויט זיינע אינטערעסן אין דעם קאַמף פאַר דעם אייגענעם קיום, נאָר אויך, לויט זיינע קאַפּריזן, ווייל „טעל־ע־נאַטר־פּלעזיר״, „ווייל דאָס געפעלט אונדז״. פאַר וואָס זאָל אַ געבוירענער איידלמאַן טאַקע ניט אַראָפּשיסן אַ פּאָר דאָך־דעקער, גלאַט אַזוי זיך, ווי מען דערציילט דאָס וועגן די צייטן פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע?

צו דעם אינסטינקט פון דער זעלבסט־דערהאַלטונג געהערט דאָס עסן און טרינקען. די הונגעריקע חיה עסט ניט מער וויפל זי דאַרף און נאָר דאָס וואָס זי דאַרף פאַר איר קיום. דער מענטש אָבער, מיט זיין באַוואוסט־זיין, האָט אַנטדעקט די הנאות און תענוגים, וואָס אים קאָנען ברענגען די גע־שמאַק־ און גערוך־נערוון — דער עיקר די לעצטערע — דורך די קאָמ־פּליצירטע, „קולטורעלע״ שפּייזן און געטראַנקען. איין מאָל אַרויף אויף אָט דער ליניע, וואָס האָט אירע אייגענע „גוט״ און „שלעכט״, טראָגט ער זיך מיט דעם אימפּעט צו „וואָס בעסער״, וואָס ראַפינירטער... וווּ ער קאָן דאָס דערוויזן.

די אַלטע רוימער פון דער צעזאַריסטישער צייט פלעגן נאָך אַ לוק־סוריעזער סעודה, אַרויסגיין דרויסן, אַריינשפּאַרן די פינגער אין האַלדז, אַרויסגעבן צוריק דעם אינהאַלט פון דעם אָפּגעשטאָפּטן מאָגן, כּדי ווייטער צו קאָנען מתענג זיין זיך מיט די אויסגעקליבנסטע שפּייזן און געטראַנקען. באַרימט מיט זיינע סעודות איז געווען לוקול. האָט ווער אויסגערעכנט וויפל מענטשלעכע לעבנס, פון פאַרפייניקטע שקלאַפן, וויפל יסורים עס האָט אָפּגעקאָסט אַ „לוקולישע״ סעודה? אָבער דער זעלביקער לוקול האָט אויך געהאַט אַ געשמאַק פאַר פילאָסאָפיע און ער האָט זיך פאַרדינט גע־מאַכט פאַר דער קולטור־געשיכטע מיט זיין העלפן אַריבערטראָגן קיין רוים די ווערק פון די גריכישע דענקער.

סיי פון דעם אימפּעטיקן טראַג, זיך אַנצוטאָן „וואָוילטאָג״, סיי פון דעם אומגעקערטן טראַג, צו אַנטלויפן פון ליידן, שטאַמען די שיכּרות, די

זעלבסט־פֿאַרניכטונג מיט אַלקאָהאָל, ניקאָטין, און אַנדערע נאַרקאָטישע מיטלען. אָט דאָס וועלן זיך פֿאַרטויבן, אין גאַנצן פֿאַרלירן דאָס אייגענע „איך״־באַוואוסטזיין, איז אפשר אויך אַ רמז, אַז דאָס „גליק״, צו וועלכן מען שטרעבט אין דער זעלבסט־דערהאַלטונג — דער „נשמה־צושטאַנד, פֿון וועלכן מען וויל אַרויסגיין״ — ווערט אויך דאָ געפֿונען אין דער אָפּלייקענונג פֿון דעם אייגענעם „איך״, ביז צו פֿאַרלירן דעם צורת אָדם.

אין דער פּראָדוקציע פֿון אַלע אַזעלכע אויפֿרייץ־ און באַטויבונגס־מיטלען פֿירט זיך אָבער אויף דער מענטש — ווי אין יעדן קולטור־צווייג — ווי אַ זעלבסט־מיטל.

גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דעם באַוואוסטזיניקן שטרעבן צו זעלבסט־דערהאַלטונג שפּילט בלי ספק די מורא פֿאַר דעם מאָרגן, די זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט, וואָס מיר געפֿינען, ווי אַן אינסטינקטיוון שטרעבן, אויך אין דער אַנימאַלישער וועלט. שוין אין דער אינסטינקטיוו־סאָציאַלער עוואָלוציע, ווי ביי די בינען און אַלערליי מערעשקעס, באַקומט יענע זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט — דאָס שטרעבן צו זאַמלען אָנגרייט — אַ דעטערמינירנדיקן באַדייט אין דעם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. אָט דער באַדייט וואַקסט אויס צו קאָלאָסאַלע מאָסן אין דער מענטשלעכער קולטור־וועלט, וואו דער „קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ״ גיסט זיך צונויף מיט דעם באַוואוסטזיניקן „קאַמף פֿאַר אינדיווידואַליטעט״. דאָ טרעט אויף די „זאָרג פֿאַר דעם מאָרגן״ אין דער פֿאָרעם פֿון דעם עגאָאיסטישן הייס־הונגער נאָך אייגנטום, נאָך „רייכטום״, וואָס טראָגט זיך אויך מיט אַן אייגענעם אימפּעט צו „גוט״ און „גיטער״, צו אַלץ „בעסער און בעסער״, מיט דעם ריין מענטשלעכן אייבזע, אַז צו „בעסער איז גאָר קיין שיעור ניטאָ״.

וואָס אָט דער ריין אינדיווידועלער, ריין „עגאָאיסטישער״ יאָגן זיך נאָך „אייגנטום״ און „רייכטום״ האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר דער גאַנצער היסטאָרישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג — דאָס האָט גענוג דייטלעך אויפֿגעקלערט קאַרל מאַרקס. פֿון אָט דעם, ריין קולטורעלן אָנטרייב, שטאַמט צו גאָר אַ גרויסער מאָס ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די „אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוציר־קרעפֿטן״. עס שטאַמט דערפֿון דער באַזיס פֿאַר אַ צורקונפֿטיקער, ריין מענטשלעכער, סאָציאַלער עוואָלוציע. מיר האָבן שוין פֿריער געזען, אַז דער מענטשלעכער „איך״, וואָס פֿיגורירט דאָ ווי אַ „זעלבסט־צוועק״, איז אין תּוך. אויך לויט מאַרקס, נאָר אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק — לויט אונדזער אינטערפּרעטאַציע — איז ער אַ „זעלבסט־מיטל״. דאָ דאַרפֿן מיר אָבער אונטערליינירן דעם אָפּנייג, וואָס עפֿנט זיך פֿאַר דעם יחיד אין זיין שטרעבן צו „גליק״ און וואָס פֿירט אים אַוועק פֿון גליק,

אַנשטאָט צו דערנענטערן צו אַן אמתן גליק־צושטאַנד. רייכטום, כבוד, מאַכט — ווי אויך אַלע אַנדערע „אידעאַלן״, צו וועלכע דער עגאָאיסטישער יחיד שטרעבט, און וואָס זיינע קולטורעלע איבערגעשטאַלטונגען פון דעם אינסטיקטיוון אַנטרייב צו זעלבסט־דערהאַלטונג, זיינען נאָר קער־רימענס אין די הענט פון דער קולטורעלער עוואָלוציע — זיי אַלע קאָנען ניט געבן קיין דויערנדיקע באַפרידיקונג, קיין „נשמה־צושטאַנד, פון וועלכן מען זאָל ניט וועלן אַרויסגיין״. אַדרבה: יעדער דערגרייכטע שטופע אין זיי, רייצט דאָס רוב פונאַנדער דעם הונגער און טרייבט צו „נאָך מער״ און „צו בעסער איז קיין שיעור ניטאָ״.

פון אונדזער פּעך האָט זיך אויבן אַרויסגעריסן דאָס וואָרט „אידעאַלן״ אין „געגזענע פּיסעלעך״. אין תוך זיינען יענע איראָנישע פּיסעלעך ניט אין גאַנצן אויפן פּלאַץ: דאָס שטרעבן צו „געלט״ און וואָס „מער געלט״ צ״ב זיינען טאַקע אין אַ געוויסן זין אידעאַלן.

עס איז דאָ דאָס אָרט, צו ציען דעם אויפמערק דערויף, אַז צו די „קולטור־כּוחות״, וואָס באַשטימען דאָס מענטשלעכע לעבן געהערן אויך יענע אומגעהויער קרעפטיקע טענדענצן, וואָס ליגן אין אידעען און אידעאַלן. אין זיי — אין די „אידעען״ און „אידעאַלן״ — דאַרפן מיר זוכן די דערקלערונג פון די קולטורעלע דערשיינונגען, סיי די פּאָזיטיווע, וועלכע מיר באַטראַכטן פאַר „גוט״, סיי די נעגאַטיווע, וועלכע מיר באַטראַכטן פאַר „שלעכט״. צי אידעען און אידעאַלן עקזיסטירן אויך אין דער דרויסנלעכער וועלט, מחוץ פון אַ מענטשלעכער דערקענטעניש, איז אַ מעטאַפיזישע פראַגע. אָבער אַז זיי ווירקן אין דער ממשלה פון דער קולטור־עוואָלוציע, איז אַ ניט אָפּצופרעגנדיקער עמפּירישער פאַקט.ליידער האָט גראָד דער אידעאַליזם איבערגעבויגן דעם באַגריף „אידעאַל״ אויף איין זייט, און עס איז צייט דעם ענין אויסצוגלייכן, כּדי בעסער צו פאַרשטיין דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט און דעם זין פון זיין לעבן.

וואָס איז אַן אידעע ? דאָס איז דער עצם ענין פון אַ זאַך, ווי מיר נעמען זי אין אונדזער דערקענטעניש.

די מאַטעמאַטישע אידעע פון אַ קרייז איז אַ שטח רוים, אַרומגעצירקלט מיט אַ קרומער ליניע, וואָס אַבסאָלוט אַלע אירע פּונקטן שטייען אָפּ אויף אַן אַבסאָלוט דעם זעלביקן מהלך פון דעם צענטער. אין דער נאַטור טרעפן מיר אָן אַ סך קרייזן, אָבער זייערע פּינקטלעכע אויסמעסטונגען באַווייזן, אַז אין זיי איז די אידעע פון דעם קרייז ניט פאַרווירקלעכט אויף דעם פולסטן אופן. ווען מען דאַרף אָבער אין דער טעכניק אַרויסברענגען אַ קרייז, מוז מען שטרעבן דערצו, אַז ער זאָל זיין אַזאַ, ווי דאָס פאָדערט די

אידעע פון דעם קרייז און אויב דאָס זאָל זיך איינגעבן, וועלן מיר האָבן אַ פּאַרווירקלעכטן אידעאַל פון אַ קרייז.

אַן אידעאַל איז לפי דעם אַ זאַך, וואָס איז אַזוי, אָדער וואָס זאָל זיין אַזוי, ווי דאָס „פּאָדערט" די „אידעע" פון דער זאַך, דער עצם ענין אירער. אַן אידעאַל פון אַ געשווויר איז אַזאַ געשוויר, אין וועלכן עס זיינען פּאַרווירקלעכט אַלע סימנים, וואָס די מעדיצינישע דערקענטעניש האָט אויסגעאַרבעט וועגן אַט דעם ענין. דער אידעאַל פון אַ גיפטיקן גאַז, אין קריג, איז אַזאַ גאַז, וואָס זאָל אין דער קירצעסטער צייט זיך פאַרשפּרייטן אויף דעם גרעסט-מעגלעכן שטח און טויטן די גרעסט-מעגלעכע צאָל לע־בעדיקע מענטשן.

דערפון זיינען געדרונגען אַ פּאָר היפּש וויכטיקע ענינים. קודם דאַרף מען ניט נתפּעל ווערן פון דעם וואָרט „אידעאַל". ניט יעדער אידעאַל איז ווערט, אַנגעשטרעבט צו ווערן, און אַ סך אידעאַלן פאַרדינען בלי ספק מען זאָל זיי אין גאַנצן אויסראָטן. דערנאָך מוז מען האָבן אין אויג, אַז יעדע פּראַקטישע טעטיקייט, יעדע אַרט מענטשלעכע אַרבעט מוז על־פּי לאָגישן הכרח האָבן איר אידעאַל, צו וועלכן מען זאָל שטרעבן, כּדי צו פּאַרווירקלעכן אים בשלימות. און אַזוי ווי דער שליסל צו דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור דאַרף — לויט מאַרקסן —— געזוכט ווערן אין דעם פּראָצעס פון דער מענטשלעכער אַרבעט, מוז מען ממילא אָננעמען, אַז די ערשטע טיר, וואָס דער שליסל עפנט אונדז אָפּ, גיט אונדז דעם צו־טריט צו די אידעען און אידעאַלן, וואָס ליגן אין דעם יסוד פון דער מענטשלעכער, ד"ה באַוואוסטזיניקער אַרבעט, און אַז דער גאַנג פון דעם קולטור-פּראָצעס קאָן ניט דערקלערט ווערן בשלימות, אויב מען וייס ניט דעם גאַנג פון די „אידעען" און „אידעאַלן", וואָס האָבן באַהערשט די מענטשלעכע טעטיקייטן און אויפפירן.

יעדע טעטיקייט האָט איר אידעע, איר ציל, וואָס ווירקט ווי אַן אי־דעאַל, ווי אַ פּאָדערונג, ווי אַ „עס זאָל זיין". מען מאַכט דעריבער אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז דאָס זאָלן, דער אויפפיר לויט געוויסע פּאָדערונגען פון דעם אידעאַל, געהערט נאָר צו דער עטיק און איז גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ העלדישקייט. אידעאַליזם איז דער יסוד פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. שוין אין איר אונטערשטן גאָרן פון „נויטווענדיקייט און שעד־לעכקייט" הערשן אידעע און אידעאַלן, און אַן אידעאַל פון אַ תּליונס האַק איז אַזאַ, אַז מיט איין קלאַפּ איבערן קאַדיק זאָל מען קאָנען אָפּטיילן אַ מענטשנס קאָפּ פון זיין גוף. היטלער האָט איצטער אַזעלכע „אידעאַלע" תּלינים, מיט אַזעלכע „אידעאַלע" העק.

די אידעע, דער באַוואוסטזיניקער ציל פון אַן אַרבעט, אָדער פון אַן אויפפיר, האָט אין זיך די טענדענץ, צו טרייבן דעם מענטשן צו איר איי־גענעם אידעאַל. און אויב איינער, אין זיין זעלבסט־באַשטימונג, גיט זיך איבער אין גאַנצן דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, וואָס ווערט אין דער קולטור איבערגעשטאַלטעט אין דער באַוואוסטזיניקער פאָרעם פון עגאָאיזם, פון שטרעבן צו אייגנטום, רייכטום, מאַכט און כבוד, קאָן טאָקע דער איינער ווערן דער „אידעאַלסטער״ מנובל, וואָס קאָן נאָך זיין ווילדער איידער די ווילדסטע חיה רעה.

קאַפּיטל ניינצן

דער וועג פון „שלעכטס"

פון דער אַנימאַלישער עוואָלוציע נעמט די קולטור־ממשלה איבער ניט נאָר דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, וואָס ווערט דאָ טראַנס־פאָרמירט אין עגאָאיזם, וואו דער יחיד, מיט אַן „איך"־באַוואוסטזיין פירט דעם קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט און שטעלט זיך אַליין אַוועק אין דעם צענטער פון דעם וועלט־אַל און שטרעבט צוצופאַסן צו די אייגענע באַדער־פעניש ניט נאָר די דרויסנלעכע נאַטור, נאָר אויך זיינע מיט־מענטשן.

די ירושה פון דער אַנימאַלישער וועלט באַשטייט אויך אין דעם אינ־סטינקט פון פאַרמערונג, וואָס באַקומט אונטער דער שליטה פון דעם באַ־וואוסטזיין, אַ גאַנץ אַנדער פונאַנדערבלי סיי אין דער ליניע פון „גוט", סיי אין דער ליניע פון „שלעכט". דאָ זיינען די צוים־ און קער־רימענס פון דעם נאַטירלעכן אינסטינקט נאָך ווייניקער אַנגעצויגן, איידער אין דעם פרט פון זעלבסט־דערהאַלטונג.

אין דער נאַטור שטעלט זיך איין דער סעקסועלער אַנטרייב אין אַ געוויסער צייט און פאַרשווינדט בדרך כּלל אַזוי באַלד ווי די באַפרוכפּע־רונגס־צייט איז אַריבער. אויך דאַרטן באַמערקן זיך דערשיינונגען, וואָס זיינען אַזוי ענלעך צו דעם מענטשלעכן אויפפיר: דאָס אַרומטאַנצן אַרום דער „זי", דאָס זיך אויספּיינען פאַר איר, דאָס זיך שלאָגן מיט די אַנדערע „ערס" פאַר איר באַזיץ; אַפילו זעלטענע דערשיינונגען פון אייפערזוכט און פון טויטן די אומטרייע „זי" זיינען אַנגעמערקט אין דער זאָאָלאָגישער ליטעראַטור — דער עיקר ביי יענע פייגלען, וואָס פירן אַ מאָנאָגאַמישן פאַמיליע־לעבן. אָט די אַלע דערשיינונגען ווערן אין דער קולטור־עוואָ־לוציע, ביי דעם מענטשן מיט דעם „איך"־באַוואוסטזיין, פונאַנדערגעפלאַמט אַפּט צו העלישע פייערן. דער באַוואוסטזיין, וואָס האָט אויך די פעאי־קייט צו באַשאַפערישער פאַנטאַזיע, עפנט אויף טיר און טויער פאַר איר גראַד אין דער סעקסועלער ספערע — דער עיקר, ביי יענע קלאַסן, וואָס

באַפרייען זיך פון דער נייטיקייט צו אַרבעטן פאַר זייער אייגענע חיונה. עקסצעסן, פערווערזיטעטן, סעקסועלע משוגעתן און טירופים, אינטריגעס, די „אַרט אַמאַנדי״ („די קונסט צו ליבן״) מיט אירע „פיגורן״, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן וואָס מער ראַפינירטע הנאה פון דעם סעקסועלן פּראָצעס, זיינען די „קולטורעלע״ פּראָדוקטן פון דער סעקסועל פונאַנדערגערייצ־טער פאַנטאַזיע.

„הונגער און ליבע באַהערשן די וועלט״, האָט, דוכט מיר, שילער געזונגען, אָבער ס׳איז באמת שווער צו באַשטימען, וועלכער שטראָם פון „בלוט און שמוץ״ איז אין דער קולטור גרעסער און טיפער, צי דער, וואָס שטאַמט פון „הונגער״, צי דער, וואָס פון „ליבע״.

דערפאַר האָט אָבער אין דער קולטור־וועלט אויך אויפגעבליט די בלום פון מענטשלעכער סעקסועלער ליבע, מיט איר פאַרשאַרפטער אויס־קלייבערישקייט, מיט אַזעלכע רייכע, ריין פּסיכישע קאָלירן און ניואַנסן, מיט אַזעלכע מעכטיקע אַקאָרדן און גאַנצע סימפאָניעס פון „געפילס־טענער״, פון וועלכע מיר קאָנען ניט געפינען קיין שמץ אין דער נאַטור, און וואָס בילדן דעם רוב אינהאַלט פון אַ באַזונדער צווייג אין דער קולטור־ממשלה, דער פּאָעזיע.

צי שפּילן אין דער קולטור־וועלט אַ וועלכע עס איז ראָלע יענע קאַמף־אינסטינקטן, וואָס זיינען אין דער אַנימאַלישער עוואָלוציע פאַר־בונדן מיט דעם קאַמף פון די מינים פאַר זייער עקזיסטענץ? דער אַנ־טראָפּאָלאָג קעיט האַלט, אַז די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, די נאַציאָנאַלע קאַמפן, און דער אויפקום פון נייע נאַציאָנאַליטעטן זיינען אַ פּראָדוקט פון יענע מינים פאַרמירנדיקע קרעפטן, וואָס הערשן אין דער לעבעדיקער נאַטור בכלל. צי די זעלביקע כוחות ווירקן מיט דער זעלביקער טרייב־קראַפט אויך אין דער קולטור־עוואָלוציע און אויך אין דער איצטיקער צייט, ווי אין דער אַנימאַלישער וועלט, איז זיכער נאָך אַ גרויסע שאלה. אָבער עס קאָן קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז אין די פּרימיטיווע צייטן פון דער קולטור־אַנטוויקלונג האָבן גראָד די אויסבילדונג פון פאַרשיידענע מענטשלעכע „מינים״, — ראַסן, שבטים, פעלקער — זייערע קאַמפן, צונויפגיסונגען און צעשיידונגען, געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין דעם אויסבוי פון דער קולטורעלער ממשלה. אונטער דער שליטה פון דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין זיינען אָט די קאַמף־אינסטינקטן פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין קלאָרע צילן און העפטיקע ליידנשאַפטן. עס האָט זיך איינגע־שטעלט די איינטיילונג צווישן „אייגענע״ און „פרעמדע״, צווישן „פריינד״ און „פיינט״. די מאַכט פון דער זעלבסט־באַשטימונג, מיט דעם אויסקלייב

פֿון „גוט" און „שלעכט", האָט דעם וועג פֿון „גוט" געלאָזן נאָר פֿאַר דעם אויפּפּיר מיט די „אייגענע". דער וועג אָבער פֿון „שלעכט", פֿון „אַל־דאָס־בייז" איז ברייט געעפֿנט געוואָרן פֿאַר דעם אויפּפּיר מיט דעם „פֿרעמדן" — בפֿרט אין די צייטן פֿון אַ קריג, און די רייכע פֿאַנטאַזיע — וואָס איר ראָלע אין דעם פּסיכישן לעבן און אין דער געשיכטע, איז אַ סך אַ גרעסערע, איידער מען שטעלט זיך געוויינטלעך פֿאָר — האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע מאָוימדיקע מאַטערנישן און פּלאָגן סיי אין קריג גופֿא, סיי אין דער באַהאַנדלונג פֿון די געפֿאַנגענע און די שקלאַפֿן, אַז — פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט געזען, איז די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איין אייביקער אויסגעצויגענער יאָמער, און דער שטראָם אירער איז נאָר אַ שטראָם פֿון „בלוט און שמוץ".

די מיליטערישע טעכניק — עד היום נאָך אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון „אַל־דאָס־בייז" אין דעם מענטשן — האָט אָבער אויך געהאָלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון דער טעכניק בכלל און דער פּראָדוקטיווירונג פֿון דער מענטשלעכער אַרבעט. די מלחמות האָבן אויך געפֿירט צו דעם אויסבוי פֿון דער שקלאַפֿן־ווירטשאַפֿט, און איר ראָלע פֿאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, פֿאַר דעם פֿונאַנדערבלי פֿון דער קולטורעלער עוואָלוציע, איז פּרינציפּיעל, יוען אַפֿילו ווייט ניט אויסשעפּנדיק, אויפֿגעקלערט געוואָרן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור.

אויב עד היום קומט נאָך פֿאָר אַ ריינער ראַסן־קאַמף אין דער מענטשהייט — אַ זאַך, וואָס איז בשום אופֿן ניט באַוויזן געוואָרן וויסנשאַפֿטלעך — שטאַמט זיין וואָרצל גאַנץ זיכער נאָך פֿון דער אַנימאַלישער עוואָלוציע, אַן איבערגעפֿורעמטער אין דער קולטורעלער, וואו די באַוואוסטזיניקע צילן פֿון דעם קאַמף טרעטן אַרויס, ווי אַ שטרעבונג צו מער כבוד, רייכטום און מאַכט פֿאַר דער גאַנצער „ראַסע". מיר האָבן נאָר וואָס געזען, ווי דער קאַמף צווישן די שבטים, פֿעלקער און ראַסן האָט געווירקט אויף דער מענטשלעכער סאָציאַלער עוואָלוציע — דער איינטיילונג אין „האַרן" און „שקלאַפֿן", וואָס איז לכתחילה אַרויסגעוואַקסן פֿון דער איינטיילונג אין „אייגענע" — „גוטע" און „פֿרעמדע" — „שלעכטע". דאָס שטאַמט נאָך אין דער לעצטער ליניע פֿון יענער שווערער ירושה, וואָס די קולטורעלע נעמט אַריבער פֿון דער אַנימאַלישער וועלט. אָבער אויך די סאָציאַלע עוואָלוציע, אָט די באַזונדערע ממשלה פֿון דער וועלט־אַנטוויקלונג, וואָס איז אַ סך ברייטער, איידער די מענטשלעכע וועלט, האָט אויך אירע טענדענצן אַריינגעטראָגן אין דער קולטורעלער ממשלה, אי צום גוטן, אי צום בייזן. פֿון איר שטאַמט אין דער ערשטער ליניע דער פּרינציפּ פֿון

קעגנזייטיקער הילף און סאָלידאַריטעט צווישן די „אייגענע״, פון איר אויך דער פּרינציפּ פון דער פאַמיליע, מיט דער זאָרג פאַר דעם מאָרגן, מיט אַ געשטייגערטן ברען נאָך „אייגנטום״, אָבער אויך מיט געשטייגערטע געפילן פון אינדיווידועלער ליבע צו די אייגענע קינדער און רחמנות אויף זיי.

דאָס וויכטיקסטע אָבער וואָס עס האָט פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע אַריינגעשטראָמט אין דער קולטורעלער, איז די טענדענץ, צו צעטיילן די פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס צווישן פאַרשיידענע גרופּן און צוצופּאַסן יעדע גרופּע און יעדן יחיד צו דער פאַרשיידענער ראָלע, וועלכע ער דאַרף שפּילן אין איר.

אָט די טענדענץ האָט די סאָציאַלע עוואָלוציע גופא געירשנט פון דער אַנימאַלישער, וואו די פונקציעס פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם ווערן פונאַנדערגעטיילט צווישן זיינע פאַרשיידענע איברים. די קאָלעקטיוון אין דער אַנימאַלישער וועלט, ווי די בינשטאָקן און די טערמיטן־„שטעט״, שטעלן טאַקע מיט זיך פאַר אַן איינהייטלעכן סאָציאַלן אָרגאַניזם. די אַר־בעטער־בין, איז נאָר אַן אַרבעטער־בין און נעמט ניט קיין אָנטייל אין דעם פּראָצעס פון פאַרמערונג. דער טערמיטן־קריגער איז נאָר אַ קריגער און מוז געפיטערט ווערן פון אַן אַרבעטער. ער קאָן אפילו ניט עסן אַליין, ווייל די שניטערס פון מויל זיינען באַשאַפן ניט אויף אויפצונעמען שפּייז, נאָר אויף צו צערייסן דעם גוף פון דעם „שונא״.

אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס שטייט אונטער דער שליטה פון דער קולטור־עוואָלוציע, מיט אירע יחידים, ווי מענטשן מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, מיט זעלבסט־באַשטימונג און מיט דעם „קאַמף פאַר אינדי־ווידואַליטעט״, קאָן אָט די סאָציאַלע טענדענץ ניט גיין אַזוי ווייט, ווי אין דער נאַטור. אָבער אויך דאָ לייגט נאָך די געזעלשאַפט פון אָט דער אַני־מאַליש־סאָציאַלער ירושה. אויך דאָ הערשט נאָך עד היום די טענדענץ, צו ספּעציאַליזירן די פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און צוצופּאַסן די מענטשלעכע אינדיווידועןצו יעדער פונקציע. עס שטייען אויף פאַר־שיידענע קלאַסן און באַרופן, צו וועלכע דער יחיד ווערט צוגעפּאַסט אויב ניט אין דעם בוי פון זיינע לייבלעכע אָרגאַנען, איז אין דער אַרט פון זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־באַשטימונג. דער מענטש ווערט „אַ שרייפל אין אַ מאַשין״, ריכטיקער אַן איבר פון אַן אָרגאַניזם.

פאַראַן סאָציאָלאָגן, וואָס שטייען אונטער דער ווירקונג פון דעם ריין נאַטוראַליסטישן בליק אויף די פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבן, און וואָס גלייבן, אַז אָט דער פּראָצעס פון צעטיילן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

צווישן פֿאַרשיידענע גרופּן און קלאַסן, איז ניט קיין שווערע ירושה פון דער אַנימאַלישער סאָציאַלער וועלט, נאָר אַן אַנטוויקלונגס־געזעץ אויך פֿאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. ספּענסער, צ״ב, וואָס געהערט צו זייער צאָל, זעט פֿאַרויס אַ צוקונפֿט, ווען דער אַרבעטער וועט אינסטינקטיוו, ווי די אַרבעטאָרין אין אַ בינשטאָק, לויפֿן צו דעם קאַפּיטאַליסט אין דער פֿאַבריק און געפֿינען דערביי זיין העכסטע באַפֿרידיקונג. גראָד אַנטקעגן אַט דער טעאָריע האָט נ. מיכאַילאָווסקי געבויט זיינע באַטאַרייען אין זיין „קאַמף פֿאַר אינדיווידואַליטעט״, דעם קאַמף אַנטקעגן דער צעפּיצלונג פון דעם מענטשן און זיין פֿאַרוואַנדלונג אין „אַ קליינעם פינגער פון דער לינקער פוס״.

אָבער אויך דאָ האָט קאַרל מאַרקס, וואָס איז פּרינציפּיעל געשטאַנען אויף אַ נאַטוראַליסטישן שטאַנדפּונקט, דורכגעריסן דעם נאַטוראַליזם נאָך אַ סך פֿריער, איידער מיכאַילאָווסקי איז אַרויס מיט זיין קריטיק פון דער הערשנדיקער סאָציאָלאָגיע. גראָד אין דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל״, וואו מאַרקס האָט אַרויסגעבראַכט דעם פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן דער מענטשלעכער אַרבעט און דער אַרבעט פון אַ בין און האָט, לויט אונדזער מיינונג, דורכדעם גופא אויפֿגעדעקט דעם יסוד פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, מיט דעם מענטשן, וואָס איז „מורד־במלכות־נאַטור״, גראָד דאָרטן, זאָג איך, האָט ער באַוויזן, ווי אַזוי די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, וואָס איז, אַגב אויך אַן אָרגאַניזם, באַפֿרייט זיך פונדעסטוועגן פון דער סאָציאַלער דיפֿערענצירונג, באַפֿרייט דעם מענטשלעכן יחיד פון זיין צעפּיצלונג און ספּעציאַליזירונג און גיט אים די מעגלעכקייט צו אַן אַלזייטיקער, אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע פֿעיִקייטן און קרעפֿטן.

מאַרקס האָט דערביי ניט דורכגעלאָזן, צו באַווייזן, ווי אַזוי אויך אַט די דיפֿערענצירונג, די טיילונג פון דער אַרבעט האָט געהאָלפֿן דעם פּראָצעס פון דער „קולטורעלער עוואָלוציע״, — —ער רופֿט זי, נאַטירלעך, ניט אַן מיט אַט דעם נאָמען — דורך דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפֿטן.

דער פּועל־יוצא אָבער פון אַט דער שווערער אַנימאַלישער סאָציאַלער ירושה איז געווען — די פֿונאַנדערשפּאַלטונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אין קלאַסן און סאָציאַלע גרופּן, מיט פֿאַרשיידענע קלאַסן־באַוואוסטזיינס, קלאַסן־ און גרופּן־סאָלידאַריטעט, פֿאַרשיידענע קאָלעקטיווע זעלבסט־באַשטימונגס־פֿאָרמען און שטענדיקע אַנטאַגאָניזמען, קאָנפֿליקטן און קאַמפֿן, וואָס האָבן — אויף דער ליניע פון רשעות, אַכזריות

און האָס — היפש אַראָפּגערוקט די חשיבות פון דעם מהות מענטש און פון זייער זייט אָנגעפּילט דאָס מענטשלעכע לעבן מיט שטראָמען בלוט, מיט נייעם פּילפּאָכן יאָמער און פּיין.

לאָמיר איצט פאַרלאָזן די ירושות פון דער נאַטור־עוואָלוציע, וועלכע דער מענטש האָט, — אויף זיין אופן גיין אין די צוויי וועגן פון „גוט" און „שלעכט", — איבערגעפּורעמט אין קולטור־דערשיינונגען. לאָמיר איבער־גיין צו דער קולטור־עוואָלוציע גופא, מיט אירע אייגענע צווייגן און גע־שטאַלטונגס־פאָרמען, וואָס זיינען אין דער נאַטור ניט בנמצא. אויך דאָ גע־פינען מיר געגנוג מאָמענטן, וואָס האָבן געפירט דעם מענטשן ניט נאָר אין די וועגן פון „גוטס", נאָר אויך אין די וועגן פון „שלעכטס" און רשעות. און אין דער ערשטער ליניע מוזן מיר דאָ אַוועקשטעלן — אַך! — דעם מענטשלעכן, ריין קולטורעלן קאַמף פאַר די אידעאַלן.

אין פלוג: וואָס קאָן זיין אידעלער און דערהויבנדיקער, איידער דער קאַמף פאַר אַן אידעאַל, ווען מען פאַרגעסט אין גאַנצן אויף דעם „איך", ווען מען איז זיך מוסר נפש פאַר זיין פאַרווירקלעכונג און מען געפינט גראַד דערינען דאָס אייגענע גליק, צו וועלכן יעדער מענטש שטרעבט? אָבער — מיר זיינען שוין באַקאַנט געוואָרן מיט דעם מהות פון אַן אידעאַל. יעדער שטאַם פון דעם קולטור־בוים, יעדער צווייג אויף דעם שטאַם, יעדער ריטל אויף דעם צווייג און יעדעס בלעטל אויף דעם רוט האָט, ווייל אַ פּראָדוקט פון באַוואוסטזיניקן מענטשלעכן שאַפן, אַן אינעווייניקסטע אידעע, וואָס דריקט אויס דעם עצם ענין פון דער זאַך. די אידעע האָט ביי דעם מענטשן אַ טרייב־קראַפט צו דעם אידעאַל, אַ שטרעבן צו פאַרווירק־לעכן זי בשלימות, „הונדערט־פּראָצענטיק". די צעשפּליטערונג פון דער מענטשהייט אין איינצלנע קלאַסן, גרופּן און באַרופן ברענגט אַרויס פאַרשיי־דענע, זיך ווידערשפּרעכנדיקע אידעאַלן. דער אָנהענגער פון אַ באַשטימטן אידעאַל מוז גראַד זיין אידעאַל באַטראַכטן פאַר „גוט" און דעם אַנדערנס אידעאַל פאַר „שלעכט". און אַזוי ווי ער איז אַן אידעאַליסט, ליגט אויף אים דער מאָראַלישער חוב צו קעמפן פאַר דאָס גוטע און אויסצוראָטן „אַל־דאָס־בייז", אינאיינעם מיט אַלע „רשעים", וואָס טוען טאָן בייז אין זיינע אויגן. ווערן אומעטום אין דער קולטור־שאַפונג געבויט מזבחות פאַר די אידעאַלן, מיט מענטשלעכע קרבנות אויף זיי — און דער „הכּצעקתה" פון די מענטשלעכע ליידן שפּאַלט די הימלען!

איך נעם דאָ ווי אַביישפּיל דעם „אידעאַל" פון דעם „נאַציאָנאַליזם". זיין אידעע אין דער קולטור־עוואָלוציע, איז — דער כּבוד, דער רייכטום און די מאַכט פון מיין אייגענער „נאַציע", וואָס אַזוינס דאָס זאָל ניט זיין.

די נאַציאָנאַליסטישע אידעע האָט איר אייגענעם אימפּעט, וואָס טרייבט צו דער העכסט־מעגלעכער פאַרווירקלעכונג אירער, צו דעם אידעאַל. ווי קאָן אָט דער אידעאַל פאַרווירקלעכט ווערן אויף דעם העכסט־מעגלעכן אופן? ווי קאָן מיין „נאַציע" דערגרייכן דעם העכסטן כבוד, די רייכסטע אוצרות, די גרעסטע מאַכט און זיין זיכער מיט דעם מאָרגן, אַז קיין אַנדער „נאַציע" וועט דאָס איר ניט אַוועקנעמען? נאָר — דורך דער וועלט־הערשאַפט, דורך דער אונטערדריקונג פון אַלע אַנדערע „נאַציעס" אונטער „מיינער". און אַזוי ווערט דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאַל, גראַד, ווייל אַן אידעאַל, אַ בלוטדורשטיקער גאָט, וואָס פאָדערט מענטשלעכע קרבנות אויף זיין מזבח אָן אַן אויפהער.

אָדער נעמט די מאָראַלישע אַטוויקלונג פון דער מענטשהייט, דעם אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אין מענטשלעכע כאַראַקטערן, געפילן, שטרעבונגען, צילן און מעשׂים. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס שוין אויף די נידעריקסטע שטופן פון דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג האָט דער מענטש, דער „מורד במלכות־נאַטור", דערשפּירט איר „אידעע", — וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: „וואָס ווייטער פון דער נאַטור־בכלל, פון דער חיה, דער בעסטיע, בפרט". דאָס איז קאַמף אַנטקעגן „בעסטיאַליטעט". די טענדענץ פון אָט דער אידעע איז אַן אומענדלעכער אידעאַל, ווייל זיין לאָגישער אָפּשלוס איז ניט די „הומאַניטעט", די „מענטשלעכקייט", נאָר די פאַנטאַסטישע פיגור פון אַ מלאך. האָט זיך אויך דאָ דער מענטש, געטריבן פון דעם פאַנ־טאַסטישן אידעאַל, אַנגעטאָן זיך אַליין גענוג צרות, אַרויסגעבראַכט גענוג פאַרהויקערונגען פון זיין אייגענעם מענטשלעכן מהות, מיט די אידעאַלן פון סעקסועלער פרישות, פון איבעריקע צוימען אויף דעם סעקסועלן פאַר־לאַנג, פון „בטול היש" בכלל, — צרות און פאַרהויקערונגען, וואָס שטאַמען שוין פון דער קולטור־עוואָלוציע, פון דעם אומקריטישן יאָגן זיך צו אַן אומענדלעכן ציל; צרות און פאַרהויקערונגען, אין וועלכע די פּרווידיאַנישע שול — אַ דורך־און־דורך נאַטוראַליסטישע — זעט דעם שטאַרקסטן באַ־שולדיקונגס־אַקט אַנטקעגן דעם ענין „קולטור" בכלל.

היינט דער שאַרפער משפט, וואָס ליגט אין דעם עצם מהות פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין: דער שטרענגער גזר־דין פון „ובערת הרע מקרביך" — פאַרטיליק דאָס שלעכטס, ד"ה ווידער אַמאָל די „רשעים", וואָס טוען טאָן „אַל־דאָס־בייז!" וויפל אמתע הומאַנע גבורה האָבן געדאַרפט האָבן אין זיך אַ הלל הנשיא, און אַ ישו הנוצרי, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער פּראָטעסט אַנטקעגן דעם גאַנצן ענין פון משפטן מענטשן! זיינען

דאָך די מענטשן, אַפילו אין זייערע שאַרפסטע אָפּנייגונגען אויף דעם וועג פון בייז, אין תּוך, נאָר „גאָט די נשמה שולדיק״. זיי זיינען שולדיק זייער נשמה יענעם וועלט־פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די קולטורעלע עוואָלוציע, מיט אַן „איך״־מענטשן, וואָס האָט דעם דמיון (דעם עמפּירישן פאַקט!) פון אַ פרייען ווילן מיט אַ זעלבסט־באַשטימונג, ניט נאָר צום גוטן, נאָר אויך צום בייזן.

און וויפל הומאַניטעט און קולטורעלע טיפקייט ליגט אין דעם שפּרוך פון ברוריה, ר׳ מאירס ווייב: „יתּמו חטאים כּתיב, ולא חוטאים!״ — „די זינד זאָלן פאַרשווינדן, ניט די זינדיקע!״

צו דער ספערע פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין, מיט אירע קער־רימענס פון „הייליק״ און „אומווערדיק״, ווילן מיר דאָ, אַפילו זיך ניט צו־רירן. ביי מען גאַנצער יראת הרוממות פאַר אַט דער העכסטער ספערע פון דער מענטשלעכער קולטור־שאַפונג, קאָן איך דאָך ניט לייקענען, אַז ווי נאָר מען עפנט אַ שפּעלטעלע אין דער טיר פון דער מענטשלעכער רעליגיעזער געשיכטע, פון די „הייליקייטן״, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט, פון די פאַנאַטישע קאַמפן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין דעם נאָמען פון זייערע אידעען און אידעאַלן, שלאָגט פון דעם שפּעלטעלע אַזאַ שווערער יאַטקע־גערוך, אַז עס איז גלייכער, תּיכּף צו־צושליסן די טיר . . .

קאַפּיטל צוואַנציק

אידעאַליסטישע „מינים״ אין דער קולטור־עוואָלוציע

אין דער נאַטור דערקענט דער יחיד אינסטינקטיוו די יחידים פון זיין מין. פּאַבּרס עקספּערימענטן און אָבסערוואַציעס אויף דעם לעבן פון די אינסעקטן לאָזן דורכבליקן, אַז דערביי שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער שאַרף אַנטוויקלטער חוש הריח. ווען אַ „זי״ פון אַ נאַכט־פלאַטער איז געבוירן געוואָרן ביי פּאַבּערן אין זיין הויז, האָט זי צוגעצויגן צו זיך הונדערטער פלאַטער־זכרים פון דעמזעלביקן מין פון צענדליקער מיילן די ווייט.

ביי דעם מענטשן, מיט זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווערן אַ סך אינ־סטינקטן אָפּגעשוואַכט. דער באַוואוסטזיין און די זעלבסט־באַשטימונג פאַר־נעמען זייער פּלאַץ, אָבער אויך דאָ זעצט זיך דורך דער כּלל פון „מצא מין את מינו״. נאָר אין דער קולטור־וועלט קומען אויף אַ סך אַנדערע מינים, וואָס זייער יסוד איז ניט דער בוי פון זייער קערפּער, נאָר זייער ראָלע אין דעם קולטור־פּראָצעס. און די יחידים פון די נייע מינים דערקענען די „אייגענע״ און די „פרעמדע״ ניט אינסטינקטיוו, דורך דער ווירקונג פון אַ וועלכן עס איז חוש, נאָר דורך סימנים, וואָס שטאַמען פון אַ מענטשלעכן באַוואוסטזיניקן „נשמה״־לעבן.

אייניקע אַזעלכע מינים שטאַמען פון דער עקאָנאָמישער קולטור. דאָס זיינען די קלאַסן, באַרופן און גרופּעס, וואָס שפּילן באַזונדערע ראָלעס אין דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. אין זייער יסוד ליגט די ירושה פון דער אַני־מאַליש־סאָציאַלער עוואָלוציע, מיט איר טענדענץ, פונאַנדערצעטיילן די אַרבעט פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו צווישן איינצלנע גרופּעס און יחידים, וואָס דערביי, ווערן אויך זייערע איברים צוגעפּאַסט צו דער ראָלע, וועלכע זיי דאַרפן שפּילן אין דעם קאָלעקטיוון לעבן. אין דעם קולטור־פּראָצעס, וואו דער „קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״ מישט זיך אַריין אין דעם „קאַמף

פֿאַר עקזיסטענץ״, ווערט אָפּגעשוואַכט די צופּאַסונג פֿון די איברים, ווערט אָבער אָפּט נאָך מער פאַרשטאַרקט די צופּאַסונג פון דעם נשמה־לעבן צו דער אָדער יענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראַלע — אַ צופּאַסונג, וואָס קאָן איבערגיין בירושה פון דור צו דור.

דעם פּלאַץ פון דעם אינסטינקט פאַרנעמט דאָ דער באַוואוסטזיניקער אינטערעס, און יענע ריין פסיכאָלאָגישע דערשיינונגען, וואָס שטימען צונויף מיט דעם אינטערעס. צו די עגאָאיסטישע שטרעבונגען פון דעם יחידס קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ און אינדיווידואַליטעט קומען צו די אינטערעסן פון דעם קלאַס און פון דער גרופּע, צו וועלכע ער געהערט. דאָס בלאָזט נאָך מער פונאַנדער דעם קאַמף צווישן די פאַרשיידענע גרופּן און פאַר־מערט דעם סכום פון מענטשלעכע ליידן, וועלכע ער ברענגט מיט זיך.

דער געוויינטלעכער מענטשלעכער געדאַנק האַלט, אַז אַט די איינ־טיילונג אין פאַרשיידענע עקאָנאָמישע קולטור־מינים, איז אַן אייביקע און אַ נאַטירלעך־גויטוועגדיקע. שוין אין דעם אַלטן רוים האָט מען געקעמפט אַנטקעגן די שקלאַפן־אויפשטאַנדן מיט דער טעאָריע, אַז אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט איז פּונקט, ווי אַ לעבעדיקער גוף, אָדער ווי אַ בינשטאָק. מען האָט געגלייבט, אַז עס ליגט אין דעם דרך הטבע, עס זאָלן זיין שקלאַפן, וואָס זאָלן מיט זייער אַרבעט שפּייזן די איבעריקע איברים פון דעם איינ־הייטלעכן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. אויך אין דער אַלט־יידישער וועלט, איז מיט זיכערקייט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז „אי אפשר לו לעולם בלי בושם ובלי בורסקי. אשרי למי שבושם, אוי לו למי שבורסקי״. „די וועלט קאָן ניט עקזיסטירן אָן אַ בשמים־מאַכער און אָן אַ גאַרבער. וואויל צו דעם בשמים־מאַכער ; ווי צו דעם גאַרבער״.

די עקאָנאָמישע„מינים״ זיינען אָבער ניט די איינציקע, וואָס דער קולטור־פּראָצעס ברענגט אַרויס. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויך אויף די נאַ־ציאָנאַלע און רעליגיעזע „מינים״, וואָס קומען אויף אין דעם קולטורעלן לעבן, ביי אַלע אָזעלכע „מינים״, אין וועלכע די יחידים ווערן אַריינגע־בוירן, ווי אין אַ „נאַציאָנאַליטעט״, אָבער אויפגענומען, ווי אין אַ רעליגיע־זער קהילה, שטעלט זיך איין אַ סאָלידאַריטעט פון אינטערעסן וואָס שטרעבט צו דער דערהאַלטונג, דער פאַרמערונג און דער פאַרשטאַרקונג פון דעם גאַנצן „מין״. די סאָלידאַריטעט שטרעקט זיך אויס נאָר „אויף די אייגענע״, אויף די „גוטע״. די „פרעמדע״, די „שלעכטע״ דאַרפן, לויט די פאָדע־רונגען פון דעם „אידעאַל״, וואָס שטרעבט צו דעם „העכסטן גוט״, „נאַ־טירלעך״ אויסגעוואָרצלט ווערן עד לחרמה.

צו אַט די ריין קולטורעלע מינים, מיט זייער קעגנזייטיקן קאַמף, מיט זייערע פּאַרטיליקונגס־קריגן און באַהערשונגס־קריגן, מוז מען צורע־כענען נאָך אַ היפּש ביסל אַנדערע. אַנהענגער פון דער אָדער יענער שפּראַך; פון די אָדער יענע מנהגים און היסטאָרישע טראַדיציעס, פון די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע אָדער קולטורעלע אידעאַלן בילדן פּאַרשיי־דענע פּאַרטייען, סעקטעס, ריכטונגען, קולטור־ספערעס און אַפילו שטאַטן. זיי אַלע זיינען פּראָדוקטן פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, מיט אירע „קעגן־רימענט" פון „גוט" און „שלעכט". ביי זיי, ביי אַלעמען הערשט דער טיפסטער גלויבן, אַז נאָר זייערע אידעען און אידעאַלן שטעלן מיט זיך פאַר די העכסטע פּאַרקערפּערונג פון „אַל־דאָס־גוטס": פון ניצלעכקייט, שיינקייט, אמת, מענטשלעכע חשיבות און הייליקייט. די שטאַרקסטע ראָלע שפּילט דערביי דער אידעאַליסטישער גלויבן אין דעם אַבסאָלוטן אמת, אַבסאָלוטן יושר וכו׳, ווי אויך דער גלויבן, אַז מיט אַט די העכסט אידעאַליסטישע מעלות זיינען נאָר זיי אַליין געבענטשט. אין אַט דעם גלויבן ליגט דער טיפסטער וואָרצל פון דעם פאַנאַטיזם — אַלץ איינס פון וועל־כער ריכטונג — וואָס האָט דער מענטשהייט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל שטראָ־מען בלוט, אַזאַ ים פון יסורים, ווייל אויך אַט די אידעאַליסטישע, ריין קולטורעלע „מינים" הייבן אויף אַ העפטיקן קאַמף, אין דעם נאָמען פון „אַל־דאָס־גוטס", מיט וועלכן די אייגענע זיינען געבענטשט, אַנטקעגן „אַל־דאָס־בייז", מיט וועלכן די „פרעמדע" זיינען פאַרשאָלטן.

די אַלע קולטורעלע פּראָצעסן אין איינעם פאַרמערן די שטראָמען פון מענטשלעכע ליידן. דער גלויבן אין דעם „אַבסאָלוטן אמת", מיט זיין פאַנאַטיזם, מיט זיין האַס צו די קעגנער, רופט זיך אָבער אויך אָפּ אויף דעם פסיכישן מהות פון יעדן יחיד. און דער „מענטש", דער „שיער ניט אַ גאָט" — ניט נאָר דער עגאָאיסטישער מענטש, נאָר אויך דער אידעאַ־ליסטישער — ווערט שיער ניט אַ טייוול צו אַלע יענע מיטמענטשן, וואָס געהערן צו אַנדערע „מינים", וועלכע ער מוז באַטראַכטן פאַר „פרעמדע", מיט וועלכע מען מעג זיך באַגיין לויט דעם באַפעל פון „לא תחיה כל נשמה", קיין איין „פרעמדער" ד״ה „שלעכטער" לעבעדיקער מענטש זאָל ניט בלייבן אויף דער וועלט. אין דער טענדענץ אויסצוראָטן אַלע „פרעמ־דע" — לייבלעכע אָדער אידעאישע — איז דער מענטש נאָך אומברחמנות־דיקער, איידער יענס פליגעלע אין פאַבּרס עקספּערימענט, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. יענע פליגעלע איז זיך מוסר־נפש פאַר דעם אייגענעם „מין" און מאַכט אַ תל פון דעם פרעמדן. אויך דער מענטש הייבט זיך אויף אויף די העכסטע הייכן פון מסירת־נפש, איז

גובר דעם אינסטינקט פון יחידישער זעלבסט־דערהאַלטונג ניט אינסטינק־טיוו, נאָר דורך זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־באַשטימונג. פון דער אַנדער זייט אָבער פאַלט ער אַראָפּ בנוגע די „פּרעמדע״ צו נאָך אַ טיפערער טיף פון אַכזריות, ווייל זיין פאַנטאַזיע, אויפגערודערט דורך דער לוסט צו טויטן און צו פייניקן, טראַכט צו אַזעלכע „מעטאָדן״ און אינ־סטרומענטן, פאַר וועלכע אַן אַשמדאַי וואָלט זיך געשעמט אין זיין טיפן האַלדז אַריין... לייענט די געשיכטע פון דער אינקוויזיציע, לייענט, ווי דער מענטש פירט זיך אויף אין אַ קריג, אָדער אין אַ רעוואָלוציע.

די קריטיק פון דעם מענטשן איז אַ גערעכטע קריטיק, ווייל זי שטאַמט פון דעם מענטשן מיט זיינע אידעאַלן, וואָס ווילן אויך האָבן אַן אידעאַלן מענטשן. אין דער קריטיק פון דעם מענטשן און אַפילו פון דער גאַנצער קולטור, איז ער ניט מורד אין איר ממשלה, ווייל אויך דאָ בלייבט ער טריי איר הויפּט־פּריציפּ: דער איינטיילונג פון „גוט״ און „שלעכט״; ווייל אויך דאָ איז ער אַ זעלבסט־מיטל אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דער מענטש, דער „מורד במלכות־נאַטור״, האָט זיך דערווייל אויס־געלערנט, צו באַהערשן די דרויסנדלעכע נאַטור ביז צו אַ היפּש הויכן גראַד. אַ סך קלענער זיינען זיינע דערגרייכונגען אין דער באַהערשונג פון זיין אייגענער נאַטור. דערצו מוז ער פריער געווינען אַ קלאָרן איינזען אין יענער שטופּע פון דער קולטור־עוואָלוציע, אויף וועלכער ער געפינט זיך נאָך. זי איז, ווי מיר האָבן געזען, אַן איבערגאַנגס־שטופּע. עס זיינען נאָך אין איר ניט אויסגעהאַרמאָניזירט די טענדענצן, וואָס שטאַמען פון דער אַנימאַלישער ממשלה און פון דער אַנימאַליש־סאָציאַלער. די הומאַ־ניטעט, וואָס איר אַנטוויקלונג איז דער הויפּט־באַדינג פאַר דער קולטור־רעלער עוואָלוציע, האָט נאָך ניט גובר געווען די בעסטיאַליטעט, וואָס קאָן אַריינכאַפּן אין איר מאַכט אַפילו די בעסטע מענטשן, ווען זייער פאַנאַטיזם טרייבט זיי אין קאַמף אַנטקעגן די „פרעמדע״.

עס זיינען דעם מענטשן אויך נאָך ניט קלאָר יענע געפאַרן, וואָס ליגן אין דער קולטורעלער עוואָלוציע גופא: די געפאַרן פון דעם קאַמף „פאַר אינדיווידואַליטעט״, וואָס פירט, צו דעם עגאָאיזם אַן אַ צוים אויף זיך; די געפאַרן פון דעם אידעאַל, דער שרעקלעכסטער מאַכט אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, ווען אויך דער קאַמף פאַר אים ווערט ניט געהאַלטן אין די ריכטיקע גרענעצן פון „מענטשלעכקייט״, פון „הומאַניטעט״.

דער מענטש וועט נאָך דאַרפן איינזען, ווי פאַלש ער איז, צו טראָגן זיך אָן אַן אויפהער אין דער ריכטונג פון אַ וועלכער עס איז איינצלנער אידעע, וואָס איז גראָד אים געוואָרן ליב און טייער.

דער מענטש דאַרף האָבן אַ מאָסשטאַב, וואָס מיט זיין הילף זאָל ער קאָנען האַלטן אין צוים די אויפגעפלאַמטע ליידנשאַפטן פון דעם יחיד אין זיין שטרעבן ניט נאָר צו עקזיסטירן, נאָר אויך צו אינדיווידואַליטעט. אויף וויפל זי דריקט זיך אויס אין דער יאָגעניש נאָך רייכטום, כבוד און מאַכט. דער מענטש דאַרף קאָנען האַלטן אין צוים יענע ליידנשאַפטן, וואָס שטאַמען פון דער אַנימאַליש־סאָציאַלער עוואָלוציע מיט איר איינטיילונג אין פאַרשיידענע, זעלבסשטענדיקע גרופן און קלאַסן מיט דער־זעלביקער יאָגעניש נאָך רייכטום, כבוד און מאַכט, שוין ניט נאָר פאַר די יחידים אין זיי, נאָר פאַר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. און אין צוים מוזן אויך געהאַלטן ווערן די ליידנשאַפטן, וואָס פליסן פון די קולטורעלע אי־דעען, מיט זייער אימפּעטיקן טראַג זיך צו פאַרוואַנדלען אין אידעאַלן, וואָס זאָלן פאַרווי׳קלעכט ווערן „אַבסאָלוט‟, דווקא „הונדערט־פּראָצענ־טיק‟, ווי צ״ב די אידעאַלן פון דער אַבסאָלוטער גלייכהייט, אָדער אַבסאָ־לוטער פרייהייט פון דעם יחיד.

דער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט שוין פון לאַנג אָן איינגעזען, אַז אין אָט די אַלע ליידנשאַפטן ווערט דער מענטש פאַרשקלאַפט צו זיי. דער מענטש, וואָס איז, לויט זיין תוך אַ „זעלבסט־מיטל‟ אין דער קולטור־עוואָלוציע, ווערט דערביי שיער ניט אַ בלינדער מיטל אין איר פּראָצעס.

וואָס איז אָבער דער מאָסשטאַב, וואָס זאָל קאָנען איינצוימען די אַלע ליידנשאַפטן?

די אַלטע „העדאָניקער‟ — אָט די, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָפּ־געגעבן מיט דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק, און געזען זיין תוך אין וואָס מער הנאות און תענוגים — ווי מיר האָבן אויבן געזען — האָבן געפונען דעם מאָסשטאַב און די צוים אין אַריסטיפּס כלל: „עכאָ אוך עכאָמאַי‟, ‟איך באַזיץ, ניט איך ווער באַזעסן‟. איך בין דער באַלעבאָס אויך אויף מיינע תענוגים. מאַקס שטירנער, וואָס האָט שוין געלעבט אין אונדזערע צייטן, אין אַ רייכער קולטור, וואָס האָט שוין געהאַט אַזוי פיל קאַמפן פאַר אידעאַלן, היגטער זיך, האָט אָט דעם „איך‟־פּרינציפּ פונאַנ־דערגעוויקלט אין אַ גאַנצן סיסטעם און אַרויסגעבראַכט די וואָרנונג, אַז דאָס „איך‟ זאָל זיין אַ באַלעבאָס אויך אויף די אידעאַלן, און ניט די אידעאַלן אויף אים.

דער פעלער פון דער גאַנצער „איך‟־פילאָסאָפיע ליגט דערין, וואָס מען זעט ניט איין, אַז „איך‟־באַוואוסטזיין איז אַן אָרגאַן, אַן אייגנאַר־טיקער אינסטרומענט אין דער קולטורעלער עוואָלוציע; אַז דער „איך‟־מענטש איז נאָר אַ זעלבסט־מיטל און ניט קיין זעלבסט־צוועק, און אַז

די אידעאַלן זיינען גראַד די וויכטיקסטע קער־רימענס אין דעם — ליידער נאָך אַלץ טראַגישן פּראָצעס פון דער קולטורעלער עוואָלוציע.

די העדאָניסטן, ווי אויך זייערע קעגנער, די „קיניקער״ און „סטאָ־איקער״, זיינען אויף אַזוי פיל גערעכט, אויף וויפל זיי זעען איין, אַז דאָס שטרעבן צו דעם אייגענעם גליק, איז די פונדאַמענטאַלסטע שטרע־בונג פון יעדן מענטשלעכן „איך״. מען מוז אָבער פּרוּוון זיך טיפער אַראָפּצולאָזן אין דעם פּראָבלעם פון גליק, דעם פּראָבלעם פון „איך״ און אין דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן.

דעמאָלט קאָן זיך אַרויסווייזן, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין אונדזער איצטיקער באַטראַכטונג, אַז „איך קאָן זיין גליקלעך נאָר דעמאָלט, ווען „איך״ בין דערביי ניטאָ״, ווי דאָס פאַראַמתן ניט נאָר פּילע פון די גרעסטע דענקער פון דער מענטשהייט, וואָס זיצן ביים ברעג־שטראָם פונעם לעבן און פילאָסאָפירן וועגן אים, נאָר אויך פון אַ סך געהויבענע „גליקס־קינדער״ — אַ געטע, אַ שאָפּענהאַוער, אַ טאָלסטאָי און אַ לאַסאַל — וואָס זיינען געשוואומען דירעקט אין דעם שטראָם. דאָס רעטעניש־פולע פאַר־שווינדן פון דעם „איך״ אין דעם גליק, לאָזט זיך גרינג דערקלערן דורך דעם אומשטאַנד, וואָס דער אָביעקטיווער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן — דער שכלדיקער אינהאַלט פון יעדן מענטשן — באַשטייט אין יענער ראָלע, אָדער ראָלעס, וועלכע ער שפּילט אין באַשאַפן קולטור, העלפן איר באַשאַפונג און אויפהאַלטן זי דורך נהנה זיין פון איר, און איבעראַנדערשן זי אין דעם לויף פון איר אַנטוויקלונג.

גליק שטעלט זיך איין נאָר דעמאָלט, ווען דער זין פון דעם מענטש־לעכן לעבן ווערט פאַרווירקלעכט אין זיין צווייפאַכן באַדייט, אי ווי אַ שכלדיקער אינהאַלט, אי ווי אַ בר־דעתדיקער תכלית. די אומגליקן פון וועלכע מיר ליידן, נעמען זיך דערפון, וואָס די פּאַרמאַטיווע קרעפטן פון דער קולטורעלער עוואָלוציע האָבן נאָך ניט אַרויסגעבראַכט יענע מענטש־לעכע, הומאַנע לעבנספאָרמען, אין וועלכע יעדער מענטש זאָל קאָנען זיין אַ פרייער זעלבסט־מיטל אין דעם פּראָצעס פון שאַפן און איבערשאַפן קול־טורן ווייל יעדער מענטש איז דער אינסטרומענט, דער אָרגאַן פון איר אַנטוויקלונג.

מיר האָבן געגוג טעמים צו האַלטן אין איינעם מיט קאַרל מאַרקסן און די סאָציאַליסטן, אַז אין דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ד״ה אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון קולטור־שאַפונג, ליגט גראַד די טענדענץ אַרויסצובריינגען אָט די גייטיקע הומאַנע, מענטשלעכע לעבנס־פאָרמען — דער עיקר אין דעם גרונטלעכן לעבן. אָבער אויך אָט די טענדענץ,

ווי אַלץ אין דער קולטורעלער עוואָלוציע, קאָן דורכגעפירט ווערן נאָר דורך די זעלבסט־מיטלען, דורך דעם מענטשנס זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־באַשטימונג.

מיר זאָלן אַלע שטרעבן צו אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען, וואו יעדער מענטש וועט קאָנען פירן אַ גליקלעכן לעבן, לויט די ראָלעס, וועלכע ער דאַרף שפּילן אין דער קולטור־שאַפונג.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן

דער בר־דעתדיקער תּכלית פון דעם מענטשלעכן לעבן איז זיין גליק — אַ נשמה־צושטאַנד, וואָס גיט אים די פולסטע באַפרידיקונג. אָט דעם צושטאַנד קאָן ער דערגרייכן נאָר דעמאָלט, ווען זיין „איך” ווערט איינגעשלאָסן פון אַ העכערער זאַך, איידער זיין אייגענע עקזיסטענץ, ווייל דער שכלדיקער אינהאַלט פון דעם מענטשנס לעבן באַשטייט אין יענע ראָלעס, וועלכע ער שפּילט, ווי אַ „זעלבסט־מיטל” אין די פּראָצעסן פון דער קולטורעלער עוואָלוציע.

אָט די קולטורעלע עוואָלוציע איז די אונדז, מענטשן, באַקאַנטע העכסטע ממשלה פון דער וועלט־עוואָלוציע בכלל, וואָס הייבט זיך פאַר אונדז אָן מיט דער קאָסמישער אַנטוויקלונג. ווי די ביאָלאָגישע עוואָלוציע איז אַ טייל, אַ קלענערער, אינעווייניקסטער קרייז אין דעם גרעסערן קרייז פון דער קאָסמישער; ווי די אַנימאַליש־סאָציאַלע עוואָלוציע איז אַ קלענערער קרייז אינעווייניק אין דער ביאָלאָגישער, אַזוי איז אויך די קולטורעלע עוואָלוציע אַ קלענערער, אינעווייניקסטער קרייז אין דער בריי־טערער, אַנימאַליש־סאָציאַלער, וואָס נעמט אין זיך אַריין די געזעלשאַפט־לעכע לעבנס־פאָרמען אויך פון ניט־מענטשלעכע באַשעפענישן.

די פאַרשיידענע ממשלות פון דער וועלט־אַנטוויקלונג זיינען ווי דיקע פּאַראַלעלע קרייז־שניטן אין אַ קאָנוס. יעדער אינעווייניקסטער, אָדער ענגערער קרייז־שניט שטייט העכער פאַר דעם אונטערשטן, האָט אָבער אויך אין זיך די גרונט־פּרינציפּן פון דעם אונטערשטן קרייז־שניט, נאָר אין אַן איבערגעאַנדערשטער פאָרעם. די ווירקונגען פון דער „שווער־קראַפט”, פון דער מאַטעריעלער באַוועגונג, פון טעמפּעראַטור, ברענגען אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אַרויס אַנדערע דערשיינונגען, איידער אין אַ ניט־לעבעדיקן חומר. און אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם האָט נאָך דערצו אייגנאַרטיקע דערשיינונגען, וואָס זיינען אין אַ ניט־לעבעדיקן ניט בנמצא. אַזוי

ווערן די ווירקונגען פון דער ביאָלאָגישער און פון דער אַנימאַליש־סאָציאָלאָגישער ממשלה ניט פאַרשוואונדן אין דער קולטור־ממשלה, אָבער ווערן איבערגעאַנדערשט. פון נאַטור־דערשיינונגען ווערן זיי קולטור־דערשיינונגען, פּראָדוקטן פון אַ מענטשלעכער זעלבסט־באַשטימונג, אַרומגעוועבטע מיט מענטשלעכע געדאַנקען („אידעען"), וואָס מאַכן אויס זייער קולטורעלן תּוך.

דערצו האָט די קולטור־עוואָלוציע אירע אייגענע, ריין קולטורעלע דערשיינונגען, וואָס קומען גיט פאָר, ניט אין דער ביאָלאָגישער, ניט אין דער אַלגעמיין־סאָציאָלאָגישער ממשלה.

לאָזן מיר אַרויס פון אויג דעם קאָסמישן גרונט פון דעם „קאָנוס", דאַרפן מיר דעם מענטשן באַטראַכטן ווי אַ „בירגער" פון דריי ממשלות: (א) פון דער ביאָלאָגישער, אין וועלכער דער מענטש פאַרוואַנדלט די ניט־לעבעדיקע מאַטעריע אין דער לעבעדיקער מאַטעריע פון זיין גוף; (ב) פון דער סאָציאָלאָגישער, אין וועלכער ער בויט, אין איינעם מיט אַנדערע מענטשן, די פאָרמען פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אויך די טעכנישע מיטלען, צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן און פאַרטיילט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט צווישן די איינצלנע אַרבעטער און (ג) פון דער ריין קולטורעלער, אין וועלכער ער באַשאַפט די אַזוי אָנגערופענע ריין גייסטיקע גיטער — טעאָרעטישע דערקענטעניש (וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע), מאָראַל, קונסט און רעליגיע.

יעדע פון אָט די ממשלות, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין דער קולטורעלער עוואָלוציע, האָט אירע באַדינגונגען פאַר אַ מענטשלעכן גליק, וואו דער מענטש זאָל זיך קאָנען באַטייליקן, ווי אַ זעלבסט־מיטל אין דעם פּראָצעס פון דער קולטור־שאַפונג און דערביי זאָל איינגעשלונגען ווערן זיין אייגענער „איך"־באַוואוסטזיין.

(א) ווי אַ „בירגער" פון דער ביאָלאָגישער ממשלה, מוז יעדער מענטש קאָנען באַפרידיקן אין דער פולסטער מאָס זיינע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן אין זייער קולטורעלער איבעראַנדערשונג: ער דאַרף האָבן גענוג גוטע שפּייז, קליידונג, וואוינונג און היגיענישע לעבנס־באַדינגונגען. און האָבן דאַרף ער זיי ניט אין דער קוואַנטיטעט פון אַ ביאָלאָגישן עקזיסטענץ־מינימום — אויף צו „דערהאַלטן די נשמה" — נאָר אין דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון אַ קולטור־מינימום, וואָס הייבט זיך כּסדר מיט דעם וואוקס פון דעם קולטור־ניוואָ און מיט דעם אַנטוויקלונגס־גראַד פון די פּראָדוציר־קרעפטן.

ניט די שקלאַפֿן, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר זייערע האַרן, ניט די פֿאַרקנעכטעטע פּויערים, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פּריצים, נאָר די גרוין־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויף דעם קאַפּיטאַליסט, קאָנען, אין דער באַפֿרייִדיקונג פֿון זייערע ריין מאַטעריעלע באַדערפֿעניש, בדרך כּלל דער־גרייכן אַזאַ נשמה־צושטאַנד, וואו דאָס „איך״־באַוואוסטזיין זאָל איינגעשלונגען ווערן אין העכערער, קולטורעלער אַרויסבערענגונג. מען קאָן ניט פֿאַרגעסן דאָס אייגענע „איך״ און דעם גורל פֿון די „אייגענע״, ווען הונגער און קעלט, ווען דלות און קראַנקהייט דערמאָנען שטענדיק אָן זיי. און מען קאָן אויך ניט זיין — און מען זאָל אויך ניט זיין — קיין „שמח בחלקו״, ווען מען זעט פֿאַר זיך דעם תּהום פֿון דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט, וואָס הערשט צווישן „רייך״ און „אָרעם״, פֿון דער אונטערדריקונג און דער אומגערעכטיקייט, אויף וועלכער די איצטיקע געזעלשאַפֿטס־פֿאָרמען זיינען געבויט. דער דאָרשט נאָך גערעכטיקייט און גלייכהייט שטייט דאָ אין וועג צו דער אינעווייניקסטער באַפֿרידיקונג.

און די גרויסע מאַסן קאָנען איצטער ניט האָבן אַפֿילו יענעם קולטור־גליק, וואָס שטאַמט פֿון דער ליב־געוואָרענער אַרבעט, ווען דאָס „איך״־באַוואוסטזיין ווערט פֿאַרטרונקען אין איר, ווי, זאָגן מיר, די אַרבעט פֿון יענעם זקן, וואָס האָט געפֿלאַנצט פּרוכט־ביימער פֿאַר זיינע אייניקלעך.

אַ מענטש מיט, זאָגן מיר, מאַלערישע פֿעאיקייטן, וואָס שטרעבט צו ווערן אַ „זעלבסט־מיטל״, אַ באַוואוסטזיניקער שאַפֿער אין אַט דעם צווייג פֿון דער מענטשלעכער קולטור, קאָן ניט זיין גליקלעך, ווען ער איז סאָציאַל־עקאָנאָמיש געצוואונגען צו שטיין אַכט שעה אַ טאָג און טאָן אַרבעט, וואָס שלאָגט אים צו דער גאָל.

אויב די אַרבעט, אַפֿילו די פֿיזישע, איז דער לעבנס־אַרויסוויז פֿון דעם מענטשן, ווי קאַרל מאַרקס לערנט אונדז, דאַרפֿן די פֿאָרמען פֿון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן איבערגעפֿורעמט ווערן אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל קאָנען פֿרייוויליק אויסקלייבן יענע ראָלע אין דעם פּראָצעס פֿון באַשאַפֿן מאַטעריעלע גיטער, וואָס זיינען אַמנאָענטסטן צו זיינע פֿעאיקייטן און נייגונגען, ווייל נאָר אין זיי, קאָן ער ווערן אַ פֿרייער, אַ מענטשלעך חשובער זעלבסט־מיטל אין דער קולטורעלער עוואָלוציע.

אַט דער באַדינג פֿאַר דעם ביאָלאָגישן גליק אין דער קולטורעלער ספֿערע האָט צום ערשטן מאָל קלאָר אַרויסגעבראַכט דער סאָציאַליסטפּוריע, און זינט דעמאָלט איז דאָס פֿאַרבליבן איינער פֿון די וויכטיקסטע אמתן אין דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם. די פּראָדוצירונג פֿון מאַטעריעלע גיטער רופֿט מאַרקס אָן „די ממשלה פֿון נויטווענדיקייט״. אין

איינעם מיט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן, זעט ער פאָרויס אַ צייט, ווען די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען אין אַט דער ממשלה וועלן פאַרלירן זייער איצטיקן כאַאָטישן כאַראַקטער, ווען זיי וועלן אָוועקגעשטעלט ווערן אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין און וועלן געפּורעמט ווערן לויט די פאָדערונגען פון דער „מענטשלעכער חשיבות״.

וויפל מען זאָל זיך ניט חקרענען וועגן אַט דעם ענין, מוז מען קומען צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, צו וועלכן מאַרקס איז געקומען.

דער אידעאַל פון יעדער סאָציאַלער איבערפורעמונג קאָן ניט זיין קיין אַנדערער, ווי נאָר דער פרייער סאָציאַליזם, וואו יעדער יחיד קאָן זיך אויסלעבן אין יענע אַרטן אַרבעט, וואָס זיינען אים באַזונדערס ליב און טייער, און וואו ער קאָן האָבן גענוג מאַטעריעלע גיטער אויף צו באַפרידיקן אַלע זיינע ביאָלאָגישע הצטרכותן, לויט דעם קולטור־ניוואָ, אויף וועלכן די מענטשהייט וועט שטיין. דאָס איז דער אידעאַל, צו וועלכן יעדער באַוואוסטזיניקער מענטש זאָל שטרעבן, אויב אויך ער וויל האָבן גליק, לויט דעם זין פון זיין מענטשלעכן לעבן, ווי אַ זעלבסט־מיטל אין דעם קולטורעלן פּראָצעס. נאַטירלעך, מוז מען דאָ ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז אויך אַט דער אידעאַל פון אַבסאָלוטער פרייהייט אין דעם אַר־בעטס־פּראָצעס קאָן ניט דורכגעפירט ווערן „הונדערט־פּראָצענטיק״, ווייל זיין גלייכע ליניע ווערט איבערגעשניטן דורך די ליניעס פון אַנדערע גלייכ־באַרעכטיקטע און גלייך חשוב־מענטשלעכע אידעאַלן.

(ב) ערשט ווען די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג וועט איבערגעבויט ווערן, לויט די פאָדערונגען פון דעם פרייען סאָציאַליזם, וועלן קאָנען אַריינ־טרעטן פאַר די גרויסע מאַסן יענע באַדינגונגען פאַר אַ מענטשלעך גליק, וואָס שטאַמען פון דער סאָציאָלאָגישער ממשלה אין דער וועלט־עוואָלוציע. דאָס זיינען יענע גליק־געפילן, וואָס שטאַמען פון דער ליבע צו די מיט־מענטשן — געפילן אין וועלכע טאָלסטאָי האָט געזען דעם איינ־ציקן מקור אין תוך פון גליק בכלל. וואָרפט מען אַראָפּ די איינזייטיקע פאַרהויקערונגען, וועלכע טאָלסטאָי אַליין האָט אַריינגעטראָגן אין זיין וועלט־באַנעם, בלייבט די קלאַסאָל־וויכטיקע פסיכאָלאָגישע אַנטדעקונג, אַז מענטשנליבע, ביז צו מסירת נפש פאַר דעם אַנדער מענטשן, איז אַ קוואַל פון אַ העכסט געשטייגערטן גליק־צושטאַנד. די דערקלערונג גע־פינען מיר אויך דאָ אין דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן, אין זיין אַ זעלבסט־מיטל אין דעם קולטור־פּראָצעס.

קיין פסיכישע דערשיינונג איז ניט אַזוי אינטענסיוו, ווי די געפילן. ניט אומזיסט האָט זיי איינער, אַ פסיכאָלאָג, אָנגערופן: „די שפּייז פון

דער מענטשלעכער נשמה״. אין קיין אַנדער נשמה־לעבן איז מען ניט אַזוי אַ „זעלבסט״, און פילט מען זיך ניט אַזוי אַ „זעלבסט״, ווי אין דער ספערע פון געפילן. און אין דער זעלביקער צייט איז די ליבע צו אַנדערע מענטשן, ווען קאָנצענטרירט און אינטענסיוו, אויף דעם העכסטן אופן מסוגל איינצושליינגען דאָס „איך״־באַוואוסטזיין, ביז ער פאַרלירט זיך אין גאַנצן אין דעם אינטערעס צו דעם אַנדערנס לעבן. מיר האָבן שוין איצטער ביישפּילן דערפון אין דער מוטער־ליבע צו די קינדער, אין דעם אויפפיר פון אַ פראַנציסקוס פון אַסיזי, פון דעם אפשר לעגענדאַרישן סאַקיאַ מוני (בודדאַ).

די פאָדערונג פון דער טאָלסטאָיאַנישער מאָראַל, מען זאָל ליבן יעדן מענטשן, יעדע לעבעדיקע בריאה, ווי אַ נאָרמאַלע מוטער ליבט איר קינד — וואָס איז אייגנטלעך, אין טאָלסטאָיס זין, — ניט אַ פאָדערונג, נאָר אַ גוטע עצה, ווי אַזוי צו דערגרייכן די העכסטע שטופע פון גליק — קאָן אין דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער קולטורעלער עוואָ־לוציע, ניט אָנגענומען ווערן. דאָרטן, וואו די לעבנס־באַדינגונגען, סיי די מאַטעריעלע סיי די גייסטיקע, רופן אַרויס צעשפּליטערונגען, קאָנפליקטן, קאַמף און האַס, קנאה און שנאה, באַליידיקונגען פון דער מענטשלעכער חשיבות אויף שריט און טריט, קאָן קיין רייד ניט זיין פון אַן אינטענ־סיווער, ניט איבערקלייבערישער ליבע צו יעדן מענטשן. איצטער איז די „מענטשן־ליבע״ איינגעגרענעצט אין מער אָדער ווייניקער ענגע קרייזן פון „אייגענע״, לייבלעך אָדער גייסטיק „אייגענע״. צי אין דער צוקונפ־טיקער געזעלשאַפט וועט ווערן מעגלעך פאַר יעדן איינעם ניט נאָר אין געדאַנק, נאָר אויך אין דעם אוממיטלבאַרן געפיל, אויסצובריייטערן זיין מענטשן־ליבע צו דער פאַקטישער ליבע צו יעדן מענטשן אַזוי, אַז עס זאָל מקוים ווערן בירנעס דערקלערונג וועגן זיך אַליין: „איך ליב מיין פאַמיליע מער איידער זיך אַליין; איך ליב מיין פאַטערלאַנד מער איידער מיין פאַמיליע און איך ליב די מענטשהייט מער איידער מיין פאַטערלאַנד״, — צי אַזאַ נשמה־צושטאַנד, זאָג איך, וועט ווען עס איז באַשערט זיין יעדן מענטשן, קאָנען מיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט. זיכער אָבער איז אַזאַ נשמה־צושטאַנד אַ קוואַל פון גאָר אויסערגעוויינטלעכן מענטשלעכן גליק. ער איז דעריבער אַ באַרעכטיקטער אידעאַל, אפשר אַן אוממענד־לעכער, קיין מאָל ניט צו דערגרייכן בשלימות, נאָר אַזאַ צו וועלכן מען קאָן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערן. אָבער אויך איצטער דאַרף שוין יעדער מענטש אָנהייבן אַרבעטן אויף אים, קודם כל אין דער אייגענער נשמה, און קודם כל — אויף דער באַוואוסטזיניקער אונטערדריקונג פון

יעדן האַס־געפיל צו די מיט־מענטשן, וואָס שטערט דעם אויפקום פון מענטשן־ליבע.

(ג) די פּראָדוצירונג פון די מאַטעריעלע גיטער, כּדי צו באַפרידיקן די מאַטעריעלע הצטרכותן, און די איבערפורעמונג פון דער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג, לויט די פאָדערונגען פון „מענטשלעכער חשיבות", האָט מאַרקס אָנגערופן די „ממשלה פון נויטווענדיקייט". אויף איר, זאָגט ער, בויט זיך אויף, ווי „אויף איר באַזיס", די העכערע „ממשלה פון דער פרייהייט", וואו די מענטשלעכע אַרבעטן ווערן אויסגעגעבן ניט ווי אַ מיטל צו אַ ווײַלכן עס איז דרויסנלעכן ציל. זיי טרעטן דאָ אַרויס, ווי מענטש־לעכע אַרבעטס־קרעפטן, „וואָס טראָגן זייער ציל אין זיך גופא".

אין אָט די קאַרגע, שוין צו פיל קאַרגע ווערטער, האָט קאַרל מאַרקס אָנגעמערקט יענע קוואַלן פון מענטשלעכן גליק, וואָס פליסן שוין פון דער קולטור־ממשלה גופא. קוואַלן, וועלכע מיר קאָנען ניט אָנטרעפן אין דער נאַטור, און וואָס שטימען שוין אין גאַנצן צונויף מיט יענעם „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן", וועלכע מיר דערבליקן אין דעם מענטשנס ראָלע ווי אַ זעלבסט־מיטל אין דער באַשאַפונג פון די העכערע קולטורעלע גיטער.

עס איז בלי ספק ניט שווער פונאַנדערצושיפרירן מאַרקסעס קאַרגע העראָגליפישע שריפט. די קולטור־ממשלה, וואָס ווערט געשאַפן מיט די קער־רימענס פון „גוט" און „שלעכט", האָט אין איר אונטערשטן גאָרן די איינטיילונג אין „ניצלעך" און „שעדלעך". אויב מען זאָל אָט די איינ־טיילונג איבערלאָזן מיט מאַרקסן אין דער ממשלה פון דער נויטווענדיקייט, דער ממשלה פון דעם „דרויסנלעכן נוצן", ווי ער דריקט זיך אויס, בלייבן פאַר דער ממשלה פון דער פרייהייט די אייבערשטע גאָרנס פון דעם קולטורעלן „גוט" און „שלעכט": די איינטיילונגען אין אמת און שקר (אָדער: „ריכטיק" און „פאַלש"), אין שיין און מיאוס, אין איידל (אָדער מענטשלעך חשוב) און געמיין, אין הייליק און אומווערדיק.

נאָר יענע מענטשלעכע באַשאַפונגס־כּוחות אין דער קולטור־עוואָלוציע טראָגן זייער „ציל אין זיך גופא", וואָס זוכן דעם אמת צוליב דעם אמת, די שיינקייט צוליב דער שיינקייט, די מענטשלעכע חשיבות צוליב אירע אייגענע פאָדערונגען, די הייליקייט צוליב דער הייליקייט. נאָר אין זיי קאָן דאָס „איך" איינגעשלונגען ווערן; נאָר אין זיי קאָן דער מענטש, ווי אַ זעלבסט־מיטל פאַר דער קולטורעלער עוואָלוציע, דערשפּירן אַ נשמה־צושטאַנד, פון וועלכן ער זאָל ניט וועלן אַרויסגיין — ד"ה דערשפּירן זיין גליק. אָט דעם פאַקט האָט אַפילו דער שאַרפסטער פעסימיסט שאָפּענ־

האָער ניט געקאָנט אָפּלייקענען, ווי מיר האָבן געזען אויף אונדזער נסיעה צו דעם אינדזל פון די „גליקס־קינדער".

קאַרל מאַרקס וואָלט אפשר אויסגעשטראָכן פון דער רשימה די רע־ליגיעזע איינטיילונג אין „הייליק" און „אומווערדיק". אָבער מיר האָבן קיין שום רעכט ניט צו טאָן דאָס. איין מאָל דערפאַר, וואָס די רעליגיעזע שאַפונגען זיינען אַ פּאַקט אין דער גאַנצער קולטורעלער עוואָלוציע. די טעאָרעטישע באַליכטונג מוז אויסגעפינען יענע אייגנאַרטיקע קער־רימענס פון „גוט" און „שלעכט", וואָס הערשן אין דער רעליגיעזער שאַפונג. און דערצו: מאַרקס איז געווען אַ קעגנער פון רעליגיע, ווייל ביי אים איז זי געווען פאַרבונדן מיט אַ גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער געטלעכער קראַפט, וועלכן ער האָט ניט געקאָנט אָננעמען. אָבער „גאָט־גלויבן" און „רעליגיע" זיינען ניט קיין אידענטישע באַגריפן. ניט יעדער גאָט־גלויבן איז רעליגיעז אין דעם זין פון אַן־פּניותדיקער הייליקייט.

דאָס רוב שפּילט אין דעם רעליגיעזן גאָט־גלויבן די הויפּט־ראָלע, די ריין עגאָאיסטישע דאַרשט פון אַ מאַטעריעלן וואויל־שטאַנד אויף דער וועלט אָדער אויך פון אַן אייביקן גליקלעכן לעבן אויף „יענער וועלט".

פון דער אַנדער זייט מוז ניט יעדער רעליגיעזער לעבן און הייליקייט זיין פאַרבונדן מיט אַ גאָט. אָט איז דאָך בודדאַ געווען אַן אַטעאיסט. קאַרל מאַרקס האָט געהאַט הייליקייטן: דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער אַרבעט, פאַר דעם אויפבוי פון אַ ממשלה פון אמתער מענטשלעכער חשיבות סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אין די אייבערשטע גאַרנס פון דער קול־טורעלער שאַפונג. אויך אין זיין פּריוואַט־לעבן איז קאַרל מאַרקס געווען אַ הייליקער, אַ פריוויליקער מאַרטירער פאַר דער באַפרייאונג פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. אין אָט דעם זין פון הייליקייט וועט דער רעליגיעזער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור זיכער בלייבן אייביק: מיט גאָט־גלויבן, אָדער אָן אַ גאָט־גלויבן. מיר, פון אונדזער זייט, גלייבן אָבער זיכער און פעסט, אַז די פאָרשטעלונג פון אַ געטלעכער שאַפנדיקער קראַפט אין דער וועלט גיט דעם געדאַנק פון אַ קולטור־עוואָלוציע אַ סך אַ זיכערערן פילאָסאָפישן פונדאַמענט, איידער דער געדאַנק פון דעם אַטעאיסטישן מאַטעריאַליזם. די העכסטע שטופע פון דעם קולטורעלן „גוט", די „הייליקייט" קאָן דעמאָלט פילאָסאָפיש באַטראַכט ווערן, ווי אַ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון יענעם הייליקן מקור, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף. און גראָד אין דער רעליגיעזער קולטור־ספערע איז דאָך אויך באַשאַפן געוואָרן יענער

בליק אויף דעם מענטשן, ווי אויף „שיער ניט אַ גאָט". גראָד אין איר איז דאָך פאַר דעם מענטשן אַוועקגעשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע פון אי־בערבויען די גאַנצע וועלט, לויט העכערע מענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע ער, דער מענטש, באַטראַכט פאַר געטלעכע.

די פאַרשטעלונג וועגן דעם מענטשן, ווי וועגן אַ קראַפט פון אַ קאָס־מישן באַדייט, איז זיכער אַ רעליגיעזע פאַרשטעלונג, אַן ענין פאַרן גלויבן, ניט פאַר דעם ריין טעאָרעטישן וויסן. אָבער גראָד אין אָט דעם גלויבן, אַז דער מענטש איז ניט קיין שטויבעלע, וואָס פאַרלירט זיך אין דער אומ־ענדלעכקייט פון דעם קאָסמאָס, נאָר אַז ער ווערט געטראָגן פון אַ העכע־רער קראַפט אידער ער, צו אַ מיסיע פון אַ קאָסמישן באַדייט, און אַז אפשר גראָד דערינען ליגט דער לעצטער זין פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט — אָט דער גלויבן, זאָג איך, גיט קראַפט און מוט און האָ־פענונג און גלויבן אין דעם מענטשן אַפילו דעמאָלט, ווען ער פאַלט צייטנווייז אַראָפּ — ווי גראָד אין אונדזער צייט — שיער ניט צו דער מדרגה פון אַ טייוול.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

שלום־וואָרט

מיר האָבן איצטער געענדיקט באַטראַכטונגען, כּדי צו ציען די סך־הכּלען אין דעם „מאי קא משמע לן" פון דער גאַנצער חקירה.

ווען מען פאַרלאָזט אין אַ שיף דעם ברעג, כּדי צו מאַכן אַ רייזע אַרום דעם כּדור פון דער ערד, איז וואָס ווייטער מען פאָרט, אַלץ ווייטער ווערט מען פון דעם אויסגאַנגס־פּונקט. אָבער אין דער זעלביקער צייט ווערט מען אַלץ נעענטער צו אים און דערגרייכט אים לסוף — פון דער אַנדער זייט. דעם זעלביקן אַנבליק „כאַפּט" אויך אונדזער איצטיקע אונטערזוכונג. דער אויסגאַנג־פּונקט איז געווען די פראַגע וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן, ווי אַ „שכלדיקער אינהאַלט", ווי אַ מיין, ווי אַ באַדייט, און ווי אַ בר־דעתדיקער תּכלית, וואָס באַשטייט אין דעם שטרעבן צו גליק. מיר האָבן אויפן וועג זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף דעם אינדזל „גליק" און אויספאָרשן, וואָס איז זיין תּוך. מיר האָבן אויף יענעם אינדזל באַזוכט פיר „גליקס־קינדער", וואָס זיינען אין דער זעלביקער צייט געווען דענקער, כּדי צו דערוויסן זיך פון זיי, צי קאָן אַ מענטש זיין גליקלעך און ווען דאָס קאָן פאָרקומען. די „עדות" האָבן געגעבן פאַרשיידענע ענטפערס. געטע („פאַוסט") האָט געזאָגט, אַז גליקלעך קאָן דער מענטש זיין, ווען זיין „איך" ווערט איינגעשלונגען אין דעם אויפבוי פון אַ פריי לאַנד פאַר אַ פריי פאָלק. שאָפּענהאַוער האָט געשטעלט דעם באַדינג, דאָס „איך" זאָל אין גאַנצן צעגיין אין דער אָן פּניותדיקער טעאָרעטישער דערקענטעניש און אין דער הנאה פון קונסט בכלל, מוזיק בפרט. טאָלסטאָי האָט אונדז געלערנט, אַז דאָס גליק באַשטייט אין דער מסירת־נפשדיקער ליבע פאַר דעם אַנדערן. לאַסאַל האָט דערקלערט, אַז ער איז באַפרידיקט („געזעטיקט") נאָר דעמאָלט, ווען ער ווערט פאַרכאַפּט פון אַ גרויסער אַרבעט, וואָס ברענגט אים פּיין און מאַטערניש, אָבער וואָס פאַרטויבט אים, ווי „אַן אָפּיום".

דעם צד השוה פון אַט די אַלע ענטפערס האָבן מיר פאָרמולירט מיט די ווערטער: „איך קאָן זיין גליקלעך בתנאַי „איך" זאָל דערביי ניט זיין".

איז אויסגעוואַקסן די נויט, אַריינצולאָזן זיך אין אַ גאַנץ ווייטער נסיעה ניט אַזוי אַרום דעם כדור הארץ, ווי איבער אַלע ממשלות פון דער וועלט־עוואָלוציע, כדי דאָרטן אויסצוגעפינען, וואָס עס טוט זיך ביי זיי מיט דעם גורל פון דעם „איך", דעם יחיד, דעם אינדיווידואום, און אין וואָס באַשטייט זיין מהות. האָבן מיר געפונען אַז אין תּוך איז גאָר ערגעץ ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי אַן „איך", וואָס זאָל זיין אַ „זעלבסט צוועק". אַלערליי יחידים וואָס די וועלט־עוואָלוציע ברענגט אַרויס, פון דעם פּלאַ־נעט אין הימל ביז צום קריסטאַל אויף דער ערד; פון דער לעבעדיקער „אַמעבע" ביז צו דער העכסטער חיה; פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי בינען און מערעשקעס, ביז אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט — אומעטום — אין זיי איז דער יחיד נאָר אַ בלינדער מיטל צו אַ העכערן צוועק און דער זין פון זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט באַשטייט אין דער ראָלע, וואָס ער שפּילט אין דער אָדער יענער ממשלה פון דער וועלט־עוואָלוציע. מיר האָבן אָבער אויך געפונען, אַז די סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע איז ניט דער לעצטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט. פון דער סאָ־ציאָלאָגישער עוואָלוציע וואַקסט אַרויס נאָך אַ העכערער עטאַפּ, וועלכן מיר האָבן אָנגערופן „די צווייטע יצירה", די וועלט פון דער מענטשלעכער קולטור — וואו דער מענטש ווערט אַ „מורד במלכות־נאַטור". זי קאָן דורכ־געפירט ווערן נאָר מיט די מיטלען פון זעלבסט־באַוואוסטזיניקע, ציל־באַוואוסטזיניקע „איכן". דער ענין „איך" גופא, איז פון אַ נאַטור־שטאַנד־פּונקט אַ ריין אילוזאָרישער. אָבער אין דער קולטור־עוואָלוציע ווירקט דער מענטש ניט ווי אַן בלינדער מיטל צו אַ צוועק, נאָר ווי אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקער מיטל, ווי אַ „זעלבסט־מיטל", וואָס שטרעבט ווי אַ „זעלבסט", צו זיין אייגענעם „גליק", אָבער וואָס פירט זיך דערביי אויף, ווי אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק, וועלכן ער געפינט אין דעם אָדער יענעם צווייג פון דעם מענטשלעכן קולטור־בוים. עס איז פאַר אונדז קלאָר גע־וואָרן, אַז דער „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן", ווי דער אָביעקטיווער, שכלדיקער אינהאַלט זיינער, באַשטייט אין דער ראָלע, וואָס ער שפּילט אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפן, אויפהאַלטן און נהנה זיין פון „קולטור־דערשיינונגען", פון אָקערן ערד ביז אַרויסברענגען די גייסטיקסטע בנינים אין קונסט, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע. דערביי האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז יענער „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן", וואָס באַשטייט אין דעם בר־דעתדיקן תּכלית פון זיין צופרידן און גליקלעך, הענגט אָפּ

פון דעם „שכלדיקן אינהאַלט״. גראַד ווייל דער מענטש איז אין דעם קולטור־פּראָצעס נאָר אַ מיטל צו אַ העכערן צוועק, שטעלט זיך דאָס גליק איין נאָר דעמאָלט, ווען דער „זעלבסט״ צעגייט אין גאַנצן אין זיין ראָלע, ווי אַ „מיטל״. דאָס גליק איז דאָ דער מאַגנעט, מיט וועלכן דער קולטור־פּראָצעס ציט צו דעם מענטשן צו זיין ראָלע אָדער אויך צו פאַרשיידענע ראָלעס אין דער קולטור־באַשאַפונג, פּונקט ווי די סעקסועלע הנאה איז אַ מאַגנעט, כּדי צו ציען דעם מענטשן צו דער דערהאַלטונג פון זיין מין.

דער ענטפער פון די „עדות״: „איך קאָן זיין גליקלעך, ווען איך בין דערביי ניטאָ״ פאַרלירט שוין אַ היפּשן טייל פון זיין רעטענישקייט. גראַד, ווען דער „זעלבסט״ ווערט פאַרלוירן, און די ראָלע גופא, די אַרבעט ווערט דורכגעפירט פון אַ קראַפט וואָס האָט דעם באַדייט פאַר דעם מענטשן, ווי אַ „קראַפט, וואָס האָט איר ציל אין זיך גופא״; ד״ה גראַד ווען מען ווערט אין גאַנצן אַ מיטל אין דעם דינסט פון די העכערע צוועקן — גראַד דעמאָלט שטעלט זיך איין די העכסטע באַפרידיקונג, ניט געקוקט אויף די יסורים און פּיין, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער „זעלבסט״־געוויילטער ראָלע. דערביי קאָן מען אויך „גובר זיין דעם טויט״. ווייל טויט איז נאָר פאַראַן פאַר דעם „איך״ און גראַד דאָס „איך״ ווערט אין דעם דורכפיר פון דער ראָלע, אָדער דער „מיסיע״, אין גאַנצן אַ פאַרשוואונדע־נער. די אילוזיע פון דעם „איך״־זיין פאַרשווינדט אָדער ווערט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט, ווען די ווירקלעכקייט פון דעם אָדער יענעם קולטור־פּראָצעס פילט אויס די גאַנצע ספערע פון באַוואוסטזיין. אָט דאָס איז דער גאַנצער „זין״ פון אונדזער באַטראַכטונג.

זיכער האָבן מיר אין אָט דער פאָרשונג ניט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן ענין. מיר האָבן געמאַכט נאָר דעם ערשטן שריט אויף אַ וועג, וואָס איז רייך, ווי מיר דוכט, מיט אַ סך וויכטיקע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אויסבליקן. מיר שטעלן זיך אָפּ גראַד ביי דער פראַגע: און וואָס איז דער „זין״ פון דעם גאַנצן קולטור־פּראָצעס, וואָס באַנוצט דעם מענטשן, ווי זיינס אַ מיטל?

מיר האָבן אויפגעוויזן אויף דעם רעליגיעז־יידישן געדאַנק פון „לתקן עולם במלכות שדי״, איבערבויען די וועלט לויט די פאָדערונגען פון אַ „גאָטס־קיניגרייך״ — אַ געדאַנק, מיט וועלכן אויך ה. ג. וועלס שפּילט זיך אין זיין נאָוועלע „דער אייביקער פייער״ — „דהי אַנדייאינג פייר״, אָבער דאָס איז דאָך, קאָן דאָך זיין נאָר אַ רעליגיעזער גלויבן.

אַן אָביעקטיוו־טעאָרעטישן ענטפער קאָן מען אויף אָט דער פראַגע

וועגן דעם אביעקטיוון זין פון דער גאנצער קולטור־עוואלוציע ניט געבן. דער קולטור־פראצעס טראגט זיך, ווי א פייער־זייל פון איינצלנע פונקען, מען ווייס פון וואנען, מען ווייס ניט וואוהין. דער זייל איז פון אלע זייטן ארומגערינגלט מיט דער טיפסטער חושכניש. ווען א „פונק" גייט צו צו דעם ברעג פון דעם זייל מיט דעם פנים צו דער חושכניש, ווערט „פינצטער אין די אויגן". עס פארלירט זיך דער וועלט־זין פון דעם קולטור־פראצעס און ממילא אויך דער שכלדיקער אינהאלט פון א מענטשלעכן לעבן. דעמאלט ווערט אראפגעדריקט די חשיבות פון דעם מענטשן צו דער מדרגה פון א „שטויבעלע, וואס טראגט זיך", פון „א חלום, וואס פאר־פליט". דעמאלט ווילט זיך מסכים זיין מיט די בית שמאי, אז „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא": בעסער גאר ניט געבוירן צו ווערן...

אבער ווען מען קערט זיך אפ פון דער חושכניש און מען טראגט זיך ווידער מיט דעם ליכטיקן קולטור־זייל קאן מען סוביעקטיוו געפינען דעם זין פון דער קולטור־עוואלוציע — ניט ווי א וויסן, נאר ווי א גלויבן. דער „זין" קאן געפינען ווערן אין יענעם אפטימיסטישן בליק אויף דעם מהות מענטש, וואס דער תהילים האט ארויסגעבראכט אין די ווערטער: „ותחסרהו מעט מאלהים; כל שתה תחת רגליו". „דו האסט אים וויניק געמאכט פעלן פון צו זיין א גאט. אלץ האסטו אונטערגעווארפן אונטער זיינע פיס". מארקס האט דאס איבערגעזעצט אין די ווערטער: „אנטוויקלען די פראדוציר־קרעפטן", באהערשן די נאטור.

די קולטור דארף איבערבויען די נאטור, לויט אירע מאסשטאבן פון „גוט" און „שלעכט"; אויסראטן אל־דאס־בייז אין דעם אייגענעם לעבן און אין דער געזעלשאפט; ארויסברענגען וואס מער גייסטיקייט און אויפ־הייבן אויף דער העכסט־מעגלעכער הויך דעם מהות מענטש, וואס זאל קאנען, ווי „כמעט א גאט" אויסראטן אל־דאס־בייז אויך אין דעם גאנצן וועלט־באשאף און אליין אויסבויען א „נייע ערד" און א „נייעם הימל".

„דער מענטש" ווערט דעמאלט אויב ניט קיין גאט, איז דער משיח, וואס דארף אויסלייזן די גאנצע וועלט. איז — לאמיר דערווייליע אנהייבן מיט דעם איבערבוי פון אונדזער קליינער מענטשלעכער וועלט, כדי יעדער מענטש זאל ווערן ראוי צו טראגן דעם נאמען: מ ע נ ט ש.

מיט דעם באגריף פון דעם מענטשן, ווי א זעלבסט־מיטל אין דער קולטורעלער עוואלוציע, קאן מען ארויסגיין אויף דעם וועג פון א סינ־טעטישן צונויפגוס פון די באגריפן „דעטערמיניזם" און „פרייהייט". די

באַשרייבונג און דער אַנאַליז פון יענעם וועג ליגט אָבער אין גאַנצן מחוץ פון אונדזער ספּעציעלן ענין וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן. פאַר אונדזער ענין איז נאָר וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז אין דער קולטורעלער עוואָלוציע מוזן מיר באַטראַכטן דעם מענטשן, ווי אַ סינטעטישן צונויפגוס פון „נויטווענדיקייט״ און „פרייהייט״, ווי אַ „זעלבסט־מיטל״.

II

וויסנשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיע

ערשטע לעקציע

די פּראַיינשטיינישע וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע

חברים און פריינט:

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף דאָס גאַנצע פעלד פון מענטשלעכע טעאָרעטישע דערקענטעניש, זעען מיר, אַז זיי קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דריי פאַרשיידענע אַרטן. און יעדע דערקענטעניש פון יעדער אַרט טרעט אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז זי גיט דעם מענטשן אַ זיכערן וויסן וועגן דעם אָדער יענעם ענין, אָדער וועגן דער גאַנצער וועלט בכלל. די דריי אַרטן זיינען: וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, רעליגיע.

דער וויסנשאַפטלעכער אַסטראָנאָם ווייסט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. דער פילאָסאָף העגעל און די העגעליאַנער — אויב עס זיינען ערגעץ וואו דאָ ריינע העגעליאַנער — ווייסן, אַז די ערד און די זון — ווי אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט — זיינען אין תוך אַריין פאַרגליווערטע שטיקלעך וועלט־שכל, און זייערע באַוועגונגען ווערן באַהערשט פון די לאָגישע נויטווענדיקייטן, וואָס שטאַמען פון דעם וועלט־שכל. דער אָנהענגער פון אַ מאָנאָטעאיסטישער אמונה ווייסט, אַז זון און ערד זיינען — ווי אַלץ אין דער וועלט — באַשאַפן געוואָרן פון גאָט און אַז זיי דרייען זיך — ווי זיי דרייען זיך דאָרטן — לויט דעם אייבערשטנס באַפעל, וואָס קאָן אַלע מאָל איבערבייטן זייער „דריי”.

עס קאָן ניט זיין מיין אויפגאַבע צו געבן אייך אַן איבערבליק איבער אַלע וויסנשאַפטן, אַלע פילאָסאָפישע ריכטונגען, אַלע רעליגיעזע אמונות, מיט אַלע אמתן און טעותן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט. דאָ שטעלן מיר נאָר אַוועק די פראַגע: האָבן אָט די אַלע דריי צווייגן פון דעם מענטשלעכן טעאָרעטישן געדאַנק אַ רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ? אָדער מיר מוזן איבערגעבן נאָר איינעם פון זיי דאָס אַבסאָלוטע רעכט צו עקזיסטירן און באַשעפטיקן דעם מענטשלעכן געדאַנק, די אַנדערע אָבער מוזן אָדער אין גאַנצן פאַרשווינדן, אָדער זיך

בייגן אונטער דעם באַפעל פון דעם אַבסאָלוט באַרעכטיקטן צווייג, ווי פון זייער איבערהאַר?

אַט די פראַגע האַט אַ היפּש לאַנגע און אינטערעסאַנטע געשיכטע הינטער זיך.

אין די גאָר אַלטע צייטן זיינען אַלע דריי אַרטן „וויסן״ געווען אויס־געמישט אין איינעם. די „תורה״ און די „נבואה״ פון דער רעליגיע, די „חכמה״ פון דער פילאָסאָפיע און די „בינה ודעת״ פון דער וויסנשאַפט זיינען געווען סינאָנימען פון איין־און־דער זעלביקער אַרט „וויסן״ און זיינען געשטאַנען אונטער דער שטרענגער השגחה פון דעם רעליגיעזן גלויבן, וואָס איז געווען געבויט אויף דער פאַרהייליקטער טראַדיציע, אויף — ווי מען האָט געמיינט — דירעקטע אַנטפּלעקונגען פון אַן אי־בערנאַטירלעכער געטלעכער וועלט.

ביסלעכווייז אָבער האָבן זיך די דריי אַרטן וויסן גענומען פאַנאַנ־דערשיידן. קודם האָבן זיך פון דער רעליגיע גענומען אויסשיידן די פי־לאָסאָפיע און די וויסנשאַפט, וואָס זיינען נאָך צווישן זיך געווען איינס. געשען איז דאָס אין אַלט־גריכנלאַנד.

פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט האָבן גענומען גיין אין זייערע אייגענע וועגן, געפירט פון דעם פרייען געדאַנק, וואָס האָט ניט געוואָלט גלויבן אין קיינע איבער־מענטשלעכע אויטאָריטעטן. דער פרייער געדאַנק האָט געשטרעבט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די אַפּיטראָפּסות פון דער רעליגיע און דאָס האָט זיך זיי — אין דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט — איינגעגעבן, נאָך אַ היפּש שווערן קאַמף. פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, וואָס זיינען נאָך געווען איינס, האָבן אָדער אין גאַנצן מבטל געווען דעם רעליגיעזן גלויבן — ווי צ״ב, ביי די אַזוי אָנגערופענע „סאָפיסטן״ און שפּעטער אין דעם סיסטעם פון „עפּיקור״ — פון וועמען עס נעמט זיך, אַגב, דער יידישער „אַפּיקורס״. אָדער דער פרייער געדאַנק האָט גע־פאָדערט, אַז די רעליגיעזע גלויבונגען זאָלן אויסגעטייטשט ווערן אין אַ זין, וואָס גייט ניט להיפּך צו די געבאָטן פון דעם פילאָסאָפיש־וויסנ־שאַפטלעכן געדאַנק.

שפּעטער אָבער האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן. ביי דער דעג־קענדיקער און פאַרגרעסירנדיקער מענטשהייט האָבן גענומען די איבער־האַנט רעליגיעזע שטרעמונגען מיט אַ גלויבן אין אַן איינציקן גאָט — דעם וועלט־באַשאַפער. דער פרייער געדאַנק איז אונטערגעפאַלן אונטער דער שליטה פון אַט די רעליגיעזע שטרעמונגען, וואָס האָבן געשעפּט זייער „וויסן״ פון די אַזוי אָנגערופענע „הייליקע שריפטן״, געשריבענע

מיטן „רוח הקודש" פון אַן איבערנאַטירלעכער און איבערמענטשלעכער וועלט. די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע האָבן נאָר געפּועלט, אַז די „הייליקע שריפטן" זאָלן זיך לאָזן אַ ביסל שכלדיקער אויסטייטשן און אַז מען זאָל דעם פריי־פאָרשנדיקן געדאַנק לאָזן ווייטער גיין אין זיינע וועגן. מיט דעם תּנאַי, ער זאָל ניט אַריבערשרייטן יענע גרענעצן, וואָס דער רעליגיעזער גלויבן האָט אָנגעצייכנט פאַר אים.

אָט די פאַרשקלאָפונג פון דעם פרייען גייסט ביי דעם רעליגיעזן גלויבן האָט אָנגעהאַלטן דורך דער גאַנצער צייט פון דעם אַזוי אָנגערופענעם מיטלאַלטער, און ערשט לפי ערך גאָרניט לאַנג — מיט אַ דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק, האָט דער פרייער געדאַנק אויסגעקעמפט פאַר זיך, ביי דער געבילדעטער מענטשהייט, דאָס פולע רעכט צו גיין אין זיינע אייגענע וועגן, ווי ער פאַרשטייט, וואוהין ער צילט און שטרעבט.

די זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון דעם פרייען שכל, אין זיין פילאָסאָפישן און וויסנשאַפטלעכן פאָרשן, איז געוואָרן אַן אַנדערקענטער פאַקט, מיט וועלכן די רעליגיע האָט שוין געמוזט זיך רעכענען, ווילנדיק - ניט ווילנדיק.

דער קאַמף צווישן רעליגיעזן גלויבן און פרייען געדאַנק האָט טעאָרעטיש זיך כּמעט ווי אין גאַנצן פאַרענדיקט, אין דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. דער קאַמף פאַרנעמט די אינטערעסאַנטסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק און איז באַשריבן געוואָרן אין אַ היפּש ביסל קולטור־היסטאָרישע ווערק. די באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם קאַמף, דאַרף, אין מיינע אויגן, זיין אַ וויכטיקער טייל פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער בילדונג.

אָבער אויב דער טעאָרעטישער קאַמף איז כּמעט ווי שוין פאַרענדיקט ביי דער געבילדעטער וועלט, איז אָבער דער פּראַקטישער קאַמף פון דער רעליגיע אַנטקעגן דעם פרייען פאָרשן בשום אופן נאָך ניט אין גאַנצן אַראָפּ פון דער היסטאָרישער אַרענע אַפילו ביי די געבילדעטע פעלקער. לאָזט מיך דערמאָנען אַ פאַקט פון אונדזער אייגענער צייט אין אין אונדזער געבילדעטן לאַנד אַמעריקע. אין דעיטאָן (טענעסי), האָט מען געזעצלעך פאַרווערט צו לערנען אין די, פון שטאַט אויסגעהאַלטענע, לערן־אַנשטאַלטן, די מאָדערנע אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס גרינדעט זיך אויף דאַרווינס וויסנשאַפטלעכער שיטה, אַז דער מענטש האָט זיך אין אַ לויף פון דורות אַנטוויקלט פון אַ נידעריקערער חיה.

און גראָד אָט די טעג האָט אַ געזעצגעבער פון טענעסי דערקלערט,

אַז — „אָדער דאַרווין, אָדער די ביבל?״ „און מיר גלויבן מיט דער ביבל, אַז דער מענטש איז עקסטראַ באַשאַפן געוואָרן פון גאָט״.

אין דעם קאַמף פאַר די רעכט פון דעם פרייען געדאַנק זיינען וויסנ־שאַפט און פילאָסאָפיע דאָס רוב געגאַנגען אין איינעם, האַנט אין האַנט, בפרט ווען זיי זיינען נאָך געווען איינס.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך אויך אין דער פרייער מענטשלעכער דערקענטעניש גענומען אויסבילדן אַ צעשיידונג פון וועגן. די וויסנשאַפט ווערט אַלץ מער זעלבסטשטענדיק און וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַפּיט־רופּסות פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, פונקט ווי מען האָט פריער אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די אַפּיטרופּסות פון דער רעליגיע. די פילאָסאָפיע וויל דאָס ניט לײַדן, און עס הייבן זיך אָן צווישן זיי גאַנץ אינטערעסאַנטע סכסוכים און רייבונגען.

אַרום וואָס האָט זיך גענומען דרייען דעם קאַמף, אין די גרענעצן פון דעם פרייען פאָרשן גופא?

דער עיקר אַרום דעם קוואַל, פון וואַנען די פרייע פאָרשונג זאָל שעפּן די דערקענטעניש פון דער וועלט און אַרום דער ראָלע, וועלכע דער מענטשלעכער שכל זאָל שפּילן אין דעם דערקענטעניש־פּראָצעס.

דער ריין וויסנשאַפטלעכער שטראָם פון דעם מענטשלעכן דענקען וויל זיך ניט רעכענען מיט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר מיט דעם צניעות־דיקן אויספאָרשן די רעאַלע דערשײַנונגען פון דער וועלט, אַזוי ווי זיי זיינען. די מיטלען דערצו זיינען אין דער ערשטער ליניע די דערפאַרונג דאָס גענויע צוקוקן זיך צו דער רעאַלער וועלט, די אָבסערוואַציע, דער עקספּערימענט, דער מאַטעמאַטישער חשבון און דערנאָך — דער לאָגישער דענקען, וואָס גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן דעם, וואָס די אויס־געפונענע פאַקטן רעדן צו דעם מענטשלעכן שכל.

די הויפּט־אויפגאַבע דערבײַ איז אויסצוגעפינען, אַזוי פּינקטלעך ווי מעגלעך די פאַקטן און די שטענדיקע שייכות, וואָס עקזיסטירן צווישן די פאַרשיידענע דערשײַנונגען אין דער וועלט. האָט מען אויסגעפונען דעם פאַקט, האָט מען ריכטיק באַשריבן די שטענדיקע שייכות, אין וועלכער ער שטייט צו אַנדערע פאַקטן, דאַרף דאָס אַנגענומען ווערן, ווי דער אמת וועגן דער זאַך, אַפילו ווען דאָס זאָל גיין להיפּך צו דעם מענטשלעכן שכל, צו זיינע איינגעפונדעוועטע אמתן אָדער אויסגעטראַטענע וועגן.

אויב די וויסנשאַפט געפינט, אַז די שטענדיקע שייכות צווישן זון און ערד איז אַזאַ, וואו די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, איז דאָס דער אמת, הגם, אויפן ערשטן בליק „לייגט זיך דאָס ניט אויפן שכל״. זאָל

דער שכל זיך מטריח זיין און זיך אויסברייטערן אַזוי, אַז דער וויסנ־שאַפטלעך אויסגעפונענער אמת זאָל זיך קאָנען „לייגן אויף אים".

הייסט עס: דער לעצטער מקור פאַר דער מענטשלעכער דערקענ־טעניש זיינען די עדות פון די חושים, פון דעם זען, הערן און טאַפּן; עדות, וועמען מען גלויבט ניט אויפן ערשטן וואָרט, נאָר וועמעס זאָגן עס ווערט פאַרגליכן מיט אַנדערע עדות, אויסגעפונענע מיט פּינקטלעכע מעסט־אינסטרומענטן, מיט דעם שטרענגסטן מאַטעמאַטישן חשבון, און דער פאַרזיכטיקסטער לאָגישער סברה.

די פילאָסאָפיע פון איר זייט איז ניט צופרידן מיט אָט דעם הויפּט־קוואַל פון דער דערקענטעניש — דער דערפאַרונג. די דערפאַרונגען, מיינט זי, קאָנען נאָר געבן אָפּגעריסענע אמתן, און מיט די חושים קאָנען מיר נאָר באַנעמען דעם דרויסן פון די דערשיינונגען. דער מענטשלעכער שכל האָט אָבער אין זיך די גבורה, דורך ריכטיקע דענק־מעטאָדן, אַריינ־צודרינגען אין דעם אינעווייניקסטן תוך פון די דערשיינונגען, וואָס איז פאַרבאָרגן פאַר די חושים. און אַריינדרינגענדיק אין יענעם תוך, קאָן ער אויסגעפינען אמתן ניט נאָר וועגן דעם אָדער יענעם טייל פון דער וועלט, נאָר וועגן דעם אינעווייניקסטן תוך פון דער גאַנצער וועלט, וועגן דער קראַפט, אָדער די קרעפטן, וואָס ברענגען זי אַרויס און האַלטן זי צונויף אין איינעם.

ערשט ווען מען האָט, מיט די ריכטיקע מיטלען פון ריינעם שכל־דיקן דענקען, זיך דורכגעאַרבעט ביז צו יענעם אינעווייניקסטן תוך — ערשט דעמאָלט קאָן מען מיט „אָפענע אויגן" קוקן אויף די איינצלנע דערשיינונגען פון דער וועלט און שכלדיק באַנעמען, קלאָר פאַרשטיין, די שטענדיקע שייכותן, וואָס הערשן צווישן זיי.

עס איז אַ טיפער סכסוך. מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז ביי אַלע פילאָסאָפן און ביי אַלע וויסנשאַפטס־לייט, איז דער דאָזיקער סכסוך גע־שטאַנען קלאָר פאַר זייערע אויגן.

ווי אין אַלע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע אידעען, דאַרף מען אויך דאָ זיך רעכענען נאָר מיט יענע איינצלנע פאַר־שטייער פון אַ וועלכן עס איז גרונט־געדאַנק, ביי וועמען ער איז אַרויס־געטראָטן אין זיין פולער קאָנסעקווענץ, אין זיין גאַנצער קלאָרקייט, אַפילו אין זיין שאַרפסטער איינזייטיקייט. אָבער אַפילו ביי די ניט קאָנסעק־ווענטע און ניט איינזייטיק פאַרעקשנטע אָנהענגער פון דעם אָדער יענעם גרונט־געדאַנק האָט זיך געשפירט די ניט אויסגעבאַלאַנסירטקייט פון די

צוויי אַזעלכע פאַרשיידענע פאָדערונגען, מיט זייער אינעווייניקסטן אַנ־טאַגאָניזם.

עס זיינען ניט איין מאָל פאָרגעקומען סכסוכים צווישן די צוויי גרונט־פּרינציפּן און ניט איין מאָל פאָרגעשלאָגן געוואָרן פּשרות צווישן זיי. אויך אַט די געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק — וואָס קאָן פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט באַטראַכט ווערן, ווי דער קאַמף צווישן רעאַליזם און אידעאַליזם — איז קאָלאָסאַל רייך אין איר אינעווייניקסטן באַדייט און האָט ניט קיין קלענערן ווערט פאַר דער אַלגעמיין־מענטשלעכער בילדונג, איידער די צונויפשטויסן צווישן דעם רעליגיעזן גלויבן און דער פרייער פאָרשונג.

מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר איין איינציקן עפּיזאָד פון דעם קאָנ־פליקט צווישן פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט — דערפאַר אָבער אַזאַ קלאָר ריידנדיקן עפּיזאָד!

אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונ־דערט האָט איבער די געבילדעטע מוחות פון צענטראַל־אייראָפּע און רוסלאַנד געהערשט די פילאָסאָפישע שיטה פון דעם העגעליאַניזם. העגעל איז געווען זיכער, אַז ער האָט, מיט זיין אידעאַליסטיש־דיאַלעקטישער מעטאָדע, אויסגעפונען דעם אַבסאָלוט לעצטן און פאַרבאָרגנסטן תּוך פון דער וועלט. דאָס איז דער אַלוועלטלעכער שׂכל, פון וועמען עס רינגלען זיך אַרויס אַלץ נייע און נייע שׂכלדיקע בנינים, ביז ער דערגרייכט די העכסטע מענטשלעכע שטופע פון שׂכלדיקייט: „די אַבסאָלוטע אידעע״. העגעל איז אויך געווען זיכער, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ פאַרווירקלע־כונג פון אַלע שׂכל־רינגען; אַז אין איר, אין דער וועלט, מוז אַלץ, וואָס האָט באמת אַ האַפט, זיין שׂכלדיק און קאָן ניט גיין להיפּך צו דעם שׂכל־דיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. זיין פילאָסאָפיע האָט העגעל אָנגעווענדט אויף צו דערקלערן כמעט אַלע פעלדער פון דעם מענטשלעכן וויסן און צו באַווייזן, ווי אַלץ אין דער וועלט מוז, על פּי דעם דיאַלעקטישן שׂכל, זיין אַזוי ווי עס איז, און פאַר וואָס דאָס קאָן ניט זיין אַנדערש.

צווישן אַנדערע אמתן האָט העגעל אויסגעפונען אויך יענעם „שׂכל״, פאַר וואָס דאָס זונען־סיסטעם מוז באַשטיין פון צען הימלישע קערפּערס: דער זון, דער ערד מיט דער לבנה, און די זיבן אַנדערע פּלאַנעטן, צען! ניט מער און ניט ווייניקער.

מאַכט זיך אָבער, אַז די וויסנשאַפטלעכע אַסטראָנאָמען ווערן אין זייערע אָבסערוואַציעס און מאַטעמאַטישע חשבונות אַ היפּש ביסל באַ־אומרואיקט מיט דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן, דער עיקר מיט דעם גאַנג

פון דעם לפי ערך ניט לאַנג אַנטדעקטן „לעצטן" פּלאַנעט: דעם אוראַנאַס. מען הויבט־אָן צו רעדן וועגן דער מעגלעכקייט פון נאָך אַ פּלאַנעט, וואָס ווירקט שטענדיק אויף דעם גאַנג פון דעם אוראַנאַס. לאָכן דערפון די העגעליאַנישע פילאָסאָפן: אַן אַכטער פּלאַנעט קאָן דאָך ניט זיין. און אַז מען האָט געפרעגט: ווי וועט זיין, אַז מען וועט אים פּאָרט אויסגעפינען און מען וועט אים קאָנען זען אין אַ טעלעסקאָפּ? האָט דער פילאָסאָף געענטפערט, אַז דאָס וועט ניט זיין קיין ברעקל גרונט איבערצובייטן די מיינונג. עס וואָלט דאָ געווען אַ קאָנפליקט צווישן די עדות פון די חושים און די עדות פון דעם שכל. און אין אַזאַ קאָנפליקט דאַרף דער פילאָסאָף גלויבן דעם שכל, ניט דעם אויג. דער אַכטער פּלאַנעט איז טאַקע אויסגעפונען געוואָרן...

די העגעלשע פילאָסאָפיע האָט באמת דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אַ ריין־שכלדיק פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג, און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס אַזעלכע קאָלאָסאַלע מוחות, ווי אַ פייערבאַך, אַ מאַרקס, אַן ענגעלס, אַ לאַסאַל, אַ פּרודאָן און אַ הערצען זיינען אַ לאַנגע צייט געווען פאַרכישופט פון אים.

אָבער גראָד אין דער צייט ווען העגעלס זון האָט געלויכטן אַזוי העל אויף דעם פילאָסאָפישן הימל, האָט אין פראַנקרייך שטיל געאַרבעט אין זיין קאַבינעט אַ דענקער און האָט געשמידט די כּלי־זיין אַנטקעגן אַזאַ פילאָסאָפיע, וואָס וויל מייסטערן די וויסנשאַפט. מיר מיינען דאָ דעם באַשאַפער פון דער „פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע", אָגיוסט קאָנטן.

קאָנטס פּאָזיטיווע פילאָסאָפיע איז אייגנטלעך די פאָדערונג מען זאָל זיך אין גאַנצן איבערגעבן דער וויסנשאַפט און נאָר זען צו קלאַסיפיצירן און אַריינצוברענגען אין אַן איינהייטלעכן סיסטעם אירע רעזולטאַטן.

קאָנט האָט געגלייבט, אַז ער האָט אויסגעפונען אַ געזעץ פון דעם מענטשנס גייסטיקער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונג גייט דורך דריי פאַזן, וואָס קאָנען פאַרגליכן ווערן מיט דער קינדהייט, יוגנט און אויסגעוואַקסענער בר־דעתדיקייט פון דעם מענטשלעכן געדאַנק טעאָלאָגיש. ער זוכט אַלץ צו דערקלערן דורך דער ווירקונג פון געטער און דערנאָך פון אַן איין איינציקן גאָט. אין דער ראָמאַנטיש פאַנטאַזירנדיקער יוגנט איז דער געדאַנק מעטאַפיזיש. ער זוכט דעם פאַרבאָרגענעם תּוך, וואָס שטעקט הינטער די עמפּירישע פאַקטן פון דער וועלט און וויל אַלץ דערקלערן דורך אָט דעם פאַרבאָרגענעם, אָבער לסוף, אַרויסגעבראַכטן תּוך. אין דעם פּעריאָד פון מיושבער בר־דעתדיקייט ווערט דער מענטשלעכער געדאַנק „פּאָזיטיוו". און דאָס איז די לעצטע פאַזע פון זיין אַנטוויקלונג.

דאָ וויל דער מענטשלעכער שכל ניט נאָר ניט פאַרלאָזן זיך אויף דעם רעליגיעזן גלויבן, ער יאָגט זיך אַפילו ניט נאָך די שכלדיקע דערקלע־רונגען. ער פרעגט ניט: ווי שפּילן זיי זיך אָפּ אין דעם וועלטלעכן פּראָ־צעס, וואָס מיר קאָנען אויסשטודירן אין דער וויסנשאַפט. ער וויל וויסן, זען. און זען וויל ער, כּדי פאַראויסצוזען, און פאַראויסזען דאַרף ער, כּדי צו קאָנען באַהערשן די וועלט. „וואוּאַר פור פּרע־וואוּאַר; פּרע־וואוּאַר פור פּוּאוואוּר!" (זען כּדי פאַראויסצוזען; פאַראויסצוזען, כּדי צו קאָנען!) — אָט דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. דאָס קאָן זי דערגרייכן און צו דעם זאָל זי שטרעבן.

קאָנט רופט אָן זיין סיסטעם „פּילאָסאָפיע". אָבער דאָס איז אַזאַ פּי־לאָסאָפיע, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אירע אייגענע צילן און אירע רעכט און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סיסטעם פון פאַראיינהייטלעכטע און קלאַסי־פיצירטע וויסנשאַפטן.

אַביסל אַן אַנדער וועג, ווי אַזוי צו באַגרינדן די אַליין־הערשאַפט פון דער וויסנשאַפט, האָט אויסגעקליבן פרידריך ענגעלס, דער באַרימטער מיט־באַגרינדער פון דעם מאַרקסיזם.

ענגעלס, ווי קאַרל מאַרקס, זיינען ביידע אין דער יוגנט דורכגעגאַנגען דורך העגעלס פילאָסאָפיע. און אָט די פילאָסאָפיע האָט אַרויפגעדריקט אויף זייער געדאַנק אַ שטעמפּל, וואָס איז פאַרבליבן אויף אייביק. העגעלס גלויבן אין דער מאַכט פון דעם מענטשלעכן שכל, אַריינצודרינגען אין די סודות פון דער נאַטור, איז געבליבן אויך זייער גלויבן. אויך דאָס האָבן זיי פאַרשטאַנען, אין איינעם מיט העגעלן, אַז אויב דער סוד כּל הסודות פון דער וועלט קאָן אויפגעדעקט ווערן, קאָן דאָס ניט זיין די עובדא פון די חושים און פון דער ריין עמפּירישער דערקענטעניש. דאָס איז טאַקע די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע. אָבער בעת העגעל האָט געגלויבט, אַז זיין פילאָסאָפיע איז דער לעצטער רינג אין דער קייט פון פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג, וואָס איז כּולל אין זיך אַלע פריערדיקע רינגען און איז ממילא דער לעצטער, אַבסאָלוטער אמת וועגן דער וועלט, האָבן מאַרקס און ענגעלס געפונען, אַז די פילאָסאָפישע אַנטוויקלונג איז מיט העגעלן נאָך ניט געקומען צו איר אַבסאָלוט לעצטן סוף. און אַז דער סוף איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן ערשט פון זיי ביידן.

העגעלס דיאַלעקטישער אידעאַליזם, וואָס האָט באַטראַכט די וועלט, ווי אַן אַנטוויקלונג פון דעם וועלט־גייסט, אַן אַנגעטריבענעם דורך אינעווייי־

ניקסטע ווידערשפּרוכן, האָט אויפגעכאַפּט נאָך איין טייל פון דעם אַבסאָ־לוטן פילאָסאָפישן אמת: דעם „ווי אַזוי" פון דעם וועלט־פּראָצעס. ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות אין דעם „וואָס", אין דער „סובסטאַנץ" פון דער וועלט. דער אינעווייניקסטער תּוך פון דער וועלט איז ניט דער וועלט־גייסט, נאָר די וועלט־ מאַטעריע. די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, וואָס געפינען זיך אין דער מאַטעריעלער וועלט, זיינען די איינציקע קרעפטן, וואָס איז אָן אייביק אָנדויערנדיקער פּראָצעס, אָן אָן אָנהייב און אָן אַ סוף.

דאָס לעצטע וואָרט פון דער פילאָסאָפיע — און דערמיט אויך דער אַבסאָלוטער אמת וועגן דער וועלט — איז בכן דער דיאַלעקטישער מאַ־טעריאַליזם.

פון אָגיוסט קאָנטס שטאַנדפּונקט, וואָס וויל בכלל ניט וויסן פון אַ וועלכן עס איז תּוך פון דער וועלט און וויל זיך רעכענען נאָר מיט די דערשיינונגען, ווי זיי ווערן געשטודירט אין די וויסנשאַפטן, וואָלט אָט דער מאַרקסיסטישער געדאַנק געמוזט אָנגערופן ווערן אַ מעטאַפיזישער, אָבער בשום אופן ניט קיין וויסנשאַפטלעכער, ווייל ער יאָגט זיך נאָך דעם פאַרבאָרגענעם „תּוך". אָבער מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַרט צו־געגעבן אַ שטריך צו זייער פילאָסאָפיע, וואָס מאַכט אויך זי פאַר אַ פאַר־קעמפערין פון דער וויסנשאַפטס אויבערהערשאַפט איבער דער מענטש־לעכער דערקענטעניש.

זייער געדאַנקען־גאַנג איז אַזאַ: ווי באַלד דאָס פילאָסאָפישע פאָרשן האָט זיך שוין דערגראָבן צו דעם אינעווייניקסטן תּוך פון דער וועלט — דעם אין זיך ווידערשפּרוכפולן מאַטעריעלן פּראָצעס — הערט די פילאָ־סאָפיע אויף צו זיין אַ באַזונדער צווייג פון דער מענטשלעכער דערקענטע־ניש. זי גיסט זיך צונויף מיט די וויסנשאַפטן און ווירקט אין זיי, ווי אַן אַבסאָלוט נויטיקער שטאַנדפּונקט, ווי אַ ליכט, וואָס קאָן באַלויכטן יעדע וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש ביז צום לעצטן גרונט אירן.

מחוץ דער וויסנשאַפט קאָן שוין דעריבער גאָרנישט ניט פאַרקומען אין דער פּראָגרעסיווער מענטשלעכער דערקענטעניש.

דער ראַדיקאַלער געדאַנק פון אַ קאָנט, אָדער אַן ענגעלס, גלויבט, הייסט עס, אַז וועגן אַלע ענינים, וואָס דאַרפן אינטערעסירן אַ מענטשן, קאָן אונדז די וויסנשאַפט געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער. די וויסנשאַפט איז דער איינציקער קוואַל, פון וואַנען אַ מענטש זאָל שעפּן זיין דערקענטעניש. אירע מעטאָדן זיינען די איינציקע געציייג מיט וועלכע מען קאָן אַרויס־ברענגען דעם אמת וועגן דער וועלט ווי זי איז, אָן אַ צוטראַכט פון דער רעליגיעזער פאַנטאַזיע אָדער דעם ריין שכלדיקן דענקען.

אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף וויסן וועגן דער נאַטור, דער געזעלשאַפט און דעם מענטשלעכן „איך“, קאָן און וועט אונדז געבן די וויסנשאַפט, און דער אמת, וואָס ווערט פון איר אַרויסגעבראַכט, איז אַזאַ, אַז יעדער מענטשלעכער שכל איז געצוואונגען אים אָנצונעמען.

אָבער גראָד אָט דאָ וואַקסט אויס די שאלה, וואָס איז געוואָרן באַזונדערס ברענענדיק אין אונדזער איצטיקער צייט. דווקא אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

די שאלה איז: צי קאָן די וויסנשאַפט באַפרידיקן אַלע באַדערפעענישן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, און פריער פאַר אַלץ יענע באַדערפעניש אירע, וואָס זוכט זיכערקייט און קלאָרקייט אין אַלע ענינים, וועגן וועלכע דער מענטש טראַכט, דעם קלאָרן איינזען, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי און ניט אַנדערש.

אַ ביישפּיל פון אַזאַ קלאָרן איינזען אין אַן ענין האָט אונדז געגעבן דער פילאָסאָף און אויך גרויסער וויסנשאַפטס־מאַן דעקאַרט.

דעקאַרט האָט פריער אַריינגעוואָרפן אין ספק אַלע מענטשלעכע דערקענטענישן. ער האָט געצווייפלט אויך אין דעם, צי ער אַליין עקזיסטירט אויף דער וועלט. אָבער דערנאָך האָט ער איינגעזען, אַז ער קאָן אַלצדינג באַצווייפלען, אָבער ניט דעם פאַקט גופא, אַז ער באַצווייפלט. אַז ער צווייפלט איז זיכער. צווייפלען אָבער הייסט דענקען. הייסט עס, עס איז אויך זיכער, אַז ער דענקט. דענקען קאָן מען אָבער, ווען מען עקזיסטירט, הייסט עס, עס איז אויך זיכער, אַז ער עקזיסטירט.

אַזעלכע קלאָרע איינזעענישן, וואָס צווינגען זיך אַרויף אויף דעם מענטשן, זיינען אין דער וויסנשאַפט פאַראַן פול און פיל. מען האָט געקאָנט, צום ביישפּיל, אַ לאַנגע צייט צווייפלען, צי די ערד איז קיילעכדיק, אָדער פלאַטשיק. אָבער ווען מען האָט זיך געלאָזט אין אַ שיף איבער דער וועלט, געפאָרן אַלץ פאָראויס און פאָראויס אין איין־און־דער זעלביקער ריכטונג (זאָגן מיר: פון מערב צו מזרח) און מען איז לסוף געקומען צו דעם זעלביקן אָרט, פון וואַנען מען איז אַרויסגעפאָרן, נאָך פון דער אַנדער זייט, האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין ברעקל ספק, אַז די ערד איז קיילעכדיק.

קאָן אָבער די וויסנשאַפט אויף אַלע פראַגן, אין אַלע ענינים, מיט וועלכע זי איז פאַרנומען, געבן אונדז אַזעלכע קלאָרע און זיכערע ענטפערס? אַזעלכע קלאָרע און זיכערע, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו אַ וועלכער עס איז אַנדער אָרט דערקענטעניש אַחוץ דער וויסנשאַפטלעכער? נויטיקט זיך ניט די מענטשלעכע דערקענטעניש אַחוץ דער וויסנ־

שאַפט, אויך אין אַ פילאָסאָפיע, וואָס שפרייזט אַריבער די וויסנשאַפטלעכע גרענעצן?

און ווען מיר זאָלן אויסגעפינען, אַז די וויסנשאַפט טרייבט צו פילאָסאָפיע — איז אַ פילאָסאָפישער געדאַנק ביכולת צו באַפרידיקן אַלץ אין דער מענטשלעכער נשמה? צי ווערט זי ניט געטריבן צו נאָך אַן אַנדער אַרט גייסטיקן אויסלעבן זיך, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן: רעליגיע?

איך האָף, מיר וועט זיך איינגעבן צו באַווייזן אייך, אַז די דריי צווייגן פון דעם מענטשלעכן גייסטיקן שאַפן זיינען זעלבסטשטענדיק, אַז איבער דער יבשה פון דעם פעסטן זיכערן וויסן און איבער דעם פילאָסאָפישן ים פון פאַרשיידענע כוואַליענדיקע סברות, ווי צו פאַרשטיין די וועלט, קאָן זיך נאָך אויפהויבן דער עפיר־בלויער הימל פון דעם רעליגיעזן גלויבן און האָפן.

לאָמיר אָנהייבן מיט דעם סכסוך צווישן פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט. מיר וועלן אַ פּרוּוו טאָן באַטראַכטן די פראַגע פריער אין דעם ליכט פון יענער וויסנשאַפט, וואָס האָט געהערשט ביז גאָר נישט לאַנג, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן יענע רעוואָלוציע אין איר, וואָס איז פאַרבונדן מיט די נעמען פון אַן איינשטיין, אַ מינקאָווסקי, אַ פּאַן פּלאַנק.

מיר מוזן זיך אויף אַט דעם פּעריאָד אָפּשטעלן לענגער, ווייל גראָד אין אים איז אויסגעוואַקסן די פעסטע איינגעגלויבטקייט, אַז וויסנשאַפט גיט אונדז דעם שליסל צו אַלע זיבן שלעסער, אונטער וועלכע עס איז פאַרשלאָסן דער „סוד פון דער וועלט".

דערנאָך וועלן מיר די זעלביקע פראַגע אַוועקשטעלן אין דעם ליכט פון יענער וויסנשאַפט, וואָס איז רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן אַ דאַנק יענע אויבן־דערמאָנטע גרויסע גייסטער, און די וואָס גייען אין זייער וועג.

אָבער נאָך איין פּרינציפּיעלע באַמערקונג מוזן מיר דאָ מאַכן, איידער מיר לאָזן זיך אין וועג. ווען מיר רעדן וועגן דער וויסנשאַפט, האָבן מיר אין זינען נאָר יענע גרונט־וויסנשאַפטן, וואָס ווערן אָנגערופן די אָנאָרגאַנישע וויסנשאַפטן און וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער אַזוי אָנגערופענער ניט לעבעדיקער נאַטור.

מיר לאָזן דאָ אינגאַנצן אויס די וויסנשאַפטן פון לעבן איבערהויפּט — אַלע ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן — די וויסנשאַפטן פון גייסטיקן לעבן — די פּסיכאָלאָגיע, די קונסט־וויסנשאַפט וכדומה — און די וויסנשאַפטן פון דעם סאָציאַלן און דעם געשיכטלעכן לעבן.

מיר טוען דאָס, ווייל די חשבונות צווישן אַט די העכערע וויסנשאַפטן מיט דער פילאָסאָפיע זיינען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז עס וואָלט פאַרנומען צופיל צייט, איבערצוקוקן זיי.

לאָמיר דעריבער אויף אַ ווײַלע אָננעמען — הגם איך רעכן דאָס פאַר אַבסאָלוט פאַלש — אַז דאָס לעבן קאָן דערקלערט ווערן, אינאיינעם מיט די מאַטעריאַליסטן און מיט ענגעלסן, ווי אַ פּראָצעס, וואָס קומט פאָר ניט אין דער גאַנצער וועלט, נאָר אין אַ קליינעם אויסשניט אירן, וואָס באַשטייט פון איי־ווייס־שטאָפן, ווי עס שטייט בפירוש געשריבן אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגן דיורינגען: „לעבן איז דער עקזיסטענץ־אופן פון די־ווייס־שטאָפן״ (זע: פרידריך ענגעלס, אַנטי־דיורינג, 1894, ז׳ 74).

מיט דעם זעלביקן ענגעלסן וועלן מיר אָננעמען, אַז אַלע גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין אַ לעבעדיקער בריאה, וואַקסן אַרויס פון די איינפאַכסטע שפּירונגען (ווי ליכטיק, פינצטער, קאַלט, וואַרעם) און אַז די דאָזיקע שפּירונגען זיינען אויך אַ פּראָצעס, וואָס קומט פאָר ניט אומעטום אין דער וועלט, נאָר אין אַ געוויסן מאַטעריעלן שטאָף. „די שפּי־רונג״, זאָגט ענגעלס, „איז ניט דווקא געבונדן מיט נערוון, אָבער זיכער מיט אַ געוויסן איי־ווייס־שטאָף, וואָס מען האָט נאָך ביז אַהער ניט פעסט באַשטימט״ (דאָרטן גופא, ז׳ 73).

און מיט דעם זעלביקן ענגעלסן, ווי מיט אַלע מאַרקסיסטן, וועלן מיר דערווייל אָננעמען, אַז אַלע סאָציאַלע און אַלע געשיכטלעכע פאַרקומע־נישן ווערן באַהערשט פון יענע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער „פּראָדוקציע און דער רעפּראָדוקציע פון דעם אוממיטלבאַרן לעבן״ — פשוטער גערעדט: אין דער באַפרידיקונג פון די ריין מאַטעריעלע הצטר־כותן פון די לעבעדיקע ברואים בכלל און פון דעם מענטשן בפרט.

אויף אַזאַן אופן ווערט אונדזער אויפגאַבע אַ סך פשוטער און צו־טריטלעכער. מיר וועלן האָבן צו טאָן נאָר מיט די אַזוי אָנגערופענע פּינקטלעכע וויסנשאַפטן, וואָס שטודירן די אַנאָרגאַנישע, ניט לעבעדיקע נאַטור.

זיי אַלע האָבן אין זייער יסוד נאָר פינף פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון דעם וועלט־געשען: דעם רוים (די אויסגעשפּרייטקייט), די צייט, די מאַטעריע, די באַוועגונג און די קאַוזאַליטעט — די אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז יעדע זאַך דאַרף האָבן אַן אורזאַך.

לאָמיר זען, צי די וויסנשאַפט קאָן אונדז געבן באַפרידיקנדיקע ענט־פערס אויף אַלע יענע שאלות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַט די פינף

פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון דעם וועלט־געשעען. מיר וועלן זיך קודם אָפּשטעלן אויף דער פראַגע וועגן דעם רוים.

ס'איז דאָ אַ באַזונדער וויסנשאַפט — די געאָמעטריע — די נידעריקע און די העכערע — וואָס האָט צו טאָן מיט אַלע ליניעס און געשטאַלטן, וואָס קאָנען פאָרקומען אין דעם רוים, אין דער אויסגעשפרייטקייט פון דעם וועלט פאַרנעם. די געאָמעטריע געפינט אויס, מעסט אויס און רעכנט אויס אַלע שייכותן, וואָס קאָנען עקזיסטירן צווישן טיילן און עלעמענטן פון אַ וועלכער עס איז ליניע אָדער פיגור, און — ניטאָ וואָס צו זאָגן! אַזוי פּינקטלעך און זיכער, ווי זי ווערט פאַרטיק מיט אירע שאלות, קאָן אפשר קיין אַנדער וויסנשאַפט ניט פאַרטיק ווערן.

אָבער שטעלט נאָר אָפּ דעם בעסטן געאָמעטער און טוט אים אַ פרעג, אַ שטייגער אַזוי:

— דו אַרבעטסט דאָך שטענדיק אויף די רוימלעכע געשטאַלטן. דיך אינטערעסירן די שייכותן, וואָס קאָנען עקזיסטירן צווישן די איינצלנע טיילן אין דעם רוים. איז — זאָג אונדז, וואָס איז דאָס אַזוינס דער רוים, וועלכן דו פאַרשטסט אויס?

אויף אַזאַ פראַגע וועט דער געאָמעטער, וואָס וויל בלייבן אין די גרעניצן פון דער וויסנשאַפט, פּשוט קוועטשן מיט די אַקסלען.

— איך נעם דעם רוים, וועט ער זאָגן, ווי אַ געגעבענעם פאַקט, ווי אַ געגעבענע רעאַליטעט אין דער וועלט. וואָס ער איז אַזוינס, דאָס קאָן איך מיט מיינע ריין־וויסנשאַפטלעכע מיטלען און מעטאָדן ניט אויסגעפינען. אויב איך אינטערעסירט דער ענין, זוכט זיין אויפקלער ערגעץ־אַנדערש־וואו.

און אין דער אמתן איז דער ענין רוים גאַרניט אַזאַ איינפאַכער. וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין אים, אַלץ מער געפינט מען אויס, ווי ווייניק זיכער עס איז אונדזער דערקענטעניש וועגן זיין מהות.

מיר נעמען און גרענעצן אָפּ אַ שטיק וועלט־רוים אונטער אַ גלעזערנעם גלאָק. מיר פּאָמפּען פון דאָרט אַרויס די לופט. איז וואָס נאָך געבליבן אין אים? גאַנץ זיכער! מיר לאָזן דורכלויפן אין אים אַ געוויסע אַרט עלעקטרישע שטראַלן און מיר זעען בחוש, ווי עפּעס כוואַליעט זיך דאָרטן, ווי אין אַן אויפגערעגטן וואַסער. אַמאָל פלעגט די וויסנשאַפט זאָגן: „דאָס כוואַליעט זיך דער וועלט־עפיר" — אַזאַ מין דין־דינע ממשות, וואָס פילט אָן יעטוועדעס מינדסט פּיצעלע רוים. איצטער, נאָך איינשטיינס רעוואָלוציעס אין דער פיזיק, רעדט מען מער נישט וועגן דעם עפיר. אָבער עפּעס אַזוינס כוואַליעט זיך דאָרטן, דאָס הייסט, וויגט זיך אַרום און בייט

אַלע ווײַלע זײַן אָרט. לאָמיר — אין געדאַנקען — אויספּאָמפּען אויך יענעם „עפּעס אַזוינס״, וואָס וועט דאָרט בלײַבן? דער אָרט! און מער גאָרנישט ניט? מער לחלוטין גאָרנישט ניט! עס וועט בלײַבן... אַן אַבסאָלוטע ליידיקייט!

איז — וואָס איז עס אַזוינס — אָט דער „אָרט״, וואָס איז לחלוטין גאָרנישט ניט, און פונדעסטוועגן עקזיסטירט ער? ווי קאָן אַן אַבסאָלוטע ליידיקייט עקזיסטירן? אַ „גאָרנישט״, וואָס עקזיסטירט אין זיך גופא, וואָס אַליין איז עס „גאָרנישט ניט״, נאָר וואָס מאַכט מעגלעך, אַז אַלע זאַכן זאָלן עקזיסטירן אין אים און אַלע פּראָצעסן זאָלן זיך אָפּשפּילן אין אים — דאָס איז דער גרעסטער וואונדער פאַר אַ מענטשלעכן גייסט.

איינשטיין האָט געמיינט, אַז ער קאָן זיך אַרויסדרייען פון דעם פּראָבלעם, ווען ער וועט אָננעמען, אַז דער רוים עקזיסטירט גאָרניט אין זיך גופא. אויסגעשפּרייטקייט איז פּונקט אַזאַ פיזיקאַלישע אייגנשאַפט, ווי, זאָגן מיר, וואַרעמקייט אָדער מאַגנעטיזם. זי עקזיסטירט ניט אין זיך גופא, נאָר אין יענע זאַכן און פּראָצעסן, וועלכע מיר רופן אָן: „מאַטעריעלע״.

ווי באַקאַנט האָט איינשטיין איבערגעביטן זײַן בליק אויף דער זאַך. ער האָט ניט לאַנג דערקלערט: „פריער האָט די מאַטעריע אויפגעגעסן דעם רוים, איצטער רעכנט זיך דער רוים אָפּ און פרעסט אויף די מאַטעריע״. הייסט עס, האָבן מיר אים ווידער דאָ, דעם רוים, די „אַבסאָלוט ליידיקע״ אויסגעשפּרייטקייט? וואָס איז עס אַזוינס? על־כל־פּנים איז דער ענין זייער ניט קלאָר.

און נאָך ווייניקער קאָנען מיר זײַן אַבסאָלוט זיכער אין זײַן עקזיס־טענץ. שוין מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן צוריק האָט דער מענטש־לעכער גייסט אַוועקגעשטעלט די פראַגע: איז דער רוים רעאַל, ד״ה, עפּעס אַזוינס וואָס עקזיסטירט מחוץ פון אַ וועלכן עס איז פּסיכישן פּראָצעס, אָדער ער איז „אידעאַל״, ד״ה, אַ פּראָדוקט פון אַ וועלכן עס איז „פּסיכישן״ פּראָ־צעס, אַ „פאָרשטעלונג״ אין אַ וועלכן עס איז „גייסטיקן יש״? — און עד היום זײַנען נאָך ניט פאַרענדיקט די וויכּוחים צווישן די ביידע ענטפערס.

מיר זעען אין חלום אַ ווייטן־ווייטן ים אָן אַ ברעג. אָט די געזעענע ווייט־ווייטע אויסגעשפּרייטקייט איז זיכער ניט „רעאַל״. די אין חלום גע־זעענע מײַלן און מײַלן „עקזיסטירן״ ניט אין דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר אין דעם קליינינקן שטח „קאָפּ״ פון דעם מענטשן וואָס חלומט, ווי אַ „פאָרשטעלונג״ אין דעם חלום.

אָדער: מיר שטייען פאַר אַ שפּיגל און באַטראַכטן אין אים אַ מײַלנ־ווײַטע לאַנדשאַפט, וואָס האָט „אַרײַנגעשפּאַצירט אין זײַן „טיף״ דורך

דעם אָפּענעם פּענצטער. אַלץ איז אין דעם שפּיגל פּונקט אַזוי ווי אין דער נאַטירלעכער לאַנדשאַפט: יעדע „ווייט" און יעדע „נאָענט", יעדער בוים און באַרג אין דער „ווייט", יעטוועדעס גרעזעלע אין דער „נאָענט", יעדע באַוועגונג פון יעדן בלעטעלע אויפן בוים, מיט אַלע זייערע קאָלירן און ניואַנסן — אַלץ זעען מיר אין דעם שפּיגל.

איז דאָס ניט אַ וואונדער איבער וואונדער? ווי קומט צו דעם פלאַ־טשיקן שפּיגל אַזאַ מיילנווייטע טיף?

די פיזיאָלאָגישע וויסנשאַפט פון דעם זע־פּראָצעס דערקלערט אונדז דעם דאָזיקן וואונדער. דורך דעם פענצטער האָט ניט די לאַנדשאַפט „אַריינ־געשפּאַצירט" אין דער טיף פון דעם שפּיגל. דאָס זיינען די ליכט־שטראַלן, וואָס די לאַנדשאַפט שיקט אַרויס, אַרויפגעפאַלן אויף דער פלאַך פון דעם שפּיגל. דאָ האָבן זיי זיך איבערגעבראָכן און זיינען אַרויסגעפאַלן אויף דער נעץ־הויט פון אונדזערע אויגן, און אויפגערייצט אַלע טיילן פון אונדזער „זע־אָרגאַן". אין דעם זע־אָרגאַן איז באַשאַפן געוואָרן די פאָרשטעלונג פון דער לאַנדשאַפט, ווי אירס אַן אָפּבילד. דער זע־אָרגאַן האָט אָבער דעם איינ־דרוק, אַקוראַט ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך ניט קיין אָפּבילד, נאָר דאָס ריכטיקע בילד. דוכט זיך אים אויס, אַז ער זעט דאָס בילד ווייט הינטער דעם שפּיגל. ד"ה: ווייל אים דוכט זיך דאָס אויס, דוכט ער אַריין זיין אויס־געדוכטעניש אין דעם שפּיגל. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ „דמיון" וואָס איז אויסגעחלומט געוואָרן פון דעם זע־אָרגאַן, און אונדזער אויג זעט דאָס אין שפּיגל, ווי אַ רעאַלע דערשיינונג.

עס איז אַ זייער קאָמפּליצירטער פּראָצעס, דער זע־פּראָצעס אין דעם שפּיגל, מיט זיינע אויסדוכטענישן און אַריינדוכטענישן. די וויסנשאַפט האָט זיך שוין כמעט אינגאַנצן פאַנאַנדערגעקליבן אין אָט דעם פּראָצעס, הגם ניט אַלץ אין אים איז שוין דורכזיכטיק און קלאָר. אָבער דאָס, וואָס איז קלאָר געוואָרן, איז מיט עקספּערימענטן און מאַטעמאַטישע אויסרע־כענונגען, איינגעפונדעוועט היפש זיכער און פעסט.

אָבער די וויסנשאַפט פאַרזיכערט אונדז אויך, אַז דער זעלביקער זייער קאָמפּליצירטער פּראָצעס קומט פאָר אויך, ווען מיר זעען ניט די אָפּ־שפּיגלונג פון דער לאַנדשאַפט אין דעם שפּיגל נאָר די רעאַלע לאַנד־שאַפט גופא. מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס די ליכט־שטראַלן פון דער לאַנדשאַפט פאַלן דערביי דירעקט אויף אונדזער נעץ־הויט, בעת אין דער אָפּשפּיגלונג ווערן זיי פריער איבערגעבראָכן איבער דעם אומדורכ־זיכטיקן גלאָז פון דעם שפּיגל.

אויך ווען מיר שטייען פאַר דער רעאַלער לאַנדשאַפט זעען מיר ניט דירעקט די רעאַלע זאַכן, וואָס שיקן אַרויס די ליכט־שטראַלן. אויך דאָ רופן אַרויס די ליכט־שטראַלן בילדער פון זאַכן. די בילדער ווערן באַשאַפן אין אונדזער זע־אָרגאַן. אויך דאָ קומט פאַר דער זעלביקער פּראָצעס פון אויסדוכטעניש און אַריינדוכטעניש. אַזוי אַרום זעען מיר ניט יענע רעאַלע אויסגעשפּרייטקייט, וואָס ליגט דרויסן פון אונדז, נאָר אַ פּסיכישן בילד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אונדזערע זע־אָרגאַנען. און אַזוי איז דאָס אויך מיט די איינדרוקן פון אַלע אַנדערע חושים, (דער עיקר פון דעם טאַפּ־חוש) וואָס דערציילן אונדז וועגן רוימלעכקייט פון דער וועלט.

אַלץ, וואָס אונדז קאָנען געבן די חושים, זיינען די איינדרוקן, וואָס אויף זיי מאַכט די דרויסנדיקע וועלט. צי אָבער די איינדרוקן זיינען ריכטיקע קאָפּיעס פון דעם וואָס עס קומט פאָר דרויסן, אָדער נאָר אויסדוכטעניש פון דעם חוש — דאָס קאָן מען מיט ריין־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן בשום אופן ניט אַרויסברענגען. ממילא קאָן די וויסנשאַפט, וואָס וויל נאָר ריכטיק באַשרייבן און אַריינברייגנען אין אַן אָרדענונג די שטענדיקע שייכותן צווישן זאַכן און פּראָצעסן, בשום אופן ניט געבן אונדז די זיכער־קייט, אַז יענע „זאַך״, וואָס מיר רופן אַן „רוים״, איז טאַקע אַ רעאַלע „זאַך״ אין דער דרויסנדיקער וועלט און ניט אַ דמיונדיקער פּראָצעס אין אונ־דזערע דערקענטעניש־אָרגאַנען.

היוצא מדברינו איז, אַז די געאָמעטרישע וויסנשאַפט, דער מוסטער פאַר אַלע פּינקטלעכע וויסנשאַפטן, קאָן ניט דורכלייכטן איר אייגענעם יסוד, דעם „רוים״, ביז צו זיין לעצטן גרונט, און אַז זי קאָן אונדז אויך ניט געבן קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט, וועגן זיין רעאַלער עקזיסטענץ מחוץ פון אַ מענטשלעכער דערקענטעניש.

צו דעמזעלביקן רעזולטאַט קומען מיר, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין די אַנדערע יסודות פון אַנאָרגאַנישע וויסנשאַפטן.

לאָמיר נעמען די צייט. אַלע פּראָצעסן פון דעם וועלט־געשעען, וואָס קאָנען וויסנשאַפטלעך אויסגעטייטשט ווערן, שפּילן זיך אָפּ אין דער צייט, אָבער גראָד דער ענין „צייט״ איז איינער פון די שווערסטע פּראָ־בלעמען — וואָס שטייען פאַר דעם מענטשלעכן שכל, אויב ניט דער גאָר שווערסטער.

ווי אין דעם רוים, אַזוי זיינען אויך אין דער צייט. די וועלט־דער־שיינונגען איינגעאָרדנט, אויף אַ געוויסן אופן. אין דעם רוים „ליגן״ די וועלט־דערשיינונגען איינע לעבן דער אַנדערער. אין דער צייט „ליגן״ זיי ניט, נאָר זיי „גייען״ איינע נאָך דער אַנדערער. ווען די זון גייט־אויף

אין מזרח און פאַרגייט אין מערב, איז דאָס אַ פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אי אין דעם רוים, אי אין דער צייט. די ערטער, וואָס די זון גייט דורך אין איר וועג, ליגן אין רוים האַרט איינס לעבן דעם אַנדערן. אָבער די שטעלונגען, וואָס די זון בייט אַלע ווײַלע אין איר וועג, קומען איינע נאָך דער אַנדערער. די זון געפינט זיך פריער „דאָ" און נאָכדעם „דאָרטן".

אין אַזעלכע פּראָצעסן, וואָס שליסן אין זיך איין סיי די רוימלעכקייט, סיי די צייטלעכקייט, איז ניט אַזוי גרינג צו קאָנצענטרירן דעם אויפמערק נאָר אויף דער צייטלעכקייט אַליין. מיר וועלן דעריבער נעמען אַ פּראָ־צעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ, פּאָר אונדזער באַוואוסטזיין, נאָר אין דער צייט, און ניט אין דעם רוים.

לאָמיר נעמען אַזעלכן עס איז מוזיקאַלישן מאָטיוו. — לאָז זיין דעם „רבינס ניגון". ווען מיר הערן אים, נעמען מיר אויף איינצלנע טענער, וואָס גייען איינער נאָך דעם אַנדערן. עס איז אַ „פריער" און אַ „נאָכדעם", וואָס האָט ניט קיין פאַרשיידענע „דאָ" און דאָרטנס". ווען עס קלינגט אַרויס דער ערשטער טאָן, איז דער צווייטער נאָך ניטאָ. און ווען עס קלינגט אַרויס דער צווייטער טאָן, איז דער ערשטער שוין ניטאָ און דער דריטער איז נאָך ניטאָ. יעדער טאָן איז „געוואָרן" און איז „פאַר־שוואונדן". איין טאָן האָט „זיך געהאַלטן", האָט געוועָרט" לענגער, אַן אַנדערער — קירצער. און דער גאַנצער ניגון האָט פאַרנומען אַ געוויסן „שפּאַן" פון דער צייט. ער האָט „געוועָרט", זאָגן מיר, „פינף מינוט".

די צייט גיט אונדז דעריבער אַ „ווערן", „געוועָרן" און „אויפהערן" פון איינצלנע דערשיינונגען און פּראָצעסן, וועלכע מיר טיילן איין אין מאָמענטן, וואָס גייען איינער נאָך דעם אַנדערן.

פאַרשיידענע פּראָצעסן פאַרנעמען שפּאַנען „צייט". דער אַרומדריי פון דער ערד, אַרום איר אייגענער אַקס, געוועָרט אַ „מעת־לעת". דער אַרומלויף פון דער ערד אַרום דער זון „געוועָרט" (אָדער „געדויערט") אַ יאָר. דער קאַפּיטאַליסטישער פּעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע „געוועָרט" שוין אַ פּאָר הונדערט יאָר און וויפל ער וועט נאָך „געדויערן", ווייסן מיר ניט. און דער גאַנצער וועלט־פּראָצעס געדויערט, גלויבן מיר, אייביק.

דער לענגסטער פּראָצעס אין דער וועלט איז דער וועלט־פּראָצעס גופא. איז דאָ אַ וועלכער עס איז קירצסטער פּראָצעס און וויפל אַן ערך קאָן „געדויערן" אָט־דער קירצסטער פּראָצעס אין דעם וועלט־געשעען? איך ווייס ניט, צי עס איז אין אַ וועלכער עס איז וויסנשאַפט שוין אָנ־געמערקט געוואָרן דער קירצסטער פּראָצעס, וואָס קומט רעאַל פאָר אין

דער וועלט. אָבער דאָס איז ידוע, אַז די וויסנשאַפט האָט אינסטרומענטן, וואָס קאָנען אויסמעסטן אַ פּראָצעס, וועלכער געדויערט ניט מער ווי צען־מיליאָנטל פון אַ סעקונדע. הייסט עס, אַז אין דעם אינסטרומענט גופא קומט פאָר אַ רעאַלער פּראָצעס, וואָס פאַרנעמט ניט מער, איידער אָט־דער טייל צייט.

און אַ צען־מיליאָנטל פון אַ סעקונדע איז געוויס ניט די קלענסטע געדויער, וואָס מיר קאָנען זיך משער זיין. לאָמיר נעמען אַ טייל רוים, וואָס זאָל פאַרנעמען, זאָגן מיר, אַ הונדערט־מיליאָנטל פון אַ מילימעטער. שטעלט זיך פאָר, אַז ער ווערט באַלויכטן פון אַ ליכט־שטראַל, וואָס טראָגט זיך מיט דער געשווינטקייט פון אַן ערך אַ דריי הונדערט און זעכציק טויזנט קילאָמעטער אין אַ סעקונדע, און אדרבה! זייט אַ בעלן אויסצוּ־רעכענען, וויפל עס דאַרף געדויערן דעם ליכט־שטראַל דורכצופליען אָט־דעם רוים!

און וואָס קלענער עס וועט זיין דער מהלך „רוים״, וואָס מיר באַ־טראַכטן אין געדאַנק, אַלץ קירצער וועט געדויערן דער דורכפלי פון דעם ליכט־שטראַל איבער אים; ביז מיר וועלן קומען צו דעם קליין־קלענסטן רוים און דער קליין־קלענסטער צייט — ד״ה צו אַזאַ רעאַלער געשעעניש אין דער וועלט, וואָס מוז „געדויערן״ לפּחות אַזוי פיל, ווי אָט־די קליין־קלענסטע צייט — אַז ניט קאָן זי בכלל ניט פאָרקומען — לאָמיר אָט־די קליין־קלענסטע צייט אָנרופן: „צייט־אַטאָם״. יעדער פּראָצעס אין דער וועלט וועט אַזוי־אַרום פאַרנעמען אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן סכום פון אַזעלכע „צייט־אַטאָמען״. און איין־און־דיזעלביקע־פּאַסירונג קאָן פאָר־קומען אין דער וועלט מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער געשווינט־קייט, ד״ה ווידער אַמאָל פאַרנעמען אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן סכום פון „צייט־אַטאָמען״. די וויסנשאַפט וועט דאַרפן שוין מיט די קונציקסטע אינסטרומענטן און די שאַרפסטע מאַטעמאַטישע חשבונות אויסמעסטן וויפל „צייט־אַטאָמען״ דער אָדער יענער פּראָצעס אין דער וועלט פאַרנעמט. דאָס אַלץ זיינען זייער פּשוטע און קלאָרע באַטראַכטונגען וועגן דעם ענין צייט.

און איצטער לאָמיר ציען אַ פּאָר סך־הכלן פון אָט־די זייער פּשוטע, זעלבסט־פאַרשטענדלעכע באַטראַכטונגען.

וויבאַלד אַז אין דער צייט קומען פאָר וועלט־געשעענישן מיט אַ גרע־סערער אָדער קלענערער געשווינטקייט, ד״ה אַז זיי קאָנען בייטן זייער „צייט־פאַרנעם״, איז קלאָר, אַז פאַר אונדזער מענטשלעכן באַוואוסטזיין, זיינען די פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר אין דער צייט, און די צייט גופא,

צוויי פאַרשיידענע ענינים. איין־און־דיזעלביקע פּאַסירונג, זאָגן מיר, איין־איינציקער טאָן, קאָן „געדויערן" מי יודע וויפל, ד"ה זיך אָנהאַלטן אָן אַ ברעקל ענדערונג, און „די צייט לויפט דערווייליע", ווי מיר דריקן זיך דערביי אויס. דאָס הייסט אַז די צייט־אַטאָמען גייען זיך דערווייליע איינער נאָך דעם אַנדערן. איין צייט־אַטאָם פאַרשווינדט, דער אַנדערער קומט נאָך אים, בעת די פּאַסירונג גופא „געדויערט".

היינט וויבאַלד „פּאַסירונג" און „צייט" זיינען צוויי פאַרשיידענע ענינים, איז אפשר קאָנען מיר דאָ מאַכן דעמזעלביקן געדאַנקלעכן עקספּערימענט, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט מיט די „זאַכן" אין דעם „רוים", וועלכן זיי האָבן פאַרנומען?

לאָמיר פּרוּוון. לאָמיר לאָזן פאַרשווינדן אין געדאַנק אַלע פּראָצעסן פון דער וועלט. דאָס קאָנען מיר גאַנץ גרינג אויספירן, הגם דער פילאָסאָף בערגסאָן איז אונדז מתרה, אַז דאָס איז אוממעגלעך. מיר קאָנען, זאָגט ער, בשום אופן ניט דענקען קיין גאָרנישט. אָבער — פּאַרוואָס, אייגנטלעך? אויב איך קאָן דענקען, אַז דעם רבינס ניגון איז פאַרשוואונדן, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קאָנען אויף אַ ווײַלע אַ טראַכט טאָן, אַז אויך אַלע אַנדערע „ניגונים" פון דעם וועלט־געשען האָבן זיך אויסגעזונגען און — אויס מיט דער וועלט!

אָט — האָט דער געלערנטער, דזשין אַ רעכן געטאָן, אַז די וועלט קאָן נאָך געדויערן אַזוי אַ צען ביליאָן יאָרן. איז — לאָמיר זיך אַריבער־טראָגן אין געדאַנק צו דעם לעצטן צייט־אַטאָם, פון אָט־די צען ביליאָן יאָרן, ווען די גאַנצע וועלט פאַרשווינדט. וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט דער צייט? וועט זי אויך פאַרשווינדן אָדער זי וועט בלייבן?

אין די אַלטע, איידער־איינשטיינישע צייטן, ווען מען איז געווען זיכער אין דער אומענדלעכקייט פון דער וועלט, וואָלט מען מיט אַזאַ גע־דאַנק ווי דזשינס, זיך גאָרניט געדאַרפט רעכענען. נעמט איר, צב"ש, די מאַרקסיסטישע נאַטור־פילאָסאָפיע פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „דיאַלעק־טישן מאַטעריאַליזם", געפינט איר דאָרטן אַזעלכע אַרויסזאָגן: „גראָד ווייל די אומענדלעכקייט איז אַ ווידערשפּרוך, איז זי אַן אומענדלעכער פּראָצעס, וואָס וויקלט זיך אָפּ אָן אַן ענד אין צייט און רוים". אייבי־קייט אין דער צייט, אומענדלעכקייט אין רוים, באַשטייט שוין לכתחילה און לויט דעם פּשוטן זין פון דעם וואָרט אין דעם, וואָס עס האָט ניט קיין סוף און קיין צייט ניט". דאַרף מען אָבער האָבן אין זינען, אַז לויט דעמזעלביקן „דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם", העגגען רוים און צייט לחלוטין ניט אָפּ פון די וועלט־פּראָצעסן, וואָס קומען אין זיי פאָר. בפירוש זאָגט

ענגעלס: „דיורינג מיינט, אַז די צייט עקזיסטירט נאָר דורך דער פאַר־ענדערונג, ניט די פאַרענדערונג אין און דורך דער צייט... די צייט, אין וועלכער עס קומען ניט פאָר קיין דערקענבאַרע פאַרענדערונגען, איז זייער ווייט פון ניט־צו־זיין קיין צייט. אדרבה! זי איז די ריינע, פון קיינע פרעמדע צומישונגען ניט אַנגערירטע, ממילא די אמתע צייט, די צייט, וואָס צייט איז״ („אַלס זאָלכע״)

הייסט עס, אַז, אויך לפי ענגעלס, דאַרף מען די „ריינע״ צייט באַ־טראַכטן באַזונדער פון די פּראָצעסן, וואָס קומען אין איר פאָר. איז וואָס וואָלט געווען זיין ענטפער אויף דער שאלה, צי עס וואָלט געבליבן די צייט, ווען די וועלט וואָלט פאַרשוואונדן, אויב ער וואָלט געקאָנט מסכים זיין מיט דזשינען (און די אַנדערע איינשטייניאַנער), אַז די וועלט מוז פאַרשווינדן, אָדער ער וואָלט אינאיינעם מיט אונדז נאָר אויף אַ ווילע אַ טראַכט געטאָן דעם געדאַנק, כדי זיך בעסער צו קאָנען אַריינטראַכטן אין דעם ענין: „צייט״?

ענגעלסעס ענטפער וואָלט געמוזט זיין, אַז מיט דעם אויפהערן פון דער וועלט, וואָלט די צייט, „וואָס צייט איז״, („ווי אַזאַ״) ניט אויפגעהערט צו גיין, ווייל זי איז אומענדלעך.

אָבער דעמאָלט וואָלט אויסגעקומען, אַז ס'איז דאָ אַזאַ מין זאַך, ווי אַ ריינע צייט, וואָס איז אַבסאָלוט ליידיק און אין וועלכער עס קומט גאָר־נישט ניט פאָר. אָבער אַ „ריינע״ צייט, אין וועלכער עס קומט גאָרנישט ניט פאָר, איז ווי דער „ריינער״ רוים, אין וועלכן עס געפינט זיך גאָר־נישט ניט. עס איז אַן אַבסאָלוטער גאָרנישט. ווי קאָן אַן אַבסאָלוטער גאָרנישט עקזיסטירן?

און נאָך אַ שאלה וואַקסט דאָ ביי אונדז אויס. ווען מיר שטעלן אָן אונדזער אויפמערק אויף דעם ענין „צייט״, זעען מיר, אַז דאָס איז — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — אַ „ווערן״, „געווערן״ און „אויפהערן״. עס איז אַ „גיין״, וואו די איינצלנע מאָמענטן אָדער גאַנצע סכומען פון מאָמענטן, פליסן איינס נאָך דעם אַנדערן. מיר טיילן זי דעריבער איין, די צייט, אין דריי פאַרשיידענע פאַזן: אַן „עבר״ (אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ „געווען״), אַ הווה (אַן „איצטער״, אַ ס'איז״) און אַן עתיד (אַ צוקונפט, אַ „ס'וועט זיין״).

אויף וועלכן פון אָט־די דריי פאַזן קאָנען מיר זאָגן, אַז די צייט עק־זיסטירט?

אין אַ צייט, אַן אָנגעפילטער מיט אַ וועלכן עס איז וועלט־פּראָצעס, קאָן מען אַמאָל ניט זיין גאַנץ זיכער אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון אָט־די

דריי פאַזן. דאָס יאָר 1931, אין וועלכן איך שרייב אָט־די לעקציע, איז אַ פיזיקאַלישער פּראָצעס פון דער ערדס אַרומלויפן אַרום דער זון. „היינט" „איז" דער 26טער אַפּריל, נעכטן „איז געווען" דער 25טער. אָבער „איצ־טער" איז נאָך 1931, וואָס נעמט אין זיך אַריין אי דעם „עבר" (פון דעם ערשטן יאַנואַר ביז „היינט") אי דעם הווה, אי דעם עתיד (ביז ערשטן יאַנואַר 1932). און אַזוי אויך, זאָגן מיר, „די געשיכטע פון דער מענטש־הייט", אַ פּראָצעס וואָס עקזיסטירט. ער האָט געוועדט שוין עטלעכע צענדליק טויזנט יאָר און וועט מסתמא געדויערן נאָך מער. און אויב „די וועלט" וואָלט זיכער קיינמאָל ניט אויפגעהערט, וואָלטן מיר געהאַט אַ רעכט צו זאָגן, אַז די צייט, אין וועלכער דער וועלט־פּראָצעס שפּילט זיך אָפּ, עקזיסטירט אייביק.

דאָ ווערט די געדויער פון אַ פּראָצעס אין דער צייט אַריבערגע־טראָגן אויף דער צייט גופא.

אָבער מיר רעדן דאָך דאָ וועגן אַ „פאַל" פון אַ גאַנץ משונהדיקער אַרט: אַלע פּראָצעסן און פאַרענדערונגען אין דער וועלט האָבן אויפ־געהערט. פון מיינעטוועגן מעג אויך די רוימלעכקייט פון דער וועלט אינ־גאַנצן פאַרשווינדן. בלייבן זאָל נאָר, ווי מאַרקס און ענגעלס ווילן, די „ריינע" „צייט" — אַ „פליסן", אַ „לויפן" פון אַ מיסטעריעזן עפּעס, און דאָס פליסן ווערט ממילא איינגעטיילט אין די דריי פאַזן פון אַ „געווען", אַ „ס'איז", אַ „ס'וועט זיין". און מיר פרעגן זיך נאָכאַמאָל: אויף וועלכער פון אָט־די דריי פאַזן קאָנען מיר זאָגן, אַז די „צייט" עקזיסטירט?

ס'איז דאָ פאַר דעם שכל קלאָר, אַז עקזיסטירן טוט נאָר דער „ס'איז", די קעגנוואַרט. די פאַרגאַנגענהייט, דער „געווען", איז שוין ניטאָ. די צוקונפט, דער „ס'וועט זיין" איז נאָך ניטאָ.

„שוין ניטאָ דער נעכטן, נאָך ניטאָ דער מאָרגן.
„פאַראַנען נאָר אַ פּיצעלע „היינט".

און נאָר אָט־דאָס „פּיצעלע" עקזיסטירט. ווי לאַנג געדויערט אָט־דאָס „פּיצעלע" ריינע צייט, וואָס עקזיסטירט? פאַר דער אָנגעפילטער צייט האָבן מיר אין געדאַנקען געפונען אַ כמו „צייט־אַטאָם": דעם קלענסט־מעגלעכן פיזיקאַלישן פּראָצעס, וואָס האָט נאָך פאַרט אַ וועלכן עס איז געדויער. נו — און פאַר דער ריינער צייט? קאָנען מיר אויך זי פאַנאַנ־דערלייגן אין געדאַנקען אין איינצלנע מאָמענטן, וואָס זאָלן, לאָז זיין, וויפל עס „איז" געדויערן? עס איז גענוג נאָר אַ ביסל אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, כדי תיכף איינצוזען, אַז אין דער „ריינער" צייט קאָנען מיר ניט אָננעמען קיין איינציקן מאָמענט, וואָס זאָל וויפל עס איז געדויערן.

ווייל געדויערן הייסט אַ צונויפזיין, אַן אַנהאַלטן פון עטלעכע מאָמענטן אינאיינעם. די טבע פון דער ריינער צייט אָבער איז אַזאַ, אַז עקזיסטירן קאָן נאָר איין מאָמענט. און ווען ער טרעט אַריין אין עקזיסטענץ, איז שוין דער פריערדיקער מאָמענט פאַרשוואונדן און דער שפּעטערדיקער מאָמענט איז נאָך ניטאָ. דער „עקזיסטירנדיקער" מאָמענט אין דער ריי־נער צייט איז דעריבער גאָרניט קיין עקזיסטירנדיקער, קיין אַנהאַלטנ־דיקער. ער איז ניט מער ווי אַ גרענעץ־פּונקט צווישן צוויי ניט־עקזיס־טירנדיקע מאָמענטן: דעם „אָט־ערשט" פאַרשוואונדענעם און דעם „אָט־ערשט" צוגעקומענעם. אַזאַ שטענדיק פליסנדיקן גרענעץ־פּונקט צווישן צוויי „ניט־פאַראַנענקייטן" קאָנען מיר גאָרניט באַקרוינען מיט דעם זייער חשובן טיטל „עקזיסטענץ". מיר קאָנען אים ניט שענקען קיין איין „פּי־צעלע" אריכת ימים. זיין טבע באַשטייט אין איין „ווערן" און „אויפ־הערן", אין דעם מינדסט־פּיצעלע „געדויער".

די „ריינע" צייט עקזיסטירט גאָרניט. אויב זי איז אַ פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט אין דער וועלט, איז דאָס אַ כסדרדיקער ווערן און פאַרגיין, אָן אַ ברעקל עקזיסטענץ.

האָבן מיר אָבער אויבן געזען, אַז אָט־די ריינע צייט איז, לפּי מאַרקס און ענגעלס, פּאַרט אַ פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דעם גאַנצן וועלט־לעכן געשעען. פירט אונדז אָט־דער געדאַנקען־גאַנג צו דעם אַבסאָלוט זיכערן לאָגישן שלוס, אַז די ריינע צייט, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דער גאַנצער וועלטלעכער פּראָצעס און אָן וועלכער מיר קאָנען זיך ניט פאַרשטעלן קיין איין וועלטלעכן פּראָצעס, ווי קליין ער זאָל ניט זיין — אַז אָט־די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט איז אַזאַ, וואָס עקזיסטירט ניט, וואָס האַלט נאָר אין אַ כסדרדיקן ווערן און פאַרשווינדן.

דרינגט זיך דאָ אַרויף אויפן שכל די שאלה: נו — און וואָס איז מיט דעם וועלט־פּראָצעס גופא, וועמען מיר זיינען נוטה צוצושרייבן אַן אייביקע עקזיסטענץ? קאָן אויך ער עקזיסטירן, בעת די צייט, אין וועלכער ער קומט פאָר, האַלט אין איין פאַרשווינדן?

ווידער אַ קליינער איבערקלער וועט אונדז באַווייזן, אַז די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער וועלט איז אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט, אַ וואונדער איבער וואונדער, ווייל מיט דעם פאַרשווינדן פון יעדן איינצלנעם צייט־מאָמענט, מוזן אויך פאַרשווינדן אַלע פּראָצעסן, וואָס קומען אין איר פאָר.

„שוין ניטאָ דער נעכטן", און ממילא איז די גאַנצע „נעכטיקע" וועלט שוין ניטאָ אויף דער וועלט. ס'איז אַ „נעכטיקער טאָג" אויף וועלכן איך קאָן בשום אופן ניט זאָגן, אַז ער עקזיסטירט. „נאָך ניטאָ דער

מאָרגן״, און ממילא קאָן איך בשום אופן ניט זאָגן, אַז די מאָרגנדיקע וועלט עקזיסטירט. זי דאַרף ערשט נאָך אַריינטרעטן אין עקזיסטענץ. „פּאַראַנען נאָר אַ פּיצעלע היינט״, אַט־דאָס פּיצעלע, וואָס איך שפּיר איצטער. און דער „היינט״, וואָס ביז צום פּיצעלע, איז שוין פאַרשוואונדן אינאיינעם מיט דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט זיך געפונען אין אים. און דער „היינט״, וואָס קומט נאָך דעם איצטער איז נאָך ניטאָ, און ממילא איז די גאַנצע וועלט, וואָס דאַרף קומען מיט אים נאָך גאָר ניטאָ אין אַ מציאות.

דער געדויער, וואָס מיר מערקן און שטודירן אין די וועלט־פּראָצעסן, דער באַוואוסטזיין אונדזערער, וואָס זאָגט אונדז, אַז דער אָדער יענער וועלט־פּראָצעס „געדויערט״, ד״ה „האַלט אָן״ אַזויפיל און אַזוי־פיל צייט־מאָמענטן, שטייט אין אַ שרייענדיקסטן ווידערשפּרוך צו דעם „אַבסאָלוט זיכערן״ רעזולטאַט פון דעם איבערקלער, אַז אַ וועלט־פּראָצעס קאָן אָנהאַלטן נאָר אין דער צייט, די צייט אָבער קאָן קיינמאָל ניט „אָנהאַלטן״, ווייל זי איז אַ שטענדיקער פאַרשווינדן.

זיך נאָך קלאָרער פאָרשטעלן אַט־דעם ווידערשפּרוכפולן ענין פון „אָנהאַלטן״, („געדויערן״) און שטענדיק פאַרשווינדן אין־איין־און־דעם־זעלביקן וועלט־פּראָצעס קאָן מען, ווען מען באַטראַכט אין אַ שפּיגל די פלאַם פון אַ ברענענדיקן, זאָגן מיר, סטעאַרין־ליכט. מיר זעען, ווי די פלאַם אָדער איר אָפּבילד עקזיסטירט, געווערט, האַלט־אָן כל זמן דאָס ליכט ווערט ניט אויסגעלאָשן. עס פאַרענדערט זיך גאָרנישט ניט אין איר, אַזוי דוכט זיך אונדז אויס אויף דעם ערשטן בליק. אָבער מיר ווייסן, אַז די פלאַם אין שפּיגל ווערט אַלע ווײַלע אַן אַנדערע. זי „געדויערט״ נאָר, אַ דאַנק אַלע ווײַלע נייע שטראַלן, וואָס פאַלן כסדר פון דעם ברענענדיקן ליכט אויפן שפּיגל־גלאָז. מיר קאָנען אַלע ווײַלע פאָרשטעלן מיט דער האַנט די רעאַלע פלאַם, און איר אָפּבילד פאַרשווינדט אַלע ווײַלע אין דעם שפּיגל. איר דאָרטיקע „עקזיסטענץ״ און „געדויער״ איז זיכער נאָר אַ דמיון פון אונדזער אויג. דאָרטן געווערט זי ניט, נאָר זי ווערט, און זי ווערט אַלע רגע אַן אַנדערע, ווייל אין יעדן צייט־מאָמענט ווערט זי אַרויסגעבראַכט פון גאַנץ אַנדערע שטראַלן.

אָבער דאָס וואָס איז אמת פאַר דעם אָפּבילד פון דער פלאַם אין שפּיגל, איז דאָך אויך אמת פאַר דער רעאַלער פלאַם אויפן טיש. אויך זי דערשיינט פאַר אונדזער אויג, ווי אַן אָנהאַלטנדיקע, געדויערנדע שטענדיקע זאַך. אָבער אויך זי האַלט אין תוך אַריין אין איין שטענדיקן פאַרשווינדן און אויפסניי געבוירן ווערן, ווייל אין יעדן איינצלנעם צייט־

מאָמענט ווערט זי אויפגעהאַלטן אַ דאַנק גאַנץ אַנדערע טיילן פון דעם ברענענדיקן קנויט און דעם שמעלצנדיקן סטעאַרין.

און דאָס וואָס איז אמת פאַר דעם פלאַם פון אַ ליכט, איז אמת פאַר אַלע פּראָצעסן אין דער וועלט, וואָס אונדז דוכט זיך, אַז זיי גערויערן. אין דער אמתן האַלט דער גאַנצער וועלט־פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט, אין איין שטענדיקן פאַרשווינדן און ווידער אויפסניי געבוירן ווערן. אַן עקזיסטענץ אין דער צייט איז אַן אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך. אַלץ וואָס עקזיסטירט כּלומרשט אין דער צייט מוז אַלע ווײַלע געבוירן ווערן און תּיכּף ווידער פאַרשווינדן, תּוך כּדי דיבור אויפסניי געבוירן צו ווערן און ווידער צו פאַרשווינדן.

פּעסטיקט מען זיך איין אין אָט־דעם אויספיר פון דעם שכל הישר וועגן דער צייט, קאָן מען מיט דער פולסטער זיכערקייט זאָגן, אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין זאַך אויף דער וועלט, ווי אַ וועלט־פּראָצעס. ווייל כּדי צו זיין, צו עקזיסטירן, דאַרף מען, לאָז זיין, וויפל עס איז, גערויערן. אָבער אַזאַ זאַך ווי „גערויער" איז, אַ דאַנק דער צייט, גאָר אין אַ מציאות ניטאָ. די גאַנצע „איזנקייט" פון דער וועלט איז נאָר אַ גרענעץ־פּונקט צווישן צוויי אַבסאָלוטע ניט פאַראַנענקייטן: צווישן דעם „שוין ניטאָ" און דעם „נאָך־ניטאָ".

און פונדעסטוועגן איז דאָך דאָ אַ וועלט, מיט אַ רוים און אַ צייט, מיט וועלט־פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זיי. און די וויסנשאַפט שטודירט זיי, פאָרשט זיי אויס, מעסט זיי אויס מיט די פּינקטלעכסטע מעטאָדן. אָבער ווי קאָן אונדז די וויסנשאַפט דערקלערן דעם גרעסטן וואונדער פון דער וועלט, די צוויי פונדאַמענטאַלסטע רעאַליטעטן פון דעם וועלט־פּראָצעס: דעם „ריינעם" רוים, וואָס איז אַן אויסגעשפּרייטער גאָר־נישט, וואו איין פּיצעלע „גאָרנישט" ליגט לעבן דעם אַנדערן פּיצעלע גאָרנישט, און די „ריינע" צייט, וואָס איז אַ פליסנדיקער גאָרנישט, וואו איין פּיצעלע „גאָרנישט" פאַרשטויסט אין ניט־פאַראַנענקייט דעם פריער־דיקן פּיצעלע און ווערט אַליין תּיכּף פאַרשטויסן אַהין פון דעם צוקומענ־דיקן פּיצעלע גאָרנישט?

די איינשטיינישע וויסנשאַפט מיט זיך אַרויסצודרייען זיך פון אָט־דעם וואונדער איבער וואונדער. מיר וועלן באַלד זען, צי קאָן דער איינ־שטייניאַנישער ענטפער דערקלערן דעם אַזוי משונהדיקן ענין.

איצטער מוזן מיר אָבער נאָך אַ ווײַלע פאַרברענגען אין דער פאַר־איינשטיינשער וויסנשאַפטלעכער וועלט. בנוגע איר קאָן געוויס ניט זיין קיין ברעקל ספק, אַז זי, מיט אירע מעטאָדן, אינסטרומענטן און מאַטע־

מאַטיש־פינקטלעכע באַרעכענונגען, קאָן אונדז ניט געבן קיין שום אויפ־קלער וועגן דעם עצם מהות פון דעם ריינעם רוים און דער ריינער צייט, קאָן אונדז בשום אופן ניט דערקלערן ווי עס איז בכלל מעגלעך, אַז אַזוינע משונהדיקע זאַכן זאָלן קאָנען „עקזיסטירן". די וויסנשאַפט נעמט־אָן דעם „רוים" און די „צייט", ווי אומבאַשטרייטבאַרע פונדאַמענטאַלע רע־אַליטעטן, וועלכע זי פאַרשט אויס און מעסט אויס און — זאָלן זיך די פילאָסאָפן ברעכן די קעפּ, וואָס זיי זיינען אַזוינס און ווי אַזוי זיינען מעג־לעך! מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אין די פונדאַמענטאַלסטע פראַגן וועגן דעם וועלט־געשעען שיקט אונדז די וויסנשאַפט אָפּ צו דער פילאָסאָפיע.

און אַזוי איז דאָס ניט נאָר מיט רוים און צייט, נאָר אויך מיט אַלע אַנדערע פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן, וואָס אויף זיי אַרבעט די וויסנ־שאַפט.

מיר קאָנען זיך איצטער ניט אָפּשטעלן אויף זיי, אויף אַלעמען. לאָ־מיר דערווייל נעמען נאָר די באַוועגונג. זי איז אויך געוויס אַ פונדאַמענ־טאַלע רעאַליטעט אין דעם וועלט־געשען.

אָבער אויך זי איז פול אָנגעפּראָפּט מיט משונהדיק־וואונדערלעכע דערשיינונגען, און עס וואָלט אונדז צו וויט אָוועקגעפירט, ווען מיר וואָלטן דאָ געוואָלט, זיי אַלע אויפדעקן. מיר וועלן נעמען אַ פּאָר פון זיי, פון די אויבנאויפיקע.

די אַלטע מאַטעריאַליסטישע וויסנשאַפט האָט זיך זייער גרינג גע־מאַכט דעם פּראָבלעם פון דער באַוועגונג. ס'איז דאָ אַן אייביקע מאַ־טעריע אין דער וועלט, און די באַוועגונג איז די אייניציקע טבע אירע. מאַטעריע איז עפּעס אַן „אָנגעפילטקייט" אין רוים, און זי געפינט זיך שטענדיק אין אַ וואָסער־עס־איז באַוועגונג, ד"ה זי בייט אַלע ווייַלע איר אָרט אין דעם רוים. „די באַוועגונג", זאָגט ענגעלס, „איז די דאַזיינסווייזע דער מאַטעריע" (דער אופן, ווי אַזוי די מאַטעריע עקזיסטירט).

ערשט איצטער, ווען די נייע וויסנשאַפט פון דער פיזיק האָט גע־מאַכט אַ תל פון דער מאַטעריע, און האָט באַוויזן, אַז דאָס וואָס מיר רופן אָן „מאַטעריע" איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר צונויפגעפּרעסטע „ענער־גיע", ד"ה צונויפגעפּרעסטע באַוועגונג — ערשט איצטער, זאָג איך, ווערן מיר אָוועקגעשטעלט פּנים לפּנים צו דער באַוועגונג, ווי צו אַ זעלבסט־שטענדיקער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט פון דעם וועלטלעכן געשען, און ווען מיר טראַכטן וועגן איר, קאָנען מיר שוין ניט אָפּשיקן דעם פּראָבלעם צו דער מאַטעריע, וואָס האָט די טבע, זיך כסדר צו באַוועגן, ווייל די

באַוועגונג באַוועגט קודם־כל זיך אַליין, און שלעפּט מיט זיך אַלץ, וואָס פאַלט אַריין אין איר שטראָם.

עס איז גוט צו האָבן פאַר די אויגן אַ פּאָר ביישפּילן פון אַ ממשות־דיקער באַוועגונג, כדי עס זאָל זיין גרינגער אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם געדאַנק, אַז ווען אַ זאַך באַוועגט זיך דאַרפן מיר שטרענג פאַנאַנדערשיידן צווישן דער זאַך וואָס באַוועגט זיך, און דער באַוועגונג, אין וועלכער די זאַך געפינט זיך, אָדער מיט וועלכער די זאַך „טראָגט זיך״.

לאָמיר אויף אַ ביליאַרד אויסשטעלן אין אַ צייל, האַרט איינער לעבן דעם אַנדערן, פינף פון די ביינערנע באַלן, מיט וועלכע עס ווערט געשפּילט. איך נעם אַ זעקסטן באַל, טו אים אַ קייקל, און ער שלאָגט זיך אָן אין רעכטן־מיטן פון דעם ערשטן באַל אין דער צייל. דער זעקס־טער באַל בלייבט שטיין לעבן דעם ערשטן. ער רוט. עס בלייבן רוען אויך פיר באַלן פון דער צייל, אָבער דער לעצטער באַל טיילט זיך אָפּ פון דער צייל און הייבט זיך אָן צו באַוועגן מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער געשווינדקייט, עס ווענדט זיך אָן דעם, ווי שטאַרק עס איז געווען דער קלאַפּ, וואָס מיר האָבן דערלאַנגט דער גאַנצער צייל.

דאָ זעען מיר בחוש, ווי פון אונדזער האַנט איז עפּעס אַריבער אין דעם אַנשטויסנדיקן באַל, ווי פון אים האָט זיך דער „עפּעס״ אַריבער־געטראָגן אין דעם צייל, האָט זיך דורכגעטראָגן דורך אים, האָט אַריינ־געכאַפּט אין זיין שטראָם דעם לעצטן באַל און האָט אים געשלעפּט מיט זיך אויף אַ געוויסן מהלך. דער עפּעס איז די באַוועגונג.

די וויסנשאַפט וויל האָבן, אַז אויב דער לעצטער באַל וואָלט זיך ניט געדאַרפט רייבן אָן דער לופט און אָן דעם ביליאַרד, און אויב די ערד וואָלט אים ניט געצויגן צו זיך, וואָלט אים די באַוועגונג געטריבן אַלץ פאָראויס און פאָראויס אין אַן אויפהער אין אַלע אייביקייטן, מיט דער־זעלביקער געשווינדקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַ־וועגן.

נאָך אַ ביישפּיל. איר האָט אפשר געזען די קונצן, וואָס די „קאָו־באָיעס״ מאַכן מיט זייערע לאַנגע שטריק, מיט וועלכע זיי כאַפּן זייערע בהמות און פערד אין דער „פּריירי״, דער סטעפּ. איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ קונץ. עס ליגט אַ היפש לאַנגער שטריק אויפן דיל. איין ענד אירער איז ביי דעם „קאָו־באָי״ אין דער האַנט. ער גיט אַ באַשטימטן טרייסל דעם ענד. די גאַנצע שטריק טוט זיך אַ צאַפּל, אַ הייב־אויף, און איר אַנדער ענד פאַרבינדט זיך פון זיך אַליין אין אַ שלייף.

דאָ האָבן מיר ווידער פאַר אונדזערע אויגן אַ שטיקל וואונדער. פון דער האַנט האָט זיך עפּעס אַריבערגעטראָגן אין דער שטריק, איז דורכגעלאָפן די שטריק און ביי סאַמע ברעג אירן, האָט דאָס עפּעס אויסגעבויגן די שטריק ווי אַ בייגל און אַריינגעשטאָכן אין דעם בייגל דאָס ענד פון דער שטריק.

דאָס „עפּעס" איז דאָ ווידער די באַוועגונג, וואָס קאָן אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמען. דער באַשטימטער טרייסל מיט דער האַנט פון דעם „קאָו־באָי" האָט אַזוי צו זאָגן לכתחילה באַשטימט יענע פאָרם, וועלכע די באַוועגונג דאַרף אָננעמען ביי דעם סוף פון דער שטריק.

אין אַזעלכע ביישפּילן איז פאַר דעם מענטשלעכן אויג און שכל ניט שווער פאַנאַנדערצושיידן צווישן די זאַכן, וועלכע מיר זעען ווי זיי באַוועגן זיך, און דער באַוועגונג גופא, וועלכע מיר קאָנען ניט זען אין איר. אַזוי צו זאָגן, ריינער ניט־מאַטעריאַלישקייט, ווערט אונדז דעמאָלט אויך גרינגער צו טראַכטן וועגן דער באַוועגונג, ווי אַ פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט פון דעם אַלוועלטלעכן געשעען, וואָס איז לגמרי אומאָפּהענגיק פון דער מאַטעריע, ווייל די גאַנצע מאַטעריע איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צונויפגעפּרעסטע ענערגיע, ד"ה, אין דעם לעצטן סך־הכל צונויפגעפּרעסטע באַוועגונג.

קלינגט שוין ניט אַזוי משונהדיק דער זאָג, אַז די באַוועגונג באַוועגט קודם־כל זיך אַליין.

קומט מען אָבער צו אָט־דעם רעזולטאַט, איז דעמאָלט שרייט שוין פון אים אַרויס די שאלה: איז וואָס איז זי אַזוינס, די באַוועגונג, אין איר אינעווייניקסטן תוך? אויב אין דער „ריינער" באַוועגונג איז גאָרנישט ניטאָ, וואָס עס זאָל זיך באַוועגן — איז — ווי קאָן אַ „גאָרנישט" זיך באַוועגן?

אָבער ניט נאָר די שאלה. עס איז נאָך אָן אַנדער שאלה פאַרבונדן מיט איר. די באַוועגונג קומט דאָך פאָר אין דער צייט. זי, די באַוועגונג, געוואָרט, געדויערט אַ געוויסע ווײַלע. האָבן מיר דאָך אָבער אויבן געזען, אַז די צייט איז עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט אין איין פאַרשווינדן, און אַז מיט יעדן פאַרשוואונדענעם צייט־מאָמענט, פאַרשווינדט, זינקט אַריין אין דער פאַרגאַנגענהייט אַלץ, וואָס האָט זיך אין דעם דאָזיקן צייט־מאָמענט געפונען. אויב דאָס איז אָבער אַזוי, איז דעמאָלט ווערט משונהדיק קשה: ווי אַזוי קאָן אין דער וועלט בכלל פאָרקומען אַזאַ מין זאַך, ווי באַוועגונג?

לאָמיר זיך נאָך אַמאָל אַריינטראַכטן אין יענער קונציקער באַוועגונג, וואָס דער „קאָו־באָי" פירט דורך מיט זיין שטריק. ער האָט גענומען און

האָט געטאָן אַ טרייסל אַריין אין דער שטריק אַ באַוועגונג פון אַ געוויסער קיילעכדיקער שליף־פאָרם, וואָס דאַרף ערשט אַרויסשפּרינגען אין אַ פּאָר מאָמענטן אַרום ביי דעם ענד פון דער שטריק. דער צייט־מאָמענט, אין וועלכן ער האָט אַריינגעטרייסלט די באַשטימטע באַוועגונג־פאָרם, איז תיכף פאַרשוואונדן. מיט אים האָט אויך תיכף געמוזט פאַרשווינדן די באַשטימטע באַוועגונג־פאָרם. איז זי שוין ניטאָ, ווייל זי איז שוין אין דעם עבר, אין דעם „ס׳איז געווען״. ווי ווערט זי ווידער געבוירן אין דעם קומענדיקן מאָמענט, אין וועלכן זי ווערט ווידער פאַרשוואונדן מיט אים אינאיינעם, כדי ערשט שפּעטער ווידער געבוירן צו ווערן אין דער ווירקלעכקייט ביי דעם סוף פון דעם פּראָצעס? ווי אַזוי גנבעט זיך אַריבער די באַוועגונגס־פאָרם פון איין צייט־מאָמענט אין דעם אַנדערן?

און די זעלביקע שאלה קאָן געפרעגט ווערן ניט נאָר וועגן אַ באַוועגונג מיט אַ קאָמפּליצירטער פאָרם, נאָר אַפילו וועגן אַ פּשוטער באַוועגונג אין אַ ווירע־גלייכער ליניע.

אויך דאָ מוזן מיר דאָך אָננעמען, אַז אַ באַוועגונג — זאָגן מיר די, וואָס איז דורכגעלאָפן דעם ציל ביליאַרד־קייקלען און האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם לעצטן באַל — געדויערט עטלעכע צייט־מאָמענטן. על פּי שכל האָט זי געדאַרפט פאַרשווינדן שוין אין דעם ערשטן מאָמענט, אינאיינעם מיט אים און מיט דער גאַנצער וועלט, וואָס אין אים.

לאָמיר ניט פאַרגעסן דעם הויפּט־רעזולטאַט, צו וועלכן מיר זיינען געקומען: אַלץ וואָס געדויערט איז אַן אוממעגלעכע זאַך, ווייל אַלץ מוז זיך אָפּשפּילן אין דער צייט. אַזוי, ווייניקסטנס, גלויבט דער מענטש. „געדויערן״ מיינט, אַז איין־און־דיזעלביקע זאַך פאַרבלייבט אין דער צייט אַ געוויסע צייט. אָבער אין דער צייט קאָן קיין זאַך ניט פאַרבלייבן, ווייל די צייט איז אַזאַ זאַך, וואָס געדויערט ניט, וואָס ווערט, און פאַרשווינדט.

דאָס וואָס מיר, מיט אונדזערע מענטשלעכע אויגן זעען, ווי עפּעס געדויערט, איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז דאָס איז אַזוי אין דער ווירקלעכקייט. איר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך לייג אַזוי פיל וואָג אויף דעם ענין פון „געדויערן״ און „פאַרשווינדן״ און וואָס איך וויל דעם געוואונענעם בליק אויף דער זאַך וואָס טיפער איינקריצן אין די מוחות. איך דערמאָן דאָ ווידער די פלאַם פון דער ליכט און איר אָפּבילד אין שפּיגל. די איבעררייסן אין דער דערשיינונג פון דער פלאַם, ווען — אַט פאַרשטעל איך די ליכט מיט דער האַנט און אַט נעם איך ווידער צו די האַנט, רעדן צו קלאָרע רייד אַז די „דויערנדיקע״ פלאַם אין דעם שפּיגל „דויערט״ ניט קיין איין ווײַלע, נאָר זי פאַרשווינדט אַלע

ווילע מיט דעם פאַרברענטן מאַטעריאַל און ווערט אַלע ווילע ניי־געבוירן מיט דעם ניי־צוקומענדיקן ברען־מאַטעריאַל.

דער „געדויער" פון דער פלאַם אין שפיגל איז שוין אַבסאָלוט זיכער ניט מער אַ דמיון, אַן אילוזיע פון אונדזער אויג. עס וואָלט אָבער לחלוטין ניט נאָר ניט שאַדן, נאָר אדרבה, העלפן אונדז, ווען מיר וועלן ברענגען נאָך אַ ביישפּיל פון דמיון, וואָס גיט אונדז אַ פאָרשטעלונג פון אַ געדויער אין דער צייט, בעת אין דער אמתן האָבן מיר פאַר אונדז, ניט קיין געדויער, נאָר אַ שטענדיקן פאַרשווינדן און געבוירן ווערן פון אַלץ נייע עלעמענטן.

איך צינד אָן אין דער פינצטער אַ שפּענדל און לעש אויס די פלאַם, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אַ גליענדיקן שפּיץ. איך דריי דעם שפּיץ אין אַ ראָד און איך זע פאַר זיך אַ קיילעכדיקע גליענדיקע ראָד. נאַטירלעך, איז אין דער דרויסנלעכער וועלט ניטאָ דערביי קיין גליענדיקע ראָד. די ראָד איז דאָ צונויפגעשטעלט פון איין איינצלנעם גליענדיקן פּונקט, באַווייזט זיך אַלע ווילע אין פאַרשיידענע שטעלן אין רוים. ער פאַרשווינדט פון איין שטעל און קומט אויף אין דער אַנדער שטעל. די גליענדיקע ראָד, ווי אַ גאַנצע זאַך, וואָס געדויערט אַ געוויסע צייט, עקזיסטירט נאָר אין דעם דמיון פון מיין אויג. די איינצלנע אויפגעגליטע שטעלן פון דער ראָד־ליניע אין דעם רוים, וואָס זיינען פאַרשוואונדן אינאיינעם מיט דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, „געדויערן" אָבער, עקזיסטירן אָבער אין דעם דמיונדיקן זען. און אויך דאָס וועט איר מיר מוזן דערלויבן: נאָך אַמאָל אַרויפצוברענגען און לאָזן בלויז שטיין פאַר דעם גייסטיקן אויג דעם גרונט־געדאַנק, צו וועלכן מיר זיינען געקומען — אַז אויב צייט איז עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט אין איין ווערן און ווייסט ניט פון קיין „געווערן", מוזן מיר אויף דער גאַנצער וועלט זאָגן, אַז אויך די גאַנצע וועלט, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט איז אויך עפּעס אַזוינס וואָס געווערט ניט, וואָס געדויערט ניט קיין איין אויגנבליק, נאָר האַלט כסדר אין איין פאַרשווינדן און געבוירן ווערן.

אַ פּאַסנדיק בילד פאַר דעם גאַנצן וועלט־פּראָצעס וואָלט אפשר געווען אַזאַ: זייט אייך משער אַן אומענדלעכן פאָדעם, אויפגעהאַנגען ערגעץ־וואו „אויבן". מיר צינדן אָן דעם פאָדעם אונטן און דאָס פייערל לויפט אַלץ אַרויף און אַרויף, אויפגעהאַלטן אין זיין עקזיסטענץ פון אַ ניט־דעמזעלביקן, אָבער אַ גלייכן ברען־מאַטעריאַל, דעם מאַטעריאַל פון דעם פאָדעם.

אַלץ וואָס ברענט אָפּ איז די פאַרגאַנגענהייט. זי איז שוין ניטאָ; זי איז אויף אייביק פאַרשוואונדן. פאַראַן איז נאָר דאָס ברענענדיקע

פלאַמעלע, די קעגנוואַרט, און דער אומענדלעכער פּאַדעם, וואָס הענגט פון „אויבן״, די אומענדלעכע צוקונפט.

דער ביישפּיל הינקט דאָ געוויס אונטער אין אַ זייער וויכטיקן פּרט: אין דערווירקלעכקייט איז דאָך גאָר אויך קיין פּאַדעם ניטאָ. ווייל די צוקונפט איז נאָך גאָרניט פאַראַן. זי דאַרף דאָך ערשט אַלע ווילע ווערן... (פון וואַנען? ווער ווייסט!) אָט־דעם גרונט־געדאַנק דאַרפן מיר האָבן אין אויג, ווען מיר טראַכטן וועגן דער באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אין דער צייט, ווייל נאָר דעמאָלט קאָנען מיר באַגרייפן די גאַנצע וואָג פון דער פראַגע: ווי אַזוי איז באַוועגונג בכלל מעגלעך?

מיר האָבן אַ שטויס געטאָן אַ ביליאַרד־קייקל. ער איז צוגעלאָפן צו אַ צייל ביליאַרד־קייקלען, און איז געבליבן שטיין. אין אָט־דעם מאָמענט — ווי אין די פריערדיקע — איז שוין די גאַנצע וועלט אַריין אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָפּגעבראָכן געוואָרן אינאיינעם מיט דעם שטויס און מיט דער קראַפט, וואָס אין דעם שטויס. ווי אַזוי האָט זיך די באַוועגונג געקאָנט אַרויסראַטעווען פון דער שריפה, דורכלויפן דעם גאַנצן צייל „רואיק״ ליגנדיקע ביליאַרד־קייקלען און אַ שלעפּ טאָן דעם לעצטן קייקל? וואָס איז די באַוועגונג? אַזאַ מין וואַסערל, וואָס קאָן זיך אַריבערגיסן פון איין שטיק מאַטעריע אין אַן אַנדערער?

אונדזער מענטשלעכער באַגריף וועגן דער טבע פון דער צייט מאַכט פּשוט אוממעגלעך צו פאַרשטיין יענעם פאַקט פון דער באַוועגונג, וואָס מיר זעען טאָג־טעגלעך פאַר אונדזערע אויגן — די פונדאַמענטאַלסטע רעאַליטעט פון דעם גאַנצן וועלטלעכן באַשאַף: אויב די באַוועגונג קומט פאָר אין דער צייט — איז דאָס אַזאַ וואונדער איבער וואונדער״, אַז דער „קריעת־ים־סוף״ איז אַ קינדער־שפּיל לגבי אים.

אַ וואָזשנע מעשה דער קריעת־ים־סוף! לאָמיר זיך אויף אַ ווייליקע לאָזן איינשמועסן, אַז עס האָט אַמאָל פּאַסירט אַזאַ מין זאַך: אַ ים האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן אין דערמיטן. די וואַסערן זיינען פון ביידע זייטן פאַרגליווערט געוואָרן „ווי ווענט רעכטס און לינקס״, און מענטשן זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ים אין דער טריקעניש. וואו ליגט דאָ דער וואונדער? קאָן מאַטעריע ניט אַריבערגיין פון אַ פליסנדיקן צושטאַנד אין אַ פעסטן? קאָן אַ מאַטעריע זיך ניט פונאַנדערדרוקן? מיר זעען, ווי „מעשים בכל יום״, אַז „מאַטעריע״ קאָן ווערן האַרט און פעסט.

דער וואונדער פון דעם קריעת־ים־סוף באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ איז דאָס פאַנאַנדערדרוקן זיך און פאַרגליווערט ווערן פון דער מאַטעריע פאָרגעקומען ניט ווי אַ פּועל־יוצא פון פיזיקאַלישע, כעמישע און מעכאַ־

נישע אורזאַכן; נאָר ווי אַ פּועל־יוצא פון איבערנאַטירלעכע ווירקונגען, וואָס האָבן אָפּגעענדערט דעם געזעצמעסיקן לויף פון נאַטירלעכע דער־שיינונגען.

דער נאַטירלעכער לויף פון דער וועלט און די אַבסאָלוטע אויבער־הערשאַפט פון נאַטור־געזעצן, פון אורזאַכן און ווירקונגען, איז פאַר דעם מענטשלעכן שכל די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט. און גראָד אַ פּאַסירונג, וואָס גייט להיפּך צו די דאָזיקע „געזעצן", צו דער אומפאַר־מיידלעכער פאַרקייטלונג פון „אורזאַכן" און „ווירקונגען", רופט אין אים אַרויס דעם געדאַנק פון אַ וואונדער.

און וואָלט אַזאַ זאַך, ווי קריעת־ים־סוף באמת געקאָנט פאַרקומען; און וואָלט אַזאַ זאַך פּאַסירט אין אונדזער צייט, וואָלט די געלערנטע וועלט ניט גערוט, ביז זי וואָלט ניט אויסגעפונען יענע נאַטירלעכע אור־זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ משונהדיקע פּאַסירונג. דער „וואונ־דער" וואָלט דערביי אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

אָבער אַ סך אַ גרעסערער, אָן אמתער וואונדער, איז דאָך ניט אָט־די ענדערונג אין דעם נאַטירלעכן לויף פון פיזיקאַלישע דערשיינונגען, נאָר דער פאַקט פון געזעצמעסיקייט, דער פאַקט, וואָס אין דער נאַטור הערשט קאַוזאַליטעט, וואָס איין פּאַסירונג מוז זיין אַ פּועל־יוצא פון אַ פריי־ערדיקער פּאַסירונג; וואָס יעדע נאַטירלעכע זאַך מוז האָבן אַ נאַטירלעכע אורזאַך. אונדזער שכל שרייט צו אונדז: „עקס ניהילא ניהיל"! פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען. עס קאָן ניט זיין קיין „יש מאין". אַ פאַראַנענקייט דאַרף שטאַמען פון אַ פאַראַנענקייט. פון אַ ניט־פאַראַנענ־קייט קאָן גאָרנישט אָפּשטאַמען.

אָט־דאָ ליגט דער וואונדער איבער וואונדער! און אויב איר האָט זיך גוט אַריינגעטראַכט אין דעם ענין „צייט" און „באַוועגונג", אויף וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט, וועט אייך ניט שווער זיין צו פאַרשטיין די גאַנצע וואונדערלעכקייט און אומבאַגרייפלעכקייט פון דער פּערטער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט אין דעם וועלט־געשען — די רע־אַליטעט פון געזעצמעסיקייט, פון קאַוזאַליטעט — די רעאַליטעט וואָס שרייט, אַז פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען.

אויב אַלע פּאַסירונגען אין דער נאַטור זאָלן צוריקגעפירט ווערן צו באַוועגונגען און אויב די באַוועגונגען קאָנען פאַרקומען נאָר אין דער צייט, מוז דעמאָלט דער געזעץ פון קאַוזאַליטעט באַקומען אַזאַ פאָרם: יעדע נייע באַוועגונג אָדער יעדער סכום פון נייע באַוועגונגען איז אַ נויט־ווענדיקער פּראָדוקט פון אַ פריערדיקער באַוועגונג אָדער פון אַ פריער־

דיקן סכום באַוועגונגען. האָבן מיר דאָ ווידער אַ „פריער״ מיט אַ „שפּע־טער״, אָבער ניט ווי אין דער „ריינער״ צייט, וואו דער „פריער״ האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם „שפּעטער״ און ווירקט ניט אויף אים. דאָ, אין דעם „קאַוזאַליטעטס־געזעץ״ איז דער „פריער״ און דער „שפּע־טער״ צונויפגעבונדן אינאיינעם אַזוי, אַז ס׳איז דאָ אַן אינעווייניקסטע שייכות צווישן זיי. דער „פריער״ ברענגט אַרויס אָדער באַהערשט אויף אַ וועלכן עס איז אופן דעם „שפּעטער״.

פרעגט זיך די שאלה: אויב אין יעדער ווילע ווערט דער וועלט־פּראָצעס פאַרברענט, איינגעשלונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווערט דאָך אויך דער קאַוזאַלער „פריער״, מיט אַלע זיינע מעגלעכע ווירקונגען, פאַר־ברענט און איינגעשלונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט; זיי פאַרזינקען אין אַן אַבסאָלוטער ניט־פאַראַנענקייט. ווי אַזוי זשע קאָן עפּעס אָפּשטאַמען פון אַ פאַרגאַנגענהייט, פון אַ ניט־פאַראַנענקייט? איז יעדער קאַוזאַל־געזעץ, וואָס לייקנט, אַז אַ „יש״ זאָל קאָנען אָפּשטאַמען פון אַן ״אין״, אַליין גופא די פאַרקערפערונג פון אַ שטענדיקן „יש מאין״? ווי אַזוי איז לויט דעם קאַוזאַל־געזעץ, מעגלעך אַ קאַוזאַל־געזעץ? ווי אַזוי איז מעגלעך אַ שטענ־דיקער געבאָרן ווערן פון אַ פאַרשוואונדנקייט און נאָך דערצו, לויט גע־וויסע, אייביק־אומפאַרענדלעכע כללים, אַזוי, אַז מיר קאָנען דעם לויף פון דער אַרויסגעשאָסענער קויל לכתחילה מאַטעמאַטיש אויסרעכענען און פּינקטלעך אָנגעבן דעם אָרט און די צייט, וואו זי וועט אַראָפּפאַלן?

און די צווייטע גרויסע שאלה וועגן דערזעלביקער קאַוזאַליטעט:

מיר רעדן וועגן אייביקע געזעצן, ווי אַזוי איין זאַך ווערט אינגאַנצן געבאָרן פון אַן אַנדער זאַך, אָדער ווערט פאַרענדערט פון איר. פון וואַ־נען ווייסן מיר אַז די געזעצן זיינען אייביק? די אייביקייט איז דאָך ניט געגעבן געוואָרן אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג. מיר האָבן נאָר פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. פון וואַנען שעפּט אונדזער שכל די זי־כערקייט, אַז די געזעצן מוזן זיין אייביק? ווייל אַזוי איז דאָס געווען ביז אַהער? מאַלע וואָס עס איז געווען ביז אַהער און וואָס האָט זיך מיט דער צייט איבערגעביטן? ווייל דער שכל איז געצוואונגען צו דענ־קען אַזוי? אָבער ווער גאַראַנטירט אונדז, אַז דאָס, וואָס איז אַ צוואַנג פאַר אַ מענטשלעכן שכל, מוז זיין אַ צוואַנג פאַר דער גאַנצער וועלט אין איר אייביקייט?

קאָן די וויסנשאַפט אונדז געבן אַן ענטפער אויף אָט־די שאלות? בשום אופן ניט. זי, די וויסנשאַפט, קאָן נאָר זיין אַזוי ווייט, ווי עס גייט

די רעאַלע דערפאַרונג. שפּרייזט אַריבער די גרענעצן פון דער דער־פאַרונג און באַרופט זיך אויף געדאַנקען־צוואַנג פון דעם שכל, שלאָגט זי זיך שוין מיטן קאָפּ אָן די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט און קריכט אַריין אין פילאָסאָפיע, וועלכע וויסנשאַפט גיט איר דאָס רעכט דערצו?

ציען מיר דעם סך־הכל פון אונדזערע באַטראַכטונגען, געפינען מיר, אַז פיר פונדאַמענטאַלע רעזולטאַטן פון דעם וועלט־געשען: רוים, צייט, באַוועגונג און קאַוזאַליטעט זיינען פאַר דער פינקטלעכער וויסנשאַפט פון פאַר־איינשטיינס צייט געווען ריינע „וואונדער איבער וואונדער".

לאָמיר דעריבער זען, וואָס פאַר אַן אָנבליק אָט־די אַלע שאלות באַ־קומען אין דער נייער וויסנשאַפט.

וועגן דעם אין דער צווייטער לעקציע.

צווייטע לעקציע

די מאָדערנע וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע

חברים און פריינט!

אין דער פאָריקער לעקציע האָבן מיר געזען ווי אַזוי מען האָט גע־מיינט, אַז די וויסנשאַפט וועגן דער ניט־לעבעדיקער וועלט וועט אַלץ קאָנען דערקלערן דורך די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון רוים, צייט, באַוועגונג, מאַטעריע און קאַוזאַליטעט.

מיר האָבן אָבער געפונען, אַז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן גופא, ווי מען האָט זיי באַטראַכט אין דער פאַר־איינשטיינישער וויסנשאַפט, בלייבן אַ רעטעניש פון דעם ריין־וויסנשאַפטלעכן דענקען. אין דעם לעצטן סך־הכל איז דער רוים אַ ליידיקער גאָרנישט, וואָס איז אויסגעשפרייט. די צייט — אַ גרענעץ־פונקט צווישן צוויי ניט־פאַראַנענקייטן: דעם „פריער", וואָס איז שוין ניטאָ, און דעם „שפּעטער", וואָס איז נאָך ניטאָ, ד"ה ווידעראַמאָל אַ גאָרנישט, וואָס האַלט אין שטענדיקן „אָפּברענען" און ווידער אויפסניי געבוירן ווערן. די באַוועגונג, אַ ניט־ממשותדיק „עפּעס", וואָס קאָן זיך איבערטראָגן פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, שלעפּן מיט זיך די זאַך אין דעם „רוים" אין אַ משך פון אַ גאַנצער אייביקייט. די קאַוזאַליטעט — אַ ווירקונג, וואָס דויערט אייניקע מאָמענטן, ד"ה וואָס כאַפּט זיך אַריבער פון איין פאַרשווינדנדיקן צייט־מאָמענט אין אַן אַנדער פאַרשווינדנדיקן צייט־מאָמענט.

אין דעם לעצטן סך־הכל זיינען דעריבער אָט די פונדאַמענטאַלע רע־אַליטעטן פון דער וועלט בפועל ממש העכסט וואונדערלעכע זאַכן.

די וויסנשאַפט קאָן בשום אופן ניט דערקלערן אָט די פשט־פשוטע אוממעגלעכקייטן, אָט די וואונדער איבער וואונדער מיט אירע אייגענע מיטלען.

אין פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט — די מאַטעריע — האָבן מיר כמעט אין גאַנצן געלאָזן צורו, ווייל אויב מען זאָל באמת אָננעמען, אַז ס'איז דאָ אין דער וועלט אַזאַ מין זאַך, ווי אַ האַרטע, אייביקע אָנגעפּילטקייט,

וואָס רופט זיך וועלט־מאַטעריע און וואָס עקזיסטירט אייביק, באַשטייט איר וואָונדער נאָר אין דעם, וואָס זי באַווייזט דעם קונץ צו עקזיסטירן, בעת אַלץ אין דער וועלט טראָגט זיך מיט דעם צווייפאַכן שטראָם פון „צייט" און „באַוועגונג".

מיר האָבן אָבער אין דעם סוף פון דער לעקציע אָנגעטייט, אַז אַט די אַלע פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן האָבן באַקומען אַ גאַנץ אַנדער אָנ־בליק אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ רע־וואָלוציע אין אַלע אונדזערע פריערדיקע באַגריפן. און מיר ווילן איצטער זען, אויף וויפל אַט די נייע וויסנשאַפט קאָן אונדז פאַרענטפערן אַלע אונדזערע שאלות און מיט אירע אייגענע מיטלען באַפרידיקן די באַדער־פעניש פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש.

דער ראַדיקאַלער לייענער, וואָס איז געוואוינט צו דענקען מאַטעריאַליס־טיש, פאַר וועמען די וועלט־מאַטעריע איז געווען דער זיכערסטער פונ־דאַמענט, אויף וועלכן עס איז געבויט זיין וועלט־באַנעם, וועט אפשר נוטה זיין צו זען די גרעסטע רעוואָלוציע אין יענעם אויספיר פון דער מאָ־דערנער וויסנשאַפט, אַז עס איז גאָר קיין וועלט־מאַטעריע אויף דער וועלט ניטאָ און קיינמאָל ניט געווען.

פשט־פשוט ניטאָ! די פריערדיקע וויסנשאַפט האָט די וועלט־מאָ־טעריע באַטראַכט, ווי „אַטאָמען", אַ גריכיש וואָרט, וואָס באַדייט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן ניט פאַנאַנדערגעשפּאָלטן ווערן אויף קלענערע טיילן. „אַטאָמען" זיינען קלענסט־קליינע טיילכלעך אָנגעפילטקייט, וואָס זיינען אייביק, אומפאַרענדערלעך, און פּאַסיוו, ד"ה זיי לאָזן זיך שטופּן, קערן און דרייען, לויט די באַוועגונגען, וואָס ווירקן אויף זיי איין. דערצו זיינען זיי אומדורכדרינגלעך, ד"ה קיין זאַך קאָן ניט אַריינדרינגען אינעווייניק אין זיי.

די איצטיקע וויסנשאַפט לייקנט ניט, אַז עס זיינען דאָ אַטאָמען. זי באַווייזט אָבער, אַז די „אַטאָמען" זיינען ניט מאַטעריעל און ניט אייביק. זיי באַשטייען אינעווייניק פון עלעקטרישער אָנגעלאָדנקייט, ד"ה פון אַ מין באַוועגונג, אַ ניט־ממשותדיקער זאַך, וואָס ווירקט ווי אַ קראַפט.

דער עיקר אָבער איז וואָס די וויסנשאַפט האָט באַוויזן, אַז אַט די אַטאָ־מען קאָנען פאַרשווינדן, פאַנאַנדערפאַלן און זיך פאַרוואַנדלען אין היילע ענערגיע. כעמיקער און פיזיקער אַרבעטן איצטער אויף דער פּראַקטי־שער אויפגאַבע, פאַנאַנדערצושפּאַלטן דעם „אַטאָם" און אויף אַזאַ אופן פריי מאַכן יענע קאָלאָסאַלע ענערגיע, פון וועלכער אַן אַטאָם באַשטייט אין זיין לעצטן תוך.

פון דער אַנדער זייט האָט דיזעלביקע וויסנשאַפט באַוויזן, אַז אַטאָמען ווערן געבוירן. פּראָפעסאָר מיליקען האָט אויסגעפונען אַ געוויסע אַרט שטראַלן, ד״ה ענערגיע־באַוועגונגען, וועלכע ער האָט אָנגערופן „קאָס־מישע שטראַלן״, וואָס פון זיי זאָלן דאָס אָפּשטאַמען די „עלעקטראָנען״, און פון די „עלעקטראָנען״ — דער מאַטעריעלער „אַטאָם״.

אַט דער רעזולטאַט פון דער וויסנשאַפט האָט פון איין זייט זיכער גרינגער געמאַכט פאַרן שכל די אויפגאַבן פון דער דערקענטעניש. מיר ווערן דאָ פּטור פון אַן איבעריקער רעטעניש — דער רעטעניש פון דער מאַטעריע, ביז אַהער האָבן מיר געדאַרפט פירן צוויי חשבונות: דעם חשבון פון דער אייביקער מאַטעריע און דעם חשבון פון דער אייביקער ענערגיע, אַחוץ טראַכטן וועגן דער רעטעניש פוןביידע זאַכן.

איצטער האָבן מיר נאָר איין חשבון און איין רעטניש: די רעטעניש פון דער ענערגיע, וואָס דאַרף דאָך אין תוך זיין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די באַוועגונג אין רוים און אין דער צייט.

וואָס דערציילן אונדז וועגן דעם יענע רעוואָלוציעס אין דער נייער וויסנשאַפט, וואָס זיינען פאַרבונדן קודם־כל מיט דער טעאָריע פון „רע־לאַטיוויטעט״ און מיט די נעמען פון איינשטיין, מינקאָווסקי און פאַן־פּלאַנק?

ליידער קאָנען מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אפילו אין די וויכטיקסטע יסודות פון זייערע שיטות. ניט נאָר זיינען זיי צו שווער צו פאַרשטיין, צו ווייט פון דעם געוויינטלעכן „שכל הישר״, נאָר זיי זיינען נאָך אַליין ניט אין גאַנצן פאַרענדיקט און אָפּגעקלערט.

מיר וועלן דעריבער ברענגען דאָ נאָר אַ פּאָר פון די וויכטיקסטע רעזולטאַטן, צו וועלכע די פאָרשער זיינען געקומען, און אויך דאָס נאָר אין אייניקע פון יענע פּרטים זייערע, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו אונדזערע ענינים. לאָמיר זען, אויף וויפל די מאָדערנע וויסנשאַפט קאָן אַריינברענגען קלאָרקייט אין זיי.

לאָמיר אָנהויבן מיט די נייע לערן וועגן „רוים״ און „צייט״.

מיר האָבן פריער גענומען דעם רוים, ווי אַ ליידיקע אויסגעשפּרייטקייט (אַ „גאָרנישט״), אין וועלכער די „זאַכן״ געפינען זיך, איינע לעם דער אַנדערער. איינשטיין דענקט פונקט פאַרקערט: ניט די זאַכן געפינען זיך אין אַ ליידיקן רוים, נאָר די רוימלעכקייט געפינט זיך אין די זאַכן: אין יעדער זאַך אַ רעלאַטיווו אַנדער רוימלעכקייט, ד״ה אַז איין־און־דערזעל־ביקער קלאַפּטער „לענג״ קאָן זיין איינמאָל גרעסער און אַן אַנדערש מאָל

קלענער, איידער אַ קלאַפּטער. הענגען הענגט דאָס אָפּ פון דעם, צי די זאַך געפינט זיך אין רו, אָדער זי געפינט זיך אין באַוועגונג.

פאַרשטעלן קאָן מען זיך דאָס — אויב מען קאָן זיך בכלל פאַרשטעלן — ווען מען זאָל אין געוויסע פּרטים צוגלייכן די רוימלעכקייט צו אַ וועלכער עס איז אַנדער פיזיקאַלישער אייגנשאַפט, זאָגן מיר: צו וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט געפינט זיך אין דער זאַך, און ניט די זאַך אין דער וואַרעמקייט. אַזוי אויך די אויסגעשפרייטקייט. די וואַרעמקייט איז רעלאַטיוו. ווען איך לייג אַריין אַ הייסע האַנט אין לעבלעכע וואַסער, שפּיר איך אַ קעלט, ד״ה וויניקער וואַרעמקייט, איידער אין מיין האַנט, ווען איך לייג אָבער אַריין אַ גאָר קאַלטע האַנט אין דיזעלביקע לעבלעכע וואַסער, שפּיר איך אַ וואַרעמקייט, ד״ה מער וואַרעמקייט, איידער אין מיין האַנט. אַזוי אויך מיט דער אויסגעשפרייטקייט פון אַ זאַך, ד״ה מיט איר פאַרנעם פון איין עק אירן ביז צום אַנדער עק. ווען אַ זאַך געפינט זיך אין באַוועגונג, ווערט איר אויסגעשפרייטקייט, רעלאַטיוו צו דער זאַך, וואָס געפינט זיך אין רו, אַ קלענערע. ווען די באַוועגונג ווערט נאָך שנעלער, ווערט אָט די רעלאַטיווע אויסגעשפרייטקייט נאָך קלענער. און ווען די געשווינדקייט פון דער באַוועגונג הייבט אָן צו וואַקסן, ביז זי דערגרייכט דעם מאַקסימום פון דער געשווינטקייט — דער געשווינטקייט פון אַ ליכטשטראַל — דעמאָלט ווערט די אויסגעשפרייטקייט פון דער זאַך — רעלאַטיוו צו דער רואיקער זאַך — אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי, די אויסגעשפרייטקייט, ווערט אין גאַנצן גלייך נול.

ווערן מיר דורך דעם פּטור פון דעם ליידיקן וועלט־חלל און פון אַ „גאָרנישט, וואָס איז אויסגעשפרייט״. עס איז ניטאָ קיין „ריינער״ ליידיקער רוים אין דער וועלט. רוים איז עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אויפקומען און פאַרשווינדן אָט פּונקט, להבדיל, ווי וואַרעמקייט.

און דיזעלביקע זאַך איז מיט דער צייט. „צייטלעכקייט״ איז ניט אַ ליידיקער גאָרנישט, וואָס פליסט, און אין וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ די פּראָצעסן פון דער וועלט. „צייטלעכקייט״ איז אויך אַ פיזיקאַלישע אייגנשאַפט, זאָל זיין, לשם משל, ווידער ווי וואַרעמקייט. די צייטלעכקייט אָדער דער „געדויער״ איז אין די פּראָצעסן, אין יעדן פּראָצעס אַ פאַרשיידענער „געדויער״, אַזוי, אַז די סעקונדע פון איין געדויער קאָן געדויערן לענגער אָדער קירצער, איידער די סעקונדע פון אַן אַנדער „געדויער״. אויך דאָ הענגט די פאַרשיידנקייט אָפּ פון דער געשווינטקייט, מיט וועלכער אַ זאַך באַוועגט זיך. וואָס געשווינטער אַ זאַך באַוועגט זיך, אַלץ לענגער ווערט דער געדויער פון דער „צייטלעכקייט״ אין איר.

אַלץ מער דויערט איר סעקונדע לגבי דער סעקונדע פון דער רוענדיקער זאַך. און ווען די געשווינטקייט דערגרייכט דעם מאַקסימום — הונדערט און זעקס און אַכציק טויזנט מייל (מיט עפּעס) אין אַ סעקונדע — ווערט די צייטלעכקייט פון דער זיך באַוועגנדיקער זאַך אויסגעצויגן ביז צו אומענדלעכקייט, ד״ה ביז צו אייביקייט.

אין די ערשטע צייטן פון דעם איינשטייניאַניזם פלעגט מען דאָס זיך פּרוּאוון פאַרשטעלן מיט אַזאַ ביישפּיל — און איינשטיין אַליין האָט אַמאָל דעם ביישפּיל באַנוצט. אַ מענטש, וואָס וואָלט זיך געטראָגן מיט דער געשווינטקייט פון אַ ליכט־שטראַל, וואָלט געוואָרן דין, ווי אַ מאַטעמאַטישע ליניע. זיין רוימלעכקייט וואָלט (אין דער ריכטונג פון דער באַוועגונג) פאַרשוואונדן לגמרי. דערפאַר וואָלט ער געלעבט אייביק, ווייל די „צייט־לעכקייט" פון זיין לעבנס־פּראָצעס וואָלט זיך פאַרלענגערט ביז צו אומ־ענדלעכקייט. אַזוי אַרום ווערן מיר אויך פּטור פון דער צייט, ווי פון אַ ליידיקן גאָרנישט, וואָס פליסט. צייט איז ניט קיין גאָרנישט; עס איז אַ רעאַלער „געדויער", וואָס קאָן ווערן גרעסער אָדער קלענער, לויט דער געשווינטקייט פון דער באַוועגונג.

דער עיקר רעוואָלוציע אָבער אין דער רוים־צייט־פראַגע באַשטייט אין דעם, וואָס איינשטיין, און מיט אים כמעט די גאַנצע מאָדערנע נאַטור־ווּיסנשאַפט, וויל האָבן, אַז רוימלעכקייט און צייטלעכקייט זיינען ניט צוויי באַזונדערע פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון דער וועלט, וואָס האָבן איינע צו דער אַנדערער קיין ברעקל שייכות ניט: די צייט, לערנט די נייע שיטה — איז די פערטע דימענזיע פון דעם רוים. ביז אַהער האָבן מיר גערעכנט, אַז דער רוים האָט נאָר דריי דימענזיעס, דריי אויסמעסטונגען: אין דער לענג, דער ברייט און דער טיף. קיין פערטע אויסמעסטונג קאָנען מיר זיך ניט פאַרשטעלן. מיר מוזן אָבער, פאָדערט די וויסנשאַפט, אָננעמען, אַז אויך די צייט איז אַ רוימלעכע אויסמעסטונג: אַזוי פיל און אַזוי פיל שעהן אין דעם „געדויער" האָט אין דער „פערטער דימענזיע" אַזוי פיל און אַזוי פיל קלאַפטער אָדער מיילן די לענג. אַזאַ פערטע אויס־מעסטונג אין דעם רוים קאָנען מיר, מענטשן, זיך ניט פאַרשטעלן. מען קאָן נאָך מער אָדער ווייניקער דערנענטערן צו דער פאַרשטענדעניש מיט פאַרשיידענע ביישפּילן, וואָס וועלן אַלעמאָל אונטערהינקען אין דעם אָדער יענעם פּרט. נעמען מיר אַזאַ ביישפּיל. פאַראַן אויגן, ביי פליגן, צב״ש וואָס קאָנען ניט זען קיין דריטע דימענזיע. זיי קאָנען נאָר משיג זיין די לענג און די ברייט, אָבער ניט די טיף פון אַ זאַך. ווי מוזן אַזעלכע אויגן אויפנעמען די דריטע דימענזיע, די טיף אָדער די הויך?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ קאַסטן, באַפאַרבט איין זייט מיט רויט, די אַנדערע מיט בלוי, די דריטע מיט געל. מיר קאָנען אַ כאַפּ טאָן מיטן אויג אַלע דריי זייטן און זען, ווי די דריי פאַרביקע פלאַכן עקזיסטירן אין איין און דעמזעלביקן רוים. זיי זיינען איינע לעם דער אַנדערער. אָבער לאָמיר נעמען אַ בריאה, וואָס אירע אויגן קאָנען אויפנעמען נאָר צוויי דימענזיעס מיטאַמאָל, און די דריטע קאָן זי גאָרניט משיג זיין. געפינט זי זיך אויף דער רויטער זייט פון דעם קאַסטן, זעט זי רויט אין דער לענג און אין דער ברייט; גייט זי אַריבער אויף דער בלויער זייט, דער־מאָלט מוז די רויטע זייט אין גאַנצן פאַרשווינדן פון איר רוימלעכן חוש. זי עקזיסטירט שוין ניט מער. און די בריאה קאָן אַפילו אין דער פאַנ־טאַזיע ניט משיג זיין, אַז די רויטע פלאַך זאָל עקזיסטירן לעם דער בלויער פלאַך. די רויטע פלאַך איז פאַרזונקען פאַר איר אין דער פאַרגאַנגענהייט. און אַז זי גייט אַריבער פון דער בלויער זאַך צו דער געלער, קאָן איר רוימלעכער חוש משיג זיין נאָר די געלע פלאַך, וואו אַלע פונקטן ליגן איינער לעם דעם אַנדערן. די בלויע פלאַך איז שוין ווידער „פאַרברענט געוואָרן", פאַרשוואונדן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

פאַר אונדזערע אויגן, וואָס האָבן אַ דריי־דימענזיאָנאַלן רוים־באַנעם, זיינען די דריי פאַרביקע זייטן — „זאַכן", וואָס געפינען זיך איינע לעם דער אַנדערער אין דעם רוים, און אויך אין אונדזער פאַרשטעלונג קאָנען מיר אויפנעמען אָט די דריי זייטן, ווי איינגעאָרדנטע אין איין און דעמזעל־ביקן דריי־דימענזיאָנאַלן רוים.

אַ בריאה אָבער, וואָס האָט נאָר אַ צוויי־דימענזיאָנאַלן רוים־חוש, קאָן זיך גאָר אַזאַ זאַך ניט פאָרשטעלן. פאַר איר מוזן די דריי פאַרביקע זייטן זיין אַ פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט. איין פאַרביקע זייט מוז פאַרשווינדן, כדי די אַנדערע פאַרביקע זייט זאָל קאָנען אויפ־קומען. דאָס איז אַ „ווערן, געוואָרן און אויפהערן", פונקט ווי עס איז פאַר אונדז יעדער פּראָצעס אין דער צייט.

קאָנען מיר דאָך אָננעמען, אַז אויך פאַר אונדז איז די גאַנצע צייט־לעכקייט, ד״ה דער גאַנצער איינטייל אין „פריער" און „שפּעטער", אין פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואָרט און צוקונפט, ניט מער ווי אַ סוביעקטיווער דמיון, ווייל די זאַכן, וואָס געפינען זיך אין דער פערטער דימענזיע פון דעם רוים, קאָנען מיר ניט אויפנעמען מיט אונדזער חוש פאַר רוימלעכ־קייט און זיינען געצוואונגען איינצואָרדענען זיי אין אַ צייטלעכן פליסן פון געשעענישן.

נאָך אַ ביישפּיל, ווי אַזוי צו דערנעענטערן צום „שכל הישר״ די רוימלעכקייט פון די צייט־פּאַסירונגען. מיר זעען אויף אַ לייוונט אין אַ „קינאָ״, ווי עס פליט אין דער הויך אַן עראָפּלאַן, ביז ער ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ קוים באַמערקבאַרן פּונקט. אַלע ווייסן, וואָס דאָ קומט פאָר אין דער אמתן. אויפן לייוונט פליט ניט קיין עראָפּלאַן. דער פלי פון דעם עראָפּלאַן איז אויפגענומען געוואָרן אין הונדערטער איינצלנע פאָ־טאָגראַפישע בילדער, וואָס גיבן איבער די פאַרשיידענע לאַגעס, אין וועל־כע דער עראָפּלאַן האָט זיך געפונען בעתן פליען. אויף יעדן בילד רוט דער עראָפּלאַן אין אַ באַשטימטער לאַגע. אַזאַ לאַנגן־לאַנגן באַנד פון איינצלנע בילדער פון אַ „מיד רוענדיקן עראָפּלאַן״ לאָזט דער קינאָמאַטאָ־גראַפישער אַפּאַראַט שנעל לויפן איינס נאָכן אַנדערן און זייערע שאָטנס אויף דעם לייוונט ברענגען אין אונדז אַרויס דעם דמיון פון אַ פליענדיקן עראָפּלאַן, ד״ה פון עפּעס, וואָס אין יעדן צייט־מאָמענט בייט עס זיין אָרט אין רוים.

לאָמיר אָבער נעמען אָט דעם קינאָמאַטאָגראַפישן באַנד, וואָס האָט אויפגעכאַפּט אַ געוויסן פּראָצעס אין דער צייט מיט אַ „פריער״ און אַ „שפּעטער״, און פאַנאַנדערשערן אים אויף איינצלנע בילדער און אַרויפ־לייגן זיי איינער אויף דעם אַנדערן אין דער זעלביקער אָרדענונג, ווי זיי זיינען אָראָפּגענומען געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט. דעמאָלט וועלן מיר האָבן אַ פּראָצעס אין דער צייט, מיט אַן „איינס נאָכן אַנדערן״, פאַרוואַנדלען אין קליינינקן „קאָרידאָר״ רוים, וואו די זאַכן ליגן איינע אויף דער אַנ־דערער, אָדער שטייען איינע הינטער דער אַנדערער.

קאָנען מיר דאָך — אין געדאַנק — צוריק זיך משער זיין, אַז אויב אין אַ פערטער דימענזיע, וואָלטן אַזוינע זאַכן געשטאַנען איינע הינטער דער אַנדערער וואָלטן מיר זיי דעמאָלט געמוזט אויפנעמען ניט רוימלעך, ווייל מיר קאָנען ניט משיג זיין קיין פערטע רוימלעכע דימענזיע. מיר וואָלטן זיי געמוזט אויפנעמען ווי אַ צייטלעכן פּראָצעס, וואו די איינצלנע זאַכן רוען ניט, נאָר גייען איינע נאָך דער אַנדערער.

וועלכע זאַך גייט פריער און וועלכע זאַך קומט שפּעטער, וואָלט דעמאָלט אָפּגעהאַנגען פון אונדזער לאַגע אין דעם דריי־דימענזיאָנאַלן רוים אין אונדזער צוטריט צו דער פערטער דימענזיע.

דער גרויסער געלערנטער, סער דזשינס, וואָס איז, אגב, אויך שטאַרק אָנגערירט מיט ריין־פילאָסאָפישע קאָפּ־דרייעניש, אילוסטרירט דאָס מיט אַזאַ ביישפּיל. ער נעמט צוויי פּאַסירונגען אין דער צייט: די גרויסע שריפה אין לאָנדאָן און דעם אויפפלאַם פון אַ געוויסן שטערן אויפן הימל.

אַן אַסטראָנאָם אויף דער ערד וואָלט מאַטעמאַטיש פּינקטלעך אויסגע־רעכנט, אַז דער אויפפלאַם פון דעם שטערן האָט געמוזט פאַרקומען אין הונדערט יאָר אַרום, נאָך דער גרויסער שריפה. דער אַסטראָנאָם אָבער אויף יענעם שטערן וואָלט געמוזט „מיט דערזעלביקער „פּינקטלעכקייט" אויסגעפינען, אַז דער אויפפלאַם פון דעם שטערן האָט פּאַסירט הונדערט יאָר פאַר דער שריפה". און אַ דריטער אַסטראָנאָם, ערגעץ־וואו אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם וועלטן־רוים, וואָלט מיט זיינע מעסט־אינסטרו־מענטן און חשבונות געמוזט אַרויסברענגען דעם פּינקטלעכן רעזולטאַט, אַז אַט די ביידע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אין איין־און־דערזעל־ביקער צייט.

אין אַ פיר־דימענזיאָנאַלער וועלט, וואו די צייט איז אַ פערטע אויס־מעסטונג פון דער אויסגעשפּרייטקייט, „זיינען די פּאַסירונגען און די אינטערוואַלן צווישן זיי אַבסאָלוט", פאַרזיכערט דזשינס. אָבער דער דאָ־זיקער אינטערוואַל קאָן ביי פאַרשיידענע צוזעער פאַנאַנדערגעשפּאָלטן ווערן אויף אַ פאַרשיידענעם אופן אין „צייט" און „רוים".

אַדאַנק אַט דעם פאַנאַנדערשפּאַלט אין צייט און רוים, ווי אין צוויי פאַרשיידענע רעאַליטעטן, זיינען זיי ביידע געוואָרן, פאַרזיכערט דזשינס, סוביעקטיווע פאַרשטעלונגען, פּונקט אַזעלכע סוביעקטיווע, ווי רעכטע האַנט און לינקע האַנט, פאָרנט און הינטן. וואָס פאַר איינעם איז „רעכטס" און „פאָרנט", קאָן פאַר דעם אַנדערן זיין „לינקס" און „הינטן".

אין אַט דעם אויסטייטש דזשינס בלייבט לכל הפּחות ניט אָנגערירט דער עצם ענין פון אויסגעשפּרייטקייט. דאָס איז אַ זיין פון זאַכן איינע לעם דער אַנדערער. דער רוים ווערט נאָר באַרייכערט מיט אַ פערטער דימענזיע, און די סוביעקטיוויטעט, רעלאַטיוויטעט, הענגט אָפּ פון אַ פאַלשן באַנעמען די צייט און דעריבער פון אַ פעלערהאַפטער אָריענ־טאַציע אין דער פיר־דימענזיאָנאַלער וועלט.

אַ סך טיפער אין דעם בליק, און אין דער זעלביקער צייט אַ סך פאַרזיכטיקער אין דעם אויסדרוק, האָט דעמזעלביקן ענין פאָרמולירט דער פאָטער פון דער טעאָריע, אַז צייט איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פערטע דימענזיע פון דעם רוים: מיר מיינען דאָ מינקאָווסקין אַליין.

פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע טעאָרעטישע רעיונות און מאַטעמאַטישע חשבונות, פירט ער אונטער די לעצטע שורה אַט אין וועלכע ווערטער:

„רוים אין זיך גופא און צייט אין זיך גופא זינקען אַראָפּ צו דער מדרגה פון אַ בלויז שאָטנס; און נאָר אַ מין פאַראייניקונג פון זיי ביידן באַקומט אַן אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ".

דאָ ווערט אָוועקגעשטעלט דער פּראַגע־צייכן ניט נאָר אויף דעם מהות פון דער צייט, נאָר אויך אויף דעם מהות פון דעם רוים.ביידע זיינען אין אונדזער הושימדיקער דערקענטעניש שאַטנס פון עפּעס אַן אַנדער זאַך, וואָס איז אין איר עצם ניט אויסגעשפּרייטקייט און ניט גע־דויער, און אפשר, ווי בערגסאָן וויל, נאָר „געדויער״. נאָר בערגסאָן מוזן מיר דאָ לאָזן אין אַ זייט, ווייל דאָס איז שוין ריינע „פילאָסאָפיע״.

מינקאָווסקיס אויסטייטש — אין יענער פאָרמולירונג, ווי מיר האָבן אים נאָר־וואָס געבראַכט — איז אַ סך ווינסנשאַפטלעכער, ווייל פאַרזיכ־טיקער. זיין געדאַנק קלינגט ניט אַזוי דאָגמאַטיש, ווי יענער אויסטייטש, וואָס וויל באַטראַכטן די צייט, ווי אַ פּשוטע רוימלעכע אויסמעסטונג, פּונקט אַזאַ פּשוטע אויסגעשפּרייטקייט, ווי די לענג און די ברייט. הגם מינ־קאָווסקי אַליין — זאָלן מיר דאָס ניט פאַרגעסן! — רעכנט מאַטעמאַטיש אויס, וויפל קילאָמעטער רוים עס פאַרנעמט אַ סעקונדע צייט!

די גאַנצע שווערקייט פון דעם געדאַנק, אַז די צייט איז אַ מין „קאָ־רידאָר״ אין דעם רוים, וואו די נאָכאַנאַנדערדיקע פּאַסירונגען זיינען אין תוך איינס־לעם־אַנאַנדערדיק, ווי די לענג לעם דער ברייט, ליגט אין דעם, וואָס אַט דער געדאַנק וואָלט זיך צונויפגעשטויסן מיט דעם ווינסנשאַפט־לעכן געדאַנק פון עוואָלוציע, וואָס מיר נעמען איצטער אויף, ווי אַ פּראָ־צעס אין דער צייט.

לאָמיר נעמען אַ געוויינטלעכן עוואָלוציע־פּראָצעס: דאָס אויסוואַקסן פון אַן אַרבעס־פלאַנץ. מיר קאָנען קינאָמאַטאָגראַפיש אויפנעמען דעם פּראָצעס אין אַלע זיינע פאַזן: פון דער ערשטער אַרויסוואַרצלונג ביי דעם אַרבעס ביז צום צייטיק ווערן און פאַרוויאַנען פון דער פלאַנץ. עס וועט זיך דערביי באַקומען אַ געוויסער סכום איינצלנע בילדער, וואָס נעמען אויף יעדע איינצלנע פאַזע באַזונדער. מיר קאָנען די בילדער צו־נויפשטעלן איינס הינטער דעם אַנדערן, מיר וועלן דעמאָלט האָבן — ווי אין דעם פריערדיקן ביישפּיל מיט דעם עראָפּלאַן — אַ פליסנדיקן צייט־פּראָצעס, פאַרוואַנדלט אין אַ רוימלעכער, רוענדיקער איינאָרדענונג.

נאָר בעת אין דעם צייט־פּראָצעס האָבן מיר צו טאָן מיט איין אַרבעס, האָבן מיר אין דעם רוימלעכן צושטאַנד פון דעמזעלביקן פּראָצעס, צו טאָן מיט הונדערטער און הונדערטער איינצלנע אַרבעס־פלאַנצן, וואָס שטייען איינע הינטער דער אַנדערער, און וואו יעדע כסדרדיקע פלאַנץ שיידט זיך אָפּ מיט אַ וועלכער עס איז פאַרענדערונג פון דער פריערדיקער.

און אַזוי דאַרף אויך אויסזען דער ווירקלעכער פּראָצעס פון דער

אַרבעס־עוואָלוציע אין אַ צייט, וואָס איז ניט קיין צייט, נאָר אַ פערטע דימענזיע פון דעם רוים.

איר מעגט דרייען און ווענדן דעם ענין אויף וויפל אופנים איר ווילט — און מען דרייט און ווענדט אים אויף פאַרשיידענע אופנים — אויב איר ווילט זיך האַלטן שטרענג ביי דעם אויסטייטש פון די ענינים רוים און צייט, ווי פיר דימענזיעס פון דער אויסגעשפרייטקייט — מוזט איר קומען צו איין און דעמזעלביקן רעזולטאַט: אויב צייט איז רוים, זיינען אין איר דעמאָלט די „זאַכן" איינגעאָרדנט אַזוי, אַז דאָס, וואָס האָט זיך פריער געדוכט ווי עפּעס, וואָס גייט איינס נאָכן אַנדערן, איז גאָר עפּעס, וואָס שטייט אין רו איינס לעם אַנדערן. איין־איינציק מענטשלעך לעבן ראובנס איז דעמאָלט עפּעס אַזוינס, וואָס באַשטייט פון מילי־מי־ליאָסן איינצלנע ראובנס, אָנגעהויבן פון דעם באַפּרוכפּערטן פרויען־איי אין דער געבער־מוטער ביז, זאָגן מיר, צו דעם זקן מיט דער גרויער באָרד. אין יעדן צייט־מאָמענט פון ראובנס לעבן ווערט אַ ראובן פאַר־גליווערט אין דער פאַרגאַנגענהייט. און ווען מיר וואָלטן געקאָנט גיין אַהין און צוריק אין דעם „צייט־קאָרידאָר", ווי מיר קאָנען אומגיין אַהין און צוריק אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיף, וואָלטן מיר דעמאָלט געקאָנט דורכגיין אַלע ראובנס פון דער פאַרגאַנגענהייט און זען זיי אין פאַרגליווערטע פּאָזעס, וואו יעדע פּאָזע שטעלט מיט זיך פאָר אַ וועלכן עס איז מאָמענט פון ראובנס באַוועגונגען: זיין איינמאָל בענטשן ציצית אַליין וואָלט אפשר באַשעפטיקט אַ פּאָר טויזנט ראובנס.

אַזוי אַרום ווערן מיר ווידער פּטור פון אַ סך שאלות. ערשטנס ווערן דער „פאַרברענטער וועלט" אין דער פאַרגאַנגענהייט. די פאַרגאַנגענהייט ווערט גאָרניט „פאַרברענט". זי בלייבט אייביק באַשטיין. דער „נעכטי־קער טאָג" איז ניט פאַרשוואונדן. ער איז נאָך דאָ. אַן אייביקער.

צווייטנס, ווערט פשוטער דער ענין פון באַוועגונג. אין עצם איז טאָקע קיין באַוועגונג לגמרי ניטאָ. עס קומען נאָר צו נייע ראובנס צו די שוין־פאַרגליווערטע אין פאַרשיידענע פּאָזעס, וואָס אויב מען וואָלט זיי געלאָזט ווירקן אויף אַ בריאה מיט אַ צייט־חוש, וואָלט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט, אַז דאָס איז איין ראובן, וואָס פירט דורך פאַרשיידענע באַ־וועגונגען. און בכלל איז דאָך די באַוועגונג, לויט איינשטיינען, אַ רעלאַ־טיווע זאַך. ווען איין זאַך באַוועגט זיך צו דער אַנדערער, קאָן מען ניט מיט זיכערקייט פעסטשטעלן וועלכע זאַך באַוועגט זיך און וועלכע גע־פינט זיך אין רו.

און אויך די פראַגע פון קאַוזאַליטעט, קאָן אין דער נייער וויסנשאַפט אָוועקגעשטעלט ווערן אַנדערש, איידער פריער, און ווערט טאַקע אָוועקגעשטעלט.

אַ קאַוזאַליטעט, וואָס האָט צו טאָן מיט דער צייט, מיט דעם ווערן, ווי אַזוי איין זאַך ברענגט אַרויס פון זיך אַן אַנדער זאַך, איז זייער אַ שווערע, כמעט ווי אַן אומפאַרשטענדלעכער פּראָבלעם. די קאַוזאַליטעט אָבער, וואָס האָט צו טאָן ניט מיט אַ ווערן, נאָר מיט אַ פאַרגליווערטן „זיין״, איז אַ סך אַ גרינגערע שאלה. דאָ קאָנען צוויי דערשיינונגען באַשטימען איינע די אַנדערע אָן אַ „פריער״ און אַ „שפּעטער״. ווי אין אַלע פאַלן פון יענע נויטווענדיקייטן, וואָס מיר שטודירן אין דער מאַטעמאַטיק.

אַ קרייז, צום ביישפּיל, איז אַ קיילעכדיקע, אין זיך גופא געשלאָסענע ליניע, וואָס אַלע אירע פּונקטן שטייען אָפּ אויף אַ גלייכן מהלך פון דעם צענטראַל־פּונקט. אָט דער מהלך — דער ראַדיוס פון דעם קרייז — באַשטימט די לענג פון דעם קרייז, (דעם אַרומקרייז), און דעם שטח, וואָס דער קרייז פאַרנעמט אין דעם רוים. אָבער ער באַשטימט אים ניט אַזוי, ווי אַ זון־שטראַל, למשל, באַשטימט די וואַרעמקייט פון דעם שטיין, וועלכן ער באַלייכט. דאָ מוז פריער פאַלן דער זון־שטראַל. זיין וואַרעמקייט מוז איבערגיין אין דעם שטיין. און וואָס לענגער דער זון־שטראַל ווירקט, אַלץ וואַרעמער ווערט דער שטיין. דאָ האָבן מיר פאַר אונדז אַ פיזיקאַלישן שפּיל פון אורזאַך און ווירקונג.

דער ראַדיוס אָבער פון אַ קרייז באַשטימט דעם קרייז, אָבער ווירקט ניט אויף אים. ער איז ניט פריער פאַר דעם קרייז אָדער דעם שטח. ער איז תמיד אין איינעם מיט אים, און שטייט תמיד מיט אים אין אַ געוויסער נויטווענדיקער שייכות — וואָס ווערט אָנגערופן אַ „פונקציאָנאַלע״. דער אַרומקרייז און דער שטח פון דעם קרייז זיינען ניט קיין ווירקונגען, וואָס זיינען אַרויסגעפלאָסן פון דעם ראַדיוס, נאָר זיינען זיינע אייביקע „פונקציעס״.

די איצטיקע נאַטור־וויסנשאַפט וויל אַלע קאַוזאַלע שייכותן פאַרוואַנדלען אין פונקציאָנאַלע. אַלע „געזעצן״ אַריינברענגען אין אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע. און ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז די „שפּראַך״ פון דער איצטיקער מעכאַניש־פיזיש־אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט איז די העכערע מאַטעמאַטיק. ווער עס פאַרשטייט ניט אָט די שפּראַך, קאָן דעריבער ניט וויסן, וואָס אַזוינס די וויסנשאַפט זאָגט.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס איז ניטאָ קיין איין ערנסטער געלערנטער, וואָס זאָל באמת אָננעמען, אַז איין ראובן, וואָס טראָגט זיך דורך אַ קליינע ווײַלע איבער דער וועלט, באַשטייט פון מילי־מיליאָסן, וואָס שטייען אַלע, אין פאַרשיידענע פּאָזעס, פאַרגליווערטע אין דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אָבער מיט אַ כיון אויסגעקליבן אָט דעם נאָר אויף דעם ערשטן בליק אַבסורדן אויסטייטש, ווייל ער מאַכט אונדז קלאָרער די נפקא־מינה פון רוים און צייט: פון אַ זײַן איינס לעם דעם אַנדערן און אַ ווערן איינס נאָך דעם אַנדערן.

אין דער אמתן רעדט אויך די מאָדערנע וויסנשאַפט וועגן באַוועגונגען און וועגן אַ „וועלט־ליניע”, וועלכע באַקומט זיך, ווען אַ וואָסער עס איז זאַך באַוועגט זיך אין דעם פיר־דימענזיאָנאַלן רוים, וואו די צייט איז די פערטע דימענזיע.

מיר זאָגן זיך דאָ אָפּ פון ווייטערע דערקלערונגען וועגן דעם ענין. דאָס וואָלט אונדז אָוועקגעפירט צו ווייט און עס איז אויך ניט נייטיק פאַר אונדזער טעמע.

מיר פרעגן נאָר: וואָס האָט לסוף די מאָדערנע וויסנשאַפט געגעבן אונדז, מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין די פונדאַמענטאַלסטע יסודות פון דער וועלט?

דער רוים איז געוואָרן רעלאַטיוו. אונטער געוויסע באַדינגונגען קאָן ער אין גאַנצן פאַרשווינדן. גוט. אָבער בעת ער איז פאַראַן און אויף וויפל ער איז פאַראַן — וואָס איז ער אַזוינס? און ווי אַזוי קאָן ער זיך צונויפּ־ציען און אויסשפּרייטן? ציט ער זיך צונויף און שפּרייט זיך ווידער אויס אין דערווירקלעכער וועלט, אָדער נאָר אין דעם מאַטעמאַטישן חשבון פון דעם געלערנטן? און אויב אין דער ווירקלעכער וועלט: וואָס ברענגט אים אַרויס? פאַרוואָס ווערט די רוימלעכקייט געבאָרן אין זאַך נאָר דע־מאָלט, ווען די זאַך הייבט זיך אָן צו באַוועגן מיט אַ קלענערער געשווינדט־קייט, איידער די מאַקסימאַלע? פאַרוואָס וואַקסט די רוימלעכקייט אַלץ מער מיט דער אָפּשוואַכונג פון דער אָפּוועגונג? אָדער איז דער רוים אויף דער עלטער געוואָרן אַ בערגסאָניאַנער און האָלט אין איינעם מיט בערגסאָנען, אַז ער, דער רוים, איז אַן אָפּשוואַכונג, אַזוי צו זאָגן, אַ פאַנאַנדערלאָזן זיך, אַ פאַנאַנדערוואַרפן זיך פון אַ קאָנצענטרירטן לעבנס־אימפּולס?

און דערנאָך די צייט. לאָז זיין, זי איז אַ פערטע אויסמעסטונג פון דעם רוים, און אַז אויך די פאַראַנענהייט ליגט אַ פאַראַנענע, אַן אויסגעש־שפּרייטע, הינטער דעם איצטיקן מאָמענט, נאָר מיר קאָנען זיך ניט צו־

ריקקערן צו איר, ווייל מיר טראָגן זיך מיט דעם גאַנצן וועלט־שטראָם אין דער צוקונפט אַריין, וואָס איז שוין איצטער דאָ אַ פֿאַראַנענע, און מיר האַלטן אין איין פֿאָרן אַהין.

אָבער אין דעם דאָזיקן רוים און דער דאָזיקער צייט קומען דאָך פֿאָר באַוועגונגען, פֿאַרענדערונגען. ראובן בענטשט ציצית. ער טראָגט זיי צום מויל און טוט זיי אַ קוש. מען קאָן דאָך ניט ערנסט גלויבן, אַז דער ראובן, וואָס טראָגט זיי צו צום מויל, שטייט אַ פֿאַרגליווערטער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, הינטער יענעם ראובנען, וואָס טוט זיי אַ קוש. יענער ראובן איז דאָך אַ פֿאַרשוואונדענער, ווי ער איז פֿריער געווען אַ געוואָרענער. האָבן מיר דאָך דאָ ווידער אַ „ווערן״, „געוואָרן״ און „אויפֿהערן״ — קורץ, אַלע פֿונדאַמענטאַלע, כאַראַקטעריסטישע סימנים פֿון אַ צייט, וואָס פֿליסט, מיט וועלכער עס טראָגן זיך אַלע פֿיר אויסמעסטונגען פֿון דער וועלט. איז, וואָס איז זי אַזוינס די צייט? אויף אַזאַ׳ן אופֿן בלייבן דאָך אַלע שאלות, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט איר. די וועלט פֿון נעכטן שטייט דאָך ניט אַ פֿאַרגליווערטע אין דער פֿערטער דימענזיע, הינטער דער פֿערטער דימענזיע, הינטער דער וועלט פֿון היינט. זי איז דאָך אַן אָפּגעברענטע. און די וועלט פֿון מאָרגן איז נאָך ניטאָ. זי שטייט דאָך ניט אַ פֿאַרגליווערטע אין פֿאָרנט פֿון אונדז.

און אויב די צייט איז אין דער וועלט און ניט די וועלט איז אין דער צייט, איז דאָך די שריפֿה פֿון דער צייט נאָך אַן ערגערע זאַך פֿאַר דער וועלט. אין דער פֿאַר־איינשטיינער וויסנשאַפֿט האָט נאָך די וועלט אפֿשר געקאָנט דורכלויפֿן דורך דעם בראַנד. פֿאַרברענט, קאָן זיין, פֿלעגט ווערן נאָר יענע צייט, וועלכע די וועלט האָט שוין פֿאַרלאָזן. אויב אָבער די צייט איז אין דער וועלט, איז דאָך די וועלט אַ שטענדיקער אָפּברענען, אַ שטענדיקער פֿאַרזינקען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. ווי כאַפּט זי זיך אַריבער פֿון דער ניט־פֿאַראַנענקייט פֿון דער צוקונפֿט? פֿון דעם „ס׳איז געווען״ אין דעם „ס׳וועט זיין״?

ניט קלאָרער איז אונדז אויך געוואָרן די פֿונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פֿון דער באַוועגונג. איז דען אַ רעלאַטיווע באַוועגונג געוואָרן קלאָרער און נעענטער צום שכל, איידער אַן אַבסאָלוטע? איך וויל דאָ ניט נעמען נאָך אַ מאָל דערמאָנען דעם וואונדער פֿון יעדער באַוועגונג, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַשעפֿטיקט אין דער ערשטער לעקציע. דאָ מוז איך אָנדייטן אויף דעם נייעם וואונדער, וואָס קומט פֿון דער רעלאַטיוויטעט.

עס שטייט אַ צוג אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע. ער הויבט זיך אָן באַוועגן צו רעכטס־צו. די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע זאָגט: מיט דעמ־

זעלביקן רעכט קאָנען מיר אָננעמען, אַז דער צוג שטייט נאָך אַלץ, נאָר די סטאַנציע, מיט אַלץ אַרום, האָבן זיך גענומען באַוועגן צו לינקס־צו. גוט. אָבער אָט שטייען אויף דער סטאַנציע צוויי צוגן. איינער הויבט זיך אָן צו באַוועגן צו רעכטס־צו, און דער אַנדערער — צו לינקס־צו. אויך דאָ קאָנען מיר זאָגן: די צוגן שטייען אויף אָן אָרט, נאָר די סטאַנציע מיט דעם אַרום האָבן זיך גענומען אַוועקרוקן פון די צוגן. וואוהין אַוועקרוקן? צו לינקס־צו לגבי דעם צוג פון רעכטס? אָדער צו רעכטס־צו לגבי דעם צוג פון לינקס? אָדער אין איין־און־דערזעלביקער צייט איןביידע להיפּכדיקע ריכטונגען? מוזן מיר ניט אָננעמען, אַז אין אָט דעם פאַל געפינט זיך די סטאַנציע לגבי ביידע צוגן אין אַן „אַבסאָלוטער" רו און אַז לפּחות איין צוג געפינט זיך אין אַן אַבסאָלוטער באַוועגונג לגבי איר?

ניין, דאָס מוזן מיר ניט. ווי ריינע וויסנשאַפטסלייט וועלן מיר די באַוועגונג אין גאַנצן אַראָפּוואַרפן פון חשבון. מיר וועלן נאָר קאָנסטאַטירן, אַז דער מהלך צווישן די צוויי צוגן און צווישן יעדן איינעם פון זיי און דער סטאַנציע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. און אַזוי וועלן מיר טאָן מיט אַלע אַרטן און פאַלן פון באַוועגונגען. מיר וועלן נאָר קאָנסטאַטירן, אַז דער מהלך צווישן צוויי פונקטן ווערט קלענער אָדער גרעסער און אין וואָס פאַר אַ ליניע דאָס קומט פאָר. און וואָס עס באַוועגט זיך לגבי וואָס — זאָל דעמאָלט זיין ניט דער וויסנשאַפטס דאגה. זי קאָן דערביי אויסגעפינען די „מאַטעמאַטישע פאָרמולע" און דאָס איז פאַר איר גענוג.

לאָז זיין, דאָס איז ניט דער וויסנשאַפטס דאגה, אָבער דאָס איז אונדזער דאגה. מיר קאָנען די באַוועגונג ניט אַראָפּוואַרפן פון חשבון. און מיר ווילן וויסן, וואָס עס באַוועגט זיך לגבי וואָס. און מיר ווילן וויסן, וואָס אַזוינס איז די באַוועגונג, ווי אַזוי איז זי מעגלעך, פון וואַנען זי נעמט זיך, און צי איז די באַוועגונג, וואָס איז אַ פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט אין דערווירקלעכער וועלט, און ניט נאָר אַ דמיון אין אונדז, ווי די באַוועגונג פון דעם עראָפּלאַן אויף דעם לייוונט אין אַ קינאָ.

און פונקט ווי די נייע וויסנשאַפט האָט אונדז ווייניק געהאָלפן צו פאַרשטיין דעם ענין באַוועגונג, אַזוי ווייניק קאָן זי אונדז באַפרידיקן אין איר נייעם באַגריף וועגן געזעצמעסיקייט. עס וואָלט געוויס געווען אַ געוואַלטיקער אויפטו, ווען מען וואָלט אַלע געזעצן און נויטווענדיקע שייכותן אין דער נאַטור געקאָנט פאַרוואַנדלען אין מאַטעמאַטישע „פונקציעס" און אויסגעפינען זייערע פאָרמולעס. דאָס איז נאָך דערווײַלע ניט

דערגרייכט געוואָרן אין גאַנצן, אפילו אין די פונדאַמענטאַלע וויסנשאַפטן, מיט וועלכע מיר האָבן איצטער צו טאָן.

ווער רעדט שוין דערפון, אַז דאָס איז נאָך דערווייל ניט מער ווי אַ טרוים, ווען מיר גייען איבער צו אַזוינע וויסנשאַפטן, ווי די ביאָלאָגיע — די וויסנשאַפט פון לעבן, פסיכאָלאָגיע — די וויסנשאַפט פון די גייסטיקע דערשיינונגען; סאָציאָלאָגיע — די וויסנשאַפט וועגן די פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן — און די געשיכטע — די וויסנשאַפט פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אין קיינער פון זיי זיינען מיר נאָך ניט ביכולת צו פאַרוואַנדלען קאַוזאַלע שייכותן פון אורזאַכן און ווירקונגען אין פונקציאָנאַלע שייכותן פון אַ ריין מאַטעמאַטישער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט.

אָבער אפילו ווען דאָס זאָל ווען עס איז געשען, וועט דעמאָלט דער גאַנצער וועלט־פּראָצעס זיין אַ פאַרווירקלעכונג פון מאַטעמאַטישע געדאַנקען און פאָרמולעס. און די שאלה וועט נאָך שאַרפער אויסוואַקסן: ווי ווירקט אַ מאַטעמאַטישער געדאַנק אויף רעאַלע פּאַסירונגען? פאַרוואָס מוז די רעאַליטעט טאַנצן נאָך דעם שפּיל פון דעם מאַטעמאַטישן חשבון? און מוז זי דאָס אין דער אמתן?

אַט זיינען איצטער אַ סך געלערנטע בכלל מסופק אין דעם גאַנצן ענין פון דעטערמיניזם, פון יענעם געדאַנק, אַז אַלץ אין דער נאַטור מוז זיך אָפּשפּילן לויט אַ געוויסער נויטווענדיקייט, וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער קאָנען אויסגעפאָרשט ווערן. און דעם ספק זייערן באַווייזן זיי מאַטעמאַטיש, אויף דעם סמך פון געוויסע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פּראָצעסן, וועלכע זיי שטודירן.

און וואָס גיט אונדז די נייע וויסנשאַפט וועגן דעם — ווי מען האָט געגלויבט — סאַמע לעצטן תוך פון דער וועלט, דער וועלט־מאַטעריע. מיט איר, דער אַרעמער, האָבן מיר כמעט זיך גאַרניט באַשעפטיקט. אָבער וואָס קאָנען מיר איר, נעבעך, העלפן? די גרונט־וויסנשאַפטן ווילן איצטער פון איר ניט וויסן. דער אַמאָליקער, זייער בכבודער מאַטעריעלער אַטאָם, וואָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער גאַנצער באַלעבאָס אויף דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, איז איצטער אַליין, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אַן עבד כנעני ביי אַ גאַנץ אַנדער פּרינציפּ, ביי דער באַוועגונג, ביי דער ענערגיע.

מיר האָבן געזען, אַז דער מאַטעריעלער אַטאָם באַשטייט גאַרניט פון מאַטעריע, נאָר פון „פּראָטאָנען" און „יאָנען", פון „ליידיקע לעכלעך, אָנגעלאָדענע מיט עלעקטרישער ענערגיע", אַזוי, אַז „דער גאַנצער וועלט־

בייגל באַשטייט פון אַזעלכע לעכלעך און קיין עצם בייגל איז גאָר אין אַ מציאות ניטאָ", ווי איך האָב מיך אויסגעדריקט אין אַן אַנדער אָרט.

גוט. ווען מיר אַנשטאָט דער מאַטעריע נעמען די „ענערגיע", הגם וואָס אַזוינס עלעקטרישע ענערגיע איז אין זיך גופא ווייס קיינער ניט.

דער שפּיצל אָבער, וואָס עלעקטרישע ענערגיע טוט מיט אונדז אָפּ אין דער נייער וויסנשאַפט איז אַזאַ. די דאַזיקע ענערגיע — דער, אַזוי צו זאָגן, ניט מאַטעריעלער, אָבער פּאָרט ממשותדיקער יסוד פון דער וועלט — פליסט ניט אין אַ שטענדיקן שטראָם, נאָר מיט אינטערוואַלן; אַזוי צו זאָגן, איינצלנע טראָפּן־ווייז. דאָס האָט באַוויזן פֿאָן פּלאַנק מיט זיין „קוואַנטן־טעאָריע", וואָס ווערט איצטער אויך אָנגענומען פון אַלע ערנסטע פאָרשער. די עלעקטריציטעט טוט אַ טראָפּן און הערט אויף, טוט ווידער אַ טראָפּן און הערט ווידער אויף. און אַזוי כסדר.

האָבן מיר דאָ אַ גרויסן אונטערשייד צווישן דעם אַלטן אַטאָם, וואָס האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו עקזיסטירן אייביק, אָן אַן איבעררייס און אָן אַ וועלכער עס איז פאַרענדערונג, און דעם איצטיקן וועלט־יסוד, דער עלעקטרישער ענערגיע, וואָס ניט נאָר איז זי אַ כסדרדיקער „ווערן", נאָר דערצו נאָך אַ „ווערן" מיט שטענדיקע איבעררייסן, מיט אינטערוואַלן פון איין „טראָפּן" ביז דעם אַנדערן.

פון וואַנען ווערט די דאַזיקע עלעקטרישע ענערגיע? און ווען זי ווערט איבערגעריסן — ווען און וואָס באַנייט זי? פון וועלכן מקור שטאַמט זי אַרויס? ניט פון דער מאַטעריע, ווייל די מאַטעריע שטאַמט דאָך ערשט אָפּ פון איר. ניט פון דעם רוים און ניט פון דער צייט. נעמט איר זיי, ווי אין דער אַלטער וויסנשאַפט, ווי ליידיקע „גאָרנישטן", אין וועלכע עס שפּילט זיך אָפּ דער וועלט־פּראָצעס. קאָנען דאָך גאָרנישט גאָרנישט ניט אַרויסברענגען. אלא, איר נעמט זיי, מיט איינשטיינען, ווי פיזיקאַלישע אייגנשאַפטן, דעמאָלט געפינען זיי זיך דאָך אין דעם וועלט־יסוד, פאַרענדערן זיך אין איינעם מיט זיין געשווינטקייט, און קאָנען אים דעריבער ניט אַרויסברענגען.

זאָל די עלעקטרישע וועלט־ענערגיע אָפּשטאַמען פון דער באַוועגונג? פון וועלכער? באַוועגן זיך דאַרף זיך, דוכט מיר, אַן „עפּעס". און דער לעצטער „עפּעס", צו וועלכן עס ווערט צוגעפּירט דער ממשותדיקער פּראָצעס פון דער וועלט, איז... די עלעקטרישע ענערגיע. היינט ווען זי פאַרשווינדט אַלע ווילע, וועלכער עפּעס, אַ חוץ איר, קאָן זי באַנייען?

איר זעט: די נייע וויסנשאַפט האָט אונדז ניט גרינגער געמאַכט די דערקלערונג פון דער וועלט. זי האָט זי נאָך שווערער געמאַכט. זי אַליין,

די וויסנשאַפט, מיין איך, קאָן די דאָזיקע אַלע פראַגן ניט פאַרענטפערן, און איז גאָרניט מחויב צו פאַרענטפערן. די וויסנשאַפט וויל האָבן גענױ־כּערטן וויסן. איר אויפגאַבע ווערט דורכגעפירט בשלימות, ווען זי פאָרשט אויס די דערשיינונגען פון דער וועלט, מעסט זיי אויס, חשבונט זיי אויס, באַשרייבט זיי אַזוי טריי ווי מעגלעך, און געפינט אויס זייערע נויטווענ־דיקע שייכותן אַזוי פּינקטלעך, אַז זיי קאָנען אַריינגעבראַכט ווערן אין אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע. און אויב פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָר־מולע ווערט נאָך געשלאָגן אַ בריק צו דער פּראַקטישער באַהערשונג פון נאַטור, צוליב מענטשלעכע צילן, קאָן מען שוין פון איר, פון דער וויסנ־שאַפט, אוודאי שוין מער גאָרנישט ניט מאָנען.

אָבער די מענטשלעכע באַדערפענישן קאָנען אין דער דערקענטעניש פון דער וועלט זיך ניט באַנוגענען מיט אַ וויסן, ווי זיכער ער זאָל ניט זיין. ער, דער מענטש, וויל אויך קלאָר פאַרשטיין די וועלט, אין וועלכער ער לעבט. ער וויל, זי זאָל זיין דורכזעעוודיק פאַר זיין מענטשלעכן שכל. ער וויל דורך באַטראַכטונגען זיך משער זיין איר אינעווייניקסטן זין, כּדי צו קאָנען פאַרענטפערן די שאלה אויך וועגן דעם זין און באַדייט פון זיין אייגענעם מענטשלעכן לעבן, וואָס איז אַ טייל פון דער וועלט.

דעריבער שטעלט דער מענטש שאלות, וואָס שטייגן אַריבער די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט, און מוז זוכן ענטפערס אויף זיי מיט מיט־לען, וואָס אים קאָן די וויסנשאַפט ניט געבן.

אָט פון דער באַדערפעניש זיינער איז אויסגעוואַקסן אַ באַזונדער קול־טור־צווייג אויף דעם בוים פון עץ־הדעת, וואָס רופט זיך פילאָסאָפיע, „חכמה״.

אין אַן אַנדער אָרט, אין מיין געשיכטלעכן אַריינפיר אין דער פּי־לאָסאָפיע, האָב איך געפּרוּווט אַנאַליזירן יענע באַזונדערע אינטערעסן פון דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס וואַקסן אַרויס פון דעם וואָרצלהאַפטן אינטערעס: ״אויסצומאָלן אַ קלאָרן בילד פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט דערקלערן דעם אינדיווידואום דעם זין פון זיין עקזיסטענץ, אָנווייזן אים דעם ריכטיקן וועג פון לעבן און דאָס העכסטע ציל, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיינע אויגן״. איך האָב דאָרטן געפּראָוווט באַווייזן, אַז דער מענטשלעכער שכל אַרבעט אויף אָט דער אויפגאַבע, אַזוי צו זאָגן, מיט פאַרשיידענע, ריין גייסטיקע געצייג — „פּי־לאָסאָפישע בוי־פּרינציפּן״ האָב איך זיי אָנגערופן — איך האָב מיך אויך געמיט אויסצוגעפינען, וואָס פאַר אַ ראָלע יענע פאַרשיידענע געצייג האָבן געשפּילט ביי דעם אָדער יענעם פילאָסאָף.

מען קאָן מסכּים זיין מיט יענעם בליק מיינעם אָדער ניט. מען קאָן אים אָננעמען גאַנץ, אָדער מיט פאַרשיידענע אויסבעסערונגען. זיכער איז אָבער, אַז מיט דעם זיכערן וויסן אַליין, וואָס די וויסנשאַפט קאָן געבן דעם מענטשלעכן גייסט, איז ער, דער מענטשלעכער גייסט, ניט צופרידן.

איך זאָג מיט אַ כּיוון: דער מענטשלעכער גייסט. איך זאָג ניט: יעדער מענטש. קיין איינצל־מענטש איז ניט מחויב צו בענקען נאָך אַן איינהייטלעכן, קלאָרן וועלט־בילד. דאָס איז אויך ניט מחויב דער וויסנשאַפטס־מענטש. פאַראַן אַ סך זייער גרויסע און זייער ערנסטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשער, וואָס זייער דערקענטעניש־דאָרשט ווערט געשטילט, ווען זיי האָבן אַ זיכערן וויסן, לאָז זיין אַ טייל וויסן, וועגן דעם ענין, וואָס באַשעפטיקט זייער גייסט. בפרט ווען אָט דער זיכערער וויסן ווערט אויסגעדריקט אין אַ פּינקטלעכער מאַטעמאַטישער פאָרמולע.

און זאָל לויט דער דאָזיקער פאָרמולע אויסקומען, אַז יעדע באָבע דאַרף געבוירן ווערן פון איר אייגענעם אור־אייניקל, וואָס איז דער באָבעס זיידנס אַן עלטער־פעטער — וואָס איז דאָס זיין באָבעס דאגה? אויב ער זאָגט: עס איז ניט זיין דאגה, מוזן מיר אים לאָזן צורו. ער האָט אַלעמאָל אַ רעכט צו זאָגן: „איך גיי אין מיינע דערקענטעניש־באַדערפענישן אַזוי ווייט ווי עס גייט די וויסנשאַפט פון מיין דור, מיט אירע מעטאָדן און מיט איר געצייג. די קאָפּ־ברעכעניש וועגן פראַגן וואָס טרעטן אַריבער אָדער די גרענעצן פון די וויסנשאַפטן, אָדער אירע מעגלעכקייטן, לאָז איך איבער צו יענע, וואָס האָבן אַן אינטערעס אין דעם. איך פון מיין זייט, בין צופרידן מיט די אוצרות, וואָס די וויסנשאַפט פאַרמאָגט און וואָס זי קאָן געבן".

אויב אַזאַ וויסנשאַפטסמאַן איז ערלעך צו זיך אַליין, און לייקנט ניט אָפּ דאָס רעכט פון דעם מענטשלעכן גייסט, ד"ה דעם גייסט פון אַנדערע מענטשן, צו זיין אומצופרידן מיט די רעזולטאַטן פון די וויסנשאַפטן און זוכן אין דער פילאָסאָפיע ענטפערס אויף די ניט פאַרענטפערטע שאלות — טאָר מען צו אַזאַ וויסנשאַפטסמאַן — און צו אַלע זיינע נאָכגייער פון דעם גרויסן געבילדעטן עולם — גאָרנישט ניט האָבן.

אָבער אַזעלכע וויסנשאַפטסלייט זיינען געווען זייער זעלטן אין דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט און נאָך ווייניקער האָבן זיי געהאַט אָנהענגער ביי דעם גרויסן געבילדעטן עולם. די גרעסטע צאָל אָנהענגער האָבן זיי געהאַט ביי דעם ראַדיקאַלן טייל זיינעם. יעדער ראַדיקאַל האָט געהאַלטן, ווי מיר האָבן דאָס שוין דערמאָנט, אַז די איינציקע דערקענטעניש, צו

וועלכער דער מענטש זאָל שטרעבן, איז די דערקענטעניש, וואָס די וויסנ־שאַפט גיט.

איינציקע האָבן אין איינעם מיט ענגעלסן געגלויבט, אַז די פילאָ־סאָפיע האָט שוין פאַרענדיקט דעם ציקל פון איר אַנטוויקלונג, און אַז אירע רעזולטאַטן — דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם — האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וויסנשאַפט, ווי דער איינציק־מעגלעכער שטאַנד־פונקט, וואָס דאַרף הערשן אין זיי.

אַנדערע ווידער האָבן, ווי אָגיוסט קאָנט און די פּאָזיטיוויסטן, אַרייג־געלייגט אין חרם די פילאָסאָפיע — דער עיקר, די מעטאַפיזישע — ווייל זי איז אַן אוטאָפּיע, אַ יוגנטלעכע ראָמאַנטיק, ווייל זי שטעלט זיך צילן, וואָס קאָנען ניט דערגרייכט ווערן. דערוואַקסענע מענטשן דאַרפן זיך באַפרייען פון יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס.

ביידע שטאַנדפּונקטן זיינען געווען פאַרשטענדלעך אין אַ צייט, ווען די וויסנשאַפטן האָבן געקעמפט פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט פון דער פילאָסאָפיע, ווען זיי זיינען געגאַנגען פון טריאומף צו טריאומף, און יע־דער טריאומף האָט געבראַכט אַ נייע אויפקלערונג און באַלייכטונג אין די פּראָצעסן פון דער וועלט. דעמאָלט האָבן אַ סך ראַדיקאַל־געזינטע מענטשן געקאָנט לעבן מיט דער האָפענונג, אַז אַלץ וועט סוף־כל־סוף דערקלערט ווערן, ווי אַ באַוועגונגס־פּראָצעס אין דער וועלט־מאַטעריע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דעם רוים און אין דער צייט און ווערט באַהערשט פון אייביקע קאַוזאַלע געזעצן.

כל זמן די וויסנשאַפט גופא האָט נאָך געקאָנט גלויבן אין דער אַב־סאָלוטקייט און אייביקייט פון אָט די פינף פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון דער וועלט: רוים, צייט, מאַטעריע, באַוועגונג, קאַוזאַל־געזעץ, האָט נאָך דער וויסנשאַפטסמאַן געקאָנט קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף דער פי־לאָסאָפיע, און ענטפערן מיט ביטול אויף אַלע אירע טענות:

„נו, ווייסן מיר ניט, וואָס אַזוינס זיי זיינען און ווי עס איז מעגלעך זייער עקזיסטענץ. אָבער זיי זיינען, און מיר קאָנען מיט אונדזער וויסנ־שאַפטלעכע מעטאָדן אויסגעפינען, וואָס איז זייער ראָלע אין די איינצלנע פּראָצעסן פון דער וועלט און אין דעם גאַנצן־וועלט־באַשאַף״.

איצטער זיינען אַזוינע רייד געוואָרן אוממעגלעך.

איצטער דערציילן אונדז אַ סך וויסנשאַפטסלייט, אַז זיי ווערן גע־טריבן צו באַשעפטיקן זיך מיט ריין פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, ווייל אַז ניט — ווייסן זיי ניט וואו אויס און וואו איין אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג גופא.

און קיין חידוש ניט. פריער איז דער וויסנשאַפטלעכער האָריזאָנט געווען אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן מיט די „אייביקע" בערג: רוים, צייט, מאַטעריע, באַוועגונג, קאַוזאַלער געזעץ. ווער ס'האָט דעמאָלט זיך ניט געקאָנט אויסאיינען מיט אַזאַ אַרומגעגרענעצטן וויסן פלעגט זיך דאַרפן אויפהויבן אויף דעם עראָפּלאַן פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, כדי אַריינ־צובליקן וואָס עס טוט זיך הינטער זיי.

איצטער האָט די וויסנשאַפט גופא געמוזט דורכגראָבן טונעלן דורך די דאָזיקע בערג. דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן פראַגע־צייכן: פון וואַנען די דאָזיקע בערג? זיי זיינען דאָך ניט אייביק! זיי זיינען דאָך אַזוי פאַרענדערלעך! און וואָס איז זייער באַדייט?

דערמיט גופא ווערן אַ סך וויסנשאַפטלעכע פאַרשער געצוואונגען אַ לאָז צו טאָן זיך שווימען אין דעם ים פון ריינער פילאָסאָפיע, און קיין ערנסטער וויסנשאַפטסמאַן קאָן שוין איצטער ניט אָפּלייקענען דעם זעלבסט־שטענדיקן כאַראַקטער פון דעם פילאָסאָפישן פאָרשן און טראַכטן.

לאָזט מען זיך אָבער אַריין אין דער פילאָסאָפיע, דאַרף מען געדענקען, אַז דאָס איז אַ ים, און אַז אויך דערמיט שיידט זיך אָפּ די פילאָסאָפיע פון דער וויסנשאַפט, וואָס זי — די וויסנשאַפט, מיין איך — קאָן פאַרגליכן ווערן צו אַ שטראָם אין דער יבשה פון דער „רעאַלער וועלט" און ניט צו אַ ים.

אַ שטראָם טראָגט זיך אַלץ פאָראויס, און זיין לויף ווערט באַשטימט דורך דעם געאָלאָגישן כאַראַקטער פון דער געגנט, וועלכע ער פליסט דורך. ער קאָן בייטן זיין ריכטונג, זיך אַפילו אַמאָל אַ קער טאָן אין אַן אַנט־קעגנדיקער ריכטונג, זיך פאַנאַנדערשפּאַלטן אין איינצלנע שטראָמען, זיך ווידער צונויפגיסן אין איינעם, פליסן אַ צייט רואיק, אָדער אויך אָנ־נעמען אַ ברויזנדיקן טעמפּאָ, אָדער זיך גאָר פאַרוואַנדלען פאַר אַ צייט אין אַ שטורעמדיקן, רעשדיקן וואַסערפאַל. דאָס אַלץ ווערט אַרויסגע־בראַכט פון די אָביעקטיווע נאַטור־באַדינגונגען פון דער יבשה, וואָס באַ־שטימען דעם וועג פון דעם שטראָם.

אַזוי אויך מיט דער וויסנשאַפט. איר וועג איז באַשטימט דורך דעם פּראָצעס פון דער אָביעקטיווער דערפאַרונג, און פון אַלע מאָמענטן, וואָס ווירקן אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס. די אָביעקטיווע רעאַלע וועלט שפּילט דאָ די ראָלע פון דער זיכער'ער פעסטער יבשה, וואָס באַשטימט דעם לויף פון דער וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג. ווען פאַקטן באַווייזן, אַז די ערד איז קיילעכדיק, מוז די וויסנשאַפט גיין אין אָט דער ריכטונג. ווען מאַ־

טעמאַטישע און לאָגישע חשבונות צווינגען אַרויף אויפן שכל, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, מוז דער ווייסנשאַפטלעכער שטראָם גיין אין אַט דעם וועג, ביז אַנדערע פאַקטן וועלן אַרויפצווינגען אויף איר אַ קער אין אַן אַנדער ריכטונג.

די פילאָסאָפישע געדאַנקען־וועלט דאַרף אָבער צוגעגליכן ווערן מער צו אַ ים, איידער צו אַ שטראָם. דאָ פעלט זייער אָפּט דער אָביעקטיוו פאָרגעצייכנטער וועג. מען קאָן דאָ פאָרן אין די פאַרשיידענע ריכטונגען. די דערפאַרונג פון דער ווייסנשאַפט קאָן דערבײַ דינען ווי אַ קאָמפּאַס, כּדי צו אָריענטירן זיך אין דעם אייגענעם וועג, אָבער ניט יעדער פילאָסאָף איז געצוואונגען דווקא צו אָריענטירן זיך אויף אַט דעם קאָמפּאַס. פאַראַן פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס באַטראַכטן די גאַנצע, אַזוי אָנגערופענע רעאַלע וועלט, ווי זי ווערט געשטודירט אין די ווייסנשאַפטן, נאָר ווי אַ דמיון אין אונדז, פון וועלכן דער פילאָסאָף דאַרף זען צו באַפרייען זיך אויף דעם גרינטלעכסטן אופן, אויב ער וויל באמת דערגיין דעם „אמתן אמת".

מיר האָבן דאָ מיט אַזוינע אויסטערלישע, אויסערגעוויינטלעכע ריכ־טונגען ניט צו רעכענען זיך. פאַר דאָס רוב פילאָסאָפישע שטרעבונגען פון דער נייער צייט — און אַט די נייע צייט איז שוין אויך אַלט אַן ערך אַ פיר הונדערט יאָר — איז די ווייסנשאַפט געוואָרן דער קאָמפּאַס, וואָס באַשטימט דעם וועג.

אָבער אויך די, וואָס פאָרן מיט דעם דאָזיקן קאָמפּאַס האָבן פאַר זיך אָפענע וועגן אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. און עס זיינען טאַקע דערפאַר אַרויסגעבראַכט געוואָרן און עס הערשן נאָך עד־היום די פאַר־שיידנסטע פילאָסאָפישע געדאַנקען־וועלטן.

אין מיין ערשטער לעקציע זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן מיט ענגעלס געדאַנק, אַז די פילאָסאָפיע איז אויך אַ מין שטראָם, וואָס האָט זיך גע־מוזט טראָגן אין אַ באַשטימטן וועג, ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם „דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם" און האָט זיך דאָ גופא אויף אייביק אַריינגעגאָסן אין דער ווייסנשאַפט. באַפאַרבנדיק אירע וואַסערן אויף איי־ביק מיט זיין קאָליר.

אַט דעם געדאַנק ענגעלס קאָנען מיר איצטער דערקלערן פאַר אַן אַבסאָלוט פאַראַלטעטן, אַן אין גאַנצן אַן אָפּגעלעבטן. די וואַסערן פון דעם איצטיקן ווייסנשאַפטלעכן שטראָם האָבן זיך ראַדיקאַל אָפּגערייניקט פון דעם מאַטעריאַליסטישן קאָליר, זינט דער גרונט־פּרינציפּ פון דער איי־

ביקער מאַטעריע גופא איז אין גאַנצן אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז אַ רעגירונג, וואָס וויל מיט צוואַנג־מיטלען ניט דערלאָזן, אַז דער יוּסנשאַפטלעכער גייסט זאָל גיין אין זיינע אייגענע וועגן, וועט פונקט אַזוי ווייניק קאָנען פאַרהאַלטן זיין אַנטוויקלונג, ווי ווייניק דער קאַטויילישער גלויבן האָט געקאָנט אים פאַרהאַלטן, ווען דער קאַטאָליציזם האָט זיך איינגעעקשנט אויף דער פילאָסאָפיע פון אַריסט־טאָטעלן, און האָט ניט געוואָלט וויסן פון קאָפּערניקס רעוואָלוציע.

דער וויסנשאַפטלעכער שטראָם איז אין זיין אייגענעם לויף צוגע־פלאָסן צו דעם סאַמע לעצטן ברעג פון דער יבשה, פון דעם רעאַלן וועלט־געשעען, און פליסט איצטער, אַזוי צו זאָגן, פּאַראַלעל צו יענעם ברעג, ניט ווייט פון אים, אַזוי, אַז ניט איין וויסנשאַפטסמאַן דערשפּירט די לוסט אַרויסצושפּרינגען פון זיין וויסנשאַפטלעכן שטראָם און „כאַפּן אַ שווים" אין דעם פילאָסאָפישן ים, אַראָפּלאָזן זיך דאָרטן אויף דעם „ים־גרונט", כדי אויסצוגעפינען דעם סוד פון דער גאַנצער יבשה.

ווי געזאָגט: ניט יעדער וויסנשאַפטסמאַן איז דאָס מחויב צו טאָן. אָבער דער, וואָס טוט דאָס, דאַרף געדענקען, אַז אין דעם פילאָסאָפישן ים קאָן מען שווימען אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. מען קאָן זיך האַלטן האַרט ביים ברעג פון דער יבשה, פון דעם עמפּירישן רעאַלן געשעען. מען קאָן זיך אָבער אויך אַוועקלאָזן אין די גאָר ווייטע־ווייטן, וואו די „יבשה" — די רעאַלע וועלט — פאַרשווינדט אין גאַנצן פון דעם אויג.

איר קאָנט דאָ פון מיר ניט דערוואַרטן, איך זאָל איצטער, אין איינעם מיט אייך, „כאַפּן אַ שווים" אין די ווייטע־ווייטן, כדי מיר זאָלן באַקאַנט ווערן מיט די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע געדאַנקען־וועלטן, וואָס מען טרעפט דאָרטן אָן.

פאַר מיר איז נאָר וויכטיק געוועזן, קודם־כל, צו מאַכן אייך אַזוי קלאָר, ווי דאָס איז פאַר מיר געוועזן מעגלעך אין די ענגע גרענעצן פון אַ פּאָר לעקציעס, אַז דעם פילאָסאָפישן ים וועט די וויסנשאַפט ניט אויסטריקע־נען. אַלע נייע און נייע ים־פאָרער זוכן זיך אויס, אַלץ אין טיפערע און טיפערע אָפּגרונטן לאָזט מען זיך אַראָפּ און אַלץ אינטערעסאַנטערע גע־דאַנקען־קאָמבינאַציעס ברענגט מען אַרויף פון דער טיף. נאָר אַ פּאָר געדאַנקען מוזן מיר דאָ אַנטוויקלען, כדי צו קאָנען איבערגיין צו דעם דריטן צווייג אויף דעם „עץ־הדעת", דער רעליגיע.

די פאַרשיידנסטע פילאָסאָפישע געדאַנקען־וועלטן אָדער וועלט־גע־דאַנקען קאָן מען איינטיילן אין די פאַרשיידנסטע רובריקן, לויט די פאַר־שיידנסטע שטאַנדפּונקטן. דאָ ווילן מיר דערמאָנען נאָר דריי קלאַסן זיי־ערע. אין איין קלאַס ווערן געהערן אַלע יענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס באַשעפטיקן זיך ניט מיט דעם וועלט־פּראָצעס, נאָר מיט די פּראָצעסן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, וואָס נעמען אויף דעם וועלט־פּראָצעס.

די צוויי אַנדערע קלאַסן שטרעבן צו באַטראַכטן דעם וועלט־פּראָצעס גופא.

צו איין קלאַס אַזאַ געהערן אַלע יענע פילאָסאָפיעס, וואָס נעמען אָן, אַז דער גאַנצער אַלוועלטלעכער פּראָצעס האָט אַ געדאַנקלעכן, באַוואוסט־זיניקן מיין און צוועק, אַ נאָענטן צו דעם מענטשנס אייגענע באַוואוסט־זיניקע צוועקן און אידעאַלן. אָט דער קלאַס גלויבט, אַז דער „אַפּריער" אין דער וועלט איז דער באַוואוסטזיין (ניט דער מענטשלעכער באַוואוסט־זיין, נאַטירלעך). און פון אָט דעם וועלט־„באַוואוסטזיין" שטאַמט ערשט דער וועלטלעכער „זיין". און דערביי איז קיין נפקא מיניה ניט, צי דער „אַפּריער" ווערט גענומען אין אַ צייטלעכן זין, אָדער אין אַ ריין לאָגישן, ווי ווען איך זאָג, צב״ש אין דער מאַטעמאַטיק, אַז אין אַ דריי־ווינקל זייַנען „אַפּריער" זייַנע דריי זייטן און „דערנאָך" — זייַנע דריי ווינקלען.

דער צווייטער קלאַס פילאָסאָפישע סיסטעמען האַלט, אַז דער אַל־וועלטלעכער פּראָצעס האָט בכלל ניט קיין געדאַנקלעכן, באַוואוסטזי־ניקן מיין און צוועק. אָט די סיסטעמען גייען מיט דעם כלל, אַז „אַפּריער" איז דער „זיין" און ערשט פון אים שפּרינגט נאָכדעם אַרויס דער „באַ־וואוסטזיין". און דער דאָזיקער „באַוואוסטזיין" מיט זיין גאַנצער געדאַנקען־וועלט קאָן פאָרקומען נאָר דאָרטן, וואו עס איז דאָ — ווי ביי די חיות און ביי די מענטשן — אַ געהירן, וואָס דענקט.

מיינט אָבער ניט, אַז אין אָט דעם קלאַס גייען אַריין נאָר די מאַטע־ריאַליסטישע סיסטעמען. עס זייַנען דאָ אויך ניט־מאַטעריאַליסטישע דענקער, וואָס שטייען אויף דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט פון „אַפּריער זיין, דערנאָך באַוואוסטזיין".

דער גענױאַלסטער פון זיי איז שאָפּענהאַוער, וואָס האָט געלערנט, אַז דער תוך פון דער וועלט איז אַן אומבאַוואוסטזיניקער, אַן אומזיניקער, אַ „בלינדער" ווילן צו עקזיסטענץ; אַז געדאַנקען און באַוואוסטזיין קומען נאָר פאַר אין געהירן, און פאַרשווינדן אין איינעם מיט אים. אין זייַנע אויסדרוקן וועגן דעם ענין איז ער אָפטמאָלס געווען נאָך שאַרפער איידער

דער מאַטעריאַליסט. ער זאָגט צום ביישפּיל: „ווי די אייער שיידן אויס זרע, אַזוי שיידט דער געהירן אויס געדאַנק". „צום איבערקאָכן שפּייז דאַרף מען אַ מאָגן; צו דענקען — אַ געהירן". אד"גל. אין דעם וועלטלעכן פּראָצעס זאָל מען דעריבער ניט זוכן קיין זין. און דערפאַר איז אויך דער מענטשלעכער לעבן ווי די גאַנצע וועלט — דער ריינסטער אומזין און ווידערזין.

אין דעם זעלביקן קלאַס קאָן מען אויך אַוועקשטעלן עדוואַרד האַרט־מאַנס „פילאָסאָפיע פון דעם אומבאַוואוסטזיניקן", וואו דער זין פון דער וועלט, דער „תוך" זיינער, איז אַן אומבאַוואוסטזיניקער געמיש פון ווילן און דענקען. האַרטמאַן האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, וואָס רעדט וועגן די אומבאַוואוסטזיניקע פּראָצעסן אין דער מענטשלעכער נשמה.

דער באַרימטער פּסיכאָלאָג, זיגמונד פרויד, גייט אין דער וויסנשאַפט אין יענע וועגן, וועלכע האַרטמאַן האָט דורכגעבראָכן אין פילאָסאָפיע. אויך פאַר פרוידן איז „פריער דאָס זיין, דערנאָך דאָס באַוואוסטזיין".

אַהערצו וועט אויך געהערן די פילאָסאָפיע פון „דיאַלעקטישן מאַ־טעריאַליזם", אויב איר זאָל זיך איינגעבן אויסצובויען אַן אַנדער באַגריף פון „מאַטעריע", איידער דער, וואָס האָט געהערשט אין דער פאַר־איינ־שטיינישער וויסנשאַפט. אָבער דער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם" דאַרף דערביי געדענקען און קלאָר איינזען, אַז ער איז ניט וויסנשאַפט, נאָר אַ פילאָסאָפיע, איינע פון די פילע מעגלעכע פילאָסאָפיעס; אַז ער שווימט אין דעם פילאָסאָפישן ים, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ באַ־שטימטן גרונט זיינעם, און אַז קיינער איז ניט מחויב אַראָפּצולאָזן זיך דווקא אויף יענעם אָרט אין ים, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך.

און צו דעם זעלביקן קלאַס געהערן נאָך אַנדערע פילאָסאָפן, גאַנץ אָדער נאָר צום טייל.

ווער עס שווימט מיט אָט דער ריכטונג, איז פּטור פון דער שאלה וועגן דעם זין פון דעם אייגענעם מענטשלעכן לעבן, און האָט קיין ברעקל נויטווענדיקייט ניט אין דעם געדאַנק פון אַ וועלכן עס איז וועלט־גאָט.

גאַנץ אַנדערש די אַנדערע ריכטונג — אָט די, וואָס גלויבט און זוכט צו באַווייזן אַז די וועלט מוז האָבן אַ זין און אַ באַדייט, וואָס איז נאָענט צו די מענטשלעכע אידעאַלן. אַזעלכע פילאָסאָפן קאָנען ניט זען דעם לעצטן מקור פון זייער אייגענער עקזיסטענץ און פון זייערע אידעע־אַלן אין אַן אומזיניקן שפּיל פון בלינדע נאַטור־כוחות. זיי ווערן גע־

צוואונגען צו זוכן דעם לעצטן גרונט און מקור פון דער וועלט איז אַ באַוואוסטזיניק־גייסטיק שאַפנדיקער קראַפט.

אויף אַזאַ׳ן אופן דערגרייכן זיי גייסטיק יענעם גרענעץ, וואו די פי־לאָסאָפיע הערט אויף צו זיין פילאָסאָפיע, וואו דער ים גיסט זיך צונויף, אַזוי צו זאָגן, מיט דעם הימל פון דעם רעליגיעזן פילן און גלויבן. און אַזוי קומען מיר אַרויף אויף דעם דריטן צווייג פון דעם „עץ־הדעת״, דער רעליגיע.

מיר האָבן ביז אַהער באַטראַכט די רעליגיע, ווי אַ באַזונדער אַרט וויסן וועגן ריין פאַקטישע צושטאַנדן און פאַסירונגען אין דער וועלט. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג. דער ים־סוף האָט זיך גע־שפּאָלטן פאַר די יידן. קריסטוס איז אויף דעם דריטן טאָג נאָך זיין טויט ווידער לעבעדיק געוואָרן. „מילכיקס״ און „פליישיקס״, צונויפגעמישט אין איינעם, איז „טריף״. אויף יענער וועלט וועט מען שטראָפן אין גיהנום פאַר באַגאַנגענע עבירות — דאָס זיינען אַלץ באַריכטן וועגן „פאַקטישע״ צושטאַנדן און פאַסירונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צו־קונפט.

אין אַלע אַזעלכע באַריכטן שטויסן זיך די אמתן פון דער רעליגיע שאַרף צונויף מיט דעם שטרענגן וויסן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און מיט די דערקלערנדיקע און באַלייכטנדיקע באַטראַכטונגען פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע.

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז עס זיינען דאָ זייער געבילדעטע מענטשן, וואָס זיינען באַקאַנט אי מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט, אי מיט דער מאָדערנער פילאָסאָפיע — אפילו אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן מיט זייערע אַרבעטן אַליין באַרייכערט אי די וויסנשאַפט, אי דעם פילאָסאָפישן גע־דאַנק — און וואָס זיינען פונדעסטוועגן געבליבן טריי אָט די טראַדיציאָנעלע באַ־ריכטן פון דער יידישער אָדער קריסטלעכער אמונה.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז ביי מיין גאַנצער מי אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַזעלכע מענטשן, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געווינען נאָר זייער אַ בלאַסע פאָרשטעלונג וועגן יענע וועגן, וואָס זאָלן קאָנען האַרמאָניש פאַראייניקן אין איינעם די טראַדיציאָנעלע גלוי־בונגען פון די הערשנדיקע אמונות מיט דעם פרייען פאָרשן אין וויסנ־שאַפט און פילאָסאָפיע.

אייניקע פון אָט די געבילדעטע אָדער געלערנטע מענטשן זיינען אַליין מודה, אַז האַרמאָניש פאַראייניקן קאָנען זיי דאָס ניט; אַז זיי לעבן אין

צוויי פאַרשיידענע וועלטן, אָפּגעטיילט מיט אַ תהום איינע פון דער אַנ־דערער.

דער באַדייטנדיקער מאָדערנער אַסטראָנאָם, דער קאַטוילישער גלח, מואַניאָ, האָט אַזוי דערקלערט, ווי ער ווערט פאַרטיק מיט דעם קאָנפליקט צווישן וויסנשאַפט און קריסטלעכן גלויבן. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז אין דער אָבסערוואַטאָריע, איז ער אַ קאָפּערניקאַנער, און אַז ווען ער איז אין דער קירך, איז ער אַ קאַטויל.

אַן ענלעכע דערקלערונג, וואָס שאַפט אָפּ דעם אַנטאַגאָניזם צווישן קריסטלעכן גלויבן און דער פרייער פילאָסאָפיע, האָט אָפּגעגעבן דער שאַרפזיניקער גייסט, יאַקאָבי. „מיט דעם קאָפּ", האָט ער געזאָגט, „בין איך אַ שפּינאָזיסט; מיט דעם האַרצן אָבער אַ גלויביקער קריסט".

אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר פאַר אונדז די ווידערבאַלעבונג פון אַ פילאָסאָפישער דאָקטרין, וואָס רופט זיך: „די שיטה פון דעם צווייפאַכן אמת", וואָס האָט אַמאָל געדינט די פרייע גייסטער, ווי אַ מין פאַנצער אַנטקעגן די אָנפאַלן פון דער רעליגיע. עס האָט געהייסן: זאָל די רע־ליגיע לאָזן צורו דאָס פרייע פאָרשן. ביידנס לערן זיינען „אמת", הגם זיי זיינען סותר איינס דעם אַנדערן.

איצטער ווערט „די שיטה פון דעם צווייפאַכן אמת" אָנגעווענדט פון דעם גלויביקן געלערנטן אָדער פרייען פילאָסאָף, ווי אַ ווענטל אין דער אייגענער נשמה, וואָס טיילט אָפּ זיין רעליגיע פון דעם פרייען געדאַנק און באַשיצט זי פון זיינע שאַרפע פיילן.

זאָל אונדז דאָ ניט אינטערעסירן דער פּראָצעס, ווי אַזוי אַזעלכע ווענטלעך קאָנען געבויט ווערן, אָדער ווי אַזוי מען קאָן האַרמאָניש פאַר־אייניקן די מאָדערנע אַסטראָנאָמיע, ביאָלאָגיע און געאָלאָגיע מיט די באַ־ריכטן פון די הייליקע שריפטן, אָדער מיט דער מצוה פון צלמען זיך אָדער טראָגן ציצית. זיי ליגן מחוץ פון יענעם שטראָם, אין וועלכן עס טראָגט זיך די אַבסאָלוט פרייע דערקענטעניש. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דער רעליגיע, ווי מיט אַ צווייג פון דער אַבסאָלוט פרייער מענטש־לעכער דערקענטעניש, וואָס האָט די וועלט פון צלמים און טליתים גע־לאָזן וויט הינטער זיך, און וואָס ברענגט אַרויס אַלע אירע דערקענטע־נישן און גלויבונגען נאָר מיט דער הילף פון די אייגענע מענטשלעכע באַשאַפערישע כוחות.

באַטראַכט איר די רעליגיע, ווי אַזאַ טעאָרעטישן צווייג פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, געפינט איר, אַז איר „באַריכט" וועגן דער וועלט באַנוגנט זיך נאָר מיט אַ פאָר אַלגעמיינע געדאַנקען, וואָס האָבן

קיין ברעקל שייכות ניט צו דער צלמים־און־טליתים־וועלט: די מאָדערנע רעליגיעז־גלויבנדיקע מענטשן ווילן האָבן, אַז די וועלט שטאַמט אָפּ און ווערט באַהערשט פון אַ געטלעך שאַפנדיקער קראַפט, אַ באַוואוסטזיני־קער ציל־שטרעבעוודיקער, וואָס דאַרף אַרויסברענגען די פאַרווירקלע־כונג פון אידעאַלן, פון וועלכע די מענטשלעכע אידעאַלן פון אמת, יושר און שיינקייט, אין זייער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג זיינען נאָר דער ערשטער שוואַכסטער אָנהייב. דער מענטש שפּילט דערביי אַ גע־וואַלטיק חשובע ראָלע, ווייל אין אים און דורך אים ווערן די דאָזיקע אידעאַלן פאַרווירקלעכט.

אייניקע פון אַזעלכע דענקער — ווי צב״ש דער גרויסער געלערנטער, מיליקען — ווייל דערביי האָבן, אַז דער מענטש איז באַשאָנקען מיט אַ פרייען ווילן און אַז ער טראָגט דעריבער אויף זיך די אחריות פאַר דער פאַרווירקלעכונג אין דער וועלט פון זיינע אידעאַלן, ווי ער פאַרשטייט זיי, לויט זיין אייגענעם שכל און יושר, און אַז אין דערינען זאָל ער זוכן דעם זין פון זיין אייגענעם לעבן.

נאָך אַנדערע ווילן האָבן, אַז דעם מענטשנס לעבן ענדיקט זיך ניט מיט זיין קערפּערלעכן טויט. און אייניקע פון זיי, ווי אַ דזשיימס, אַן אַליווער לאָדזש, אַ לאָמבראָזאָ — ווילן האָבן, אַז עס קאָן געשאַפן ווערן אַ קאָנטאַקט — און אַז עס ווערט געשאַפן אַ קאָנטאַקט — צווישן די לעבע־דיקע און די פאַרשטאָרבענע.

דאָס אַלץ „ווילן זיי האָבן״. אַ טייערער אויסדרוק! ווער וואָלט דאָס ניט געוואָלט „האָבן״? די שאלה איז דאָ ניט, צי מען קאָן דאָס האָבן. דער פאַקט, אַז אַזעלכע גרויסע גייסטער „האָבן״ דאָס, איז אַ גענוגיקער באַווייז, אַז מען קאָן... אויב מען וויל. די שאלה איז דאָ נאָר: ווי ווילן זיי דאָס האָבן? ווי אַ געזיכערטן וויסן? אָדער ווי אַ פילאָסאָפיש מעג־לעכע באַטראַכטונג? אָדער ווי אַ הייסן רעליגיעזן גלויבן?

די דזשיימסעס און די לאָדזשעס זיינען זיכער, אַז זיי האָבן וועגן דעם אַ געזיכערטן וויסן, אַ באַגלויביקטן דורך די פאַרשיידענע ספּיריטיסטישע „פאַקטן״. די ניכטערסטע און די קריטישסטע פון זיי פאַרשטייען אָבער, אַז דערווייל האָט נאָך קיין איין פאַקט אין דער רעאַלער וועלט ניט גע־זאָגט קיין אַבסאָלוט באַגלויביקטע עדות וועגן דער אידעאַליסטיש ווירקנ־דיקער, געטלעכער וועלט־קראַפט און וועגן אַ לעבן נאָכן טויט. מיט דעם פרייען ווילן, זעט איר, איז שוין אַן אַנדער מעשה. דעם פרייען ווילן שפּירן מיר זייער אָפט אין אונדזער אייגענעם לעבן, און נאָר אַ באַשטימטע פילאָסאָפישע באַטראַכטונג פּילאָסאָפירט אים פון אונדז אַוועק און נעמט

אים אַן ווי אַ דמיון אין אונדז און ניט ווי אַ רעאַליטעט. אָבער אַ גאָט און אַן אומשטערבלעכקייט האָט נאָך קיינער ניט געזען אין דער רעאַלער וועלט.

זיי, די ניכטערע און קריטיש־דענקענדיקע גאָט־גלויביקע, ווייסן, אַז דער גאָט־געדאַנק איז טעאָרעטיש אַ פֿילאָסאָפֿיש־מעגלעכע באַטראַכטונג און ניט מער; אַז די שאַלן פֿון דעם ריין־טעאָרעטישן פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק האַלטן די וואָג אין דער גאָט־פֿראַגע; אַז ווען אויף איין שאָל פֿון דער וואָג ווערט אַרויפֿגעלייגט אַן אַרגומענט פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אַ וועלט־גאָט — דער מקור פֿון אַלע אונדזערע מענטשלעכע אידעאַלן — קאָן אויף דער אַנדער שאָל פֿון דער וואָג אַוועקגעלייגט ווערן אַן אַרגומענט, וואָס לייקנט אָפּ איר עקזיסטענץ. די ריין טעאָרעטישע וואָג האַלט זיך אין גלייכגעוויכט.

וואָס זשע ווערט אַרויפֿגעלייגט אויף דער רעליגיעזער שאָל פֿון דער וואָג, זי זאָל איבערוועגן די אַנטי־רעליגיעזע? אַ גאַנץ אַנדער מין גייסטיקע ווירקונגס־קראַפֿט, וועלכע מען קאָן אַ אַ נאָמען געבן „געפֿילפֿולע אידייען". דאָס זיינען אידייען אָנגעפֿילטע מיט אַ באַזונדער רעליגיעזן געפֿיל. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר די דריי פֿונדאַמענטאַלסטע פֿון זיי, פֿון וועלכע עס שטאַמען אָפּ נאָך אַ סך אַנדערע. דאָס זיינען די געפֿילפֿולע אידייען פֿון הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט. ווען צו אָט די דריי פֿונדאַמענטאַלע, רעליגיעזע געפֿילפֿולע אידייען קומט נאָך צו דער וואונטש, אַז זיי — אָט די אַלע אידייען, מיט אַלע זייערע אָפּשטאַמלינגען אין דער נשמה — זאָלן ניט זיין קיין פּראָדוקט פֿון אַ בלינדן, אומזיניקן וועלט־פּראָצעס, נאָר זאָלן אַליין האָבן זייער אָפּשטאַם פֿון אַ גייסטיקן פּרינציפּ אין דער וועלט, וואָס טראָגט אין זיין תּוך די הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט — דעמאָלט ווערט געבאָרן דער הייסער גלויבן, אַז אַזאַ אומענדלעך־הייליק־אייביקער פּרינציפּ איז ניט נאָר אַ פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונג אַ גלייכבאַרעכטיקטע פֿאַרן שכל מיט איר אייגענעם היפּוך נאָר אַז אָט דער גייסטיקער פּרינציפּ איז טאַקע אין דער אמתן דער ערשטער מקור פֿון דעם וועלט־געשען, די אין אים הערשנדיקע קראַפֿט און דער לעצטער ציל און זין פֿון דעם מענטשנס לעבן.

און נאָר, ווען אָט דאָס קומט פֿאַר אין דער נשמה פֿון אַ מאָדערנעם, פֿריי־דענקענדיקן מענטשן, ווערט איבער זיין פֿילאָסאָפֿישן ים אויסגעשפּרייט דער הימל פֿון אַ רעליגיעזן וועלט־באַנעם.

אַ ביישפּיל פֿון אַזאַ רעליגיעזן וועלט־באַנעם האָט אונדז ניט לאַנג געגעבן אַלבערט איינשטיין אין זיינע געדאַנקען וועגן אַ „קאָסמישער רע־

ליגיע״. געבויט איז די דאָזיקע רעליגיע, ווי ער זאָגט, „אויף אַ קאָסמיש־רעליגיעזן געפּיל, וואָס אַנערקענט ניט קיין דאָגמעס און אויך ניט קיין גאָט, אַ געפורעמטן לויט דעם מענטשנס געשטאַלט״. יענעם קאָסמיש־רעליגיעזן געפיל פון מענטשלעכע פאַרלאַנגען און צילן און די נאַבלקייט, ווי אויך די וואונדערבאַרע אָרדענונג, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין דער נאַטור און אין דער וועלט פון געדאַנק. ער זוכט דורכצולעבן די טאָטאַליטעט פון עקזיסטענץ, ווי אַן איינהייט, פול פון באַדייט״.

ווען איר טראַכט זיך אַריין אין אָט די קאַרגע פּאָר שורות, באַמערקט איר, אַז זיי זיינען אַן אָפּגלאַנץ פון יענע דריי געפילפולע אידייען, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט: הייליקייט, אייביקייט, אומענדלעכקייט.

הייליקייט איז אין תוך אַריין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ געפיל, אַז עס איז עפּעס דאָ אַזאַ מין גרויסע זאַך, „פול פון באַדייט״, וואָס לגבי איר ווערט דער אייגענער מענטשלעכער „איך״ לגמרי פאַרלאָרן. אין דער יידיש־חסידישער וועלט רופט זיך דאָס „ביטול־היש״ — די פאַרנישטי־קונג פון דעם אייגענעם אינדיווידועלן זיין. דער „ענדלעכער״ „איך״ זינקט אין גאַנצן איין אין יענער אומענדלעך־גרויסער זאַך, וואָס מוז דער־ביי באַטראַכט ווערן ניט ווי אַן אַריבערגייענדיקע, צייטווייליקע צופעליקייט, נאָר וואָס האָט אַן אייביקן זינפולן באַדייט.

פאַר איינשטיינען איז יענע גרויסע אומענדלעכע זאַך — דער גאַנ־צער קאָסמאָס, די וועלט, מיט דער וואונדערבאַרער אייביקער אָרדענונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איר. און די פאַרלאָרנקייט פון דעם אייגענעם „איך״, דער „ביטול היש״, טרעט דאָ אַרויס אין דער פאָרם פון אַ קריטיק אויף אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און צילן און פון אַ שטרעבן אַרויס־צורייסן זיך פון דער אייגענער באַגרענעצטער אינדיווידועלער עקזיסטענץ, ווי פון אַ „תּפיסה״.

אין איינשטיינס קאָסמישער רעליגיע איז אָבער ניט קלאָר, צי ער זאָגט זיך אָפּ אין גאַנצן פון אַ וועלכן עס איז גאָט־געדאַנק, אָדער ער וויל ניט האָבן קיין „גאָט, אַ געפורעמטן לויט דעם מענטשנס געשטאַלט״.

אַנדערע דענקער זיינען ניט מחויב אָפּצושטעלן זיך דאָרטן, וואו איינ־שטיין שטעלט זיך אָפּ. זיי האָבן אַ כשרן טעאָרעטישן רעכט צו פרעגן: „פון וואַנען נעמט זיך אָט דער גאַנצער קאָסמאָס, וואָס איז ניט מאַטעריעל — ווייל ס׳איז גאָר ניטאָ קיין מאַטעריע, ווי אַן אייביקער קאָסמישער פּרינציפּ? און פון וואַנען קומט צו אים — צו דעם קאָסמאָס — אָט די „נאַבלקייט און די וואונדערבאַרע אָרדענונג״, וואָס פאַרוואַנדלט אים אין אַן „איינהייט, פול פון באַדייט״?

קיין טעאָרעטישער אַרגומענט קאָן דאָ ניט שטערן דעם פרייען געדאַנק, צו זוכן אַן ענטפער אויף אָט דער שאלה אין יענער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג, וואָס נעמט אָן, אַז די וועלט שטאַמט אָפּ פון אַ דרויסנוועלטלעכן גייסטיקן פרינציפּ, וואָס איז געוויס ניט געפורעמט לויט דעם מענטשנס געשטאַלט, נאָר וואָס פון אים שטאַמען דירעקט אָפּ יענע מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס זיינען הייליק דעם מענטשן, צוליב וועלכע ער איז גרייט מקריב צו זיין זיין אייגענעם „איך”

אין אָט דעם צושטאַנד פון דעם רעליגיעזן דענקען ווערט געבאָרן די גאָט־בענקשאַפט, די גאָט־זוכעניש, און פון דער בענקשאַפט און דער זוכעניש וואַקסט שוין אַרויס דער גאָט־געדאַנק. דאָ גייט שוין די פילאָסאָפיע אין גאַנצן אַריבער אין רעליגיע.

די ריין טעאָרעטישע וועגן, וואָס פירן אַריבער די פילאָסאָפיע אין גאָט־גלויביקער רעליגיע, זיינען שוין לאַנג אויפגעקלערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, און אַלץ נייע און נייע וועגן ווערן אויסגעפונען אין דער איצטיקער צייט, ווען די וויסנשאַפט האָט דורכגעגראָבן טונעלן אין יענע „אייביקע” בערג, וואָס האָבן פריער אַרומגעצאַמט די וועלט פון דעם רעאַלן זיין, די בערג פון רוים, צייט, מאַטעריע, באַוועגונג און קאַוזאַליטעט — און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם פאָרשנדיקן גייסט פנים־לפנים מיט יענער זייט פון דעם רעאַלן זיין.

עס איז אפשר זייער טיף און זייער אמתדיק, וואָס דער גרויסער ענגלישער דענקער בעקאָן פון ווערולאַם האָט געזאָגט: „אַ ביסעלע פילאָסאָפיע פירט אַוועק פון גאָט. אַ סך פילאָסאָפיע ברענגט ווידער צו גאָט”. מען קאָן מסכים זיין מיט אָט דעם געדאַנק, אָבער מיט דעם תּנאַי, אַז מען זאָל אונטער „אַ סך פילאָסאָפיע” פאַרשטיין אויך עפּעס אַזוינס, וואָס באַנוגנט זיך שוין ניט מיט דעם ריין טעאָרעטישן באַטראַכטן און פאַרשטיין, נאָר וואָס וויל אויך אָננעמען, אַז די געפילפולע אידייען פון הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט שטאַמען פון אַן איינהייטלעכן איבערוועלטלעכן קוואַל, וואָס איז אַליין אומענדלעך, אייביק און הייליק — אַ זאַך, וואָס איז שוין גאָר ניט קיין מוז פאַר יעדער, אפילו רעליגיעזפילאָסאָפישער באַטראַכטונג פון דער וועלט, לויט דעם נוסח פון אַ ספינאָזאַ אָדער אַן איינשטיין. די וואָס פאָרן אין דעם פילאָסאָפישן ים ניט אין דער אידעאַליסטישער ריכטונג, זיינען אוודאי פריי פון דעם און קאָנען אויף אייביק בלייבן פריי פון דעם. דער רעליגיעז־גלויביקער מעג דערביי טראַכטן, אַז זיי פאָרן אין אַ נעפּל, און קאָנען דעריבער ניט זען דעם הימל, וואָס איבער זייערע קעפּ. און דער ניט רעליגיעז־געשטימטער

מענטש קאָן דערביי אין גאַנצן מבטל זיין דעם משל פון יבשה, ים און הימל, און פאַרזיכערן, אַז עס איז געוויס דאָ אַ סך „דרויסן״ פון דעם מענטשלעכן קאָפּ, אָבער עס איז גאָרנישט ניטאָ „איבער״ דעם מענטשלעכן קאָפּ.

מיר מוזן דאָ ציען דעם אויפמערק צו נאָך אַ פאַקט, זייער אַ וויכטיקן אין דער פראַגע וועגן רעליגיע.

דער רעליגיעזער הימל הויבט זיך אָן אויסשפרייטן אויך איבער דער יבשה פון דער „רעאַלער וועלט״, וויבאַלד זי דיקטירט אײנעם צו באַוואונדערן די „נאַבלקייט און אָרדענונג״ אין דער וועלט — „אײנהייט, וואָס איז פול פון באַדייט״, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי אײנשטיינען, ביי וועמען די ריין רעליגיעזע געפילן פון הייליקייט, אײביקייט און אומ־ענדלעכקייט זיינען נאָך ניט קלאָר פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון זייער געטלעכן אָפּשטאַם.

אָבער מיר קאָנען גיין נאָך ווייטער. מיר קאָנען קאָנסטאַטירן, אַז אַפילו ביי אַ סך, וואָס בלייבן שטעקן אין די אײנצל־וויסנשאַפטן און טראַכטן ניט וועגן דער זינפולער אײנהייט פון דעם וועלט געשעען, און אַפילו אויך ביי אַזוינע, וואָס באַטראַכטן יענע וועלט — אײנהייט אין א מאַטעריאַליסטיש־אַטעאיסטישן ליכט — אַז אויך ביי זיי, זאָג איך, קומען פאָר מאָמענטן אין לעבן, ווען די נשמה ווערט דורכגעדרונגען מיט די־זעלביקע רעליגיעזע געפילפולע אידייען פון הייליקייט, אײביקייט און אומענדלעכקייט.

יעדער מענטש, וואָס איז ניט אין גאַנצן פאַרגרעבט, האָט עפּעס אַזוינס אין זיין נשמה־לעבן, וואָס איז אים „הייליק און טייער״. ווען ער לעבט זיך אוים אין אָט דעם „עפּעס״, פילט ער, ווי זיין „איך״ ווערט אַ בעסערער, אַ ריינערער, און לאָז דאָס זיין נאָר אויף אַ ווײַלע. און ווען מען גרייפט אָן אָט דאָס „הייליקסטע און טייערסטע״, דריקט ער זיך אָפּט אַליין אויס זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז מען „באַליידיקט״ דערביי „זיינע הייליקסטע געפילן״.

עס מאַכט דאָ ניט אויס, פון וואַנען די הייליקייטס־געפילן האָבן זיך גענומען. עס מאַכט דאָ ניט אויס, פון וואַנען עס שטאַמען די רעליגיעזע שטימונגען אין דער מענטשלעכער נשמה. דער פאַקט איז, אַז די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט לעכצט און בענקט נאָך יענע הייליקייטס־מאָמענטן און שטרעבט אויסצולעבן זיך אין זיי.

אויך דער ראַדיקאַל איז ניט ריין פון אָט דער ריין רעליגיעזער בענקשאַפט, אויסצולעבן זיך אין שטימונגען פון הייליקייט. נאָר דער

פרייער גייסט — דער עיקר, ביי אונדז יידן — האָט נאָך ניט קיין נייע איינגעשטעלטע פאָרמען, ווי אַזוי אויסצולעבן זיך אין הייליקע שטימונגען.

אפשר אָן אַנדערש מאָל וועל איך נעמען די געלעגנהייט צו רעדן צו אייך וועגן דער וויכטיקייט פון אַזעלכע נייע פאָרמען פאַר יענע נייע „הייליקטימער", וואָס זיינען אויסגעוואַקסן ביי דער מאָדערנער, פריי־דענקענדיקער מענטשהייט. דערביי וועלן מיר זיך מוזן אָפּשטעלן אויף אַגיוסט קאָנטס פּלאַן פון אַ נייער „מענטשהייטס־רעליגיע".

דאָ דאַרפן מיר זיך אַ ביסל צוויילן, כדי צו פאַרענדיקן אונדזער באַ־טראַכטונג וועגן דעם הויפּט־ענין: דער שייכות צווישן די דריי צווייגן פון דעם מענטשלעכן דערקענטעניש־בוים: דער וויסנשאַפט, דער פי־לאָסאָפיע, דער רעליגיע.

מיר קאָנען איצטער זייער פאַרשיידנקייט — און ממילא זייער זעלבסט־שטענדיקייט — פון דעם גייסטיקן אינטערעס, וואָס ברענגט זיי אַרויס. די וויסנשאַפט איז פאַראינטערעסירט אין דעם זיכערן וויסן פון פאַקטן אין דער רעאַלער וועלט און פון זייערע נויטווענדיקע שייכותן, פון די אַזוי אָנגערופענע „געזעצן", וואָס הערשן אין זיי.

די פילאָסאָפיע איז פאַראינטערעסירט אין דער קלאָרער באַטראַכ־טונג פון דעם גאַנצן וועלט־געשעען, ווי אויך אין דעם קלאָרן איינזען אין די כוחות פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, וואָס ברענגען אַרויס יענע קלאָרע באַטראַכטונג.

די רעליגיע אָבער איז פאַראינטערעסירט ניט נאָר אין טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, נאָר אויך אין אַ באַשטימטן גייסטיקן אויסלעבן זיך, וואָס זאָל ווערן באַהערשט פון די דריי געפילפולע אידייען: הייליקייט, איי־ביקייט און אומענדלעכקייט. עס איז אַ סינטעז פון אַ באַשטימטן טע־אָרעטישן איינשטעל אין אַ באַשטימטן פּראַקטישן לעבן. די רעליגיע איז דער העכסטער שפּיץ פון דעם טעאָרעטישן באַרג, פון וועלכן מען לאָזט זיך אויף דער אַנדער זייט אַראָפּ אין דעם פּראַקטישן לעבן.

ווען די רעליגיע זאָל זיין נאָר פּראַקטיש, קאָן זי לאָזן צורו די פראַגע פון וואַנען עס שטאַמען די אידייען פון הייליקייט, אייביקייט און אומענד־לעכקייט. וויל זי אָבער זיין אויך אַ צווייג פון דעם טעאָרעטישן דערקע־נען די וועלט, און וויל זי איר פּראַקטישן אויסלעבן זיך פאַרבינדן האַר־מאָניש מיט אַ וועלט־דערקענטעניש, איז זי קודם געצוואונגען אָנצו־נעמען אַ גייסטיקן פּרינציפּ פאַר דער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג פון דער וועלט. דער רעליגיעזער געדאַנק איז אָבער ניט מחויב אָפּצושטעלן זיך ביי אָט דעם ערשטן עטאַפּ. ער קאָן גיין ווייטער און קומען צו די

ריין טעאָרעטישע רעליגיעזע אידייען פון אַ „גאָט״, אַ פרייען מענטשלעכן ווילן, אַן „אומשטערבלעכקייט״ — צו אַלע דריי אין איינעם אָדער נאָר צו איינער אָדער צוויי פון זיי.

ממילא קומען מיר צו אַזעלכע רעזולטאַטן: דאָרטן, וואו עס הערט אויף די וויסנשאַפט, קאָן די פילאָסאָפיע אָנהויבן בויען אירע בנינים. און דאָרטן, וואו אויך ביי דער פילאָסאָפיע גייט אויס דער אָטעם, קאָנען איי־ניקע רעליגיעזע סיסטעמען בויען זייערע טעמפלען מיט אַן „ארון קודש״ פאַר דעם גאָט־גלויבן.

אויבן האָב איך פאַרגליכן די רעליגיע מיט דעם הימל, וואָס שפרייט זיך אויס איבער דער יבשה פון דער רעאַלער וועלט און איבער דעם ים פון דער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג. מיר ווייסן איצטער, אַז אין אונדזער רעאַלן בלויען „הימל״, וואָס רינגלט אַרום די ערד, זיינען דאָ די העכערע לופט־ספערן, וואָס מען רופט אָן די „סטראַטאָספערע״, וואוהין נאָר איי־ניקע קאָנען זיך איצטער אויפהויבן. די גאָט־גלויביקע רעליגיע איז אַזאַ „סטראַטאָספערע״ פון דעם מענטשלעכן פרייען גערדאַנק. דאָרטן איז „אַ גאַנץ אַנדער לופט״. דאָרטן קאָן מען אָטעמען ניט מיט זיכערן וויסן, ניט מיט דעם קלאָרן באַטראַכט. צום גייסטיקן לעבן און אָטעמען אין אָט דער רעליגיעזער „סטראַטאָספערע״ דאַרף מען פירן מיט זיך גאַנץ אַנדערע עלעמענטן: די בענקשאַפט נאָך אַן איבערערדישן אורקוואַל פון דעם גאַנצן וועלט־פּראָצעס, און דעם הייסן גלויבן אין אים.

קיינער איז ניט מחויב צו פאַרלאָזן די יבשה פון דער רעאַלער וועלט, און אַריינצולאָזן זיך אין דעם ים פון דער פילאָסאָפיע: מען קאָן גייסטיק בלייבן אין די גרענעצן פון דער ריינער וויסנשאַפט. און ווען מען לאָזט זיך שווימען אין דעם ים פון דער פילאָסאָפיע, איז אויך קיינער ניט מחויב צו שווימען דווקא אין דער אידעאַליסטישער ריכטונג: מען קאָן בלייבן אין די גרענעצן פון אַ ריין רעאַליסטישן וועלט־באַנעם. אָבער קיין „וויסנשאַפט״ קאָן אויך קיינעם ניט פאַרווערן אויסצוקלייבן די אי־דעאַליסטישע ריכטונג. אָנגעקומען אַהין, קאָן מען בלייבן שטיין ביי דעם לעצטן גרענעץ פון דער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג, ווי דאָס האָט גע־טאָן איינשטיין. מען קאָן זיך אָבער אויפהייבן צו דער ריין רעליגיעזער „סטראַטאָספערע״ און אָטעמען מיט גאָט־בענקשאַפט און גאָט־גלויבן.

און אויך דאָס מוז דאָ געזאָגט ווערן צום שלוס:

די וויסנשאַפט איז אַ חוב, אַ מוז פאַר דעם פרייען מענטשלעכן שכל, פילאָסאָפיע און רעליגיע זיינען אַ רשות, אַ ריין־פרייער שריט. די פעלערן פון דער אַלטער פילאָסאָפיע און די אַלטע רעליגיעס זיינען באַשטאַנען

דער עיקר אין דעם, וואָס זיי האָבן מיט זייערע כוואַליעס געוואָלט פאַר־טרינקען אויף די יבשה פון דעם רעאַלן געשען. די גאַנצע גרויסע וועלט פון דעם רעאַלן געשען מוז אָבער בלייבן אונטער דער ממשלה פון דער וויסנשאַפט. צי עס איז מעגלעך, אַז די לבנה זאָל זיך האָבן געשפּאַלטן אויף צווייען און אַרומגעגאַנגען הקפות אַרום דעם הייליקן שטיין „קאַאַבאַ", ווי דאָס וויל האָבן דער מאַהאַמעדאַנישער גלויבן — און אַלע אַזעלכע פראַגן, וואָס זיינען נוגע רעאַלע פּאַסירונגען אין דער רעאַלער וועלט — דאַרף מען איבערלאָזן אין גאַנצן צו דעם ריין וויסנשאַפטלעכן פאָרשן. קיין פילאָסאָפישע באַטראַכטונג און קיין פריי־רעליגיעזער גלויבן האָט ניט קיין רעכט אַרויסצוטרעטן קעגן זיינע זיכער איינגעפעסטיקטע רע־זולטאַטן.

אָבער יענע געדאַנקען־וועלטן, וואָס שטייגן אַריבער די גרענעצן פון אַ ריין וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, דאַרף מען איבערלאָזן צו די פילאָסאָפן און צו די רעליגיעז־גלויביקע, וואָס מוזן זיך תמיד אַליין רע־כענען מיט די רעזולטאַטן פון דעם ריין וויסשאַפטלעכן פאָרשן.

ווי זיי וועלן מאַכן די דאָזיקע חשבונות מיט דער וויסנשאַפט, וועלכע געדאַנקען זיי וועלן אַרויסדעסטילירן פון איר, איז זייער זאַך, און ניט די זאַך פון דער וויסנשאַפט. זיי זיינען פונקט אַזעלכע אייביקע צווייגן אין דער גייסטיקער קולטור פון דער מענטשהייט, ווי די וויסנשאַפט אַליין.

איך ווייס, אַז אין מיינע ביידע לעקציעס האָב איך אָט די אַלע וויכ־טיקסטע פראַגן אָנגעטייט נאָר, אַזוי צו זאָגן, „אויפן שפּיץ מעסער". ספּעציעלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיי, וועט מען דאַרפן פונאַנדערקלייבן אין אַנדערע לעקציעס.

אויב אָבער, מיר זאָל זיך לפּחות נאָר דאָס אַליין האָבן איינגעגעבן: צו פאַראינטערעסירן אונדזער געבילדעטן עולם מיט אָט די פּראָגן און מאַכן זיי איינזען, אַז דער ענין איז גאָר ניט אַזוי פּשוט, ווי ער האָט זיך פריער אויסגעדוכט דעם ראַדיקאַלן געדאַנק, וועט מיין מי זיין ניט אין גאַנצן אַ פאַרלאָרענע.

1931

III

איוב, פּאָעמע פֿון דעם יידישן פֿרייען געדאַנק

חברים און פֿריינד!

„איש היה בארץ עוץ; איוב שמו": „געווען אַ מאַן אין דעם לאַנד עוץ; איוב איז זיין נאָמען", — אַזוי הויבט זיך אָן אַן אַלטער־אַלטער ספֿר, וואָס באַשרייבט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד אין דעם לעבן פֿון „אַ מאַן — איוב". וועגן דעם ספֿר און יענעם עפּיזאָד ווילן מיר זיך אַ ביסל דורכ־שמועסן היינטיקן אָוונט.

האָט געלעבט ווען עס איז אַ מאַן איוב און מיט ווי לאַנג צוריק? ווי אַלט איז דער ספֿר?

אויף די פֿראַגן קאָן מען מיט פֿולשטענדיקער זיכערקייט איצטער געבן אַן ענטפֿער נאָר וועגן איובס פּערזאָן און זיין לעבן. אַז ווען עס איז אין דער גראָ־אַלטער צייט האָט וואו עס איז געלעבט אַ מאַן מיט דעם נאָמען „איוב" — דאָס אָפּצולייקענען האָט קיין מענטשלעכער שכל קיין רעכט ניט; אָבער אַז דער עפּיזאָד פֿון זיין לעבן — מיט די אַלע וואונדער־לעכע געשעענישן, וועלכע ווערן דערציילט אין דעם הייליקן בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען — האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פּאַסירן — אין דערינען איז קיין בער־דעת ניט מסופק. אָפּילו אונדזער תּלמוד, וואָס ווערט אסור ניט נתפּעל פֿון איבערנאַטירלעכע פּאַסירונגען און נעמט זיי אויף אַזוי פּשוט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען אַבסאָלוט באַגלויביקטע וויסנשאַפֿט־לעכע פֿאַקטן, ווייס אויך גאַנץ גוט, אַז „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה" — איוב איז קיינמאָל ניט געווען. דאָס בוך וועגן אים איז נאָר אַ מאָראַלישע פּאָעמע, געשריבן מיט דעם צוועק אַרויסצוברענגען אַ טיפֿן מוסר השכל.

דערפֿאַר איז שוין ניט אַזוי גרינג צו פֿאַרענטפֿערן די אַנדערע פֿראַגע: וועגן דעם עלטער פֿון דער פּאָעטישער שריפֿט איוב. סיי די אַלטע לע־גענדע, סיי די איצטיקע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג האָבן ניט געקאָנט קומען צו אַ וועלכער עס איז פּאָזיטיווער, איין־איינציקער מיינונג.

איין לעגענדע לאָזט איובן לעבן אין די צייטן פֿון אברהם אבינו און — אויב איך מאַך ניט קיין טעות — לאָזט זי אברהם אבינו זיין דער

מחבר פֿון דעם בוך. אַן אַנדער לעגענדע — אין אַן אַנמערקונג צו דער גריכישער איבערזעצונג פֿון די „שבעים זקנים״ — וויל האָבן, אַז איוב איז דיזעלביקע פּערזאָן, וואָס דער מלך פֿון אדום יובב בן זרח פֿון בצרה; הייסט עס אַן אור־אייניקל אין פֿינפֿטן גליד פֿון אברהמען. לויט נאָך איינער, האָט ער געלעבט אין משהס צייטן, און איז גאָר געווען אַ יועץ ביי דעם יעמאָלטיקן פּרעה מלך מצרים, און משה איז געווען דער מחבר פֿון דעם ספֿר. אַנדערע גיבן פֿאַר אים אַנדערע צייט־פּונקטן אָן און עס זיינען דאָ אין דער תּלמודישער ליטעראַטור אויך אַזעלכע טראַדיציעס, וואָס לאָזן איובן אַרויסגיין מיט די יידן פֿון גלות בבל, אָדער שטעלן אוועק זיין לעבן אין די ערשטע דורות פֿון די תּנאים — און אין יענער צייט ווערט אויך פֿאַרזעצט די פֿאַרפֿאַסונג פֿון דער שריפֿט.

פֿון אברהם אבינו ביז צו די תּנאים, אַזוי גרויס איז דער מהלך צייט, וואָס מען קאָן ערגעץ וואו צווישן זיינע גרענעצן אַריינשטעלן, לויט דער לעגענדע, איובס לעבן אָדער די באַשאַפֿונג פֿון דעם פּאָעטישן ווערק.

געוויס, באַוועגט זיך די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג וועגן דעם בוך „איוב״ אין אַ סך ענגערע און ממילא באַשטימטערע גרעניצן. אָבער אויך דאָ הערשן נאָך געוואַלטיקע חלוקי דעות; און וואַרפֿט מען אַפֿילו אַראָפּ פֿון חשבון די עלטערע מיינונגען, ביי וועמען עס איז נאָך רעכט געווען, אַז אַזאַ ווערק, ווי איוב, זאָל קאָנען געשריבן זיין אין שלמה המלכס צייטן, אָדער אין די צייטן פֿאַר די ערשטע גרויסע נביאים, בלייבן נאָך גענוג ספֿסוכים, גענוג אַרגומענטן און השערות, וואָס דערלויבן דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן פֿאָרשער אויסצוקלייבן אַ פּאַסיקע צייט צווישן דעם זעקסטן און דעם צווייטן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוס — אַ משך פֿון גאַנצע פֿיר הונדערט יאָר! — דאָס רוב געלערנטע — אַזוי רעכן איך — וועלן מסתּמא איינשטימען מיט דער כראָנאָלאָגיע, וואָס איז אַנגענומען געוואָרן אין קויטצש׳ס קריטישער איבערזעצונג פֿון דער הייליקער שריפֿט, און וואָס זעט אין די לעצטע צען יאָר פֿון דעם פֿערטן יאָרהונדערט די געבורטס־צייט פֿון אונדזער פּאָעמע.

אָבער אויך די, וואָס רוקן אַראָפּ די דאָזיקע צייט ביז אין דעם צווייטן יאָרהונדערט פֿון אונדזער צייט־רעכענונג, ווילן דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז די גאַנצע לעגענדע וועגן איובן איז געבאָרן געוואָרן לפֿי ערך אַזוי שפּעט. בעל־פּה — דערציילונגען וועגן אַ מאַן איוב, וואָס האָט געהאַט בייצושטיין אַ גרויסן נסיון און האָט געשליידערט ביטערע טענות אַנט־קעגן גאָט אָדער די געטער, האָבן געמוזט אַרומקרייזן אין פֿאָלק שוין אפשר פֿון די עלטסטע צייטן אָן. ווייניקסטנס האָט די לעגענדע וועגן איובן

געמוזט זיין באַקאַנט אַ סך פֿאַר יחזקאלן, ווייל מיר געפֿינען ביי אים דער־מאָנט דעם נאָמען איוב, אין איינעם מיט די נעמען נח און דניאל, ווי ביישפּילן פֿון גערעכטע מענטשן. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז אין אַ צייט, וואָס איז איצטער אַזוי שווער צו באַשטימען, האָט אַ מחבר אויסגעאַרבעט אַ פּראָזאאיש ווערק, אויף דעם גרונד פֿון די דאָזיקע פֿאָלקס־טראַדיציעס, און עס קאָן גרייכלעך זיין, אַז יענע פּראָזאאישע טיילן, וואָס מיר האָבן נאָך איצטער אין דער שריפֿט און וואָס שטעלן מיט זיך פֿאַר די אַזוי אָנגע־רופֿענע ר ע ם פֿון דער דיכטונג, שטאַמען נאָך פֿון יענעם פֿריערדיקן פּראָזאאישן חבור, ווען אַפֿילו זיי זיינען שטאַרק פֿאַרענדערט געוואָרן פֿון דעם ייִנגערן דיכטער.

ביי דער פֿראַגע, ווען איז באַשאַפֿן געוואָרן די פּאָעמע איוב, האָט מען אין זין יענע פּאָעטישע טיילן זיינע, וואָס שילדערן אונדז דעם וכוח צווישן אים און זיינע פֿריינד וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. נאָר וועגן די טיילן קומט דאָס פֿאַר דער גרויסער ספֿסוך צווישן די געלערנטע פֿאָרשער. כּמעט אַלע זיינען זיי איינס אין דעם, אַז דער פּאָעטישער טעקסט, וואָס געפֿינט זיך איצטער אין אונדזערע הענט, איז ניט דערגאַנגען אָן ענדערונגען צו אונדז. אייניקע שטעלן זיינען אַזוי פֿאַרדאָרבן, אַז קיין פּירוש קאָן ניט אַרויסברענגען פֿון זיי קיין וועלכן עס איז פֿאַרנינפֿטיקן זין: סיידן מען זאָל זיך אַ לאָז טאָן שווימען אין דעם אומבאַגרענעצטן ים פֿון פּשטלעך, פּלפּולים און השערות וועגן אָן אַנדער טעקסט, וואָס האָט געזאָלט שטיין אין דעם ערשטן מאַנוסקריפּט. פֿון אייניקע שטעלן קאָן מען דעם זין אַרויסברענגען נאָר מיט גרויס מי. דאָ און דאָרט זיינען אין גאַנצן אַרויסגעפֿאַלן איינצלנע פּערזן, ווי מען קאָן דאָס באַווייזן דורך דעם מעטרישן בוי פֿון דעם געדיכט. דערפֿאַר זיינען אַ סך נייע פּערזן אַריינגעשטעלט געוואָרן, געוויס פֿון אַ פֿרומער האַנט, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן איובס שאַרפֿן, פֿרייען געדאַנק, און האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין פֿרומע רייד, וואָס פּאַסן צו איובס לאָגישן געדאַנקען־גאַנג, ווי אַ דאָרן צו אַן אויג.

אויך דאָס ווערט כּמעט פֿון אַלעמען אָנגענומען, אַז גאַנצע זעקס קאַפּיטלען פֿון 32 ביז 37 — אליהואס רייד צו איובן, ווען זיינע פֿריינד זיינען פֿאַרשטומט געוואָרן — זיינען ערשט שפּעטער פֿון אַן אַנדער דיכטער אַריינגעטראָגן געוואָרן אין טעקסט. ספֿיקות זיינען אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם קאַפּיטל 28, מחמת ער איז אין זיך אָפּגעשלאָסן און שטייט כּלומרשט אין קיין אינעווייניקסטן לאָגישן צונויפֿבונד מיט דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון איובס טענות. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז דער אַרגו־

מענט איז ניט ריכטיק; אַז די געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין אים, זיינען ענג פאַרבונדן מיט איובס גאַנצער וועלט־ און לעבנס־אַנשויאונג.

וואַרפט מען אָבער אַראָפּ פון חשבון די אַלע פּונקטן, אין וועלכע אַלע קריטישע פאָרשער — אָדער כמעט אַלע — שטימען צונויף, בלייבט די גרויסע שאלה וועגן דער ליטעראַרישער געבורט פון אונדזער ווערק אָן אָפּענע ביז איצטער.

אָבער — ווי אינטערעסאַנט די פראַגע זאָל ניט זיין פון ליטעראַטור־ וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, ווי וויכטיק איר פאַרענטפערונג זאָל ניט זיין פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן געדאַנק, מוזן מיר זי דאָ לאָזן ליגן אָן אַ זייט און באַנוגענען זיך מיט די פּאָר מאָגערע דאַטן, וואָס איך האָב געמאַכט ביז אַהער. פאַר אונדזער הייַנטיקן צוועק איז נאָר וויכטיק צו געדענקען, אַז ווי אַלט די איוב־פּאָעמע זאָל ניט זיין, געהערט זי צו יענע ריכטונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס בלייבן אייביק יונג.

און אין דער אמתן איז דאָס אַ מערקווירדיק יונגע דיכטונג! אויב אימיצער וואָלט זיך פאַרגונען דעם שפּאַס איבערצוזעצן די וויכטיקסטע טיילן פון דעם קריטיש־אויסגערייניקטן טעקסט כמעט וואָרט פאַר וואָרט, נאָר אין אַ ביסל אַ מאָדערניזירטער פאָרם. אונטערטראָגן דאָס אַ ליטע־ ראַליש־געבילדעטן מבין, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלייענט איובן — אַך, צווישן די געבילדעטע פון הייַנטיקע טעג זיינען לײדער דאָ ניט וויניק אַזעלכע — און פאַרזיכערן אים, אַז דאָס איז אַ ניי־געפונענער מאַנוסקריפּט פון ב י י ר אָ נ ע ן, וואָלט אים בשום אופן ניט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז איר טרייבט מיט אים שפּאַס. געוואונדערט וואָלט אים נאָר, וואָס בייראָן האָט געקאָנט לאָזן פאַרוואַלגערן זיך אַ ז אַ פּערל פון זיין זשעני, אפשר דאָס בעסטע, וואָס ע ר האָט געשאַפן אין זיין גאַנצן לעבן, און געחדושט וואָלט אים, וואָס מען האָלט נאָך בשתיקא דעם געפונענעם אוצר און מען איז ניט מרעיש עולם וועגן דעם. דער טיפער אינהאַלט, די געניאַלע שפּראַך, דער בייראָנישער שפּרונג פון ענין צו ענין, דער פּאָעטישער פאַרגלייך, וואָס בליצט אויף מיט אַ מאָל, אויף וועלכן איר האָט זיך ניט געריכט, אָבער וואָס באַלייכט אייך אין איין הרף־עין די פינצטערסטע אָפּגרונטן, דער געוואַלטיק שטאַרקער טאָן, וואָס ווערט ניט אָפּגעשוואַכט אויף אַ מאָמענט, דאָס אַלץ, וואָלטן מיר געזאָגט, האָט איוב געגאָשט פון בייראָנס בעסטע ווערק, ווען מיר וואָלטן ניט געוואוסט אויף זיכער, אַז, אַפילו לויט דעם חשבון פון דעם עקסטרעם־ראַדיקאַלסטן קריטיקער, דאַרף איוב אויך זיין עלטער פון בייראָנען אַזוי אַן ערך אַ צוויי טויזנט יאָר.

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס כמעט אַלע געשיכטס־שרייבער פון דער ליטעראַטור גיבן צו, אַז איוב איז איינע פון די קאָסטבאַרסטע פּערל אין דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע, און עס איז גאַנץ געוויס ניט קיין גוזמא, ווען פּראָפעסאָר שטייערנאַגעל, דער איבערזעצער פון איוב אין קויטצש'ס „הייליקע שריפטן", הויבט אָן זיין איינלייטונג צו דער איבער־זעצונג מיט די ווערטער, אַז „דאָס בוך איוב איז — ווי שוין פון אַלעמען דערקענט — איינס פון די געוואַלטיקסטע ווערק אין דער וועלט־ליטע־ראַטור". און איך גלויב, אַז יעדער איינער, וואָס פאַרטיפט זיך אין דעם שטודיום פון דער שריפט, מוז קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז סיי מצד איר טיפן פילאָסאָפישן אינהאַלט, סיי מצד איר גליענדער פּאָעטישער פאָרם, קאָן איוב אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט די גרעסטע מייסטער־שאַפונגען, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט. על כל פנים, מוז פאַר יעדן איינעם ווערן קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ווערק, וואָס איז פון דער גרעסטער באַדייטונג פאַר דער מענטשהייט, און אַז איר חשיבות ליגט ניט נאָר אין דעם רייכן אוצר פון פּאָעטישע בילדער, געפילן און שטימונגען, וועלכע זי רופט אין אונדז אַרויס, נאָר נאָך מער אין איר פילאָסאָפישן אינהאַלט, אין דער פאַנאַנדערוויקלונג פון פּראָבלעמען, וואָס לאָזן עד היום ניט צורו דעם טיפער דענקענדן מענטשן.

איוב איז קודם כל אַ פילאָסאָפישע פּאָעמע. עס וואָלט אויך ניט געווען קיין פעלער, ווען מען וואָלט דאָס אָנגערופן אַ פילאָסאָפישע טראַ־געדיע, ניט קוקנדיק אויף דעם גליקלעכן סוף, מיט וואָס עס לאָזט זיך אויס די דערציילונג. טראַגיש איז אַלץ אין איוב: זיינע אומענדלעכע ליידן, זיין מוטיקער גייסטיקער קאַמף אַנטקעגן אַ מאַכט, וואָס איז אומענדלעך שטאַרקער, איידער ער, און פון וועלכער ער דערוואַרט ניט קיין יושר, אַפילו ניט קיין ברעקל רחמנות. איובס קאַמף איז אַ העלדן־קאַמף, אין וועלכן ער נעמט באַוואוסטערהייט דעם העראָאיזם פון מסירת נפש אויף זיך, אַ קאַמף פאַר אַן אידעאַל מיט דעם קלאָרן איינזען, אַז דער אידעאַל קאָן קיינמאָל ניט מקוים ווערן. און די טראַגעדיע איז אַ פילאָסאָפישע דערפאַר, ווייל דער גייסטיקער קאַמף וואַקסט אַרויס פון אַ באַשטימטן פילאָסאָפישן, אָפּגרונד־טיפן געדאַנק, וואָס האָט זיך ערשט פאַר איובן אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער שיקזאַל־שווערער באַדייטונג.

איוב איז אַ ריין פילאָסאָפישע טראַגעדיע.

איך ווייס, אַז פיל פון אייך וועלן אפשר גאָר נישט האָבן אַנטקעגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שריפט, ווי אַ טראַגעדיע, אָבער דערפאַר וועלן זיי ניט אַזוי גרינג איינשטימען מיט מיר, אַז זי פאַרדינט דעם נאָמען:

„אַ רײן פילאָסאָפישע״, ווייל ביי אַ סך פון אונדזערע געבילדעטע האָט זיך שוין פון לאַנג אָן איינגעוואָרצלט דער אַבערגלויבן, אַז פילאָסאָפיע איז ניט אַ זאַך, וואָס איז געווען בנמצא אין דעם אַלטן יידנטום. עטיק, רעליגיע — יע! אין בעסטן פאַל — רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. אָבער פילאָ־סאָפיע? דאָס דאַרפן מיר זוכן ביי די גריכן, וואו זי איז צום ערשטן מאָל געבאָרן געוואָרן.

איך קאָן דאָ מיך ניט אַריינלאָזן אין דעם גאַנצן ענין פון פילאָסאָפיע און רעליגיע אין זייער אינעווייניקסטן שייכות. אָבער אַ פּאָר ווערטער מוז וועגן דעם געזאָגט ווערן איצט.

די פילאָסאָפיע האָט אַלע מאָל געהאַט דאָס באַשטרעבן צו באַשאַפן אַ וועלט־אַנשויאונג און אַ לעבנס־אַנשויאונג, ד. ה. אָפּצוגעבן זיך אַ דין וחשבון וועגן די גרונד־קרעפטן, וואָס באַהערשן די וועלט, צונויפוועבן אַלע אונדזערע איינצל־בילדער פון די וועלט־פּאַסירונגען אין איין איינציק בילד פון דעם גרויסן וועלט־געשען און אויף דעם סמך פון דעם דאָזיקן בילד צו באַשטימען דעם זין און דעם ווערט פון דעם מענטשלעכן לעבן. די פילאָסאָפיע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעליגיע אין דעם געווײנלעכן זין פון דעם וואָרט, ערשט יעמאָלט, ווען די גרונד־קרעפטן ווערן באַטראַכט, ווי גייסטיקע „געטלעכע״ וועזנס, מיט וועלכע דער מענטש קאָן זיך אויפטראָגן, כמעט אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי מיט זיינע מיט־מענטשן; ווען עס ווערן אויסגעאַרבעט די פאָרמען און געזעצן, ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך אויפטראָגן מיט זיי —, און, וואָס איז נאָך וויכטיקער איידער אַלץ — ווען דער מענטש איז מסכים צו נעמען אויף זיך די התחיבות צו די געטלעכע וועזנס, מחמת ליבע צו זיי, אָדער ווייל ער וואָרט אויף אַ באַ־לוינונג פאַר זיין דינסט, אָדער ווייל ער האָט מורא פאַר זייער שטראָף.

דערפון איז געדרונגען, אַז יעדע מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע רעליגיע, אין וועלכער מיר געפינען אַ בילד פון דעם איינהייטלעכן וועלט־פּראָצעס, אַ פאָרשטעלונג וועגן די גרונד־קרעפטן, וואָס באַהערשן דאָס „אַל״ — אַלץ איינס, ווי די וועזנס זאָלן ניט זיין אויסגעמאָלט און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין זייער צאָל — מוז האָבן אין איר פונדאַמענט אַ געוויסע וועלט־אַנשויאונג ד״ה פילאָסאָפיע — און שוין ביי דעם אַלטן פּאָלי־טעאיזם פון מצרים, בבל, גריכנלאַנד און רוים קאָנען מיר בשום אופן ניט אָוועקנעמען זייער פילאָסאָפישן כאַראַקטער. דער געדאַנק, אַז איין טייל פון דעם וועלט־פּראָצעס ווערט באַהערשט פון איין גאָט און דער אַנדערער — פון אַן אַנדערן; אַז דער דונער שטאַמט פון יופּיטער, תבואה וואַקסט אַ דאַנק צערעסן און ליבע שטראַלט אויף אין אונדזער האַרצן,

אַ דאַנק דער ווענוס, איז נאָך ניט קיין רעליגיע, נאָר ניט מער ווי בילדער, ווי אַזוי צו דערקלערן זיך די פּראָצעסן פֿון דער וועלט. ס'איז — פילאָ־סאָפיע, ווען אַפילו זייער אַן אָרעמע אין דעם פּונקט פֿון שטרענגן לאָגישן דענקען. רעליגיע ווערט דער פּאָליטעאיזם נאָר יעמאָלט, ווען דער גלויבי־קער מענטש טרעט אַריין אין אַ פּערזענלעכן באַריר מיט יופּיטערן, צערעס אָדער ווענוס — איך מיין, פאַרשטייט זיך, ווען ער גלויבט, אַז ער איז אַריין אין אַזאַ פּערזענלעכן באַריר.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם מאָנאָטעאיזם, דעם גלויבן אין אַן איין־איינציקן גאָט. נעמט מען אים ניט מער ווי אַ דערקלערונגס־פּרינציפּ פֿון דעם וועלט־געשעען, האָט ער נאָך אין זיך ניט קיין ברעקל רעליגיע, איז ער ניט מער ווי אַ פילאָסאָפישער געדאַנק. און אַפילו, ווען מען שטעלט זיך גאָט פֿאָר ווי אַ פּערזאָן, וואָס פאַרלאַנגט פֿון דעם מענטשן געוויסע מעשים, ווערט דאָס נאָך אויך ניט קיין רעליגיע, ביז דער מענטש איז ניט מסכים דאַרויף. דעם בעסטן באַווייז דערצו געפינען מיר אין דער פילאָסאָפיע פֿון איובן (ביז צו זיין צווייטער באַקערונג), וואָס קאָן פּראָ־זאַאיש אויסגעדריקט ווערן אַ שטייגער אַזוי: די וועלט ווערט אין אַלע אירע איינצלהייטן באַהערשט פֿון אַן אַלמעכטיקן, אומענדלעך קלוגן גאָט — אָבער אַז אַך־און־ווי צו דעם אָרעמען מענטשן, וואָס דאַרף זיך נעבעך געפינען אין איר.

שוין דער פאַקט, וואָס דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג איובס איז, ווי מיר וועלן שפּעטער נאָך מער זען, דורך־און־דורך מאָנאָטעאיסטיש און אין דער זעלביקער צייט דורך־און־דורך אַנטי־רעליגיעז, באַווייזט, אַז — וויניקסטנס אין דער גלוט־היץ פֿון דעם געניאַלן געדאַנק — קאָן דער רעליגיעזער עלעמענט אין גאַנצן אַוועקגעשמאַלצן ווערן פֿון דעם מאָנאָ־טעאיזם און עס בלייבט זיין ריין פילאָסאָפישער כאַראַקטער.

אַז דער יידישער מאָנאָטעאיזם איז געוויס אין אַ סך אַ גרעסערן גראַד און אין אַ סך אַ טיפערן זין אַ „ריינע" פילאָסאָפיע, איידער דער אַלטער פּאָליטעאיזם, מיט זיין רייכער משפּחה פֿון געטער און געטינען, קאָנען מיר זען אויך פֿון דעם, וואָס עד היום איז דער פילאָסאָפישער גע־דאַנק ניט ביכולת לגמרי אַפּצופרעגן דעם מאָנאָטעאיסטישן פּרינציפּ. גאָר גרויסע דענקער — און פרייע דערצו — ד"ה אַזעלכע, וואָס דענקען נאָר מיט זייער אייגענעם שכל און האָבן קיינעם ניט, וועמען צו טאָן צוליב — ווי צ. ב. אַזאַ גייסט־גיגאַנט, ווי פיכטע דער עלטערער (אין דעם צווייטן פּעריאָד פֿון זיין פילאָסאָפירן) — קומען צו דער אַלט־יידישער פאָרשטעלונג

פון אַ פערזענלעכן אַלמעכטיקן, אַלוויסענדן און גערעכטן גאָט, פון וועמען עס שטאַמט אַלץ אין דער וועלט. דער מאָנאָטעאיזם איז נאָך עד היום אַ באַרעכטיקטער פילאָסאָפישער שטאַנדפונקט אַזוי גוט, ווי זיין קעגנער דער אַטעאיזם — אַ זאַך, וואָס מען קאָן בשום אופן ניט זאָגן וועגן דעם פּאַליטעאיזם פון דער אַלטער וועלט. אמת, אין די לערן פון אייניקע לעצטערע פילאָסאָפן — דער עיקר די פּראַגמאַטיסטן — ווערט דער מאָניסטישער שטאַנדפונקט אין גאַנצן פאַרלאָזן, און הערט מען זיך צו אויפמערקזאַם צו דזשיימסן, קאָן מען באמת מיינען, אַז ער ווערט אין זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען אַ פּאַליטעאיסט. אָבער ווי וויט ער זאָל ניט גיין און זיין „פּלוראַליזם״ און אין דער פאַרגייסטיקונג פון די פיל וועזנס, וואָס באַהערשן, לויט זיין מיינונג, די וועלט — צוריק צו דער גריכישער געטער־וועלט — דער שענסטער פון אַלע פּאַליטעאיסטישע סיסטעמען — וועט קיין דענקער אין פילאָסאָפישן ערנסט ניט קומען, בעת דער יידישער גאָט־גלויבן בלייבט נאָך אַ פילאָסאָפישע מעגלעכקייט אויך פאַר דעם היינטיקן טאָג.

איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז דער יידישער מאָנאָטעאיזם איז אויסגעוואַקסן פון אַ ריין פילאָסאָפישן באַשטרעבן צו געווינען אַ ריכטיקן בילד פון דער וועלט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז גאַנץ אַנדערע מאָטיוון האָבן, אין ערשטער ליניע, געטריבן דעם יידישן געדאַנק צו אים: נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע. אָבער — ווער קאָן האָבן די גבורה אין גאַנצן אָפּצולייקענען, אַז אויך פילאָסאָפישע באַדערפעניש זיינען דערביי אויפגעוועקט געוואָרן פון זייער שלאָף און אַז דער יידישער שאַפנדער גייסט, וואָס האָט שפּעטער באַוויזן זיין פילאָסאָפישע מאַכט אין אַ פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, האָט שוין פון אָנהייב אָן געשפּירט אין זיך דעם דאַרשט צו אַ ריין פילאָסאָפישער דערקענטניש? על כל פנים מוז מען צוגעבן, אַז, קוים איז פון די נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע מאָמענטן אויסגעוואַקסן געוואָרן די פאָרשטעלונג פון אָן איינציקן, אַלמעכטיקן און אַל־גערעכטן גאָט, האָט זיין פילאָסאָפישער ווערט ניט געקאָנט לאַנג בלייבן פאַרבאָרגן פון דעם יידנס גייסטיקע אויגן.

דער מאָנאָטעאיזם איז ביי די דענקער פון דעם יידישן פאָלק געוועזן ניט נאָר אַ רעליגיע, נאָר אַ ריין פילאָסאָפישע וועלט־אַנשויאונג, און די גרויסע באַדייטונג פון איובס פילאָסאָפירן באַשטייט אויך אין דעם, וואָס זיין געדאַנק האָט אין דעם טראַגישן ראַנגלען זיך מיט גאָט פאַנאַנדערגעריסן די אַלטע, אין אַלע טיילן צונויפגעוואַקסענע היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונג פון מאָנאָטעאיזם און רעליגיע.

אָבער ניט נאָר אויף דעם פעלד פון וועלט־אַנשויאונג איז געווען גרויס דער געדאַנק פון דעם יידישן פאָלק, ניט נאָר דאָ האָט באַוויזן זיין גבורה דער געניאַלער מחבר פון איוב. נאָך טיפער איידער אין די פּראָבלעמען פון דער וועלט־אַנשויאונג איז דער יידישער גייסט אַריינגעדרונגען אין די פּאַרוויקלטע און אָפטמאָל אַנגעוויייטיקטע פּראָבלעמען פון דער לעבנס־אַנשויאונג.

וועלט־און־לעבנס־אַנשויאונג ווערןביידע געבויט מיט קאָפּ און האַרץ, מיט פאַרשטאַנד און געפיל. אָבער בעת די וועלט־אַנשויאונג קאָן כמעט אין גאַנצן אויסקומען אָן דעם עלעמענט פון געפיל (וויטגענשטיינס, על פי טעאָריע), איז די הויפּט־מאַכט, וואָס באַשאַפט לעבנס־אַנשויאונגען — דער געפיל. די האַרץ האָט איר לאָגיק, איר אַרט צו זען און אויסצוטייטשן דערשיינונגען. איין־און־דערזעלביקער פאַקט האָט אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג, אַ גאַנץ אַנדער זין, עס ווענדט זיך אָן דעם, ווי מען נעמט אים אויף: נאָר מיט דעם פאַרשטאַנד, אָדער אויך מיט דעם געפיל.

אַז איך האָב פאַר מיר אַ פאַקט: „מיין קינד איז געשטאָרבן", האָט ער אין דער שפּראַך פון דעם געפיל אַ גאַנץ אַנדער אויסטייטש, איידער אין דער שפּראַך פון דעם ריינעם פאַרשטאַנד. פאַר דעם קאָפּ איז „מיין" ניט מער ווי אַן אָנווייז, ווער איז דער פאָטער פון דעם קינד — אַ גלייכגילטיקער דאַטום, ווי דער נומער פון דעם הויז, אין וועלכן דאָס קינד האָט געלעבט. פאַר דעם געפיל איז „מיין" — אַ גאַנצע וועלט. דאָס וואָרט זאָגט: דאָס איז ביי מיר צעריסן געוואָרן דאָס האַרץ אויף צווייען, ביי מיר פאַרפינצטערט געוואָרן די זון. און „קינד" איז אויך ניט נאָר אַן אָנווייז אויף דעם וואוקס אָדער דעם עלטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם. פאַרן האַרצן איז דאָס — „קינד מיינס!" — אַ מקור פון פריידן אָן אַ צאָל, פון רחמנות־ און ליבע־געפילן, מיט וועלכע עס איז געווען איינגעפלאָכטן אין מיין נשמה. און „געשטאָרבן" הייסט ניט פשוט: „דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט שלאָגן, די לונגען — אָטעמען, די בלוטן — צירקולירן" — אַ ריין פיזיאָלאָגישע באַשרייבונג פון טויט, ווי מען קאָן זי אויך מאַכן ביי אַ בלעטל, אַראָפּגעריסן פון אַ בוים. „געשטאָרבן" הייסט פאַרן געפיל: ניט מער קאָנען עס צודריקן צום האַרצן, ניט מער קאָנען אַריינבליקן אין זיינע ליכטיקע אויגן, ניט מער קאָנען באַדעקן זיין פּנים מיט וואַרעמע קושן. „געשטאָרבן" הייסט: איבערגעשניטן טויזנטער נערוון, וואָס האָבן מיך צוגעבונדן צו אים, און די אַלע טויזנטער איבערגעשניטענע נערוון פאַרגייען זיך אין ברענענדן צער.

אָט דאָס הייסט זען אַ פאַקט מיט די אויגן פון געפיל, און אַזוי ווי

אַ לעבנס־אַנשויאונג איז האַרצנס־לאָגיק, קאָן זי ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן נאָר פון יענע, וואָס לייענען אירע ווערטער מיט דעם האַרצן און ניט נאָר מיטן קאָפּ, און אויך דאָס בתנאי, אַז די פאַקטן, אויף וועלכע די וועלט־אַנשויאונג ווערט אויפגעבויט, רופן אין אונדזער האַרצן אַרויס דעם זעלביקן אָפּקלאַנג פון געפיל, וואָס ביי דעם מחבר פון דער וועלט־אַנשויאונג.

איובס טראַגישער לעבנס־בליק שטעלט די דאָזיקע פאָדערונג צו אונדז. נאָר דער קאָן אים פאַרשטיין און באמת אַריינגעמען אין האַרצן, וואָס האָט, לאָז זיין איין מאָל אין לעבן, געהערט צו די שווערע ליידנדע, וואָס איז לכל הפּחות אויף אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דעם אָפּגרונט פון מענטשלעכן יאוש און טיף אַריינגעבליקט אַהין: וואָס קאָן, ווייניקסטנס, אין האַרצן זיך משער זיין, ווי עס זעט אויס אין דער נשמה ביי די, „וואָס בענקען״, ווי איוב, „נאָכן טויט און ער קומט ניט, וואָס גראָבן נאָך אים מיט מער לוסט, איידער נאָך באַהאַלטענע אוצרות און וואָלטן זיך געפרייט ביז צום עקסטאַז, ווען זיי וואָלטן געפונען דעם קבר״. (קאַפּ. ג, 21—23).

וואָס האָט אַריינגעשליידערט דעם מענטשן איוב אין דעם אָפּגרונט פון יאוש?

אייך איז געוויס באַקאַנט דער ספּור המעשה. לאָזט מיך אייך דער־מאָנען זיינע וויכטיקסטע שטריכן אין דער באַלייכטונג פון יענעם פילאָ־סאָפישן געדאַנק, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דער גאַנצער פּאָעמע.

געווען אַ מאַן אין דעם לאַנד עוץ מיט דעם נאָמען איוב, אַ גערעכטער, פון זינד ריינער, אַ גאָטס־פאַרכטיקער און אָפּגעקערטער פון שלעכטס. טרעפט זיך אַ מאָל, זיינען זיך צונויפגעקומען די בני־אלהים (די מלאכים) פאַר גאָט און אויך דער שטן צווישן זיי... פרעגט ביי אים גאָט, צי האָט ער זיך צוגעקוקט צו אַזאַ גערעכטן און גאָטס־פאַרכטיקן מענטשן ווי איוב? ענטפערט דער שטן: „האָט דען איוב אומזיסט מורא פאַר גאָט? האָסטו ניט אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן אים און זיין הויז און אַלץ וואָס ער האָט? די אַרבעט פון זיינע הענט האָסטו געבענטשט און זיין פי האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד. אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנט און ריר אָן אַלץ, וואָס אים געהערט, וועסטו זען, ווי ער וועט דיך אָפּן פאַרשילטן״.

אויף דעם ערשטן בליק קאָן מען מיינען, אַז די גאַנצע אונטערדרע־דונג צווישן גאָט און דעם שטן דרייט זיך אַרום רעליגיעזער פרומקייט. איוב איז גאָטס קנעכט; ער איז פרום, פאָלגט וואָס גאָט האָט געהייסן, און גאָט האָט הנאה פון אים, ווי אַ באַלאַבאָס האָט הנאה פון אַ גוטן משולח.

אָבער טראַכט מען זיך אַריין אַ ביסל טיפער, ווערט איינעם באַלד קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ סך העכערער זאַך איידער פרומקייט. אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַז פרומקייט און גאָטס־פאַרכטיקייט האָבן אין איובס צייטן און אין דעם געדאַנק פון יענע טעג געהאַט אַ וויכטיקערע באַדייטונג, איידער אין אונדזערע איצטיקע צייטן. „פרום" האָט יעמאָלט געהייסן ניט נאָר גלויבן אין גאָט און אָפּהיטן אַלע פאַרשריפטן פון דעם רעליגיעזן קולט, ווי תפילות, קרבנות און מנהגים. „פרום" איז געווען יעמאָלט אײנג צונויפגעבונדן מיט „גוט"; מאָראַל און מעשים טובים — צונויפגעשמאָלצן אין איינעם מיט גאָטס־פאַרכטיקייט אָדער דעם גלויבן אין גאָט, וואָס איז דער מקור פון מאָראַל און גערעכטיקייט. נאָר דער, וואָס גלויבט אין גאָט, קאָן האַלטן פון גערעכטיקייט און מאָראַל, און — „אָמר נבל בלבו: אין אלהים", עס זאָגט דער שאַלקהאַפּטיקער אין זיין האַרצן: ס'איז ניטאָ קיין גאָט". אָנווייזנדיק דעם שטן אויף איובן, האָט גאָט דעריבער ניט דערפון געקליבן נחת, וואָס איוב ברענגט אים קרבנות אָדער זינגט אים הללויהס, נאָר וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַ מאָראַליש־ריינער נשמה, אַ דורך־און־דורך ערלעכע און גערעכטע האַרץ.

דער שטן אָבער ווערט זייער ווייניק נתפעל פון מענטשלעכע ריינקייט און ערלעכקייט. מיט זיין פעסימיסטישן בליק אויף דער מענטשלעכער נשמה דערזעט ער אויף דעם גרונד פון דער העכסטער פולקאָמענקייט דעם היילן נאַקעטן עגאָאיזם. אומזיסט איז איוב מאָראַליש? עס גייט אים גוט. זאָל די טוגנד זיך אויפהערן צו באַצאָלן און אַפילו אַן איוב וועט זיך אָפּזאָגן פון איר.

גאָט גיט די דערלויבעניש צו מאַכן אַן עקספּערימענט, און איוב פאַרלירט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט: די זין, און די טעכטער, און די פי, און דעם גאַנצן רייכטום. אָבער דאָס האָט ניט איבערגעביטן איובס האַרץ. ריין און גאָט־ערגעבן איז זי געבליבן ווי פריער. ביי אַ צווייטער צונויפקונפט מיט גאָט, ווייזט דער שטן אַרויס, אַז איובס ריינקייט פון זינד איז נאָך ניט קיין באַווייז אַנטקעגן זיין, דעם שטנס, עגאָאיסטישער דערקלערונג פון טוגנד. דעם מענטשנס עגאָאיזם זיצט אַ סך טיפער, איידער מען מיינט. מען קאָן אַלץ מקריב זיין פאַר אַן אידעאַל און פרינציפּ, אָבער ניט דעם אייגענעם גוף. ער זאָגט: „אַ פעל פאַר אַ פעל, און אַלץ וואָס דער מענטש האָט, וועט ער אָוועקגעבן פאַר זיין אייגן לייב, אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנט און ריר אָן זיין אייגן פלייש און ביין — און באַלד וועט ער דיך אָפּן פאַרשילטן". גאָט וויליגט איין אויף אַ צווייטן עקספּערימענט און דערלויבט דעם שטן נעמען זיך פאַר איובס לייב. דער שטן האָט אַרויפגע־

שיקט אויף איובן די ערגסטע פיזישע פּלאָג: איובס גוף איז באַפאַלן געװאָרן מיט אַ בייזער קרעץ, וואָס האָט אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן דעם מענטשלעכן ישוב, זיצן אין אַש, און יעדע רגע פילן ווי דער ווייטיק פרעסט זיך אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין אים. אָבער אויך דאָ איז איוב געבליבן טריי צו די פּרינציפּן פון זיין ריינער נשמה, ווען אַפילו ליידן האָט ער געליטן — איבער די מענטשלעכע כּחות...

און ווען זיינע דריי פריינד, אליפז פון תּימן, בלדד פון שוח און צופר פון נעמה, זיינען געקומען צו אים אויסדריקן זייער רחמנות און צו טרייסטן אים, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן און ניט געקאָנט אים דערקענען. „זיי האָבן אָנגעהויבן וויינען אויפן קול, צעריסן יעדער זיין געוואַנט, געװאָרפן ערד צום הימל אויף זייערע קעפּ און זיינען געזעסן מיט אים זיבן נעכט און זיבן טעג און ניט גערעדט צו אים אַ וואָרט, ווייל זיי האָבן געזען, ווי זיין ווייטיק איז זייער גרויס״.

זיבן טעג און זיבן נעכט זיינען זיי געזעסן שטום לעבן אים! איוב האָט שפּעטער אָפּט אין האַרץ־רייסנדע קלאָגן געשילדערט זיין צער, אָבער קיין איין בילד זיינער, ווי שווידערהאַפט ער זאָל ניט ווירקן אויף אונדז, מאַכט ניט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף דעם לעזער, ווי דאָס בילד פון די פיר מענער, וואָס זיצן שטום אין איינעם זיבן טעג און זיבן נעכט, און זייערע נשמות הערן זיך איין אין דעם טיפן־טיפן וויי. און עס דוכט זיך: אַז דער שווערער געמיט פון זיינע פריינד האָט גענומען זינקען ווי אַ בליי אין דעם ים פון איובס צער, זינקען, זינקען, זינקען — זיבן טעג און זיבן נעכט! — ביז ער האָט דערגרייכט דעם גרונט פון זיינע ליידן. און ערשט יעמאָלט, ווען ער האָט אָנגערירט דעם גרונט, האָט זיך פון איובס נשמה מיט אַ מאָל ווי אַ דונער אַרויסגעריסן זיין געשריי פון יאוש און צער, זיין „אָרור יום אולד בו!״ — „פאַרפלוכט דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבאָרן! און ווי אַ לאַווע פון אַ וואולקאַן האָט זיך דערנאָך אַ גאַס געטאָן איובס קלאָג, וואָס איז לאַנג געווען איינגעהאַלטן אין זיין געמיט.

וואָס איז געווען דער טיפסטער גרונד פון איובס צער? נישיים ניט מער ווי דער פיזישער ווייטיק, ניט מער ווי זיין אייגענע אומגליקלעכע לאַגע? האָט ער נאָר זיך געהאַט אין זינען, בעת דער לאַווע־שטראָם פון זיינע קלאָגן האָט פאַרוואַנדלט אין אַש ניט נאָר די טרייסט־ און מוסר־רייד פון זיינע פריינד, נאָר אויך די יסודות פון דער געטלעכער פירונג?

די פריינד זיינע האָבן געוויס געטראַכט אַזוי. פאַר זיי איז איוב געװעזן אַן אינדיווידועלער פאַל, אַן אויסנאַם־אומגליק, און אין זיינע רייד האָבן זיי אַרויסגעהערט ניט מער, ווי זיינע אייגענע פּערזענלעכע יסורים.

אָבער פאַר איובן האָט זיין שיקזאַל געהאַט אַ טיפערע באַדייטונג, איידער דאָס אייגענעליידן. אין זיין פערזענלעכן פאַל האָט ער דערבליקט דעם גורל פון דעם מענטשן איבערהויפּט, און זיין נשמה איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם שוידערלעכן אמת, וואָס האָט זיך פלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן. ער האָט אין זיך דערפילט ניט דעם איוב, אָט דעם באַשטימטןליידענדן יחיד, נאָר דעם מענטשן, דאָס שפּילכלעע אין די הענט פון דער אַלוועלטלעכער מאַכט.

ס׳איז פאַראַן אין דער תלמודישער ליטעראַטור אַ לעגענדע, אַז אין איובס לייב האָבן זיך אַריינגעקליבן ווערים, וואָס פלעגן פרעסן זיין לעבעדיק פלייש. זיי פלעגן אָפּט אַרויסקריכן פון זייערע לעכער און קריגן זיך פאַר אַ שטיקל פלייש פון זיין לעבעדיקן גוף. איוב אָבער פלעגט מאַכן שלום צווישן זיי און אַריינזעצן יעדן איינעם אין זיין גריבל. אַן ענלעכע לעגענדע ווערט אויך דערציילט וועגן בודאַ, וואָס האָט אויפגעשניטן זיין אָרעם און אַריינגעזעצט אַהין ווערים, וואָס זיינען שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער...

ביי אַ מאַן פון איובס גייסטיקער אַרט, וואָלט דער אייגענער צער, ווען ער וואָלט באמת געווען ניט מער ווי איין איינציקע אויסנאַם אין דעם לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט, ניט געקאָנט אַרויסרופן יענעם געוואַלטיקן פּראָטעסט, מיט וועלכן ער איז אַרויס אַנטקעגן דעם גאַנצן געטלעכן פיר, און אין איין אַרט גיט ער קלאָר צו פאַרשטיין זיינע פריינד, אַז דער שרעק, מיט וועלכן דער אַלמעכטיקער האָט אָנגעפילט זיין נשמה, שטאַמט ניט פון דעם אייגענעם פערזענלעכן ליידן, און ניט פאַר דעם אומגליק פון דער אייגענער פּערזאָן, וועלכע די פינצטערניש האָט אַרומגענומען, פילט ער זיך אַזוי דערשלאָגן.*

מיט איובן האָט פּאַסירט אַ גרעסערער צער. אַ שיינע, גרויסע, זוניקע וועלט־ און לעבנס־אָנשויאונג איז צעבראָכן געוואָרן ביי אים: די ליכטיקע, זוניקע וועלט־ און לעבנס־אָנשויאונג פון דעם יידנטום פון זיין צייט, וואָס האָט געלעבט אין די הערצער פון זיינע פריינד און אין וועלכע אויך ער האָט געגלויבט, ביז אים איז קלאָר געוואָרן די אַלגעמיינע באַדייטונג פון זיין אייגענעם, פערזענלעכן גורל.

אויף דעם חורבן פון זיין אַלטן גלויבן איז געזעסן איוב, מיט אַ האַרץ פון חושך און שרעק.

---

* אין דעם זין פאַרטייטשט פּראָף. שטיינשנייגעל די פּסוקים פון דעם סוף קאַפּיטל כג: ... שדי הבהילנו, כי לא נצמתי מפני חושך ומפני כסה אופל.

יע, ס׳איז געווען אַ ליכטיקע, זוניקע וועלט־אַנשויאונג, אַט די, וואָס די נביאים האָבן, שריט פאַר שריט, אויפגעבויט און וואָס איז פאַרטיק געוואָרן אין איר גאַנצער פּראַכט אין די ערשטע יאָרהונדערטן פון דעם צווייטן בית־המקדש. מען קאָן זאָגן, אַז דער גרונד־שטריך פון יענעם יידנ־טום איז געווען פריידיקער ענטוזיאַזם פון דער וועלט, פון דעם לעבן פון דעם מענטשן, און דער ענטוזיאַזם פלעגט זיך אַזוי אָפט אַרויסרייסן אין פאַרליבטע לויב־געזאַנגען צו דעם איינציקן מקור פון דער וועלטס צויבער־האַפטער פּראַכט, צו איר באַשאַפער און פירער.

לייענט, צ. ב., דעם קאַפּיטל ק״ד פון תהלים, די וואונדערבאַרע אָדע אויף דער שיינקייט פון דער וועלט, וואו הימל און ערד, ים און יבשה, בערג און טאָל, די גראָז פון פעלד און די פייגעלעך צווישן די בלעטער פון די ביימער, די שיפן אויפן ים און די ברילנדע חיות אין וואַלד; זון און לבנה און דער מענטש מיט זיין אַרבעט ווערן אין קורצע פינקלדיקע שטריכן צונויפגעוועבט אין איין איינציקן פּרייד־פלאַמענדיקן וועלטן־בילד! ווי ווילט זיך דאָ אין איינעם מיט דעם דיכטער אַרויסיובלען: ווי גרויס זיינען דיינע ווערק, אָ גאָט, זיי אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפט באַשאַפן! ווי ווילט זיך דאָ צום סוף אין איינעם מיט דעם דיכטער אַרויס־שרייען דעם זיכערן גלויבן, אַז אויך די מאָראַלישע וועלט פון דעם מענטשן וועט ווערן פון „הוד והדר״, גלאַנץ און פּראַכט, ווי די גאַנצע נאַטור — און „די זינד וועלן פאַרשווינדן און קיין רשעים וועלן מער ניט זיין״...

און עס מוז דאָך אויך קומען אַזאַ צייט, ווייל דער וועלטן־גאָט איז אין דער זעלביקער צייט דער גאָט פון צדק און משפט...

און די וואונדערבאַרע קלוגשאַפט, די חכמה, וואָס הערשט אין יעדעס פּיצעלע פון גאָטס באַשאַף — ליגט זי ניט קלאָר אויף דער האַנט פאַר יעדן איינעם? שטייט זי ניט, די חכמה, אויף אַלע בערגלעך ביי די וועגן, אין מיטן פון די שטעגן, ביי די טויערן און טירן, און רעדט זי ניט צו אַלעמען: איך, מענטשן, רוף איך! מיין שטים איז צו אייך, מענטשנקינדער!״... (משלי, קאַפּ. ח). און הערט וואָס זי דערציילט: „גאָט האָט מיך באַשאַפן אין דעם אָנהויב פון זיינע וועגן, ווי דאָס ערשטע פון זיינע ווערק פון לאַנגג אָן. פון אייביקייט בין איך געפורעמט, פון גאָר דעם ערשטן אָנהויב פון דער ערד. איך בין געבאָרן, ווען קיין תהומען זיינען נאָך ניט געווען, און ניט קיין וואַסער־קוואַלן. נאָך איידער די בערג זיינען אַריינגעפּעסטיקט געוואָרן, נאָך איידער די היגלען בין איך געבאָרן, נאָך איידער ער האָט לאַנד און פּלעינען געמאַכט אין די ערשטע ערד־מאַסן פון דער וועלט״. „בעת ער האָט דעם הימל צוגעפּאַסט — בין איך דאָרט געווען; בעת ער

האָט דאָס געוועלב געמאַכט איבערן אָקעאַן, די וואָלקנס אויבן פאַרשטאַרקט, געקרעפּטיקט די קוואַלן פונעם תּהום; און ווען ער האָט דעם גרענעץ פונעם ים געזעצט, אַז די וואַסערן זאָלן ניט אַריבער זיין באַפעל; בעת ער האָט איינגעפעסטיקט די פונדאַמענטן פון דער ערד — בין איך ביי אים געווען ווי אַ קליין קינד, געשפּילט פאַר אים די גאַנצע צייט, געשפּילט אויף זיין גאַנצן ערדן־קרייז, געפרייט זיך מיט די מענטשן״.

קאָן אַ וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין פריידיקער קלוגשאַפט, זיין אַ טרויעריקע וועלט, אַ מאוסע וועלט, אַן אומגערעכטע וועלט?

און דער מענטש! דער געליבטער שפּיל־חבר פון אַ געטלעכער חכמה! ווי רייך מוז זיין זיין לעבן, ווי הערלעך זיין גורל. „אַז איך קוק אָן דיין הימל״, זאָגט אַן אַנדער יידישער דיכטער, „די ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן, וואָס דו האָסט צוגעפּאַסט — וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים האָבן אין זין, אַ מענטשן־קינד, דו זאָלסט זיך אָן אים דער־מאָנען? האָסטו אים אָבער ווייניק געלאָזט פעלן צו זיין אַ גאָט און מיט כּבוד און פּראַכט האָסטו אים באַקרוינט. מאַכסט אים הערשן איבער אַלע ווערק פון דיינע הענט; אַלץ האָסטו אים אַוועקגעלייגט צו זיינע פיס״. (תּהלים, קאַפּ. ח).

און די זוניקע וועלט, וואָס שטראַלט מיט לעבן, גליק, שכל און שיינ־קייט איז אַ די־וועלטיקע וועלט. אין גאַנצן פריי איז דער יידישער מאָנאָ־טעאיזם פון יענער צייט פון אַ וועלכער עס איז יענער וועלט, פון אַ לעבן נאָכן טויט, פון אַ גיהנום און אַ גן־עדן, פון אַ תּחית המתים אין די קומענ־דיקע טעג. דער טויט איז אַן אמתער טויט, אָבער ער וואַרפט ניט קיין שאָטנס אויפן לעבן. זוניק שטראַלט אויך ער צווישן אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט. אַז עס קומט די צייט און דער מענטש ווערט אין גאַנצן אויסגערייפט, ווי די פאַרטיקע תּבואה, ווערט ער אַריינגעבראַכט אין דעם קבר, ווי די גאַרבן אין דעם שייער.*

אמת, דעם גליקלעכן לעבן האָט ניט יעדערער, ווייל ניט יעדערער פאַרדינט דאָס. גאָט — דער פּרינציפּ פון אייביקער גערעכטיקייט — באַ־לוינט דעם צדיק אויף דער וועלט און באַשטראָפט דעם רשע אויך דאָ. און אויב די גערעכטיקייט טרעט ניט אַריין אין דעם לעבן פון דעם מענטשן, באַווייזט זי זיך אין דורות אַרום אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער. על כּל פּנים איז אויסגעשלאָסן, אַז איינער זאָל אויף דער וועלט ליידן אומזיסט. אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אין דער וועלט, איז גוט; אַלץ, וואָס

* תבוא בכלח אלי קבר, כעלות גדיש בעתו. איוב ה׳ 26. אליפז׳ס באַשרייבונג פון אַ גערעכטן לעבן.

עס פּאַסירט מיט דעם מענטשן, איז גערעכט, ווייל אויך די מאָראַלישע געזעצן פון דעם וועלט־געשען זיינען אַקוראַט אַזוי פעסט איינגעפונדע־וועט אין דער וועלט דורך דער געטלעכער „חכמה", ווי די גרענעצן פון דעם ים און דער לויף פון די שטערן.

אָט דאָס איז איין אירע הויפּט־שטריכן געווען די וועלט־ און לעבנס־אַנשויאונג פון דעם יידישן מאָנאָטעאיזם, אין וועלכע איוב האָט פריער געגלויבט, אין וועלכע עס האָבן געגלויבט זיינע פריינד.

ווי קאָן איובס גורל דערקלערט ווערן פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַזאַ וועלט־אַנשויאונג? וואו קאָן ליגן די סבה פון זיין אויסערגעוויינלעכן אומ־גליק? ניט אַנדערש, איוב האָט פיזיש פאַרזינדיקט, אפשר אומבאוואוסט פאַר זיך אַליין — דאָס האָט געמוזט זיין דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז אַרויף אויפן זין איובס פריינד. פריער צאַרט און מיט רחמנות צו זיינע ליידן זאָגט אליפז אַרויס דעם ערשטן חשד: „דערמאָן זיך נאָר, ווער, אַ ריינער, איז פאַרלאָרן געגאַנגען, וואו זיינען גערעכטע פאַרטיליקט גע־וואָרן?" און ווי קאָן אַ מענטש זיין אין גאַנצן ריין פאַר גאָט, וואָס פאָדערט אַ מאָראַלישן דין וחשבון אַפילו פון זיינע מלאכים?

אליפז ברענגט אים דערביי שוין אַ טרייסט, אַז גאָט שטראָפט כדי אָפּצוואווענדן דעם מענטשן פון זינד, ווידער אויפצוריכטן די צעשטערטע גערעכטיקייט און ווידער אַריינצונעמען דעם בעל־תשובה אין דעם זוניקן לעבן. דאָרטן ווערט ווידער געשלאָסן פרידן צווישן אים און דער גאַנצער נאַטור, און זיין לעבן צייטיקט זיך אויס, ווי די תבואה אין פעלד, און ענדיקט, ווי אַ גאַרב, אַריינגעבראַכט אין שייער צו איר צייט.

אָבער איוב פילט אין זיין אייגענעם האַרצן, אַז ער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט פאַרזינדיקט, אַז זיינע ליידן האָט ער ניט פאַרדינט, און אַז אַליין דער פאַקט פון ניט פאַרדינטע ליידן, וואָס מוזן דאָך צוגעשריבן ווערן צו דעם גרויסן אַלמעכטיקן גאָט, גראָבט אונטער, ווען מען טראַכט זיך טיפער אַריין, אַלע יסודות פון דער זוניקער, ליכטיקער וועלט־אַנשוי־אונג. דער חשד וועגן דער ריינקייט פון זיין נשמה באַליידיקט אים. ער פילט אין דערינען נאָך אַ נייעם קוואַל פון נייע, ניט פאַרדינטע ליידן, און זיין פאַלעמיק אַנטקעגן די פריינד ווערט אַלץ העפטיקער און שטור־מישער — ביז ער וויל שוין גאָר ניט רעדן מיט זיי און זיינע טענות שליידערט ער דירעקט דעם אַלמעכטיקן אין געזיכט.

זיין קאַמף מוז ער פירן אויף צווי פראָנטן: מיט די פריינד און מיט גאָט. די פריינד דאַרף ער צווינגען, זיי זאָלן מודה זיין, אַז ער איז אומ־

שולדיק, און אַז זייער ראַזעווער אָפּטימיסטישער לעבנס־בליק האָט ניט קיין יסוד. מיט גאָט קעמפט ער, פאַר וואָס ער, גאָט, איז אַזאַ ווי ער איז...

אויף אַלע חשדים, וואָס די פיינד וואַרפן אַרויף אויף אים אין אַלץ העפטיקערע רייד, האָט ער נאָר איין ענטפער: „איך בין אומשולדיק! מיך אַרט ניט מיין לייב. ס'איז מיר פאַרמאוסט מיין לעבן". „ביז וואַנען", פרעגט ער אין אַן אַנדער אָרט, „וועט איר פאַרצערן מיין נשמה און מיך צעמאָלן מיט אייערע רייד? שוין אַ מאָל צען, ווי איר באַשימפּט מיך, און שעמט זיך ניט מיך צו באַעולהן!" (קאַפּ. י"ט, 1—2). און ביז צו דעם סוף פון דעם דיספּוט קאָן ער ניט אויסוואַרצלען פון זייער האַרצן דעם חשד, אַז אויב ער האָט ניט געזינדיקט אין זיין פּריוואַט־לעבן, האָט ער אפשר באַגאַנגען אַ פאַרברעכן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַ פירסט און אַ הערשער איבער מענטשן. גאָר צום סוף פון זיין דיספּוט מוז נאָך איוב אַרויסטרעטן מיט זיין מאָראַלישן „אַני־מאמין" און דעם באַוויַיז פון זיין ריינער זיטלעכקייט. ער רופט גאָט פאַר אַן עדות, אַז סיי אין פּריוואַט־לעבן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אין דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם האָט ער קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די פאָדערונגען פון דער מאָראַל, וואָס זיינען אין דער זעלביקער צייט די פאָדערונגען פון גאָט.

יע, די היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונג פון רעליגיעזן גלויבן און מאָראַל האָט אַפילו אַן איוב־גייסט ניט געקאָנט צערייסן. אין איינעם מיט זיינע פריינד גלויבט ער, אַז די מאָראַל שטאַמט פון דער געטלעכקייט און זעט אין איר „אַ טייל פון גאָט אין הימל און אַן ארב פון דעם אַל־מעכטיקן אין דער הויך". אין זיין איבערגעבנקייט צו גאָט האָט ער, איוב, ניט געקאָנט זיין אוממאָראַליש. אויב ער וואָלט, צ. ב., געטראָטן מיט די פיס דאָס רעכט פון זיין קנעכט און זיין דינסט, ווען זיי שטרייטן מיט אים — וואָס וואָלט ער דען געטאָן, ווען גאָט וואָלט אים געפאָדערט צום ענטפער? וואָס וואָלט ער געקאָנט ענטפערן? „דער וואָס האָט אים באַשאַפן אין דעם מוטערלייב, האָט דאָך אויך מיך געמאַכט. ער איינער האָט דאָך אונדזביידן צוגעפּאַסט אין דעם מוטערשויס"* אָדער: „ווען איך זאָל האָבן באַטראַכט דעם ליכטיקן שיין פון דער זון, און די לבנה ווי זי גייט אַזוי פּרעכטיק, און מיין האַרץ וואָלט אין דער שטיל זיך באַנאַרן געלאָזט, און מיין האַנט וואָלט איך געפירט צו דעם מויל, צו אַ קוש — וואָלט דאָס אויך געווען אַ שטראָפבאַרע זינד, ווייל איך וואָלט געלייקנט אין גאָט, וואָס אין הימל".**

* הוא בבטן עשני עשהו, וכוננו ברחם אחד. קאַפּ. ל"א, 16.

** קאַפּ. ל"א, 29, גם הוא עון פלילי, כי כחשתי לאל ממעל.

די שטעלע איז זייער אַ מערקווירדיקע, און איך וויל, איר זאָלט זי גוט נעמען אין אויג. אין דעם גאַנצן קאַפּיטל — דעם שלוס־קאַפּיטל פון זיינע רייד — באַשרייבט ער זיינע פרומע לעבנס־פּרינציפּן, זיין סעקסועלע ריינקייט אין פּריוואַט־לעבן — „ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה״ — זיין אַבסאָלוטע גערעכטיקייט אין סאָציאַלע באַציאונגען און נאָר איין מאָל, ווי פאַרבייגייענדיק, דערמאָנט ער אויך די פאָדערונג — צו בלייבן טריי דעם גלויבן אין איין־איינציקן גאָט — „ווייל דאָס וואָלט אויך געווען אַ שטראָפבאַרע זינד״.

ס׳איז קלאָר, אַז די גאָטספאַרכטיקייט, וועגן וועלכער עס ווערט גע־רעדט אין איוב, איז אין איר תוך אַריין די מאָראַלישע ערלעכקייט און ניט די רעליגיעזע, אָדער קאָנפעסיאָנעלע, פרומקייט. אָבער די מאָראַלישע ערלעכקייט איז, ווי איך האָב שוין באַמערקט, אויך פאַר איובן צונויפ־געבונדן מיט דעם גלויבן אין גאָט און זיין צדק ומשפט. און פון דעם שטאַנדפּונקט פילט איוב, אַז ער האָט זיך מיט גאָר ניט פאַרזינדיקט אַנטקעגן גאָט, אַז זיינע ליידן זיינען ניט פאַרענדיקט און ער פירט אַ פאַר־צווייפלטן קאַמף אַנטקעגן זיינע פריינד, כדי אַרויסצושלאָגן פון זיי דעם לעצטן ספק וועגן דעם.

פון דעסטוועגן דאַרף מען ניט מיינען, אַז פאַר איובן אַליין איז דער פונקט אַזוי וויכטיק. געוויס האָט ער אַ באַדייטונג אויך פאַר אים, און דער טיפער באַוואוסטזיין פון זיין אומשולד איז געווען דער ערשטער פאַקט, וואָס האָט אים אַרויפגעטריבן אויף זיין רעוואָלוציאָנערן געדאַנקען־גאַנג, און איז געבליבן איינער פון די וויכטיקסטע אַרגומענטן אין זיין באַווייז־פירונג. אָבער, ווי מיר וועלן באַלד זען, איז דער פונקט ניט דער וויכ־טיקסטער. ער האָט געקעמפט פאַר אים אַזוי האַרטנעקיק, ווייל ער איז דער צענטראַל־פונקט אין די טענות פון די פריינד, ווייל אויף אים הענגט זייער גאַנצער גלויבן אין דעם לעבנס־פריידיקן מאָנאָטעאיזם: זאָל איוב באמת זיין אומשולדיק, איז יעמאָלט אַ סוף צו גאָטס גערעכ־טיקייט, אַ סוף צו דער גאַנצער זוניקער וועלט, וואָס האָט זיי געוואָרעמט און געלויכטן, אַ סוף צו דעם גלויבן אין אַן אייביקער מאָראַל, וואָס הערשט אין דער וועלט, ווי די נאַטור־געזעצן.

„דו״, שרייט אויס בלדד, „וואָס דו פאַרצוקסט דיין לייב אין דיין גרימ־צאָרן, זאָל פון דיינטוועגן די וועלט פאַרלאָזן ווערן, זאָל דער פעלז אַ ריס געטאָן ווערן פון זיין אָרט?״ די פריינד קאָנען ניט צולאָזן קיין אויסנאָם אין דעם וועלט־געשעען צוליב איובן. מיט צאָלרייכע ביישפּילן אויף צאָל־רייכע אופנים, דורך דער דערפאַרונג און דורך דער קלוגשאַפט פון די

עלטערן, זעען זיי מיט אַלע כּחות צו באַווייזן, אַז דער וואָס פירט אַ גע־רעכטן לעבן, איז אויך גליקלעך, און דער וואָס איז אומגליקלעך, האָט דאָס פאַרדינט. איובס ליידן איז אַ סימן אויף זיינע זינד, ווייל די גערעכ־טיקייט שטייט פעסט אין דער וועלט, ווי אַ פעלז.

אָבער איוב האָט שוין לאַנג פאַרלאָזן די זוניקע וועלט־אַנשויאונג. מיט האַמער־שלעג האָט זי צעשמעטערט, די זיסע, פריידיקע, רעליגיעזע טראַדיציע, און זיין גייסט טראָגט זיך אַרום אין „פינצטערניש, באַשאָטנט מיט טויט" און זוכט נייע וועלטן — טורעמט אַן אויף גאָט.

„די אַלע זאַכן", זאָגט ער צו זיינע פריינד, וועלכע ער רופט שוין: „ליגן־שמירער און פאַלשע רופאים", „האָט שוין מיין אויג געזען, מיין אויער געהערט און האָט דאָס באַטראַכט. אַזוי קלוג ווי איר, בין איך נאָך אויך, איך פאַל ניט אַראָפּ פאַר אייך, אָבער איך וועל רעדן צו דעם אַלמעכטיקן, מיט גאָט וועל איך האָבן אַ ויכּוח". (קאַפּ. ז׳ 17).

און אָנהויבן הויבט ער אָן מיט דער טיפער, אומברחמנותדיקער, האַרץ־צערייסנדער קריטיק פון דער זוניקער וועלט־ און לעבנס־אַנשויאונג, מיט דער קריטיק פון דעם מענטשן און זיין לעבן אויף דער וועלט, וואָס פון איר — דער קריטיק, מיין איך — הענגט אָפּ די קריטיק פון דער מאָראַל און ממילא אויך די קריטיק פון גאָט.

אויב די אַלטע וועלט האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן ווען פון דעם מענטשן, וואָס אים פעלט נאָר אַ ביסעלע צו זיין אַ גאָט, איז ער פאַר איובן אַ קליינינקער, שטערבלעכער ווערעמל. כּמעט מיט די זעלביקע ווערטער, וואָס אין תּהלים, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדער אויסטייטש אין געפיל רופט אויך איוב אויס: „מה אנוש, כי תגדלנו, וכי תשית אליו לבך!" „וואָס איז דער מענטש, וואָס דו האַלטסט פון אים אַזוי פיל און דו טראַכסט וועגן אים שטענדיק?" (קאַפּ. י״ג אין אָנהויב).

אין דער באַטראַכטונג פון דעם מענטשן און זיין גורל אויף דער וועלט, איז איוב אַן אינדיווידואַליסט. ער ווייס נאָר פון דעם איינצל־מענטשן און פון דער קליינינקער צייט, וואָס ער פאַרברענגט אויף דער וועלט. די קינסטלעריש רואיקע, די עסטעטישע צופרידנקייט מיט דעם טויט, וואָס איז געווען אין דעם אַלטן גלויבן, איז ביי איובן פאַרשוואונדן. פאַר איובן הייסט „געשטאָרבן" — ניט „אַריינגעבראַכט אין שייער, ווי אַ צייטיקע גאַרב", נאָר: אויף אייביק פאַרלאָזן די וועלט. „ווי אַ וואָלקן, וואָס פאַר־שווינדט און פאַרגייט, אַזוי קומט ניט אַרויף צוריק דער, וואָס גייט אין

* טורף נפשו באפו, הלמענך תעזב ארץ ויעתק צור ממקומו. יח, 4.

שאול. קיינמאָל וועט ער ניט קומען צוריק אין זיין הויז, קיינמאָל וועט ער ניט זען זיין פריערדיקן אָרט״. (קאַפּ. ז, 9—10).

די שטערבלעכקייט פון דעם מענטשן איז פאַר איובן שוין גאָר ניט קיין פריידיקע מעלה. אדרבה! זי שטעלט אים אין דעם פונקט אַוועק נאָך נידעריקער, איידער די פלאַנץ. „אַ בוים האָט נאָך אַ האָפענונג; ווערט ער אָפּגעשניטן, קומען נייע שפּראָצן און זיין צווייגלינג גייט ניט צו גרונד. זאָל אַפילו זיין וואָרצל אין דער ערד אַלט ווערן, זאָל זיין שטאַם טויט ווערן אין שטויב — פון וואַסער־דונסט הויבט ער ווידער אָן בליען, און טרייבט צווייגן ווי נאָר וואָס געפלאַנצט. אַ מאַן אָבער שטאַרבט און ליגט אָן כּוחות; פאַרגייט אַ מענטש, איז — וואו איז ער?... ער לייגט זיך אַוועק און שטייט ניט אויף. ביז די הימלען וועלן אויפהערן, וועלן זיי ניט דערוואַכן״. (קאַפּ. י״ד, 7—13).

און מיט אַזאַ אָרעם, שוואַך ווערעמל פירט גאָט זיינע חשבונות, רעכנט זיך מיט אים: געזינדיקט? ניט געזינדיקט? ער, דער אַלמעכטיקער, פון וועמען אַלץ שטאַמט אָפּ, וואָס באַשטימט יעדן שריט פון דעם מענטשן, וואָס איז ממילא, אין דער לעצטער שורה, אויך די סבה פון די מענטש־לעכע זינד — ער האָט נאָך טענות און פאָדערונגען צו דעם מענטשן! אין טיף דורכגעוויטיקטע ווערטער, וואָס ברענען זיך נאָך עד היום אַריין אינעם האַרצן, אַנטפּלעקט איוב דעם אַלמעכטיקן די גאַנצע עולה פון זיין געטלעכן יושר.

„אדם, ילוד אשה, קצר ימים ושבע רוגז״. „דער מענטש, פון אַ ווייב געבאָרן, קורץ אין טעג, געזעטיקט מיט שווערער אומרו. ווי אַ בלום גייט ער אויף און פאַרוועלקט, פאַרפליט ווי אַ שאָטן, און האָט ניט קיין באַ־שטאַנד. און אויך אויף אַזאַ האָלטסטו אָפּן דיין אויג, און אויך אים שלעפּסטו צום משפט מיט דיר... און אויב זיינע טעג זיינען פעסט ביי דיר באַ־שטימט, אויב ביי דיר איז די צאָל פון זיינע חדשים, אויב דעם אייביקן גאַנג פון זיין לעבן האָסטו באַשאַפן און ער קאָן אים ניט אַריבערשפּרייזן, איז — לאָז אָפּ ביז ער פאַרשווינדט, לאָז אים, ווי אַ טאָג־אַרבעטער, זיין צופרידן מיט זיין טאָג״. (קאַפּ. י״ד, 1—6).

אָבער גראָד אָט די רחמנות צו דעם מענטשן, צו דעם שוואַכן, שטערב־לעכן באַשאַף פעלט ביי דעם אויבערשטן. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם מענטשן און פאַרצאַמט אים אַלע וועגן. „ווי אַ באַרג וואָס פאַלט צונויף, ווי אַ פעלז אַרויסגעריסן פון זיין אָרט, ווי אַ וואַסער, וואָס צערייבט שטיינער, ווי שלאַקס־רעגן, וואָס שווענקט אַראָפּ דעם שטויב פון דער ערד, האָסטו אַ תל געמאַכט פון דעם מענטשנס האָפן. אייביק באַוויזסטו

אויף אים דיין געוואַלט און — ער פאַרגייט". ס'איז ניט קיין ענטפער, אַז דעם מענטשנס לעבן פאַרשווינדט ניט מיט אים, אַז ער לעבט נאָך ווייטער אין זיינע קינדער. דער מענטש איז אַן איינצל־מענטש. איז מיט אים אויס, איז אַלץ אויס. „קומען זיינע קינדער צו כבוד — ער ווייס דאָס ניט; זינקען זיי אַראָפּ, אים בלייבט דאָס אומבאַקאַנט. נאָר איבער זיין לייב טוט אים וויי און נאָר איבער זיין נשמה איז ער פול מיט טרויער". (דאָרט).

דער אַלטער, זוניק־פריידיקער בליק אויף מענטש און וועלט בויט, ווי מיר האָבן געזען, פיל אויף דער געטלעכער חכמה. קלאָר ליגט זי פאַר יעדן איינעם, אַ שפּיל־חבר איז זי מיט דעם מענטשן. אין דער דערקענטעניש פון גאָטס וואונדערלעך שיינע מעשים דרינגט ער, דער מענטש, אַריין ביז צו די טיפסטע געדאַנקען פון גאָטס שכל און איז כמעט ווי אַ שותּף אין די מעשה בראשית, אים פעלט כמעט נאָר אַ ביסל צו גאָט. אָבער, פרעגט איוב: איז אָט דער גלויבן אין דער אָפנקייט פון גאָטס חכמה פאַר דעם מענטשן עפּעס מער ווי אַן אילוזיע? קאָן דער מענטש באמת זיך אַראָפּלאָזן ביז צו דעם גרונט פון דעם געטלעכן געדאַנק? איוב לייקנט ניט, אַז דער מענטש איז אַריינגעדרונגען אין די טיפסטע פינצטערנישן פון די בערג, כּדי אַרויסצושלעפּן פון דאָרטן — מעטאַלן און אידלשטיינער, אָבער — ביי זיין גאַנצער הערשאַפט איבער דער נאַטור, האָט ער ניט אָפּגעדעקט דעם שלייער פון דעם געטלעכן שכל. דער גאַנצער קאַפּיטל, אין וועלכן איוב רייסט אַראָפּ די קרוין פון דעם מענטשנס קאָפּ, דעם שטאָלץ פון זיין דערקענטעניש, איז אַזוי שיין געשריבן, אַזוי מאָדערן געטראַכט, אַז מיר ווילט זיך אים ברענגען כמעט אין גאַנצן: *

„ס'איז דאָ אַ געפינ־אָרט פאַר זילבער, אַן אָרט, וואו מען קאָן אויס־וואַשן גאָלד. אייזן ציט מען אַרויס פון דער ערד; פון שטיינער ווערט געשמאָלצן מעטאַל. אַן ענד האָט ער (דער מענטש) געמאַכט צו דעם חושך און ביז צום לעצטן גרענעץ האָט ער אויסגעפאָרשט די שטיינער פון פינצ־טערניש און טיפן טונקל... פון דער ערד ציען מיר ברויט־קערנער אַרויס... דעם סאַפּיר געפינען מיר אין זיין שטיין, געמישט מיט גילדערנעם שטויב, אויף אַ וועג, וואָס אים קען ניט דער אָדלער, וואָס דעם גייערס אויג האָט קיין מאָל ניט געזען, וואָס קיין שטאָלצע חיה איז ניט געגאַנגען אויף אים, און וועלכן דער לייב האָט קיין מאָל ניט באַטראָטן. אויף דעם קיזל־שטיין לייגט ער זיין האַנט, קערט אום בערג מיט דעם וואָרצל־אַרויף. אין שטיינער

* דער טעקסט איז אין אייניקע שטעלן דורכאויס פאַרדאָרבן און מען קאָן פון זיי ניט אַרויסברענגען קיין קלאָרן זין.

האָקט ער דורך אַ טונעל און אַלערליי פּרעכטיקייטן האָט געזען זיין אויג. די קוואַלן פון שטראָמען פאַרשט ער אויס און דאָס פאַרבאָרגענע ברייגגט ער אויף דעם ליכטיקן שיין״...

„אָבער די חכמה, וואו געפינט מען זי? און וואו איז דער געפין־אָרט פון דער דערקענטעניש? קיין מענטש ווייס ניט דעם וועג צו איר,* מען קאָן זי ניט געפינען אין דעם לאַנד פון די לעבעדיקע. דער תהום זאָגט: „ניט אין מיר איז זי״ און דער ים זאָגט: „אויך ביי מיר ניטאָ״. מען קאָן זי ניט קויפן פאַר גין־גאָלד, ניט אָפּוועגן פאַר איר דעם פּרייז אין זילבער. זי לאָזט זיך ניט אויסגלייכן מיט אופיר־גאָלד, ניט מיט דעם טייערסטן שוהם און סאַפּיר. די חכמה פון וואַנען קומט זי? וואו איז דער געפין־אָרט פון דער דערקענטעניש? פאַרדעקט איז זי פאַר יעדעס לעבעדיקע אויג, פון די פויגלען פון הימל פאַרבאָרגן. אַפילו דער אָפּגרונט און דער טויט זאָגן: „מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר עפּעס געהערט פון איר. נאָר גאָט ווייס דעם וועג צו איר. ער ווייס איר געפין־אָרט״...

ער, גאָט, ווייס און לאָזט דעם מענטשן אין פינצטערניש. אָבער אויב די „חכמה״, די לעצטע פּרינציפּן פון דעם וועלט־באַשאַף, זיינען פאַר אונדז פאַרדעקט — וואו נעמט מען יעמאָלט די זיכערקייט, אַז גאָטס וועגן זיינען געבויט אויף גערעכטיקייט? און אויב ביי דער באַטראַכטונג פון דער נאַטור מוזן מיר בלייבן שטיין אָן אַן ענטפער, ווייל מיר קאָנען ניט אַריינדרינגען אין דעם געטלעכן געדאַנק, וואָס האָט זי אַרויסגעבראַכט, האָבן מיר דאָך אַ וועלט פאַר אונדז, וואָס אירע יסודות זיינען אַזוי קלאָר: די וועלט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. וואָס טוט זיך דאָ מיט דער געטלעכער גערעכטיקייט? ווי ווירקט גאָט אין דעם לעבן פון די מענטשן?

דער אמת, וואָס אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר איובס אויג, פילט אים אָן מיט אַזאַ שרעק, אַז ער שרייט אויף, ווי פון אַ פייל געטראָפן. „קומט אַהער, איר וועט פאַרשטיינערט ווערן... דערמאָן איך מיך וועגן דעם, ווער איך אַ פאַרציטערטער; אַ שוידער גייט דורך דורך מיין לייב. פאַר וואָס בלייבן לעבן די רשעים, ווערן אַלט און שטאַרק אין קראַפט?... (קאַפּ. כ״א, 5—7). „זיי צעשטערן די גרענעצן. זיי רויבן די פי־הערדן און זייערע פיטערער. דעם יתומס אייזל פירן זיי אַוועק, דער אלמנהס אָקס נעמען זיי אין משכון. די אָרעמע שטויסן זיי אַראָפּ פון וועג. די עלנדע מוזן זיך באַהאַלטן... אויף דעם פעלד פון דעם רשע מוזן זיי באַזאָרגן זיין שניט, אין זיין וויינ־

* לויט דער גריכישער איבערזעצונג דאַרף מען לייענען „דרכה״ אַנשטאָט ערכה״.

גאָרטן צונויפקלייבן די טרויבן. נאַקעט ליגן זיי ביינאַכט, אָן קליידונג, אָן אַ צודעק אין דער קעלט. אין די בערג טריפן זיי פון רעגן, און אָן אַ שוץ, קלאַמערן זיי זיך אַרום דעם פעלז. נאַקעט גייען זיי אַרום, און הונגערנד טראָגן זיי די גאַרבן. צווישן די מויערן פּרעסן זיי דעם אויל, זיי טרעטן דעם ווייַן אין קעלער און אַליין מוזן זיי אויסגיין פאַר דאָרשט. זיי קרעכצן אונטער זייער האַרטן דינסט, אָבער — גאָט הערט ניט זייער געבעט„.*

גאָט העלפט ניט די גערעכטע, די אומשולדיק פאַרפאָלגטע. שטראָפט ער, לכל הפחות, די רשעים? אויך דאָס ניט. „זייערע קינדער שטייען פעסט פאַר זיי... זיי זינגען הויך ביי פויקן און פידלען און פרייען זיך ביי דעם קלאַנג פון דער האַרף. אין גליק פאַרברענגען זיי זייערע טעג, אין פרידן גייען זיי אַראָפּ אין שאול, און זאָגן דאָך צו גאָט: „אַוועק פון אונדז. פון דיינע וועגן ווילן מיר נישט וויסן„. (קאַפּ. כ״א, 8—14).

זאָל מען זיך טרייסטן מיט דעם גלויבן, אַז גאָט וועט זיך דערפאַר אָפּרעכענען מיט זייערע קינדער? „אָבער וואָס זאָל אים, דעם רשע, אַרן זיין הויז נאָך זיין טויט, ווען די צאָל פון זיינע חדשים איז צו ענד?״ ממילא קאָן קיין רייד ניט זיין פון גאָטס גערעכטיקייט אין דער געזעלשאַפט. ער האָט זיינע דרכים, וואָס זיינען זייער ווייט פון יושר. „דער שטאַרבט אין דעם פולסטן גליק, אין גאַנצן רואיק און זיכער... און דער אַנדערער שטאַרבט אין אַ ביטער געמיט און האָט קיין מאָל פון גוטס ניט גענאָסן. אין איינעם לייגן זיי זיך אין דעם שטויב, און ווערים באַדעקן זיי ביידן„. (כ״א, 21—26).

אָבער, ווען אָפילו עס וואָלט געקאָנט באַוויזן ווערן, אַז אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דעם לעבן פון דעם מענטשן בכלל הערשט דער שטרענגסטער יושר, וואָלט דאָס אויך ניט באַפרידיקט איובן. איוב איז שוין אַריבערגעוואַקסן יענע מאָראַליש־רעליגיעזע אָנשויאונג, וואָס האָט איר העכסטן פּרינציפּ געזען אין דער גערעכטיקייט און ממילא אויך די העכסטע מעלה פון גאָט אין זיין יושר, אין זיין „אמת וצדק״. אַ נייער מאָראַלישער פּרינציפּ טראָגט זיך פאַר זיינע אויגן: דער ריינער „ואהבת״ אָן אַ שום באַדינג, אָן אַ שום פאַרדינסט פון דעם, וואָס מיר ליבן: רחמנות, גרענעצלאָזע ליבע, גענאָד און מחילה פאַר דעם מענטשן, וואָס ער זאָל ניט האָבן געטאָן, ווי ער זאָל ניט האָבן געזינדיקט. גענאָד און דערבאַרעמונג פאָדערט ער פון זיינע פריינד, וואָס פאַרביטערן זיין געמיט,

* קאַפּ. כ״ד, 2—12. אָנשטאָט: ואלוה לא ישים תפלה (טיפלאָ), דאַרף מען לייענען: ואלוה לא ישמע תפלה (טפילאָ).

דעם שוין פאַרביטערטן, מיט דעם שטענדיקן דערמאָנען פון זיינע זינד און זיין פאַרשולדיקונג. „האָט רחמנות אויף מיר! האָט רחמנות אויף מיר, מיינע פריינד״, שרייט ער אויס אין אַ שטעל, „ווייל מיך האָט געטראָפן גאָטס האַנט. פאַר וואָס פאַרפאָלגט איר מיך, ווי גאָט, און ווערט ניט זאַט פון פייניקן מיין פלייש״. (י״ט, 21—22).

און מיט דעם נייעם פּרינציפּ פון דער מאָראַל וואַקסט אין אים אויס אַן אומבאַוואוסטע ביינקשאַפט נאָך אַ נייעם אידעאַל פון גאָט. ליבע און גרענעצלאָזע גענאַד וואָלט אויך לאָגיש בעסער געפּאַסט צו גאָטס אַל־מעכטיקייט איידער יושר און משפּט. מיר האָבן שוין אויבן געזען, ווי משונה דאָס קומט אויס אין איובס אויגן, ווען גאָט פּירט חשבונות מיט זיין אָרעמען באַשאַף, דעם מענטשן, וואָס קאָן אין קיין מאָמענט פון זיין לעבן ניט אַרויסגיין פון גאָטס געוואַלט.

„וואָס איז דער מענטש, וואָס דו האַלטסט אים אַזוי גרויס און וואָס דו האָסט אים שטענדיק אין זין? און דערמאָנסט זיך אָן אים יעדן פרימאָרגן און יעדע רגע פּרואווסטו אים אויס... איז האָב איך געזינדיקט, וואָס קאָן איך האָבן געטאָן דיר, דו היטער פונעם מענטשן? פאַר וואָס האָסטו מיך געמאַכט פאַר אַ ציל פון דיין אָנפאַל, פאַר וואָס פאַרגיבסטו ניט מיינע זינד, שאַפסט ניט אָפּ מיין פאַרשולדונג? ווייל אָט באַלד לייג איך מיך אין שטויב, און זוכסטו מיך, בין איך שוין ניטאָ״. (קאַפּ. ז, 17—21).

דאָ, ביי דעם העכסטן שטאַפּל פון איובס געדאַנק, מוזן מיר זיך אַ ווײלע אָפּשטעלן און ציען דעם סך־הכּל פון זיינע באַטראַכטונגען.

עס קאָן אײנעם אויסדוכטן, אַז די גאַנצע פּרייגייסטעריי פון איובן באַשטייט, ווי אין דער „ראַדיקאַלעכץ״ פון אונדזערע טעג, אין דעם, וואָס ער רעדט עזותקייטן אַנטקעגן גאָט. מיט דעם אונטערשייד — און דעם גרויסן אונטערשייד, פאַרשטייט זיך — וואָס אונדזער כּלומרשטיקער ראַדיקאַל טוט דאָס, ניט גלויבנדיק אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, בעת איובן איז קיין מאָל ניט אַרויף אויפן זינען זי אָפּצולייקענען. אָבער דער רעזולטאַט איז דערזעלביקער: אויפּוויזן, אַז גאָט איז אומגערעכט, אַז ער פאַרדינט דעריבער ניט, מען זאָל אים „דינען״ — אָט דאָס, ווייזט אויס, איז ביידנס ציל.

אין דער אמתן איז אַזאַ אויבערפלעכלעכער געדאַנק זייער ווייט פון איובס ווירקלעך טראַגישן פילאָסאָפירן. ער איז ניט קיין „פריי־דענקער״; ער איז אַ פרייער דענקער. ער וויל אויסגעפינען קודם כּל פאַר זיך אַליין, אין וואָס באַשטייט די נאַטור פון גאָט, וואָס איז זיין שייכות צו דעם

מענטשן, און וואָס פאַר אַ זיכערן פונדאַמענט קאָן דער מענטש האָבן פאַר דעם אויפבוי פון זיין מאָראַל. אויסגעפינען מוז מען דאָס אַלץ מיט דעם אייגענעם שכל.

ס׳איז מערקווירדיק! אין דער צייט פון אונדזער קינדהייט האָבן מיר געגלויבט אין דעם קינדישן גלויבן, אַז אַ גאָט האָט זיך געקאָנט אָנט־פלעקן פאַר מענטשן, רעדן צו זיי, און אַליין דערציילן זיי וועגן זיין מהות און וועגן זיין נאַטור; אַז ער איז אַ שטרענגער גאָט און אַ גערעכטער גאָט און דערגלייכן. מיר האָבן איצטער דעם קינדישן קינדער־גלויבן פאַר־וואָרפן. מיר האָבן דערביי אָבער זיך ניט אָוועקגעשטעלט די פראַגע: פון וואַנען זשע דען האָבן אונדזערע עלטערן גענומען זייערע פאָרשטע־לונגען וועגן גאָט און זיינע אייגנשאַפטן? ערשט ווען מען שטודירט דורך קריטיש די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן געדאַנק וועגן גאָט, זעען מיר, אַז די הויפּט־ראָלע אין דער באַשטימונג פון זיינע אייגנשאַפטן האָט ביי די נביאים, די באַשאַפער פון דעם מאָנאָטעאיזם, געשפּילט דער פרייער שכל — פריי פון די הערשנדע טראַדיציעס פון זייער צייט — אין איינעם מיט די דערפאַרונגען פון דעם לעבן, און די פאַרבאָרגנסטע בענקשאַפט פון זייער נשמה נאָך אַן אידעאַלן זיין. און ווען איך זאָג די דערפאַרונגען פון לעבן — מיין איך דערמיט יענעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס דער דענקער באַקומט פון דער נאַטור און דעם מענטשלעכן לעבן. ווען דער דענקער (לאָז זיין: דער נביא) פאַרזיכערט אונדז, אַז גאָט איז אַן אל קנא ונוקם, אַן אייפערזיכטיקער און ראַכע־דאָרשטיקער גאָט, אַז ער מאָנט אויף די זינד פון די פאָטערס ביי דעם דריטן און פערטן דור, איז דאָס אין תוך אַריין אַקוראַט ווי ער וואָלט געזאָגט: „דער איינדרוק, וואָס אויף מיר מאַכט נאַטור און מענטשלעכער לעבן איז אַזאַ, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן באַהערשט געוואָרן פון אַ גאָט, וואָס האָט אַזעלכע אייגנשאַפטן". און מיין געוויסן זאָגט מיר, אַז אַזאַ גאָט איז אַ גוטער און גערעכטער גאָט. אָבער די דענקער פון אַמאָל האָבן בשום אופן ניט געקאָנט באַגיין זיך אַזוי קריטיש מיט דעם אייגענעם געדאַנק, זען אין אים נאָר אַ פּראָדוקט פון דעם אייגענעם שכל.

און ווי קאָנען מיר אַזאַ זאַך פאַרלאַנגען פון זיי, ווען אַפילו דענקער און וויסנשאַפטלעכע פאָרשער פון דעם ניינצעגנטן יאָרהונדערט האָבן זיך ניט געקאָנט אויפהויבן צו אַזאַ הויך. עס איז איצטער שוין כמעט אַלעמען באַקאַנט, אַז בעת די כעמיקער האָבן גערעדט (און רעדן נאָך) וועגן אַטאָמען, איז דער אמתער זין פון זייערע רייד געווען (און איז נאָך עד היום) אַזאַ: די כעמישע פּראָצעסן שפּילן זיך אָפּ אַזוי, אַקוראַט ווי די סובסטאַנצן

וואָלטן באַשטאַנען פֿון מאַטעריעלע אַטאָמען מיט אַזוינע און אַזוינע אייגנ־שאַפֿטן. אָבער וויפֿיל כעמיקער האָבן אין פּשטות געגלויבט (און גלויבן נאָך עד היום), אַז דער מאַטעריעלער אַטאָם איז אַן אַבסאָלוטער אמת! די סברה, וואָס האָט זיך געלייגט אויפֿן שכל, וואָס קאָן אַזוי גוט אַלץ דערקלערן, ווערט ביי אַ ווייניק קריטישן גייסט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומ־צווייפֿלבאַרן אַבסאָלוטן אמת.

אין נאָך אַ גרעסערער מאָס האָט דערזעלביקער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פֿון דעם מענטשלעכן, אין זיך גלויבנדן דענקען, געמוזט זיך אָפּשפּילן ביי די יידישע אויפֿבויער פֿון דעם מאָנאָטעאיזם. דער „גערעכ־טער און איינציקער אַלמעכטיקער גאָט" איז געווען די בעסטע טעאָריע, כּדי צו דערקלערן נאַטור און מענטשן־לעבן, ווייל זי האָט אויפֿן בעסטן אופֿן צונויפֿגעשטימט מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס דער פֿריי דענקנדער מענטש פֿון יענער צייט האָט פֿון זיי באַקומען. און ניט קיין קליינע ראָלע — אפֿשר גאָר די גרעסטע — האָבן דערביי געשפּילט די פֿאָדע־רונגען און אידעאַלן פֿון דעם אייגענעם געוויסן. עס איז דעריבער פֿאַר זיי געווען אוממעגלעך אויף אַ האָר צו זיין מסופּק אין דער ריכטיקייט פֿון זייער טעאָריע. גאָט און זיינע באַשטימטע אייגנשאַפֿטן זיינען געוואָרן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר, ווי דער אַטאָם פֿון דעם ווייניק קריטישן כעמיקער פֿון אונדזערע טעג. און מענטשן מיט אַ לעבהאַפֿטער פֿאַנטאַזיע און צו צאַרטע און צו שטאַרק אָנגעצויגענע נערוון, ווי די נביאים זיינען בלי ספק געווען, האָבן געקאָנט הערן שטימען און זען זעאונגען, וואָס האָבן צונויפֿ־געשטימט מיט זייער גלויבן אין גאָט — שטימונגען און זעאונגען, וואָס אין זייער רעאַליטעט האָבן זיי אויך ניט געקאָנט צווייפֿלען. אויף אַזאַ אופֿן איז אויסגעוואַקסן די „אַנטפּלעקונג", גאָטס דירעקטער אויפֿטראָגן זיך מיט דעם מענטשן, און מיט איר — די זיכערקייט, אַז די מענטשלעכע געדאַנקען און אידעאַלע פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט זיינען איבער־מענטש־לעכע מיטטיילונגען פֿון גאָט אַליין.

מיר זען דאָ איובן אין אַ מאָמענט, ווען ביי דעם יידישן פֿריי־שאַפֿנדן געדאַנק האָבן זיך גענומען פֿאַנאַדערגיין די אידעאַלע פֿאָדע־רונגען פֿון דעם האַרצן מיט די טראַדיציאָנעלע פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט, און איוב פֿילט, אַז דער איינדרוק פֿון נאַטור און מענטשן־לעבן שטימט ניט צונויף ניט מיט דער טראַדיציע, ניט מיט די נייע פֿאָדערונגען פֿון זיין געוויסן. און אין דערין ליגט די אינעווייניקסטע טראַגעדיע פֿון זיין געדאַנק, די טראַגעדיע פֿון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע, וועלכע האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז די פֿאָדערונגען פֿון דעם געוויסן וועלן אויפֿבויען אַ נייעם

אידעאַל און אַ גאַנצע וועלט פון גייסטיקע בנינים, וואָס וועלן העלפן צונויפקלינגען די שטים פון דעם נייעם אידעאַל מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק פון וועלט און לעבן. אָבער דער נייער אידעאַל איז נאָך ניט באַשאַפן.

איוב איז אַ שטאַרקער און פרייער גייסט, ביי וועמען דער אָביעקטיווער אמת שטייט אויפן ערשטן פּלאַן, ווי ווייַ דער אמת זאָל ניט טאָן דעם האַרצן, ווי צעבראָכן דערפון זאָל ניט אַרויסגיין די נשמה. דעריבער זעט ער קודם כל קלאָר ווערן אין דעם זין פון דעם, וואָס ער זעט מיט זיין אומדערשראָקענעם אויג, אין דעם זין פון יענעם איינדרוק, וואָס ער האָט פון וועלט און מענטשן-לעבן.

און דער רעזולטאַט, צו וועלכן ער קומט, איז אַזאַ: עס איז געוויס דאָ אַן אַלמעכטיקער און אַל-קלוגער גאָט; זיינע וואונדערלעכע מעשים שטייגן אַריבער דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אָבער עס איז אוממעגלעך צו דענקען, אַז צו זיינע אייגנשאַפטן געהערט די מענטשלעכע גערעכטיקייט. ער מאַכט ניט קיין נפקא מיניה צווישן דעם צדיק און דעם רשע. אים אַרט ניט דעם מענטשנס טובה און די גערעכטיקייט. אַן אַנדער זאַך ליגט אים אין זין: די ליבע צו זיין אייגענער אַלמאַכט. „רעדט מען וועגן קראַפט פון דעם שטאַרקן, איז ער דאָ; אָבער רעדט מען וועגן גערעכטיקייט — זאָגט איוב — איז — „ווער קאָן אים אויפפאָדערן?* דעריבער איז ווייניק צו וויסן, אַז גאָט איז גלייכגילטיק צו דעם מענטשנס גליק. מען דאַרף גיין נאָך ווייטער. דער איינדרוק פון נאַטור און לעבן איז אַזאַ, אַז גאָט שפּילט זיך מיט דעם מענטשן און האָט הנאה פון זיין ליידן. ער פירט מלחמה אַנטקעגן אים, באַטראַכט אים ווי אַ פיינד. „איך האָב געלעבט רואיק, האָט ער מיך צעשמעטערט, ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן גענִיק און צעבראָכן אויף פּיצלעך. ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ ציל-ברעט פאַר זיך, עס שווירבלען אַרום מיר זיינע פיילן. אָן רחמנות האָט ער צעשפּאָלטן מיינע נירן, אויסגעגאָסן אויף דער ערד מיין גאַל. אַ ברעש נאָך אַ ברעש לעכערט ער אין מיר דורך, שטורעמט איין אַנטקעגן מיר ווי אַ קריגס-העלד” (ט”ז, 12—15). כאַראַקטעריזירט איוב ניט אָן סאַרקאַזם.

איוב גאָט טוט דאָס ניט אויס אַ גרונד, וואָס איז אונדז באַקאַנט, קאָן דאָס שטאַמען נאָר פון אַן אינעווייניקסטער ליבע צו בייז-טאָן, אָדער אויס אַ פשוטן שפּיל אין מאַכט און פון דער הנאה מיט דער אייגענער קראַפט. גאָט באַקומט דאָ ביי איובן אַ דעמאָנישן, טייוולשן שטריך, על כל

* אם לכח אמיץ הנה, ואם למשפט מי יועידנו קאַפּ' ט, 19.

פּנים, האָט דער מענטש גאָר נישט וואָס צו האָפן פון אים. אין די צייטן פון אומגליק האָט ער ניט וואָס צו זוכן הילף ביי גאָט. ער וועט אים נאָך אפשר פאַרמערן זיין צער.

„אַ שפּאָט פאַר זיין פריינד״, זאָגט איוב, „ווערט דער, וואָס רופט צו גאָט, ער זאָל אים דערהערן. דעם אומגליקלעכן פאַראַכט ער, דער שטאַרקער און זיכערער. אַ שטויס צו די, וועמעס פוס עס האַלט שוין אין וואַנקען! אין פרידן בלייבען אָבער די געצעלטן פון די רויבער, און עס לעבן אָן זאָרג די, וואָס דערצאָרענען גאָט״.*

טראַכט מען זיך אַריין אין דער כאַראַקטעריסטיק פון גאָט, וועלכע איוב מאַכט דאָ, באַקומט מען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גערעדט צו אונדז מיט די ווערטער פון ניטצשע.

די נאַטור (אָדער גאָט) ווייס ניט פון קיין מאָראַל, פון קיין „גוט״ און „שלעכט״. די וועלט־סובסטאַנץ האָט נאָר איין גרויסן ווילן, דעם ווילן צו מאַכט. דער מעכטיקער איז דער גערעכטער. און אַקוראַט ווי ניטצשע, ציט אויך איוב פון דעם געדאַנק די נויטווענדיקע קאָנסעקווענץ, אַז די מאָראַל אָדער — וואָס פאַר יענער צייט איז געווען איין־און־דיזעלביקע־זאַך — די רעליגיעזע איבערגעבנקייט צו גאָט, האָט קיין ברעקל פאַר־נינפטיקן יסוד ניט.

קורץ און קלאָר פאָרמולירט אָט דעם גרונד־געדאַנק איובס אליהוא, יענער נייער דיספּוטאַנט, וועמען אַ שפּעטערדיקער מחבר האָט אַריינ־געפירט אין דער פּאָעמע. מיט אַ שאַרפן בליק האָט ער אַרויסגעפונען, אַז דער צענטער, אַרום וועלכן עס דרייט זיך סוף־סוף דער דיספּוט, איז דאָס פּראָבלעם וועגן „גוט״ און „שלעכט״. „לאָמיר״, זאָגט ער, „אויס־קלייבן דאָס רעכטע, לאָמיר צווישן אונדז אויסגעפינען, וואָס איז גוט... ווייל איוב האָט געזאָגט: „איך בין פריי פון שולד און גאָט האָט אָפּגעטאָן די גערעכטיקייט פון מיר...״ און ער האָט געזאָגט: „דער מענטש האָט קיין נוצן ניט דערפון, וואָס ער פאָלגט דעם רצון פון גאָט.**

„לא יסכן גבר ברצותו אם אלהים!״ עס לוינט ניט דעם מענטשן צו פאָלגן גאָטס געבאָט! אָפּנים, אַז דער שטן איז געווען גערעכט: „עור בעד עור״. דער מענטש איז אַ פעל־הענדלער, וואָס גיט אַ פעל פאַר אַ פעל. ער וועט דיר זיין גוט און פרום אַזוי לאַנג, ווי דאָס לוינט אים.

* לויט דעם קריטיש אויסגעבעסערטן טעקסט פון קאַפּ. יב, 4—6.

** קאַפּ. ל״ד, 4—9. משפט נבחרה לנו, נדעה בינינו מה טוב, כי אמר איוב צדקתי ואל הסיר משפטי.. כי אמר לא יסכן גבר ברצותו אם אלהים.

און וועט אָוועקוואַרפן אַלע זיינע מאָראַלישע אידעאַלן און פּרינציפּן, ווי נאָר ער וועט איינזען, אַז זיי האָבן פאַר אים ניט קיין פּראַקטישן ווערט.

אָבער דער שטן האָט פאַרט געהאַט אַ טעות אין איובן. מיט דעם אָביעקטיוון שכל דערגאַנגען צו דעם עקסטרעמען אָביעקטיוויזם, וואָס גראָבט אונטער אַלע יסודות פון דער מאָראַל, צעשפּאַלט זיך איובס געדאַנק אין צוויי פאַרשיידענע שנור־פּערל, וואָס פלעכטן זיך דערנאָך ווידער אַרום, איינע אַרום דער אַנדערער. ער ווייס אויף זיכער, אַז קיין מאָראַל און קיין גערעכטיקייט איז ניטאָ. ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט. און דאָך פילט ער, אַז ער, איוב, טראָגט אין זיין אייגענער ברוסט אַן אידעאַל פון גערעכטיקייט, און ער, דער דערשלאָגענער, שוין כמעט אין גאַנצן צוטראָטענער וואָרעם, הויבט זיך פלוצלינג אויף אין זיין גאַנצער מענטשלעכער הויך און פּראָטעסטירט, פאַר וואָס דער אַלמעכטיקער גאָט האָט ניט קיין גערעכטיקייט, און פאָדערט אים אַרויס, ער זאָל זיך קומען פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשן. ער ווייס, אַז ער שפּילט זיך דאָ מיט זיין לעבן. אָבער איוב אין אַ העראָאישע נאַטור. זיין אידעאַל איז אים טייערער פאַר זיין גליק. „שווייגט!" — זאָגט ער צו זיינע פריינד — „איך וועל רעדן. זאָל קומען איבער מיר, עס מעג זיין וואָס עס וויל. איך נעם מיין פליש אין מיינע ציינער און מיין לעבן שטעל איך אין קאָן... יע, ער וועט מיך טויטן; דאָ איז ניטאָ וואָס צו האָפן. אָבער מיינע וועגן מוז איך קלאָר מאַכן אים אין פּנים אַריין". *

וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע קראַפט! מיט איין שוואונג הויבט ער זיך דאָ אויף צו אַן אומענדלעכער הויך. לאָז גאָט זיין, ווי גאָט איז, לאָז די וועלט זיין, ווי די וועלט איז — איך, איך, דער מענטש, איוב, דאָס וואָלקנדל, וואָס האַלט ביים פאַרגיין, איך פאָדער פון גאָט דין וחשבון. איך מוז אים באַווייזן מיינע וועגן; און ווען אַפילו דאָס זאָל מיך קאָסטן דער לעבן, בלייב איך טריי מיין פאָדערונג, טריי מיין מענטשלעכן אידעאַל, וואָס האָט ליידער קיין שטיצע ניט ערגעץ ניט, ניט אין דער נאַטור, ניט אין דער געזעלשאַפט, ניט ביי גאָט אַליין. און זאָל אַנטקעגן מיר זיין דער גאַנצער וועלט־אַל, מיט אַלע זיינע מיר פיינטלעכע קרעפטן, „איך האָב אָנגעהויבן דעם משפּט און איך ווייס, אַז איך בלייב גערעכט". **

און עפּעס זעלטן שיינעס און צאַרטעס, אָבער דערביי אויך שטאָל־ און אייזן־שטאַרקעס שפּילט זיך דערביי אָפּ אין איובס נשמה. ער ווייס,

* קאַפּ' יג. החרישו ממני ואדברה אני, ויעבור עלי מה... אשא בשרי בשני ונפשי אָשים בכפי. הן יקטלני לא איחל, אך דרכי אל פניו אוכיח.

** ד. ג., 18: הנה נא ערכתי משפט, ידעתי כי אני אצדק.

אַז עס האָט ניט קיין זין צו רופן צו גאָט, ער ווייס, אַז גאָט האַלט ניט פון גערעכטיקייט. אָבער אין האַרצן בײנקט ער אַזוי נאָך אַ גערעכטער ליבע־פולער וועלט־קראַפט, און זיין גאַנצע נשמה ציט זיך צו גאָט אין קינד־לעכער ליבע און געבעט, ער זאָל אַראָפּגיין, ער זאָל זיך באַווייזן, און זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז אומגערעכט, אַז דער העכערער אמת איז ביי איובן. אָן אַ ברעקל פאַרשטענדיקער לאָגישער קאָנסעקווענץ, געטריבן נאָר פון דעם אינעווייניקסטן אינסטינקט פון יושר, פון אַ קינדישער, צוטרוי־לעכער ליבע צו אַן אידעאַלן הערשער פון דער וועלט, זאָגט ער צו זיינע פריינד: „אל אלוה דלפה עיני, ויוכח לגבר עם אלוה״: „צו גאָט הויב איך אויף מיינע אויגן פול טרערן, זאָל ער באַשאַפן פאַר דעם מענטשן רעכט אַנטקעגן גאָט!״ (ט״ז, 20־21).

אין זיין גייסטיקער קלעמעניש, אין דעם טראַגישן קאָנפליקט פון זיינע געדאַנקען און געפילן פּראָטעסטירט ער און בעט, פאָדערט מיט אויגן פול טרערן, גאָט זאָל זיך אים באַווייזן און זיין איובס עדות אַנטקעגן זיך אַליין. ער, איוב, קאָן אים געבן אַ חשבון פון יעדן שריט פון זיין לעבן. ווי אַ פירסט וועט ער אַרויסטרעטן אַנטקעגן אים.*

און גאָט האָט זיך באַוויזן. פון אַ געוויטער־שטורעם האָט אַרויס־געדונערט זיין קול. אין צוויי רעדעס האָט ער געפירט זיין גייסט־קאַמף אַנטקעגן איובן און נאָך יעדער רעדע האָט ער טריאומפירט איבער אים.

אין דער ערשטער רעדע שילדערט גאָט זיינע געוואַלטיקע טאַטן אין דער נאַטור און אין דער באַלעבטער וועלט אַ חוץ דעם מענטשן, ווי ער וואַלט געוואָלט באַווייזן, אַז אַ חוץ דעם מענטשן האָט ער נאָך אויך אַרבעט גענוג. מיט סאַרקאַזם פרעגט ער אַלע ווײלע איובן, אפשר קאָן ער דאָס אויך אַזוי מאַכן, אָדער פאַרשטייט ער לכל הפּחות, ווי דאָס ווערט געמאַכט? און איוב האָט זיך אונטערגעגעבן. „אמת, איך בין צו קליין. וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? איך לייג מיין האַנט אויף מיין מויל. איך האָב דאָס איינמאָל גערעדט און וועל ניט נאָך אַ מאָל ריידן. צוויי מאָל און מער טו איך עס ניט״. (קאַפּ. מ, 3—5).

אין דער צווייטער רעדע, וואָס איז פול מיט דעם זעלביקן שטאָלצן סאַרקאַזם, אַרגומענטירט גאָט, אַז איוב האָט קיין רעכט ניט צו פאָדערן גערעכטיקייט פון אים, ווייל ער, איוב, קאָן ניט, ווי גאָט, פאַרלענדן די רשעים מיט איין בליק און ווייל ער, איוב, האָט ניט קיין מאַכט ניט איבער דעם ניל־פערד, ניט איבער דעם קראָקאָדיל.

* ל״א, 37. מספר צעדי אגידנו, כמו נגיד אקרבנו.

און איוב ענטפערט: „איך ווייס, אַז דו קאָנסט אַלץ; אַלץ קאָנסטו אויספירן, וואָס אין דיין זין. דעריבער: איך האָב גערעדט, און האָב עס ניט פאַרשטאַנען, וואונדערלעכע זאַכן, וואָס איך האָב ניט געוואוסט. איך האָב געהערט פון דיר נאָר וואָס דאָס אויער קאָן הערן. איצטער אָבער האָט דיך מיין אויג געזען. דעריבער פאַרדריסן מיך מיינע רייד. איך האָב חרטה אין שטויב און אַש". (קאַפּ. מ״ב, 1—6).

לייענט מען גאָטס רעפּליקן, ווערט מען פאַרוואונדערט פון דער שיינקייט מיט וועלכער דער דיכטער מאָלט אויס די נאַטור־דערשיינונגען, אַרויסגע־כאַפּט פון אַלע וויכטיקע ממשלות פון דעם וועלטלעכן זיין. עס ווערט אויפגע־בויט פאַר דעם אויג אַן איינהייטלעך בילד פון דער וועלט, וואָס שטייגט אַרי־בער אין איר קלאָרקייט און פּראַכט דאָס וועלט־בילד אין „ברכי נפשי". מער נישט, דער מענטש פעלט אין איר אין גאַנצן. די צווייטע האָט נאָך שטאַר־קערע נאַטור־סצענעס, אָבער פון ריין פאַנטאַסטישע וועזנס, אין וועמעס עקזיסטענץ די יידישע דענקער האָבן געגלויבט. ביידע שירים באַוויַיזן, ווי שטאַרק דער יידישער גייסט האָט זיך אינטערעסירט מיט נאַטור־דערשיינונגען און ווי וויַיט מען איז שוין געקומען אין דעם פּרט פון רייַנער נאַטור־באַשרייבונג. אָבער—נאָך מער ווערט מען פאַרוואונדערט, ווי אָרעם עס איז אין לאָגיק גאָטס ענטפער אויף איובס טענות. אין דער אמתן ענטפערט גאָט גאָר נישט, און ער זאָגט אים קיין זאַך ניט, וואָס איוב האָט פריער ניט געוואוסט אין פּרינציפּ. ער שילדערט זיין אַלמאַכט. האָט דען איוב דאָס ווען עס איז געלייקנט? אדרבא; גאָטס אַלמעכטיקייט איז דער באָדן, אויף וועלכן עס קאָן ערשט אַרויסוואַקסן די גרויסע איוב־שאלה וועגן דער גערעכטיקייט און נאַטור און מענטשן־לעבן. ער מאָלט אים אויס מיסטעריעזע דערשיינונגען, וואָס זיינען אַזוי שווער צו פאַרשטיין מיטן מענטשלעכן שכל. ער שילדערט אים דאָס ניל־פערד און דעם קראָקאָדיל, וואָס פון זיין מויל רייסן זיך אַרויס פלאַמען און עס שפּריצן פייער־פונקען, וואָס פון זיינע נאָז־לעכער שלאָגט אַ דאַמף ווי פון אַ זידענדן טאָפּ, און וועמעס אָטעם עס צינדט אָן, ווי אַ פייערדיקע קויל. וואָלט גאָט גערעדט צו אַ מאָדערנעם איוב, וואָלט ער אַזעלכע קינדישע זאַכן ניט דערציילט. ער וואָלט געקאָנט בעסער אויפמישן אַ בלעטל פון וועלכער וויסנשאַפט איר ווילט און מיט דעם זעלביקן שטאָלצן סאַרקאַזם פרעגן, צ. ב., אין איינעם מיט ספּענסערן: „פאַרשטייסטו, מענטש, ווי אַזוי אַ מאַטעמאַטישער געזעץ איז מעגלעך? האָסטו אַ השגה, וואָס אַזוינס איז דער רוים? קאָנסטו באַגרייפן באַוועגונג? קאָנסטו פאַרשטיין, ווי אַזוי עס ווערט געבאָרן באַוואוסטזיין?" מיט די אַלע פראַגן און מיט טויזנטער

אַנדערע וואָלט גאָט צוגעשפּאַרט צום וואַנט און שטאַרק פאַרשעמט דעם גרעסטן געלערנטן און דעם טיפסטן דענקער.

אָבער — וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו איובס טענות? האָט דען איוב אַליין זיך ניט באַקלאָגט, וואָס די חכמה איז פאַרבאָרגן פון דעם מענטשן? איז — וואָס האָט אים גאָט דאָ אַזוינס געזאָגט, וואָס ער איז מיט אַ מאָל צונויפגעבראָכן געוואָרן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שטויב און אַש?

נאָך מיין מיינונג נאָך קאָן מען געבן דאַרויף נאָר איין־איינציקע דער־קלערונג: מיט איובן האָט פּאַסירט דאָס, וואָס קומט אַ מאָל פאָר מיט גאָר גרויסע און שטאַרקע גאָט־שטורעמער, וועמעס נשמה איז פול מיט אויפּרודערנדע שאלות. עס באַוויזט זיך זיי גאָט, אָדער זיי גלויבן באמונה שלמה, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו זיי, זיי דערשפּירן זיין עקזיס־טענץ אין זיך גופא, זיי הערן זיין שטים קלינגען אין דער אייגענער ברוסט, און מיט אַמאָל שטאַרבן אָפּ אַלע פראַגן. אַזאַ פאַל האָט, צ. ב., נאָך גאָר ניט לאַנג פּאַסירט מיט טאָלסטאָיען. לאָגיש פאַרענטפערט זיין נייער גלויבן קיין איין איינציקע פראַגע ניט, וואָס ער האָט זיך פריער געשטעלט אין דער צייט פון פאַרצווייפלונג. אָבער פּסיכאָלאָגיש זיינע אַלע יענע פראַגן פאַרשוואונדן, ווי נאָר ער האָט דערשפּירט אַ פונק פון דעם געטלעכן זיין אין זיך. פאַר איינע האָט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּראָצעס אַ מיס־טישע באַדייטונג; זיי גלויבן באמת, אַז אין אַזעלכע פאַלן פאַלט פאַנאַנדער די שייד־וואַנט צווישן מענטש און גאָט. פאַר אַנדערע איז דאָס ניט מער ווי אַ ריין פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס: אַ דמיון אין דעם מענטשן, זיין אייגענער זיך־אָפּנאַרן. אָבער איינס איז זיכער, און לויט דער רייכער דער־פאַרונג, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אויף דעם פעלד, מוזן אַלע צוגעבן, אַז דער מענטש, וואָס לעבט דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס פון שטיין פּנים־אל־פּנים מיט גאָט, ווערט אינעווייניק אין גאַנצן פאַרוואַנדלט. זיין געפילס־וועלט באַקומט פּלוצלונג אַן אַנדער געשטאַלט. די חושך־וואָלקנס ווערן פאַרטריבן. אַ געפיל פון אומענדלעכן צוטרוי צו דער וועלט און דעם געט־לעכן פיר וואַקסט אויס אין דער נשמה און פון די טויזנטער שאלות, די הונגעריקע וועלף מיט די ברענענדיקע אויגן, לאַכט מען זיך אויס און זיי פאַרשווינדן פון דער נשמה. ס'איז אַקוראַט ווי אַ קינד, פאַרוואָגלט אַליין ביי דער נאַכט אין אַ געדיכטן וואַלד, צעוואונדעט פון די דערנער, צע־שראָקן פון די געשפּענסטער וואָס ער זעט פון יעדן בוים, פון יעדן צווייג, וואָלט פּלוצלונג דערהערט די טריט און די שטים פון זיין פאָטער, דער־שפּירט ווי ער נעמט אים אויף זיינע הענט און טראָגט אים מיט זיך. ווער

הערט זיך יעמאָלט איין אין די מוסר־רייד פון דעם פּאָטער, און וואָס איז די נפקא מיניה, וואָס ס'איז געווען — אַבי מען איז נאָענט צו דעם פּאָטערס ברוסט...

דאָס איז אויך געוויס געווען די פּסיכאָלאָגיע פון איובן. „פריער האָב איך נאָך געהערט פון דיר, איצטער זעט דיך מיין אויג!" — און אַ סוף צו אַלע שאלות. פאַר איובן איז דאָס פּראָבלעם פון זיין ליידן פאַרענטפערט געוואָרן אויף אַ ריין־סוביעקטיוון, מיסטישן אָדער פּסיכאָלאָגישן וועג.

אָבער קאָן דאָס זיין אַן ענטפער פאַר אונדז?

געוויס, מיין איך דאָ ניט די פון אונדז, וואָס זיינען זיכער, אַז קיין גייסטיקער וועלט־פּרינציפּ איז במציאות ניטאָ, אַז אַלץ שפּילט זיך אָפּ לויט בלינדע נאַטור־קרעפטן, ד. ה. אין לעצטער ליניע, דורך אַ פּשוטן צופאַל. איר קאָנט ניט פרעגן ביי די מחנות מיקראָבן, פאַר וואָסערע זינד מיינע זיינען זיי אָנגעפאַלן אויף מיין קינד, וואָס זיי האָבן צו אים אָדער צו מיר געהאַט, און פאַר וואָס זיי האָבן אים געטויט? פאַקטן! געזעצן! אַ שטומע, טויבע, טויטע נאַטור! — פאַר די וואָס גלויבן אַזוי, עקזיסטירט ניט די איוב־שאלה, דאַרפן זיי ניט קיין ענטפער אויף איר.

אָבער פאַראַן אַ סך צווישן אונדז, וועמען דער קריטישער געדאַנק פון אונדזער צייט האָט אויפגעוועקט פון דעם שווערן קאָשמאַר, וואָס האָט געדריקט אויף דעם שכל אין דער פאָרם פון דעם גלויבן אין אַ שטומע, טויבע, טויטע נאַטור!

עס איז באַוויזן געוואָרן די מעגלעכקייט, מיט נאָך מער רעכט צו גלויבן אין אַ גייסטיקן פּרינציפּ פאַר דעם אַלגעמיינעם וועלט־פּראָצעס, איידער אין דער טויטער מאַטעריע, און דער מעטאַפיזישער כוח הדמיון האָט ווידער גענומען וועבן פאַר אונדזער דור זיין געוועב פון פאַנטאַסטישע לבנה־שטראַלן. און מיט די נייע בילדער, די נייע מעגלעכקייטן זיינען אויסגעוואַקסן אויך די אַלטע, אייביק יונגע פּראָבלעמען און צווישן זיי דער צענטראַל־פּונקט פון דער איוב־טראַגעדיע: וואָס איז דער זין פון דעם מענטשלעכן ליידן?

קיינער האָט אַזוי שיין ניט אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם, ווי דער מחבר פון איוב, אָבער קיין ענטפער דאַרויף האָט ער ניט געגעבן.

אויך די פאַר קאַפּיטלען פון אליהוס אַרגומענטן, וואָס זיינען אַרייַנגעשטעלט געוואָרן שפּעטער, צווישן איובס רייד און גאָטס ענטפער, לאָזן אונדז אומבאַפרידיקט, ווען אַפילו עס וואַרפן זיך דורך אין זייערע ווערטער אַ סך עכטע פּערל פון אַ טיפן, אָריגינעלן פילאָסאָפישן דענקען.

אַזוי זאָגט ער אַרויס, צ. ב., אין דער פראַגע פון דער מענטשלעכער מאָראַל אַ טיפן און פּראָגרעסיװן געדאַנק פאַר זיין צייט, אַז די פרומקייט איז ניט פאַר גאָט, און אַז גאָט נויטיקט זיך ניט אַפילו אין דעם צאַרטסטן האַרץ־גלויבן פון דעם מענטשן. די פרומקייט, ד. ה. די איידעלע אַרט צו דענקען, פילן און האַנדלען, דאַרף דער מענטש פאַר זיך אַליין, פאַר זיין לעבן צווישן די מענטשן.* דאָס איז דער ערשטער שריט אויף דעם וועג פון פאַנאַנדערשמידן די היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען פון מאָראַל און רעליגיע, פאַר וועלכער אויך איוב איז געבליבן שטיין.

אליהו גיט אויך אַן אָנצוהערעניש, אויב איך האָב אים ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז די סאָציאַלע גערעכטיקייט קאָן ניט אַריינגעפירט ווערן אין לעבן דורך תּפילות צו גאָט און דורך טענות וועגן זיין פּיר. צו וואָס שרייען צו גאָט? לערנט זיך, ווי דאָס טוט דאָס פי פון פעלד און די פויגל פון הימל — ד. ה. שאַפט איך מיט אייגענער מאַכט אייער גערעכטיקייט!**

אויך אויף דעם פּראָבלעם פון ליידן וואַרפט ער אַ סך אינטערעסאַנטע שטרייפן פון ליכט־שיין. גאַנץ אָריגינעל פאַר זיין צייט איז דער געדאַנק, אַז דורך ליידן ווערט דער עלנדער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין לאַגע און ווערט באַוואוסטזיניק אין זיין עלנד. „ער לייזט אויס״, זאָגט ער וועגן גאָט, „דעם עלנדן דורך זיין עלנד, און עפנט אויף זייער אויער דורך דער באַדריקונג״.*** עס קלינגט כמעט ווי אַ טעזע פון קאַרל מאַרקס, אַז דער עלנד איז אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר און אַז, אַ דאַנק זיין עלנד, קומט דאָס פּראָלעטאַריאַט צו זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין.

און נאָך אַ שטעל קאָנען מיר אָנפירן דאָ, וואו ער באַרירט די פּעדאַגאָגישע, די לייטנדע מאַכט פון ליידן. „היט דיך״, זאָגט ער צו איובן, „קער זיך ניט צו צו בייז, ווייל צו דעם האָסטו מער לוסט, איידער צום ליידן. זע, גאָט איז דערהאַבן אין זיין קראַפט, און ווער איז נאָך אַזאַ לערער ווי ער?**** אַ גוטע פּאַרציע איוב־ליידן ברעכט דעם ווילן צו בייז, ציט אַרויס פון דער נשמה אַלע אירע נידעריקע, פאַרהאַרטעוועטע, מגושמדיקע עלעמענטן. זי ווערט פון דעם לייטערונגס־פייער פאַנאַנדערגע־

* קאַפּ. ל״ח, 7—8. אם צדקת מה תתן לו, או מה מידך יקח. לאיש כמוך רשעך ולבן אָדם צדקתך.

** מרוב עשוקים יזעיקו, ישועו מזרוע רבים... מלפנו מבהמות ארץ ומעוף יחכמנו; ד. ג., 9 און 11.

*** קאַפּ. ל״ו, יחלץ עני בעניו ויגל בלחץ אזנם.

**** ד. ג., 21—22, אַ ביסל וויניקער קלאָר אויך אין ל״ה, 16—28.

צויגענער, גרעסער און ריינער, און קאָן אין איר איביק וואַכן, צאַרטן וויברירן מיטפילן מיט אַלץ, וואָס איז גרויס און שיין אין דער וועלט.

אָבער אויך דאָ איז דאָס פּראָבלעם פֿון ליידן ניט דורכגעטראַכט ביז צום סוף, ניט באַלויכטן פֿון אַלע זייטן.

עס קאָן ניט זיין מיין אויפגאַבע אָפּצושטעלן זיך דאָ אויף דער גרויסער און טיפֿער שאלה וועגן דעם זין פֿון די מענטשלעכע ליידן, וואָס אויף איר, ווי איר ווייסט, האָבן גראָד די טיף־פֿילנדע דענקער פֿון אונדזער צייט — ניטצשע, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און אַנדערע — פּראָווענדט אַזוי פֿיל גייסט־קראַפֿט. דעם גאַנצן אמת וועגן דעם וועל איך אייך סיי־ווי־סיי ניט אויסזאָגן, ווייל דאָס איז נאָך דערווייל אַ סוד און — — — הלואי וויס איך אים, ווי איך וואָלט אים ניט באַהאַלטן פֿון אייך!

אָבער איין שטריך פֿון יענעם אמת קאָן איך דאָ, צו דעם סוף פֿון דער פֿאָרלעזונג, ניט פֿאַרשווייגן.

די איוב־לעגענדע, אין פּראָזע, דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ווידער אויסגעאיינט מיט גאָט, האָט אים דער אַלמעכטיקער אומגעקערט אַלע רייכטימער, טאָפּל, ווי ער האָט געהאַט פֿריער — אָקסן און שעפּסן, און זין און טעכטער — און איוב האָט נאָך געלעבט אין עושר און אין כּבֿוד הונדערט און פֿערציק יאָר. „און איוב איז געשטאָרבן אַלט און זאַט אין טעג".

ווי וואָלט געווען, ווען איינער זאָל צוגיין צו אים אין די טעג פֿון זיין צווייטן גליק און גלאַנץ און וואָלט צו אים אַזוי געזאָגט:

„איוב, געדענקסטו נאָך די צייט פֿון דיינע אומענדלעכע ליידן, ווען „די נאַכט", ווי דו האָסט געקלאָגט, „האָט געעגבערט אין דיין געביין", ווען „די פֿיילן פֿון דעם אַלמעכטיקן האָבן געשטעקט אין דיר און זייער ברענענדיקן גיפֿט האָט איינגעזויגן דיין גייסט"? וואָלסטו איצטער, אַ גליקלעכער, געוואָלט, אַז דאָס אַלץ זאָל מיט דיר ניט האָבן פּאַסירט? אַז דו זאָלסט ניט האָבן געשטאַנען אויף דעם לעצטן ראַנד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, ניט האָבן אַריינגעבליקט אין דעם אמת וועגן דעם מענטשלעכן גורל, ניט האָבן דורכגעלעבט דעם דאָרשט נאָך דערקענטעניש, די בייגקשאַפֿט נאָכן לעבן און די ביינקשאַפֿט נאָכן טויט, דעם פּראָטעסט אַנטקעגן גאָט און די ערשטע זעאונג פֿון אַ העכערן אידעאַל, דעם יאוש פֿון דעם וואָרעם און דעם געטלעכן שטאָלץ? וואָלסטו געוואָלט, דאָס זאָל אין גאַנצן זיין ניט געשען?"

וואָס וואָלט איוב אויף דערויף געענטפֿערט?

איך גלויב, ביי קיינעם פון אייך איז קיין ברעקל ספק ניט, אַז איוב וואָלט געענטפערט מיט אַ קרעפּטיקן: „אָ, ניין!״ „די דערינערונג פון מיינע יסורים״, וואָלט ער געזאָגט, „געהערן צו דעם טיירערסטן שאַץ פון מיין אייגענעם גייסטיקן אוצר. האָב איך דען יעמאָלט אַליין ניט געביינקט, אַז מיינע רייד זאָלן פאַרשריבן ווערן אויף אייביק אין אַ בוך? און אויב די דערינערונג פון יענע טעג וואָלט אויסגעלאָשן געוואָרן פון מיין זכרון, בין איך מיטן גאַנצן האַרצן אַנגעגרייט, מען זאָל מיך ווידער אַריינוואַרפן אין דעם תהום פון יענע דערהאַבענע ליידן, אין וועלכע איך זאָל לגמרי פאַרגעסן דאָס גליק, וואָס רינגלט מיך אַרום״.

ליידן צו ליידן זיינען ניט גלייך. פאַראַנען ליידן, וואָס זייער אינע־ווייניקסטער תוך איז אַזוי רייך אין געדאַנקען און טיפע איבערלעבונגען, אַז דער גייסט, וואָס האָט נאָר איינמאָל איינגעזויגן זייער „ברענענדיקן״ געטלעכן „גיפט״, וועט די דערינערונגען וועגן זיי און אָפטמאָל אויך זיי גופא ניט וועלן אַוועקגעבן פאַר די טייערסטע און ליכטיקסטע מאָמענטן פון דעם מענטשלעכן גליק.

און אַ מענטש צו אַ מענטשן איז ניט גלייך. ס׳זיינען דאָ אַזעלכע מענטשן, ביי וועמען דער גייסט איז טעמפּ און די געטלעכע פיילן זיצן ניט אין גייסט נאָר אין זייער אונטערלייב און ער ווענדט זיך, ווי אַ וואָרעם אין שטויב, און מער גאָר נישט: זיין בליק ווערט ניט שאַרפער, זיין נשמה פון דעם לייטערונגס־פייער ניט פונאַנדערגעצויגענער, גרעסער און צאַר־טער, און זי גייט אַרויס פון דעם נסיון אפשר נאָך מער צונויפגעשרומפּט, ווי געוועזן. אויף אַזעלכע מענטשן האָט מיינער אַ פריינד געזאָגט, אַז „זיי האָבן געליטן אומזיסט״. דאָס הייסט: אומזיסט איז אויף זיי איבערגעפירט געוואָרן אַזאַ מאַסע פון דער קאָסטבאַרער יסורים־סובסטאַנץ.

אָבער איוב האָט געליטן ניט „אומזיסט״. ניט אומזיסט פאַר זיך און ניט אומזיסט פאַר דער מענטשהייט. ניט אומזיסט פאַר זיך, ווייל דעם ברענענדן גיפט פון זיינע ליידן האָט געזויגן זיין גייסט, און ער איז אַרויס פון דעם פייער דורכגעגליט און קלאָר ווי די מאַסן זאַמד אין סאַלפּעטער, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין דעם שמעלץ־אויוון אין דעם בעסטן קריסטאַל.

און ניט אומזיסט פאַר דער מענטשהייט, ווייל וואָלט איוב ניט געהאַט דורכצושטיין זיינע יסורים — אָדער וואָלט ניט געווען אַזאַ דיכטער, וואָס האָט געקאָנט אין גאַנצן דורכלעבן זיי אין זיין גייסט, וואָלט די מענטש־הייט איצטער ניט געהאַט דעם אייביק־יונגן ספר — איוב, ״איינס פון די גרוואָלטיקסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור״.

פאַרעפנטלעכט אין ד״ר זשיטלאָווסקיס „געזאַמלטע שריפטן״, באַנד I, 1912.

גאָט און די וויסנשאַפט

מיר האָבן ניט לאַנג צוריק געהאַט אין ניו־יאָרק אַ זייער חשובן גאַסט, דעם ענגלישן אַסטראָנאָם, סער אַרטור עדינגטאָן. עדינגטאָן געהערט צו די לייכטנדיקסטע שטערן פון דער ערשטער גרויס אויף דעם הימל פון דעם מאָדערנעם געדאַנק. זיין נאָמען ווערט כּמעט תּמיד דערמאָנט אינ־איינעם מיט די נעמען פון אַן אַלבערט איינשטיין, אַ פּאַן־פּלאַנק, אַ דזשינס. און ווי כּמעט יעדער גרויסער געלערנטער פון אונדזער צייט, איז ער ניט נאָר אַ וויסנשאַפטסמאַן, נאָר אויך אַ טיפער דענקער, מיט אַ שאַרפן, ריין פילאָסאָפישן קאָפּ.

פאַרן אוועקפאָרן האָט ער געגעבן אַן אינטערוויו דעם מיטאַרבעטער פון דער היגער „טיימז“, וואַלדעמאַר קעמפּפערער, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל באַוויזן, אַז ער איז היבשלעך באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און דעם מאָדערנעם דענקען.

מיר ווילן דאָ ציען דעם אויפמערק אויף אַ פּאָר פון די אינטערע־סאַנטסטע און וויכטיקסטע פונקטן אין יענעם אינטערוויו.

עדינגטאָן איז אַ גאָט־גלויביקער, אָבער זיין גאָט־באַגריף איז ניט אַזאַ פאַנטעאיסטישער, ווי ביי איינשטיינען, וואָס האַלט, אינאיינעם מיט ספּינאָזאַן, אַז גאָט און נאַטור איז איין און דיזעלביקע זאַך, אַז די גאַנצע נאַטור איז גאָט. עדינגטאָן גיט צו, אַז גאָט קאָן באַטראַכט ווערן ווי „אַ פּערזאָן“ — אַ געדאַנק, וואָס איז באמת ניט אָריגינעל: אַזאַ גאָט האָט שוין אַרומגעשפּאַצירט אין גן־עדן מיט כּמה אלפים יאָרן צוריק. דאָס איז אַ ריין־רעליגיעזער גאָט־באַגריף, וואָס קאָן, נאַטירלעך, אַנגענומען ווערן אין אַ רעליגיעזן גלויבן און וואָס דאַרף זיך פילן זייער ניט באַקוועם אין אַ בנין פון אַ ריין־פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם. עדינגטאָנס אָריגינאַליטעט און פילאָסאָפישער שאַרפזין שפּרינגט אָבער אַרויס אין אַן אַנדער פונקט, וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט דעמזעלבן גאָט־געדאַנק.

דער אינטערוויוער פרעגט אים, צי אָט דער גאָט, וואָס איז „אַ פּערזאָן“, איז נאָר, זיין עדינגטאָנס, אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן מוח, אַ סוביעקטיווע

גערדאַנקען־קאָנסטרוקציע, אָדער ער האָט טאַקע „אַן אָביעקטיווע עקזיס־טענץ״ דרויסן פון אַ מענטשלעכן געדאַנק.

ענטפערט עדינגטאָן אַזוי:

„סוביעקטיוו און אָביעקטיוו — וואָס פאַרשטייען מיר אונטער אָט די באַגריפן? דער אונטערשייד צווישן זיי איז שוין ניט אַזוי שאַרף, ווי ער איז געווען אַמאָל. יעדע טעאָריע וועגן דער וועלט איז סוביעקטיוו, ווי זי זאָל זיך ניט מיען צו זיין אָביעקטיוו. ניוטאָנס געזעצן וועגן דער שווער־קראַפט האָבן געזאָלט זיין זייער אָביעקטיוו, ביז עס איז גקומען איינשטיין. און אויך זיין טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט איז פונקט אַזוי סוביעקטיוו, ווי יעדע אַנדערע פריערדיקע טעאָריע... זייער וואַרשיינלעך זיינען אַלע נאַטור־געזעצן סוביעקטיוו... היינט ווי מוז שוין זיין שווער אַרויסצוזיפּן די סוביעקטיוויטעט, ווען מיר קומען צו די פּראָבלעמען פון גאָט און פון אַ באַוואוסטזיין, וואָס דערקענט זיך אַליין!״

דאָס איז גאָר טיף און זייער שאַרפזיניק געטראַכט, הגם ניט גאַנץ שאַרף פאָרמולירט. עדינגטאָן וויל זאָגן, אַז די איינציקע „אָביעקטיווע״ וועלט, וואָס מיר קענען, איז די וועלט פון די מענטשלעכע דערקענטענישן און געדאַנקען: פון באָאַבאַכטונגען דורך מענטשלעכע חושים און באַ־טראַכטונגען פון דעם מענטשלעכן שכל. דערקענטענישן און געדאַנקען בייטן זיך אָבער אין דעם לויף פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ביז צו קאָפּערניקן איז אין דער „אָביעקטיווער״ וועלט די ערד געשטאַנען אין צענטער. זון און שטערן האָבן זיך געדרייט אַרום איר. אין די נייערע צייטן — ביז איינשטיינען — איז די ערד „אָביעקטיוו״ געוואָרן אַ פּלאַנעט, וואָס דרייט זיך אַרום דער זון. די איצטיקע אָביעקטיווע וועלט איז די איינשטיינשע, וואו די גאַנצע פראַגע: „וואָס דרייט זיך אַרום וואָס״, איז געוואָרן אַ ריין רעלאַטיווע, אויף וועלכער עס קאָן ניט געגעבן ווערן קיין אַבסאָלוטער ענטפער. און וואָס פאַר אַן „אָביעקטיווע וועלט״ די מענטש־לעכע דערקענטעניש וועט שפּעטער אַרויסברענגען, קאָנען מיר ניט וויסן.

אין אונדזער איצטיקער „אָביעקטיווער וועלט״ קאָן דער מענטש־לעכער פריי־פאַרשענדיקער, פריי־דענקענדיקער גייסט צולאָזן די עקזיס־טענץ פון אַ פּערזענלעכן גאָט. אָט די עקזיסטענץ איז פּונקט אַזוי סוב־יעקטיוו אָדער אָביעקטיוו, ווי די עקזיסטענץ פון די „אָביעקטיווע״ נאַטור־געזעצן, וועלכע די איינשטייניש וויסנשאַפט האָט רעוואָלוציאָניזירט אַזוי, אַז זיי זיינען געוואָרן גאַנץ אַנדערע, איידער מיט אַ פּאָר דורות צוריק, און וועלן מסתמא ווידער איבערגעאַנדערשט ווערן אין דעם משך פון די קומענ־דיקע דורות.

יאָ, עדינגטאָן איז ניט דאָס, וואָס מען פֿלעגט אַמאָל רופֿן אַ „פֿריי־דענקער". דערפֿאַר איז ער אָבער באמת אַ פֿרייער דענקער, וואָס האָט נאָר אין זינען די אָן־פּניותדיקע אמת־זוכעניש, צו וועלכע רעזולטאַטן זי זאָל ניט פֿירן. ער לאָזט זיך אין זיין וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן ניט בינדן מיט קיין דאָגמעס, פֿילאָסאָפֿישע אָדער רעליגיעזע. די רעליגיעזע אמונות, זאָגט ער „זיינען אַ גרויסע מניעה פֿאַר דער האַרמאָניע צווישן דעם בליק פֿון דעם געלערנטן און דעם בליק, וואָס אַ רעליגיע דאַרף פֿאָדערן, ווי דאָס ווערט פֿון איר אָפֿט דערוואַרטעט. וואָס פֿאַר אַ קלאַפּ וואָלט דאָס געווען, ווען די סטודענטן פֿון אַן אוניווערסיטעט וואָלטן געמוזט דער־קלערן, אַז זיי גלויבן אין ניוטאָנס באַוועגונגס־געזעצן און אין דער עלעק־טראָ־מאַגנעטישער טעאָריע פֿון די ליכט־דערשיינונגען! נישטאָ קיין „אני־מאמינס" אין דער וויסנשאַפֿט, הגם די וויסנשאַפֿט איז גאָר ניט קאַלט־בלוטיק צו אירע אייגענע גלויבונגען".

דעריבער איז עדינגטאָן אויך אַ קעגנער פֿון דעם געדאַנק, אַז די וויסנ־שאַפֿט זאָל זיך אַריינמישן אין דעם רעליגיעזן גלויבן און צווינגען איר צוצופּאַסן זיך צו אירע רעזולטאַטן. „מען טאָר ניט אַריינצווינגען", זאָגט ער, „דעם פֿרייען פֿאָרשער־גייסט אין אַ וואָסער עס איז איינגעשטעלטן נוסח, ווי זיך אַרויסצוזאָגן". ער מיינט דערמיט, אַז די וויסנשאַפֿט האָט אירע אופֿנים, ווי אַזוי אויסצודריקן אירע געדאַנקען, און די רעליגיע — אירע. די וויסנשאַפֿט האָט צו טאָן מיט דער „געזעענער וועלט". הינטער אָט דער „געזעענער" וועלט, געפֿינט זיך אָבער נאָך אַ גאַנצע „אומגעזעענע" וועלט, וואָס מיט אַ טייל אירן ווערן מיר באַקאַנט פֿון דעם אינעווייניקסטן איינזען אין אונזער נשמה־לעבן — דער עיקר, אין דער גרויסער „מיסטעריע פֿון דעם באַוואוסטזיין". אָט די „אומגעזעענע" וועלט, וואָס איז פֿאַרשלאָסן פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, בלייבט אָפֿן פֿאַר דעם פֿרייען רעליגיעזן טראַכטן און פֿאָרשן. אַריינמישן ריין־וויסנשאַפֿטלעכע אופֿנים, ווי אויסצודריקן גע־דאַנקען, אין אָט דעם באַזונדער מין טראַכטן און פֿאָרשן וואָלט געווען אַ גרויסער שטער פֿאַר זיין פֿרייען לויף.

ווי דאָס רוב נאַטור־פֿאָרשער, וואָס שטייען אויף דעם באָדן פֿון איינ־שטיינס טעאָריעס, האָט אויך עדינגטאָן אַ גאַנץ אַנדער פֿאָרשטעלונג וועגן דעם מהות פֿון די פֿיזיקאַלישע געזעצן, וואָס באַהערשן די נאַטור. פֿריער, פֿאַר איינשטיינען, האָט מען די נאַטור זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַ מין קאָמ־פּליצירטע מאַשין, אין וועלכער אַלע טיילן, אָן שום אויסנאַם, ווערן באַ־הערשט פֿון דעם שטרענגסטן קאַוזאַל־געזעץ און אַלע פּראָצעסן שפּילן זיך על פּי נויטווענדיקייט אָפּ, ווי פּועל־יוצאס פֿון פֿריערדיקע אור־

זאַכן. מען האָט געגלויבט, אַז אויך דער מענטשלעכער מאַרך מיט אַלע זיינע פונקציעס איז אַ טייל פון יענער גרויסער מאַשין־נאַטור און איז אונטערגעוואָרפן אונטער דעמזעלביקן אַלץ באַשטימענדיקן הויפּט־געזעץ. אויב איינער וואָלט געקאָנט באַנעמען מיט דעם גייסטיקן אויג אַלע אורזאַכן, וואָס געוועלטיקן אין דעם וועלט־פּראָצעס, וואָלט ער, — אַזוי האָט מען געמיינט, — אַלע מאָל געקאָנט באַשטימען, ווי אַ וועלכער עס איז טייל פון דער וועלט וועט זיך אויפפירן צו אַ געוויסער צייט. עס איז געווען לחלוטין אויסגעשלאָסן, אַז אַ וועלכער־עס־איז וועלט־טייל — צי אין דער נאַטור, צי אין דעם מענטשלעכן מאַרך — זאָל קאָנען פריי, פון זיך אַליין, אָנהויבן אויפפירן זיך ניט אַזוי, ווי דאָס דאַרף אויסקומען, לויט דעם געצוואונגענעם לויף פון אורזאַכן און ווירקונגען. אָט דער גלויבן אינעם דעטערמיניזם, אין דער אומפּרייקייט פון אַלע געשעענישן, איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן אין דעם מאַטעריאַליזם, וואָס נעמט אָן, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט פון מאַטעריעלע אַטאָמען, וועלכע ווערן באַהערשט פון אייביקע באַוועגונגס־געזעצן, און אַז קיין אַטאָם קאָן אין קיין אָרט פון דער וועלט, אין קיין מאָמענט פון איר צייט ניט אַרויסגיין פון אונטער זייער שיטה. די מאָדערנע פיזיק האָט אָבער צעקלאַפּט דעם אַטאָם אין איינצלנע „עלעקטראָנען“, און די עלעקטראָנען גופא פירן זיך אויף אַזאַ משונהדיקן אופן, פונקט זיי וואָלטן פון זיך אַליין, פריי באַשטימען, ווי זיי זאָלן, דרויסן פון דעם אַטאָם, פאַרווירקלעכן אין דער וועלט זייער אינעווייניקסטע ענערגיע. ממילא קאָן מען קיינמאָל ניט פאָראויסזען ווי אַזוי אַן עלעקטראָן וועט זיך אויפפירן אונטער די זעלביקע געגעבענע באַדינגונגען. דאָס האָט צעטרייסלט דאָס אַלטע וועלט־בילד. דאָס באַהערשטע פון שטרענגע נאַטור־געזעצן — צעטרייסלט ביז צום פונדאַמענט. דאָס האָט אויך פאַנאַנדערגעוואָרפן דעם סאַמע פונדאַמענט און איבערגעבויט אים אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן.

די „געזעצן פון דער נאַטור“ ווערן איצט באַטראַכט ווי סטאַטיסטישע געזעצן, ווי די, וועלכע די סטאַטיסטיק ווענדט אָן, ווען זי רעכנט אויס, צום ביישפּיל, וויפיל קינדער עס דאַרפן געבוירן ווערן אַלע יאָר ביי דעם אָדער יענעם פאָלק. די סטאַטיסטיק לאָזט אָבער אַלעמאָל צו אויסנאַמען אין דער ווירקלעכקייט. מיט דער סטאַטיסטיק ווערט געפונען דער כּלל פאַר דעם דורכשניט, ניט פאַר יעדן איינצלנעם פאַל.

אויף דער פראַגע, צי גלויבט ער ניט, אַז אויך דער אַטאָם האָט אַ „פרייען ווילן“, ענטפערט עדינגטאָן: „מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער אַטאָם האָט אַן אייגענעם ווילן. אָבער עס איז דאָ אַן ענלעכקייט צווישן דעם

מאָרך און דעם אַטאָם: אין דער פֿיזישער וועלט איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל פֿאָרבאַשטימען וואָס אַזוינס יעדע פֿון זיי וועט טאָן. און אויף דער פֿראַגע, צי האָט די אורזאַך פֿון דעם אַטאָמס באַשלוס עפּעס צו טאָן מיט דער אורזאַך פֿון דעם מאָרכס באַשלוס, ענטפֿער איך, אַז עס איז בכלל ניטאָ קיין „אורזאַך". וואָס איז שייך דעם מאָרך, האָב איך אָבער אַן איבער־ווייניקסטן איינזע אין דעם באַשלוס. אָט דער איינזע שטעלט אים אַרויס ווי אַ וועלעניש, ד. ה. עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט אורזאַך און ווירקונג... דער שכל האָט די מאַכט צו באַווירקן איינצלנע אַטאָם־גרופּן פון דעם מאָרך און באַזייטיקן די סטאַטיסטישע געזעצן, וואָס גילטן אין דער אַנאָרגאַנישער מאַטעריע. דער לויף פֿון דער וועלט איז ניט פֿאָרבאַשטימט דורך פֿיזיקאַלישע געזעצן. ער קאָן פֿאַרענדערט ווערן דורך ניט פֿאַראורזאַכטע מענטשלעכע ווילנס".

אָט אַזוי־אָ ווערט אין דער איצטיקער גייסטיקער וועלט אַלץ מער און מער געשטאַרקט דער גלויבן אין פֿרייהייט און אין דעם מענטשנס איבער־מאַכט איבער דער נאַטור און אַפֿילו איבער אירע „געזעצן".

גלויבן און „נוצלעכקייט"

עס איז מיר אַלעמאָל צואווידער, ווען עס קומט אויס צו רעדן וועגן אַ רעליגיעזן גאָט־גלויבן פון אַ ריין־נוצלעכן שטאַנדפּונקט; ווען דער גאָט־גלויביקער באַווייזט, וואָס פאַר אַ גליקלעכן לעבן דער מענטש האָט, ווען ער גלויבט, און וואָס פאַר רעות ער טוט אָן זיך אַליין, ווען ער איז, חלילה, אַ כּופר בעיקר; אָדער ווען אַן אַטעאיסט ווערט ניט מיד צו דערקלערן, וואָס פאַר צרות און „כאַזערייען" עס קומען פאַר אויף דער וועלט, אַ דאַנק אַ רעליגיעזן גלויבן אין גאָט, און ווי אַזוי עס איז גרינגער פּטור צו ווערן פון זיי, ווען מען לייקנט לחלוטין די עקזיסטענץ פון אַ געטלעכער שאַפונגס־קראַפט.

אַ רעליגיעזער גאָט־גלויבן, אויף די העכערע שטופן פון זיין אַנטוויקלונג, האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט אָט די ריין־פּראַקטישע חשבונות פון אַ מענטשלעכן לעבן, אָבער — לגמרי גאָרנישט ניט!

אויב מען זאָל אַ רעליגיעזן לעבן באַטראַכטן פון אַזאַ אוטיליטאַריסטישן שטאַנדפּונקט, איז אפשר די בעסטע רעליגיע — דער פּרימיטיווער פעטישיזם פון די ווילדע שבטים. שניצט זיך אויס אַזאַ ווילדער אָדער האַלב־ווילדער מענטש אַ געטעלע פון האָלץ, אָדער גיסט אים אויס פון מעטאַל, בוקט זיך צו אים, ברענגט אים קרבנות, וואָס זיינען אַ „ריח ניחוח" פאַר די געטלעכע נאָזלעכער, ווענדט זיך צו אים מיט זיינע תּפילות, ער זאָל אים העלפן אין זיינע לעבנס־נויטן, און... ער העלפט! און טאָמער איז דער גאָט טויב צו זיין דינערס תּפילות און קרבנות, שעמט זיך ניט דער ווילדער פעטישיסט: ער לייגט אַוועק דעם גאָט מיטן רוקן אַרויף און צימבלט אין אים אַריין, „אויף וואָס די וועלט שטייט": אַ געטעלע זאָל ניט זיין טויב! ניט זיין טויב! ניט זיין טויב! און אויב אויך דאָס העלפט ניט, וואַרפט ער אים איינגאַנצן אַוועק און מייסטערט זיך אויס אַן אַנדער פעטיש, אַ בעסערן.

פון אַן אוטיליטאַריסטישן שטאַנדפּונקט, איז אויך ניט שלעכט די העכערע פאַזע פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג, דער פּאָליטעאיזם, די פיל־געטעריי. דערצאָרנט מען אַמאָל אַ גאָט אָדער יענער ווערט ווילד

גלאַט אין דער וועלט אַריין און לאָזט אײנעם ניט צורו, קאָן מען געפינען שוץ ביי אַן אַנדער גאָט, מען קאָן אויך אויסנוצן, צוליב דעם אייגענעם פּאָראורטייל, די אינטריגעס, ליבעס, טאַיוועס און די גאַנצע „כראָניק סקאַנדאַליעז" פון דעם פּאָליטעאיסטישן אָלימפּ.

אַלע אַזעלכע רעליגיעס, ווי אויך זייער ווייט־פאַרצווייגטע און פאַר־שפּרייטע שיריים אין די העכערע רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען און „אני־מאמינס" ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, זיינען געגרינדעט אויף דעם העכסט־פּראַקטישן, העכסט מקח־וממכרדיקן כלל פון „דאָ אוט דעס": „איך גיב דיר וואָס כדי דו זאָלסט מיר וואָס געבן".

אַ קאָלאָסאַלן רעוואָלוציאָנערן שפּרונג האָט דער רעליגיעזער באַ־וואוסטזיין פון דער מענטשהייט געמאַכט, ווען עס איז ביי די עלטערע יידישע נביאים אויפגעקומען די פאָרשטעלונג פון אַן איין־איינציקן גאָט, וואָס איז אַ ריינער גייסט, אַ מאָראַליש־ווירקנדיקע קראַפט, וואָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „אמת וצדק" — אמת און גערעכטיקייט. די שפּעטערע גרויסע נביאים אונדזערע האָבן געצויגן דערפון די ווייט־גייענדיקסטע קאָנסעקווענצן. גאָט, ווי אַ קראַפט פון אמת און גערעכטיקייט — אים קאָן מען מיט קיין זאַך ניט אונטערקויפן. פאַר זיך אַליין דאַרף ער גאָר נישט ניט: ניט קיין טעמפּלען און ניט קיין קרבנות, און אַפילו ניט קיין תפילות. ער וויל נאָר גוטס פאַר די אַנדערע, פאַר דער וועלט און דער מענטשהייט.

קורץ און שאַרף און מאָוימדיק קאָנסעקווענט האָט אָט די גאָט־פאַר־שטעלונג אַרויסגעבראַכט דער נביא מיכה המורשתי אין אַ שפּרוך, וואָס איך האָב אַזוי אָפט ציטירט און וואָס פאַרדינט באמת, ער זאָל זיין אויס־געהאַקט אויף אַלע טעמפּלען פון אַלע רעליגיעזע גלויבנס: „הגיד לך, אדם, מה טוב ומה יהוה דורש ממך. כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך. „עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן, וואָס עס איז גוט און וואָס דיין גאָט פאָדערט פון דיר: נישט מער (כי אם) ווי טאָן גערעכטי־קייט, ליב האָבן גענאָד און צניעותדיק אַרומגיין מיט דיין גאָט". אין וואָס עס באַשטייט אַזאַ צניעותדיקער אַרומגיין מיט גאָט, זאָגט אונדז ניט דער נביא. אָבער עס איז קלאָר, אַז דאָס מוז שטיין אין פולער האַרמאָניע מיט דעם עפנטלעכן, דעם ניט־צניעותדיקן אויפפיר פון דעם מענטשן: מיט דעם שטרעבן, ליב צו האָבן גנאָד און צו פאַרווירקלעכן גערעכטיקייט, אָן אַ וועלכער עס איז פּערזענלעכער פּניה, אָן אַ שום איבערטראַכט וועגן דעם אייגענעם גליק אָדער אומגליק. אָט דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך הייסט „דינען גאָט", לויט דעם אומגעהויער הויכן געדאַנק פון דעם נביא מיכה.

און אָט דער געדאַנק — אַזאַ רייִנער פון פּערזענלעכן אוטיליטאַריזם, אַזאַ פרעמדער דעם געוויינלעכן רעליגיעזן באַוואוסטזיין — איז פּאַרט ניט געבליבן פרעמד אין די מאַסן־רעליגיעס פון דער מענטשהייט, אויך ניט אין דעם הערשנדיקן יידישן גלויבן. אויך דאָ געפינען מיר די פאָדערונג, אַז מען זאָל דינען גאָט „שלא על מנת לקבל פּרס״, ניט מיט דעם באַדינג, צו באַקומען דערפאַר געצאָלט — ד. ה., מען זאָל גאָרנישט ניט דערוואַרטן פון דעם רבונו־של־עולם פאַר דער טרייקייט צו אים.

עס איז אמת, אַז די גאַנצע תּורה, די יידישע, איז דורכגעדרונגען מיט אַן אוטיליטאַריסטישן גייסט. מען זאָל פאָלגן אירע געבאָטן — פאַרזיכערט זי — ווייל איר וועג איז דער וועג, וואָס גיט לעבן. „ובחרת בחיים״ — „זאָלסטו אויסקלייבן לעבן״. פאָלג דאָס און יענעם, „למען יאריכון ימיך על האדמה וכו׳״ (כּדי דיינע יאָרן זאָלן דערלענגערט ווערן אויף דער ערד, וואָס איך גיב דיר״). אין דעם הערשנדיקן באַוואוסטזיין פון דער יידישער רעליגיע, איז די תּורה — דער קוואַל פון לעבן („כּי היא חיינו ואורך ימינו״, „ווייל זי איז אונדזער לעבן און די פאַרלענגערונג פון אונדזערע טעג״).

אין דעם געוויינלעכן באַוואוסטזיין ווערט דאָס פאַרשטאַנען אַזוי, אַז די געבאָטן פון דער תּורה זיינען געגעבן געוואָרן צוליב דעם רבונו־של־עולם. פאָלגט מען זיי, איז ער צופרידן און שענקט לעבן און אריכת ימים. פאָלגט מען ניט און מען ווידערשפּעניקט גאָט, שטראָפט ער, ביז „אָפּשניידן די טעג״ (כּרת). דאָ איז ווידער דער פּרימיטיווער הענדלערישער מאָטיוו פון „דאָ אוט דעס״. גאָט טוט דעם מענטשן אַ טובה, ווייל ער דערוואַרט עפּעס פאַר זיך אַליין. ער גיט לעבן, געזונט, עשירות און אריכת־ימים און ער דערוואַרט, מען זאָל צאָלן דערפאַר מיט גלויבן אין אים, דינען אים, לויבן און גרויסן זיין נאָמען. פאָלגן זיינע באַפעלן. פילצאָליק זיינען די שטעלן אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור, וואָס זיינען דורכגע־דרונגען מיט אָט דעם „דאָ אוט דעס״; „עור בעד עור״, „אַ פעל פאַר אַ פעל״, ווי דער שטן פאַרמסרט דעם מענטשן פאַר דעם רבונו־של־עולם.

אָבער אויך אין אָט דעם געוויינלעכן רעליגיעזן באַוואוסטזיין רייסן זיך דורך איינבליקן אין די ספערעס פון אַ העכערן רעליגיעזן איינשטעל. איך לאָז דאָ דורך די קאָלאָסאַל געוואַלטיקע פּאָעמע „איוב״, אין וועלכער די קריטיק פון דעם „עור בעד עור״־מאָטיוו שפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע — אַ מאָטיוו, אויף וועלכן איך האָב מיך לײדער ניט אָפּגעשטעלט אין מיינע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן וועגן „איוב״.

איך וויל דאָ ברענגען נאָך אַ „מאמר חז״ל״, פון וועלכן עס ווערט קלאָר, אַז לויט דעם העכערן רעליגיעזן באַוואוסטזיין איז ווייניקסטנס מצד דעם

רבונו־של־עולם ניטאָ קיין שום שמץ פון אַ וועלכן עס איז אוטיליטאַריסטישן, הענדלערישן איינשטעל. פאַר זיך דאַרף גאָט גאָרנישט ניט.

עס איז דאָ אַ פסוק און אַ „מאמר חז"ל" אויף אים, וואָס לאָזט ניט איבער קיין ברעקל ספק דאַרין. איך האָב ניט אונטער דער האַנט די נויטיקע ספרים און ציטיר לויט דעם זכרון. אַ נביא באַקלאָגט זיך אין גאָטס נאָמען: „אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו". „מיך האָבן זיי פאַר־לאָזן און מיין תורה האָבן זיי ניט אָפּגעהיט". טייטשט דאָס איינער (אין גמרא צי אין מדרש) אַזוי: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו". „הלואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזן, אָבער מיין תורה אָפּגעהיט"! לפי אַט דעם אויס־טייטש, אַרט דעם אויבערשטן אַ ברעקל ניט, וואָס מען פאַרלאָזט אים, וואָס מען איז אָפּילו אַן אַטעאיסטישער כופר בעיקר. וועלן וויל ער נאָר, אַז זיין תורה זאָג אָפּגעהיט ווערן, ווייל זי איז אַ תורת חיים", אַ לעבנס־וועג פאַר דעם מענטשן.

און שטעלט מען אַוועק אַט דעם אויסטייטש אין דעם ליכט פון מיכהס אויבנגעבראַכטן „גאָטס קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" — „גערעכטיקייט טאָן און ליב האָבן גנאָד", און דאָס זאָל זיין אַלץ, וואָס גאָטס תורה וויל ("כי אם!"), איז דעמאָלט טאַקע דער עיקר אָפּהיטן די תורה און ניט דעם גלויבן אין גאָט. און אויב מען זאָל דאָס נאָר פאַרבינדן מיט דעם זאָג, אַז „אוריתא וקודשא בריך הוא חד", אַז גאָט און די תורה איז איין און דיזעלביקע זאַך, ד. ה., אַז גאָט איז ניט אַ גאָט פון אמת וצדק, און אויך ניט דער סובסטאַנציאַלער מקור פון זיי, נאָר אַז גאָט איז אין עצם ניט קיין אַנדער זאַך, װי „תורה", ווי אמת, ווי צדק, ווי חסד, ווי יושר און ווי נאָר וועלכע אַנדערע „ספירות" איר ווילט צוגעבן דערצו — איז שפּרינגען מיר שוין אַריין אין דעם וועלט־באַנעם פון דער קבלה, ווען אַט דער וועלט־באַנעם ווערט אָפּגערייניקט פון די נידעריקערע השגות, וואָס געפינען זיך אויך אין דער קבלה אין פול־און־פיל.

דעמאָלט באַקומט אַ גאַנץ אַנדער באַדייט די קאַבאַליסטישע מסקנא, אַז גאָט איז דער „אין סוף", די גייסטיק־מאָראַלישע אומענדלעכקייט — וואָס איז דיאַלעקטיש אין דערזעלביקער צייט דער „אין", דער „גאָרנישט". דעמאָלט איז „אהבת חסד" („ליב האָבן גענאָד") און „אהבת הבורא" („ליב האָבן גאָט" איין־און־דיזעלביקע זאַך. און דער וואָס „טוט גערעכטיקייט" דינט גאָט —ער מעג זיך אין זיינע געדאַנקען זיין אַ פאַנאַטישער אַטעאיסט, וואָס לייקנט בכלל די מציאות פון אַ גאָט אין דער וועלט. ווייל „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו"...

איך בין דאָ ניט אויסן צו געבן אַ שטיקל חקירה, וואָס זאָל מסביר זיין דעם ענין גאָט, ווייל אסור אויב איך האָב אפילו די קלענסטע השגה וועגן אָט דעם ענין („אם ידעתיו הייתיו״...) איך האָב געוואָלט נאָר מיט אַ פּאָר טראַפּנס פון דעם יידישן געדאַנקען־ים באַווייזן, אַז אויך אין דעם יידישן רעליגיעזן באַוואוסטזיין שלאָגן זיך דורך שטראָמען, וואָס שטרעבן צו באַפרייען דעם רעליגיעזן גלויבן פון יעדן אָרט נוצלעכקייט־געדאַנק, הגם זיי זיינען פאַרמישט מיט שטראָמען פון אַ גאַנץ אַנדער אָרט.

נאָך אַ ווייטערן שריט אין אָט דעם ריין־רעליגיעזן געדאַנקען־גאַנג האָט געמאַכט דער „אַפּיקורס״ ספּינאָזאַ, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט, ווי דאָס העכסטע גוט פאַר דעם מענטשן, דעם „אַמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס״, „די שכלדיקע ליבע צו גאָט״. וואָלט ספּינאָזאַ גערעדט בלשון מיכה, וואָלט ער געקאָנט זאָגן: „הוגד לך אדם מה טוב ומה השכל דורש ממך, כי אם אהבת ד׳ השכלית״. (אויב דאָס איז קאָרעקטע העברעאיש. אַ־ניט, נעמט ניט פאַר אומגוט און מאַכט דאָס בעסער.)

און נאָך אַ געוואַלטיקן שריט אין דערזעלביקער ריכטונג האָט געמאַכט דער נאָך גרעסערער „אַפּיקורס״ — און נאָך אַן אַטעאיסט דערצו — קאַרל מאַרקס. דורכגעפירט האָט ער דאָס ניט אין זיין וועלט־אַנשויאונג, נאָר אין זיין לעבנס־באַנעס, גראָד דאָרטן, וואו ער רעדט, אַז אין דער „ממשלה פון פרייהייט״ דאַרף זיך אויסלעבן יענע „קראַפט״ און איז לגמרי פריי פון וועלכער עס איז אוטיליטאַריסטישע חשבונות וועגן חיצוניותדיקן נוצן.

נאָר — די טעמע: „ספּינאָזאַ און מאַרקס, ווי יידיש־רעליגיעזע דענ־קער״, איז אַ צו־קאָלאָסאַלע, מיר זאָלן דאָ קאָנען רעדן וועגן איר. איך דערמאָן דאָס דאָ נאָר, כדי צו דערקלערן, פאַרוואָס עס איז מיר צוואווידער צו רעדן וועגן רעליגיע פון אַן אוטיליטאַריסטישן שטאַנדפּונקט און זאָל זיין אַפילו אין פאַרבינדונג מיט דער זאָרג פאַר „טובת הכלל״. דאָס איז דערפאַר, וואָס אויך מיין רעליגיעזער באַוואוסטזיין באַוועגט זיך אין דער־זעלביקער ליניע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אליהו הנביא און איז דורכגעגאַנגען די עטאַפּן פון אַ מיכה, פון דער קבלה, פון אַ ספּינאָזאַ און פון אַ קאַרל מאַרקס. קורץ גערעדט: עס איז מיין טיפסטער גלויבן, אַז דער גלויבן אין גאָט איז פאַר דעם מענטשן די „אומנוצלעכסטע״ זאַך אין דער וועלט; די „אומנוצלעכסטע״ און אין דערזעלביקער צייט — די העכסטע.

ליידער קאָן אַזאַ רעליגיע לעבן נאָר אין קאַרל מאַרקסעס „ממשלה פון פרייהייט״, וואו „די באַשאַפערישע קראַפט טראָגט איר ציל אין זיך גופא״. די געוויינלעכע רעליגיע לעבט אָבער אויך אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט״, וואָס איז, לויט מאַרקס, דער באַזיס פאַר דער ממשלה

פון פרייהייט. אין דעם „באַזיס" האָט מען אָבער צו טאָן מיט די פראַגן פון דעם „חיצוניותדיקן נוצן", ווי מאַרקס דריקט זיך אויס. מוז מען זיך גראָד אין דער איצטיקער צייט, ווען דער אויפבוי פון דעם באַזיס ווערט אַזוי שאַרף אַוועקגעשטעלט אויף דעם סדר־היום — מוז מען, זאָג איך, אויך זיך רעכענען מיט דער אוטיליטאַריסטישער ראָלע פון אַ רעליגיעזן גאָט־גלויבן, פון זיין נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פאַר דעם אויפבוי פון דעם „באַזיס".

ניט קיין גרינגער חשבון, אָבער ער וועט מוזן געמאַכט ווערן.

רעליגיעזע בענקשאַפטן

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָט די יידישע ראַדיקאַלע יוגנט אין מזרח־אייראָפּע איבערגעלעבט אַ אינטערעסאַנטן פּסיכישן צושטאַנד. ס׳האָט זיך ביי איר דערוועקט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזן לעבן און דוקא אין די אַלטע פאָרמען פון דעם יידישן גלויבן.

אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט זיינען פאַרבליבן אַ פּאָר קינסטלערישע אָפּשפּיגלונגען פון יענער רעליגיעזער בענקשאַפט און אויך אייניקע טעאָרעטישע באַלויכטונגען פון דעם ענין. גאַנץ אויפ־געקלערט איז אָבער אָט דער אַזוי אינטערעסאַנטער פּעריאָד נאָך עד היום ניט. זיכער איז, אַז פון אַלע דעמאָלטיקע בענקשאַפטן, שטימונגען און שטרעמונגען האָט זיך, בפועל, גאָר ניט אויסגעלאָזן. די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך ווי אין זאַמד פאַרלאָפן.

מיר דוכט, שולדיק אין דעם איז געווען דער פאַקט, וואָס די דעמאָל־טיקע רעליגיעזע בענקשאַפט האָט זיך צו ענג אָנגעשלאָסן ניט נאָר אין די פאָרמען פון דעם אַלט־יידישן לעבן, מיט אַלע זיינע וויכטיקסטע דינים און מנהגים, נאָר אויך אָן דעם אַלטן איבערנאַטירלעכן גלויבן. עס איז אָבער פאַר אַ פריי־דענקענדיקן מענטשן „שווער צו זיין אַ ייד". אוממעגלעך צו נעמען אויף זיך דעם האַרטן יאָך פון פרומע געבאָטן, וואָס קאָנען זיך בשום אופן ניט פאַרענטפערן פאַר דעם פרייען קריטישן געדאַנק. און מחמת דעם איז פון דעם גאַנצן דעמאָלטיקן נשמה־אויפרודער איבערגעבליבן נאָר אַ פּאָר פרום־געוואָרענע יחידים און איינצלנע אומבאַדייטנדיקע גרופּעס, ווי ד״ר נ. בירנבוים און זיינע זין, ווי ד״ר מאַרטין בובער מיט זיינע „נעאָ חאַסידישע" חסידים.

איצט מערקט זיך ווידער אין דעם יידישן פּראָגרעסיוון לאַגער דער אויפקום פון אַ נייער רעליגיעזער בענקשאַפט, און עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען אויך זי זאָל זיך פאַרלויפן אָן ערנסטע ממשותדיקע רעזולטאַטן אָדער זיך ענדיקן נאָר מיט דעם, וואָס זי וועט צופירן צו דער אַלטער יידישקייט נאָך אַ פּאָר יונגע פרישע כוחות, וועלכע וועלן איר העלפן פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס. דער עיקר וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד,

ווען ביי דאָס רוב פֿריידענקער זאָל די רעליגיעזע בענקשאַפֿט ווידער דער־שטיקט ווערן אויס מורא... פֿאַר רעליגיע.

אָט די מורא איז לגמרי אומבאַרעכטיקט. זי נעמט זיך דערפֿון, וואָס מען איז איינגעגלויבט, אַז אַ רעליגיעזער לעבן אין אוממעגלעך אָן אַ גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער וועלט, אָן אַ גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן גאָט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר וועמען עס איז און שרייבט איינעם פֿאַר, ווי אַזוי מ׳זאָל אים דינען און געפֿינען חן אין זיינע אויגן.

אין דער אמתן איז אַזאַ געדאַנק ניט מער, ווי אַ „היסטאָרישע אידייען־פֿאַרבינדונג", אויסגעוואַקסן פֿונעם פֿאַקט, וואָס אַלע ביזאַהעריקע רעלי־גיעס זיינען ענג צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט אַ וועלכן עס איז איבערנאַטירלעכן עלעמענט. אין דער אמתן אָבער געפֿינען מיר אין יעדער רעליגיע אַ סך עלעמענטן, רייך מענטשלעכע, וואָס קאָנען בלייבן באַשטיין אַפֿילו דעמאָלט, ווען דער פֿרייער געדאַנק זאָל האָבן אינגאַנצן אויסגעבערענט פֿון זיי אַלע שפּורן פֿון אַ יענער וועלט און פֿון אַן איבערנאַטירלעכן גלויבן.

געוויס שפּילןביידע עלעמענטן זייער ראָלע אין אויפֿגעוואַקסטער רעלי־גיעזער בענקשאַפֿט. ביי איינעם איז דאָס מער אַ בענקשאַפֿט נאָך אַן איבער־נאַטירלעכן גלויבן, מיט אַ גוטן און גערעכטן גאָט, וואָס אַנטפּלעקט דעם מענטשן דעם ריכטיקן „דרך החיים". ביי אַנדערע אָבער איז דאָס מער אַ בענקשאַפֿט נאָך אַ רעליגיעזן לעבן, נאָך געוויסע פֿאָרמען, צערעמאָניעס און סימבאָלישע האַנדלונגען, וואָס אין זיי קאָנען זיך אויף דער וועלט אויסלעבן די רעליגיעזע געפֿילן פֿון הייליקייט און נשמה־ריינקייט, אָן אַ וועלכן עס איז איבערטראַכט, צי יענע געפֿילן האָבן אַ וואָסער עס איז שייכות צו אַן איבערנאַטירלעכן גאָט און צו אַן אייביקן לעבן נאָכן טויט.

מיר דוכט אָבער, אַז די בענקשאַפֿט נאָך אַ די־וועלטלעכן רעליגיעזן לעבן מוז שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, איידער די בענקשאַפֿט נאָך אַ יענע־וועלטלעכן רעליגיעזן גלויבן. און דאָס איז מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס צו אַ רעליגיעזן לעבן ציען זיך העט־צער אי פֿון גלויביקע, אי פֿון אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין באַדערפֿעניש צו זוכן אַן אַנדער וועלט הינ־טער די גרענעצן פֿון דער וועלט, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזערע חושים, מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג און מיט דעם פֿרייען קלאָרן, פֿילאָסאָפֿישן באַטראַכט.

רעליגיעז אויסלעבן זיך אין געפֿילן פֿון הייליקייט און נשמהדיקייט קאָנען אַפֿילו די עקסטרעמסטע מאַטעריאַליסטן און די קאָנסעקווענטסטע אַטעאיסטן.

ווי אָפט הערט מען אין די ראַדיקאַלסטע קרייזן דעם אויסדרוק „הייליק״ ריכטיק אָנגעווענדט אויף געוויסע גרויסע מענטשן, אויף געוויסע צילן, אויף אַ געוויסן אַרט לעבן. כּדאַי צו ברענגען נאָר איין ביישפּיל: — קראַפּאָטקינס מהות מענטש, זיין לעבן און ליידן אין די תּפיסות, די אידעאַלן, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, קאָנען בלי ספק באַצייכנט ווערן — און זיינען אויך אָפט באַצייכנט געוואָרן — מיט דעם נאָמען „הייליק״. און יעדן ראַדיקאַל־דענקענדיקן און פילנדיקן מענטשן קומט זיכער אויס ווען עס איז אַליין דורכצולעבן און דורכצופילן מאָמענטן פון הייליקייט, און צו נעמען אַן אָנטייל אין האַנדלונגען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט הייליקייטס־שטימונגען, און מוזן ריין אָביעקטיוו אָנגערופן ווערן ניט אַנדערש, ווי רעליגיעזע צערעמאָניעס.

באַטראַכט אַ לויה פון אַ גרויסן רעוואָלוציאָנער, אָדער אַן עפנטלעכן טוער, אָדער אַ גייסטיקן קעמפער, וואָס האָט זיין לעבן „מקדיש״ געווען פאַר אַ „גרויסער״ און „הייליקער״ זאַך: לאָמיר זאָגן אַ קראַפּאָטקין אָדער אַ לענין. באַטראַכט די פּנימער, די דעלעגאַציעס מיט די לאָרבער־קראַנצן, האָרכט זיך איין אין די רעדעס, לעבט זיך אַריין אין יענער גאַנץ באַזונ־דערער, גאַנץ אייגנאַרטיקער, גאַנץ ספּעציעלער פּסיכישער שטימונג, וואָס הויערט איבער דעם גאַנצן עולם: ווי ווילט איר די שטימונג אָנרופן אַנדערש, איידער די שטימונג פון קדושה, פון „יראת הרוממות״?

אין פלוג: וואָס איז דאָ דער מער מיט די ניכטערע מאָטעריאַליסטן? צו וועמען רעדן זיי, ווען זיי זאָגן: „דיין לעבן וועט אונדז לייכטן, ווי אַ פירנדיקער שטערן אין וועג״? צו וועמען שווערן זיי, ווען זיי שווערן, צו בלייבן טריי זיינע לערן און צו גיין אין זיינע וועגן?

לאָמיר דאָ רעדן אכזריותדיק: פון אַ ריין שכלדיק־מאָטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז די גאַנצע צערעמאָניע אַן עבודה־זרה דינסט, וואו די ראָלע פון דער עבודה־זרה, פון דעם פּרימיטיוון פעטיש, שפּילן עטלעכע צענדליק פונט צעפוילטע אָדער איינבאַלזאַמירטע נבלה־פלייש. וואָלט ניט בעסער געווען אַוועקצוואַרפן זיי פאַר די הינט, איידער אַרומבויען אַרום זייער קבר אַ טעמפּל, אַ מין בית־המקדש?

ס'איז אָבער גענוג אַרויפצולאָזן אַזעלכע רייד אויפן זין, כּדי תּיכּף צו דערשפּירן דעם שטאָך אין האַרצן, די גאַנצע מאוימדיקע אומווירדיקע טומאה, וואָס ליגט אין זיי. דער שטאָך אין האַרצן קומט דערפון, וואָס אין אַזעלכע רייד אָדער געדאַנקען ווערט „פאַרשוועכט״, ווערט „געלעסטערט״ אַ געפיל פון קדושה. און דער מאַטעריאַליסטישער קלאָרער שכל, אויב ער איז נאָר ניט קיין טיפּוש, וועט זיך היטן אַרויסצוטרעטן מיט זיין מאַטע־

ריאַליסטישן „ריינעם אמת". אויב ער איז ניט קיין שוטה מוחלט, וועט דער דאַזיקער שכל איינזען, אַז דאָ מוז ער בויגן זיין מעפיסטאָפעלישן קאָפּ פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז העכער פאַר אים, וויכטיקער פאַר דעם מענטשן און טייערער דעם מענטשן איידער ער; און אויב דער דאַזיקער שכל האָט נאָר אַ לעק מוח אין זיך, וועט ער זיך אַליין פרייִדיק אַריינוואַרפן אין יענער שטימונג פון קדושה, כדי מיט דעם ליכט פון זיינע געדאַנקען דורכצולייכטן די צילן און דעם מהות פון דער הייליקייט, און כדי אין דעם פייער פון דער הייליקייט אויסצוליטערן און הייליק צו מאַכן זיינע אייגענע געדאַנקען. דער שכל ווערט דאָ דורך־און־דורך רעליגיעז.

און ניט נאָר שטימונגען פון הייליקן טרויער לעבן איבער ראַדיקאַלע אַטעאיסטן און מאַטעריאַליסטן. אויך די געפילן פון הייליקער פרייד, פון הייליקער יום־טובדיקייט, שבת־קודשדיקייט זיינען ניט פרעמד דער ברוסט פון די ראַדיקאַלסטע פריידענקער, אויב זייערע נשמות זיינען נאָר ניט „קדושה־בלינד", ווי עס זיינען דאָ פאַרבנבלינדע אויגן. די הייליקע יום־טוב־געפילן, מיט די פאַסיקע צערעמאָניעס און פרייד־קלאַנגען, מיט זייער ריין־רעליגיעזן טעמבר, קאָן מען באַמערקן, לאָז זיין, אין די יובל־ימים־טובים פון אַ וועלכער עס איז ראַדיקאַלער באַוועגונג.

אָט די אַלע רעליגיעזע שטימונגען רייסן זיך אַריין אין דעם וואָכע־דיקן לעבן ספּאָראַדיש, על־פּי מקרה. מאָמענטנווייז באַשיינען זיי די טאָג־טעגלעכע גרויקייט פון דעם געוויינלעכן לעבן. אין דער רעליגיעזער בענק־שאַפט אָבער טרעט אַרויס דער פאַרלאַנג נאָך גערעגלטע, סיסטעמאַטישע רעליגיעזע איבערלעבונגען, וואָס זאָלן פאַרנעמען אַ שטענדיקן פּלאַץ אין לעבן ניט נאָר פון יעדן יחיד, נאָר פון אַ גאַנצן כלל.

עס געהערט צו דעם תּוך פון אַ רעליגיעזן לעבן צו זיין „קירכלעך", „סינאַגאָגאַל", „טעמפּלהאַפט". מענטשן, וואָס האָבן בשותּפות אַ גרויסן גלויבן, אַ גרויסן „הייליקטום" — אַן איבערוועלטלעכן, אָדער וועלטלעכן — ווילן זיין פאַרבונדן אין איין „קהלה". צונויפקומען זיך אין איין „הייליקן" אָרט אין באַשטימטע צייטן, אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם גרויען שטויב פון דער וואָכעדיקייט, אויסהערן אַן אויפמונטערנד וואָרט, וואָס זאָל זיי קלאָרער מאַכן און פאַרטיפן די יסודות פון זייער גלויבן, האָפן און שטרעבן, פאַרשטאַרקן זייער צוטרוי צו דער צוקונפט, צוגעבן זיי חשק און מוט אַליין עפּעס אויפצוטאָן, כדי זייערע העכסטע אידעאַלן זאָלן ווערן אַ ווירק־לעכקייט.

עס ווילט זיך, אַז מיין יום־טוב זאָל זיין ניט נאָר פאַר מיר אַ יום־טוב (און נאָר מיין ווייב און קינד), בעת אין דעם אַרום הערשט דער וואָכע־

דיקער הו־הא. נאָר עס זאָל זיין אויך אַ יום־טוב פֿאַר אַלעמען, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, לפּחות פֿאַר דער וועלט און דעם לעבן פֿון די, וואָס טיילן מיט מיר דעמזעלביקן גלויבן, דיזעלביקע האָפֿענונגען און אידעאַלן, דיזעלביקע הייליקטימער.

פֿון די פֿאַר קאָנקרעטע ביישפּילן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, און די פֿאַר איינצלשטריכן, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט, קאָן, רעכן איך, ווערן קלאָר, אַז אַ סיסטעמאַטיש־אָרגאַניזירטער רעליגיעזער לעבן לאָזט זיך דענקען אויך אָן אַ וועלכן עס איז גלויבן אין אַ וואָסער עס איז איבער־נאַטירלעכער וועלט, און אַז אַ גאָר גרויסער טייל פֿריידענקער, געבענטשט אָדער געשטראָפֿט מיט אַזאַ רעליגיעזער בענקשאַפֿט, קאָן אויסלעבן די דאָזיקע פּסיכישע באַדערפֿעניש אין פֿאָרמען, וואָס לייגן ניט אַרויף קיין ברעקל צוואַנג אויף זייער אַבסאָלוט פֿרייען קריטישן דענקען.

עס איז גאָר ניט געווען קיין משוגעת מצד די ערשטע סען־סימאָ־ניסטישע סאָציאַליסטן, ווען זיי האָבן געפּרואווט אָרגאַניזירן זייער סאָ־ציאַליסטישן לעבן אויף די יסודות פֿון אַ רעליגיעזער קהלה. און ס׳איז אויך געווען אַ ריכטיקער אינסטינקט, וואָס האָט געטריבן איינעם פֿון די פֿרייסטע דענקער אין דעם נייַנצעטן יאָרהונדערט, אָגיוסט קאָנט — אויס־צוגעבן אַזוי פֿיל גייסטיקע ענערגיע אויף דער אויסאַרבעטונג פֿון אַ נייַער פֿריידענקערישער רעליגיע, דער „רעליגיע פֿון דער מענטשהייט״.

ס׳איז אָבער זייער אַ שווערער ענין אויסצוגעפֿינען נייַע פּאַסיקע פֿאָר־מען, אין וועלכע עס זאָל זיך קאָנען אויסלעבן די פֿריי־דענקערישע רעלי־גיעזיטעט. אַ סך גרינגער איז עס — נעמען די אַלטע פֿאָרמען פֿון אַ וועלכער עס איז איינגעשטעלטער רעליגיע, אָפּרייניקן זיי פֿון אַלע איבער־נאַטירלעכע געדאַנקען און פֿאַראַלטעטע גלויבונגען, אַרויסהויבן אין זיי יענע אייביק־מענטשלעכע שטרעבונגען און האָפֿענונגען, וואָס גייען ניט להיפּוך צו אַ פֿרייען מענטשלעכן שכל, און נאָך פֿאַרביקער און ליכטיקער מאַכן אין זיי יענע הייליקייטס־מאָמענטן, וואָס רעדן צו יעדער איידעלער מענטשלעכער נשמה.

אָט אויף דעם וועג גייען איצטער מאַסן פֿון סאָציאַליסטישע אַרבעטער און אינטעליגענטן אין דייטשלאַנד און שווייצאַריע. זיי פּאַסן־צו די פֿאָר־מען פֿון דער קריסטלעכער רעליגיעזיטעט צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און צו דעם מאָדערנעם וועלט־באַנעם. און עס איז פֿאַר מיר קיין ברעקל ספֿק ניט, אַז די רעליגיעזע בענקשאַפֿט, וואָס הויבט זיך אָן צו באַמערקן אויך אין אונדזערע פֿריי־דענקערישע קרייזן, וועט סוף־כּל־סוף מוזן אַרויפֿ־גיין אויף דעמזעלביקן וועג. נאָר אָנשטאָט די פֿאָרמען פֿון דער קריסט־

לעכער קירכלעכקייט, וואָס זיינען לגמרי פרעמד דער יידישער נשמה, וועלן מוזן גענומען ווערן די פאָרמען פון דעם אַלט־יידישן רעליגיעזן לעבן, וואָס האָבן אין זיך אַזוי פיל מענטשלעך־רעליגיעזע גלויבונגען און האָפע־נונגען, אַזוי פיל פּאָעטישע און „כשר"־נאַציאָנאַלע עלעמענטן.

נאָר ווען די איצטיקע רעליגיעזע שטימונג וועט זיך אַרויפשלאָגן אויף אַזאַ וועג — אויף אַ וועג פון אייגענע יידישע פריי־רעליגיעזע קהילות — קאָן זי אַרויסברענגען גאַנץ ממשותדיקע רעזולטאַטן אין אונדזער לעבן. אויב ניט, הויערט אויך איבער איר די סכנה, זי זאָל ווידער פאַרשאָטן ווערן מיט דעם גרויען שטויב פון דער טאָג־טעגלעכקייט און אינגאַנצן דער־שטיקט און דערוואָרגן ווערן אונטער אים.

אינדיווידועלע מאָראַל און סאָציאַלע עטיק

מיט אַ צייט צוריק האָבן זיך אין אונדזער ליטעראַטור געגומען באַווייזן אַרטיקלען און אַפילו בראָשורן, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען זאָלן זיך גרינדן אויף די פּרינציפּן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל.

דאָס רוב מחברים האָבן געהערט אָדער געהערן נאָך עד היום צו יענער אַלט־מאַרקסיסטישער ריכטונג, וואָס האָט זיך אידעאָלאָגיש אָריענטירט אויף דעם „מאַניפעסט פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, פון דעם יאָר 1847. אין יענער ערשטער פאָרמולירונג פון דעם היסטאָריאָזאָפישן מאַרקסיזם איז די גאַנצע אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל אין אַלע אירע פאַרצווייגונגען און ריכטונגען באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ ריין היסטאָרישער פּראָדוקט פון דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס באַהערשט די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, ביז זי, אָט די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, וועט אַרויסברענגען אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן און אָן שום קלאַסן־קאַמף. מיט דעם פאַרשווינדן פון דעם קלאַסן־קאַמף וועט אויך לגמרי פאַרשווינדן די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, וואָס איז נאָר איינע פון זיינע אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונגען.

אויך די רוסישע אַזוי־אָנגערופענע ניהיליסטן פון די זעכציקער יאָרן, מיט דעם באַרימטן טשערנישעווסקין בראָש, האָבן געלייקנט דעם זעלבסטשטענדיקן אייביק־מענטשלעכן באַדייט פון יענעם גייסטיקן קולטור־צווייג, וועלכן מיר רופן: „דאָס מענטשלעכע מאָראַלישע באַוואוסטזיין". עס האָט אים אויך געלייקנט מאַקס שטירנער נאָך פאַר דעם „מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענגעלס. אַזאַ אָפּלייקענונג פון דער מאָראַל האָט אַמאָל געהערט צו יענע „היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען", מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעזאָפּט דער ראַדיקאַלער געדאַנק פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. מיט דעם טריאומף פון דעם מאַרקסיזם אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, האָט אָט די „היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונג" באַקומען אַן ענגערן באַדייט: די אָפּלייקענונג פון דער מאָראַל איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אידעע, וואָס איז אינעווייניק, לאָגיש נויטווענדיק פאַרבונדן מיט דעם מאַרקסיזם גופא.

אין דער אמתן אָבער איז די פֿאַרבינדונג פֿון די אידעען „מאַרקסיזם" און „אַפּלייקענונג פֿון דער מאָראַל" געווען ניט קיין לאָגיש נויטווענדיקע פֿאַרבינדונג, נאָר אַ „היסטאָרישע". פֿאַרבונדן זיינען אָט די צוויי אידעען געווען נאָר מיט יענער ריכטונג, וועלכע איך האָב אויבן אַ נאָמען געגעבן די אַלט־מאַרקסיסטישע, די ריכטונג פֿון דעם „מאַניפֿעסט".

אין זיין „קאַפּיטאַל" — אַרויס 1867 — האָט מאַרקס שאַרף געביטן זיין שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פֿון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל און האָט אָנערקענט איר אייביק־מענטשלעכן מהות, ווי פֿאַרשיידן איר איינהאַלט זאָל זיך ניט בייטן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אין מיין אַרבעט: „דער סאָציאַליזם און די מאָראַל" קאָן דער לייענער געפֿינען די באַווייזן פֿאַר אָט דער געענדערטער שטעלונג אין מאַרקסעס הויפּט־ווערק (זע די ציטירטע שריפֿט, זז' 99—119).

דאָס רוב מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער און פּובליציסטן, דער עיקר ביי אונדז, יידן, זיינען אָבער ביז טיף אין אונדזער צייט געבליבן שטעקן אין די, אַזוי צו זאָגן, קינדער־שיכלעך פֿון דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק.

אָט פֿאַרוואָס עס האָט מיך אַזוי געפֿרייט צו לייענען אַרטיקלען — דער עיקר פֿון מאַרקסיסטיש־איינגעשטעלטע שריפֿטשטעלער און פּובליציסטן, וואָס האָבן זיך גענומען אַזוי הייס איינשטעלן פֿאַר דער פֿריער אַזוי שטאַרק באַוואָלעטער מענטשלעכער מאָראַל. דאָס האָט אין מיר געוועקט די האָפֿענונג אויף דער געבורט פֿון אַ באמת עטישן סאָציאַליזם, וואָס מוז זיין ווי אַ דערגאַנצונג צו דעם קריטיש־רעווידירטן וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם און מוז גיין מיט אים האַנט אין האַנט.

איך זאָג: „קריטיש־רעווידירטן וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם", ווייל מען קאָן זיך דאָך ניט פֿאָרשטעלן, אַז אַ געשיכט־פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם, וואָס איז אין זיינע יסודות אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די פֿערציקער יאָרן פֿון דעם פֿאַריקן יאָרהונדערט זאָל זיך אין די פֿערציקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט ניט נויטיקן אין אַ גרינדלעכן קריטישן איבערקוק פֿון אַלע זיינע עלעמענטן. וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריעס זיינען ניט קיין תּורות, וואָס ווערן געגעבן אויף דעם באַרג סיני. און אויך יענע תּורות ווערן דאָך קריטיש איבערגעקוקט.

נאָר — לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער איצטיקן ענין.

ווי זייער עס האָט מיך געפֿרייט דער נייער הייס־מאָראַלישער איינשטעל אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, האָב איך אָבער באַלד געמוזט איינזען, אַז די מחברים האָבן אין זינען נאָר די אינדיווידועלע מאָראַל און ניט די סאָציאַלע, וועלכע איך האָב אין דער אויבן־דערמאַנטער

שריפט אָנגעצייכנט מיט דעם נאָמען „סאָציאַלע עטיק״, כדי זי שאַרף אָפּשיידן פון דער אינדיווידועלער מאָראַל.

די אינדיווידועלע מאָראַל און די סאָציאַלע עטיק זיינען צוויי באַזונדערע צווייגן פון דעם צווייג־רייכן „עץ הדעת טוב ורע״ — דעם בוים פון דער וויסנשאַפט וועגן „גוט״ און „שלעכט״, וואָס איז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט.

איך האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז אָט די צוויי פאַרשיידענע צווייגן נויטיקן זיך איינע אין דעם אַנדערן און אַז, ווען מען לאָזט אַרויס פון אויג איין צווייג פון זיי, ברענגט דאָס גאָר אַ גרויסן שאָדן דעם גאַנצן מאָראַלישן באַוואוסטזיין, און עס ליידט אָפּט די מענטשהייט זייער שטאַרק פון אַזאַ אַרויסלאָז פון אויג.

איך האָב אויך געוואוסט אַז דאָס זיינען צוויי פאַרשיידענע צווייגן; האָב אָבער נאָך אין ערגעץ ניט געפּרואווט זיך אַליין קלאָר מאַכן, אין וואָס די פאַרשיידנקייט באַשטייט.

איך וויל דאָס איצטער פּרוּאוון טאָן.

אין וואָס באַשטייט די אינדיווידועלע מאָראַל? ווען מען זאָל לאָזן פאַרבייגיין פאַר דעם גייסטיקן אויג אַלע פאַרשיידענע „גוט־טואונגען״ („מדות טובות״) און „שלעכט־טואונגען״, אַלע פאַרשיידענע ריין מאָראַלישע „מצוות״ און ריין־מאָראַלישע „עבירות״, ווי צ. ב. ניט גנבענען, ניט ליגן, ניט אָנווענדן קיין געוואַלט, היילִיק האַלטן אַ מענטשלעך לעבן א. אַז. וו. קאָן מען אויסגעפינען, אַז זיי אַלע לאָזן זיך צוריקפירן צו איינִיקע וויכטיקסטע גרונט־פּרינציפּן, וועלכע די מאָראַלישע דענקער האָבן שוין פון לאַנג אָן פאַרמולירט און היפּש באַוויזן.

מיר ברענגען נאָר איינִיקע פון זיי: אין דער ערשטער ליניע גייט דאָ דער אַלט־יידישער „ואהבת לרעך כמוך״ — האָב ליב דעם אַנדערן ווי זיך אַליין, — אַ פּרינציפּ וועלכן ישו דער נוצרי האָט פאַרגרעסערט ביז צו דער מדרגה פון ליב האָבן דעם אַנדערן מער איידער זיך אַליין און תמיד זיין גרייט, מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן צוליב דעם אַנדערן.

עס קומט דערנאָך דער זייער טיפער גרונט־פּרינציפּ פון עמנואל קאַנטס מאָראַל־פילאָסאָפיע: „באַטראַכט יעדן מענטשן, ווי אַ ציל אין זיך גופא, ניט נאָר ווי אַ מיטל צו אַ ציל״. אַהערצו געהערט דער דיורינגשער כלל: „רעספּעקטיר דעם אַנדערנס ווילן, פּונקט ווי דיין אייגענעם״.

אַנדערע ווי צ. ב. שאָפּענהויער, האָבן אַרויסגעבראַכט אַז די גרונט־וואָרצל פון יעדער מאָראַל איז דער געפיל פון רחמנות, אייגנטלעך מער

מיט דעם טראָפּ אויף דער זייט פון באמת מיט־ליידן מיט דעם אַנדערן. אַנדערע ווידער זעען אָט די וואָרצל אין דער פאַרשטעלונג פון מענטשלעכער חשיבות (אַזוי אויך מאַרקס). נאָך אַנדערע — פון דעם אייגענעם „איך", דעם „ביטול היש", ביז צו מסירת נפש פאַר אַ וועלכן עס איז אידעאַל.

עס איז אמת, אַז זייער וויכטיקע מאָראַליסטן באַטראַכטן דעם אָדער יענעם מאָראַלישן גרונט פּרינציפּ פאַר אַ „הונדערט־פּראָצענטיקן" באַפעל, וואָס לאָזט ניט צו קיין ברעקל אויסנאַם. אַפילו די פאַנאַטישסטע אַנהענגער פון דער הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן, אויב זיי זיינען נאָר ניט קיין אַנהענגער פון דעם גראַף טאָלסטאָיס שיטה, וועלן מודה זיין, אַז עס זיינען דאָ פאַלן, אין דעם מענטשלעכן לעבן, — ווי צ. ב. אין אַ רעוואָלוציע, צי אין אַ גערעכטן פאַרטיידיקונגס־קריג — ווען מען מעג עובר זיין אויף דעם וויכטיקסטן מאָראַלישן „לא תרצח" — „נעם ניט אַוועק דעם אַנדערנס לעבן".

וואָס איז אָבער דער אַלגעמיינסטער כאַראַקטער פון אָט די אַלגעמיינע מאָראַלישע גרונט־פּרינציפּן מיט אַלע „גוט־טואונגען", וואָס וואַקסן פון זיי אַרויס.

זייער אַלגעמיינסטער כאַראַקטער באַשטייט דערין, וואָס זיי אַלע זיינען סוביעקטיווע איינשטעלונגען אין אַ מענטשלעכער נשמה. זיי האָבן צו טאָן מיט דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשן (גוטהאַרציק, שלעכטהאַרציק, איידל, געמיין), מיט זיינע געפילן (ליבע, האַס, רחמנות א. אַז. וו.), זיינע געדאַנקען, ווי צ. ב., וואָס אַזוינס איז אַ חשובער מענטש — און לסוף פון זיינע האַנדלונגען מיט זיינע מיטמענטשן.

די האַנדלונגען זיינען — לויט דער העברעאישער טערמינאָלאָגיע — „דברים שבין אדם לחבירו" — די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. אָבער אין דער אינדיווידועלער מאָראַל, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס געשילדערט, ווערן אָט די באַציאונגען, ד. ה. די האַנדלונגען, באַשטימט פון סוביעקטיוון איינשטעל אין דעם יחידס נשמה: פון זיינע געדאַנקען, זיינע געפילן, זיין כאַראַקטער.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס מיט די פּאַרקומענישן פון דער סאָציאַלער עטיק. אויך זיי האָבן צו טאָן מיט די „דברים שבין אדם לחבירו" (באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש) אין אַ ברייטערן זין פון דעם וואָרט. אויך זיי האָבן צו טאָן מיט די האַנדלונגען צווישן מענטש און מענטש.

אויך פאַר זיי אַלע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַלגעמיינע פּרינציפּן, וואָס נעמען אַרום די פאַרשיידנסטע האַנדלונגען. די וויכטיקסטע פון אָט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער סאָציאַלער עטיק זיינען: גע־

רעכטיקייט, גלייכהייט, פרייהייט, דאָס גרעסט־מעגלעכע גליק פאַר דער גרעסט־מעגלעכער צאָל.

אַנאַליזירט מען אָט די גרונט־פּרינציפּן געפינט מען, אַז די סאָציאַלע עטיק האָט צו טאָן ניט מיט די סוביעקטיווע איינשטעלונגען אין אַ מענטש־לעכער נשמה, נאָר מיט דער אָביעקטיווער פאַרווירקלעכונג פון די מאָראַ־לישע פאָדערונגען ניט נאָר אין די לעבנס פון די אינדיווידוען, פון די יחידים, נאָר אויך אין דעם לעבן פון דעם כלל. גראָד דערינען באַשטייט דער גרונט־אונטערשייד צווישן דער אינדיווידועלער מאָראַל און דער סאָציאַלער עטיק. די ערשטערע איז לויט איר מהות, סוביעקטיוו; די צווייטע — דורכאויס אָביעקטיוו.

די סאָציאַלע עטיק איז די פאַרווירקלעכונג פון הומאַניטעט אין די פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס זיינען יענע פּרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, גלייכהייט, פרייהייט וכו׳, וואָס ווערן אַוועק־געלייגט אין דעם יסוד פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, צי דורך די געזעצן פון אַ שטאַט, צי דורך די באַשטימונגען און אָפּמאַכן פון פרייע געזעלשאַפטן — ווי צ. ב. די פרייע געזעלשאַפטן פון דער אַלט־יידישער קאָמוניסטישער סעקטע די איסיים.

אַזעלכע עטישע גרונט־פּרינציפּן זיינען אָביעקטיווע סאָציאַלע דער־שיינונגען און זייער מהות, ווי אויך זייער ווירקונג הענגט ניט אָפּ פון דעם סוביעקטיוון מאָראַלישן איינשטעל פון די איינצלנע אינדיווידוען.

אַ ביישפּיל: דער עלטער־פאַרזיכערונגס פּלאַן, וואָס דאַרף באַלד אָפּ־געשטימט ווערן אין דעם שטאַט קאַליפאָרניע: אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלער אַ וואָך פאַר יעדן אַלטן מענטשן, וואָס פאַרדינט ווייניקער איידער אַ גע־וויסע סומע, און אַזוי פיל דאָלער וועכנטלעכן צוגאָב צו יעדן יונגעמאַן, וואָס פאַרדינט ווייניקער איידער אַ געוויסן מינימום.

אויב דאָס זאָל אָנגענומען ווערן, וועט דאָס זיכער געהערן צו די דערשיינונגען פון דער סאָציאַלער עטיק. און די וואָרצל פון דער דערשיי־נונג וועט זיכער שטאַמען פון אַ וועלכן עס איז אינדיווידועל־מאָראַלישן פּרינציפּ: צי פון רחמנות, צי פון יושר, צי פון „ואהבת לרעך כמוך״. (האָב ליב דיין פריינט ווי זיך אַליין). אָבער אין אָט דער סאָציאַלער דערשיינונג פאַרשווינדט דער ריין סוביעקטיווער כאַראַקטער פון דער אינ־דיווידועלער מאָראַל.

צי דער צאָלמייסטער, וואָס דאַרף אויסצאָלן די פאַרזיכערונג, ליבט דעם אַלטן, און ווינטשט אים אַל דאָס גוטס צי ער איז גלייכגילטיק צו זיין גורל, אָדער אפשר גאָר זיינער אַ דם־שונא, וואָס ווינטשט אים

אַל דאָס בייז, שפּילט דאָ ניט קיין ברעקל ראָלע. דער גרונט־פּרינציפּ פון „ואהבת", צי פון רחמנות, איז דאָ אָביעקטיוו פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דעם אַלטנס חיונה איז פאַרזיכערט.

נאָך אַ ביישפּיל. דאָ אין אונדזער לאַנד איז לפי ערך ניט לאַנג צוריק אָפּגעשאַפט געוואָרן דער אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום אויף מענטשן, דער אינסטיטוט פון שקלאַפערײַ. אויך אַט די סאָציאַל־עטישע געשעעניש, לויט די גרונט־פּרינציפּן פון „גלייכהייט" און „פרייהייט", קאָן מען צוריקפירן צו אַ וועלכן עס איז אינדיווידיעל־מאָראַלישן פּרינציפּ: צו דעם אַלטן „ואהבת", צי אַפילו צו „לא תרצח". אָבער אויך דאָ האָט זיך פאַרלוירן דער סוביעקטיווער כאַראַקטער פון אינדיווידועל־מאָראַלישן איינשטעל. די שקלאַפן־האַלטער און פּלאַנטאַטאָרס פון דרום־אַמעריקע האָבן געמעגט פּשוט אויסגיין פון ליבע צו זייערע שוואַרצע שקלאַפן, האָט דאָס זיי ניט געהאָלפן. אין דעם פריערדיקן יסוד פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געווען דער אַבסאָלוט אַנטי־הומאַנער, דער אוממענטשלעכער אינסטיטוט פון שקלאַפערײַ. אַט דער אינסטיטוט איז דורך אַ בירגער־קריג, דורך פאַרניכטונג פון מענטשלעכע לעבנס, מיט דער אָנווענדונג פון גוואַלט, אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם יסוד. אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט איז אָביעקטיוו פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ הומאַניטאַרער, אַ סאָציאַל־עטישער פּרינציפּ.

ווערט פאַר אונדז האָפנטלעך קלאָר דער גרויסער אונטערשייד אין די צוויי אַרטן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

ווי אויבן באַמערקט, פירט דאָס ניט פונאַנדערשיידן אַט די צוויי אַרטן דאָס רוב צו זייער פאַטאַלע טעותן און ממילא צי דער פאַראיינזייטיקונג און פאַרהויקערונג פון דעם גאַנצן מאָראַלישן איינשטעל.

דער גרעסטער טעות און די ערגסטע פאַרהויקערונג קומט אָבער פאָר דעמאָלט, ווען מען לייגט אַוועק די גאַנצע וואָג פון דעם מאָראַלישן באַ־וואוסטזיין אויף דער סוביעקטיווער, דער אינדיווידועלער מאָראַל. זיינען דאָך געווען אויך אַזעלכע טעאָרעטיקער, ווי די אַמאָליקע עקסטרעם אינ־דיווידואַליסטישע אָנהענגער פון דעם גראַף טאָלסטאָיס מאָראַלישער שיטה, וואָס האָבן געגלויבט אַז די הויפּט זאַך איז די אינדיווידועלע, די סוביעק־טיווע מאָראַל און אַז מען קאָן גרייליך אויסקומען גאָר אָן שום סאָציאַלער עטיק, ווען... ווען די אינדיווידועלע מאָראַל וועט זיך סוף־סוף פונאַנ־דערבליִען אין אַלעמענס הערצער.

די אינדיווידועלע מאָראַל האָט קודם כל צו טאָן מיט די סוביעקטיווע פּראָצעסן אין דער נשמה פון אַ מענטשן: מיט די כאַראַקטער־שטריכן,

געפילן (מענטשנליבע, רחמנות, פליכט־געפיל וכו׳), געדאַנקען (וועגן מענטשלעכער חשיבות, פאָדערונגען פון יושר וכו׳), ווילנס־שטרעבונגען, און לסוף, נאַטירלעך, אויך מיט די מענטשלעכע האַנדלונגען, אויף וויפל זיי שטימען צונויף מיט „מענטשלעכע״ כאַראַקטער־שטריכן, געפילן, געדאַנקען און ווילנס־שטרעבונגען, אָדער גייען להיפוך צו זיי.

די סאָציאַלע עטיק ווידער ווענדט אָן איר מאָראַלישן אַפּשאַץ דער עיקר אויף די אָביעקטיווע פּרינציפּן, וואָס ליגן אין דעם בוי פון אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן לעבן — ווי צ. ב. שקלאַפעריי, לייב־איילנטום, קאַפּיטאַליזם און לוין־אַרבעט, סאָציאַליזם, קאָמוניזם וכו׳.

די סאָציאַלע עטיק פאָדערט, אַז די יסודות פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן זאָלן צונויפשטימען מיט די הומאַניטאַרע פּרינציפּן פון אַ מענטשלעך־חשובן געזעלשאַפטלעכן לעבן — ווי צ. ב. די פּרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט וכו׳. און אָט די סאָציאַל־עטישע יסודות פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרפן זיין אָביעקטיוו אַזוי איינגעפעסטיקט, אַז קיין אינדיווידיאום זאָל ניט קענען אַריבערטרעטן זיי — אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ „מהות מענטש״ ער זאָל ניט זיין, לויט זיינע מאָראַלישע, צי אַנטי־מאָראַלישע כאַראַקטער־שטריכן, געפילן און געדאַנקען.

אין דעם זעלביקן אַרטיקל האָבן מיר אָנגערירט יענעם פאַטאַלן טעות, אין וועלכן עס פאַלן אַריין אַ סך מאָראַליסטן, ווען זיי באַטראַכטן די סאָציאַלע עטיק ניט ווי דעם עיקר פון דעם ענין, נאָר ווי אַ טפל, ווי אַ ביי־זאַך. אין בעסטן פאַל, הייסט עס, קאָן מען אינגאַנצן אויסקומען אָן איר, אָן דער סאָציאַלער עטיק, מיט אירע גרונט־פּרינציפּן. זאָל נאָר די אינדיווידועלע מאָראַל זיך פונאַנדערבליִען אין די הערצער און מוחות פון אַלע מענטשלעכע יחידים — איז וועמענס דאגה איז עס, אויף וועלכע אָביעקטיווע יסודות דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געבויט?

ביי אָט דער ריין אינדיווידועל־מאָראַליסטישער שיטה זיינען מיר געבליבן שטיין אין דעם פאַריקן קאַפּיטל. מיר האַלטן אָבער פאַר נויטיק אַ ביסל טיפער אַריינצוקוקן אין אָט דער ראַדיקאַלער שיטה, וואָס גלויבט, אַז דער עיקר איז, וואָס פאַר אַ „מהות מענטש״ דער מענטש דאַרף זיין און ניט אין וואָס פאַר אַ „מהות געזעלשאַפט״ מענטשן זאָלן פירן אַ חשובן מענטשלעכן לעבן.

אין דער אמתן! לאָמיר נעמען דעם פעריאָד פון שקלאַפעריי. לאָמיר אָננעמען, אַז אין די הערצער און די מוחות פון אַלע שקלאַפן־האַלטער לייכט די אינדיווידועל־מאָראַלישע פאָדערונג פון מענטשנליבע, פון „ואהבת לרעך כמוך״, פון פאַרשאַפן דעם אַנדערן אַזוי פיל גליק, וויפל

מען ווינטשט זיך אַליין. איז וואָס וואָלט דעמאָלט געפעלט דעם שקלאַף? — אַ שלעכטע מערכה האָט דען געהאַט אליעזר דער שקלאַף, ביי אונדזער אור־עלטער־זיידן, אַברהם אָבינו?

און דאָס אייגענע — מיט דעם פעאָדאַלן געזעלשאַפטלעכן בנין, מיט די לייב־אייגענע און זייערע פּריצים. אויב אַלע פּריצים וואָלטן געווען מאָראַלישע מענטשן, מיט מענטשנליבע און רחמנות אין זייערע הערצער, וואָלטן זיי דאָך געווען, ווי פאָטערס צו זייערע קינדער, די פאַרקנעכטיקע פּויערים. איז ווען וואָלט דאָס געאַרט, וואָס די פּריצים געהערן אַפּיציעל צו דעם אַדל, בעת די פּויערים זיינען פּשוטע בשר ודמס?

נעמט אַפילו די איצטיקע לוין־שקלאַפעריי אין דער פּריוואַט־קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. וואָס איז אַ פערד, צ. ב. אין דער אמתן אויסן? טאַקע נאָר די מיליאָנען פּראָפיט? — איך מיין דאָ יענעם פערד, אין ווענעמס האַרצן עס וואָלטן אייביק געבליט די בלומען פון דער איני־דיוווידועלער מאָראַל, און ניט נאָר געבליט, ווי בלומען, נאָר אין דער זעלביקער צייט אויך אַרויסגעבראַכט די פּירות, די שטענדיקע זאָרג פאַר דעם אַנדערנס וואוילזיין.

זאָלן מענטשן נאָר ווערן הויך־מאָראַלישע מענטשן — טענהט אָט די ריין־סוביעקטיווע שיטה — איז דעמאָלט קיין ברעקל אונטערשייד ניט, אויף וועלכע יסודות דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געבויט.

די ריין־סוביעקטיווע, די נאָר אינדיווידועלע מאָראַל, האָט אַ לאַנגע גע־שיכטע הינטער זיך, און ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו פאַרנעמען זיך מיט איר. דאָ ווילן מיר נאָר באַמערקן, אַז די אַלט־העברעאישע וועלט האָט — אַ חוץ דער אינדיווידועלער מאָראַל — געהאַט אויך אַ היפּש ביסל סאָ־ציאַל־עטישע אינסטיטוציעס, ווי די יובל־יאָרן (אויב זיי זיינען ווען ווירקלעך אָפּגעהיט געוואָרן), די שמיטה־יאָרן, דעם „מעשר" (אַ צענטל פאַר די אָרעמע לייט). דאָס זיינען אַלץ אָביעקטיווע שטריכן פון דער גע־זעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, אומאָפּהענגיקע פון דעם סוביעקטיוון „ואהבת".

ביי די קאָמוניסטישע איסיים זיינען די געבאָטן פון דער אינדיווי־דועלער מאָראַל געווען אויף דעם ענגסטן און האַרמאָנישסטן אופן פאַרבונדן מיט די העכסטע פאָדערונגען פון אַ סאָציאַלער עטיק. אין זייער אייגענעם לעבן האָבן זיי אָפּגעשאַפט דעם אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום, שקלאַ־פעריי און האַנדל. דאָס האָבן זיי אָבער אויך געפאָדערט פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין איינעם מיט דער אָפּשאַפונג פון קריג.

ערשט דאָס קריסטנטום, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון די איסיים, טראָגט אַריבער דאָס שווער־געוויכט פון דער סאָציאַלער עטיק אויף דער אינדיווידועלער מאָראַל. מען דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אין די ערשטע צייטן פון דער קריסטלעכער באַוועגונג האָט אַפילו דער אַפּאָסטאָל פּוילוס פאַרוואָרפן דעם אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום און האָט באַטראַכט די פיזישע אַרבעט, ווי די איינציקע באַרעכטיקונג פאַר האָבן חיונה. פון אים שטאַמט דאָס דאָס ווערטל, אַז „ווער עס אַרבעט ניט זאָל ניט עסן". (זע זיינע „בריוו צו די טעסאַלאָניער", דער עיקר דעם צווייטן בריוו, 3, 11).

און דאָ קומען מיר צוריק צו דעם אָנהייב פון אונדזער ערשטן אַרטיקל, צו יענע סאָציאַליסטן אונדזערע — דער עיקר פון דעם מאַרקסיסטישן לאַגער — וואָס האָבן אונדז פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד מיט זייער אומקער צו אַ מאָראַלישן איינשטעל און מיט זייער פאָדערונג, דער סאָציאַליזם זאָל זיין געבויט אויף דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל.

ליידער מאַכן זיי דערביי דעם אומגעהויער פאַטאַלן טעות, ווען זיי לאָזן אַרויס פון חשבון דעם עיקר: די פאָדערונג פון דער סאָציאַלער עטיק, נאָך פּינקטלעכער: די פאָדערונג פון דער סאָציאַליסטישער עטיק.

מיר האָבן אויבן געשילדערט די אידיליע פון אַ חשובן מענטשלעך־מאָראַלישן לעבן, לויט די פאָדערונגען פון דער סוביעקטיווער אינדיווידו־עלער מאָראַל, אין אַ געזעלשאַפט, געבויט אויף די יסודות פון שקלאַפעריי, צי פעאָדאַלן לייב־אייגנטום, צי פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם און לוין־שקלאַ־פעריי. האָפנטלעך דאַרף מען דאָך די סאָציאַליסטן ניט דערקלערן, אַז אַזאַ אידיליע איז קיין מאָל ניט געווען אין לעבן און איז פאַר דער צוקונפט — די ריינסטע אוטאָפּיע.

די שקלאַפן־האַלטער פון רוים פלעגן זיך ניט שעמען צו טייטן זייערע אַלט־געוואָרענע שקלאַפן און פיטערן מיט זיי די פיש אין זייערע קינסטלעכע באַסיינען. און דאָס איז באמת געווען נאָך ניט דאָס ערגסטע. וועגן די גרוי־זאַמקייטן פון דעם פעאָדאַלן פעריאָד, צי פון דער „פּאַנשטשיזנע" אין פּוילן און רוסלאַנד, האָט מען אויך גענוג „צו זאָגן און צו קלאָגן". און וועגן אונדזער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן לאַנד פון אונדזערע פאַראייניקטע שטאַטן, גראָד אין די איצטיקע טעג פון דעם „ניו־דיל", איז אויך גענוג איבערצולייענען נאָר די שילדערונגען, אין שטיינבעקס ראָמאַן „די טרויבן פון צאָרן", כדי איינצוזען וואו דאָס האַלט מיט די פאָדערונגען פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל ביי די הערשנדיקע קלאַסן דאָ אין לאַנד.

איז וואָס קען מען דאָ אויספירן מיט דער „פּרעדיקע" פון „ואהבת לרעך כמוך", צי פון דער הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן?

דער יסוד פון דעם „עטישן סאָציאַליזם", וועגן וועלכן מען שרייבט איצטער אַזוי געשמאַק, דאַרף זיין — אין דער ערשטער און וויכטיקער ליניע, די סאָציאַלע עטיק — יענע רייך־אָביעקטיווע פּרינציפּן פון הומאַ־ניטעט, גלייכהייט, פרייהייט און גערעכטיקייט, וואָס דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין דעם בוי פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די סוביעקטיווע אינדיווידועלע מאַראַל איז בלי ספק וויכטיק, זייער וויכטיק. אָבער איר וויכטיקייט באַשטייט אין דער העכער־אַנטוויקלונג פון דעם „מהות מענטש", אין דער פאַרמענטשלעכונג, ד. ה., אויסאיידעלונג פון זיינע כאַראַקטער־שטריכן, פון זיינע געפילן, פון זיינע געדאַנקען און ווילנס־שטרעבונגען.

די אינדיווידועלע מאַראַל איז אַן אויפגאַבע פאַר יעדן אינדיווידיאום, פאַר יעדן מענטשלעכן יחיד. און לאָמיר זיך ניט נאַרן. עס איז ניט נאָר אַן אויפגאַבע. עס איז אויך אָפטמאָל אַ נסיון, אַ שווערער עקזאַמען, וואָס ניט אַלע קאָנען איצטער אויסהאַלטן.

און פאַרוואָס איז דאָס אַזאַ שווערע אויפגאַבע? אָט גראָד דערפאַר וואָס זי ווערט געשטעלט אין די גרענעצן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם אוממאָראַלישסטן, אוממענטשלעכסטן פּרינציפּ פון פאַר־קויפן די אייגענע אַרבעטסקראַפט צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט פון די וואָס קויפן זי.

אוממענטשלעך און אוממאָראַליש איז אָט דער פּרינציפּ ניט נאָר מצד דעם קויפער פון דער מענטשלעכער אַרבעט, דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסט, אוממאָראַליש און אוממענטשלעך איז אָט דער פּרינציפּ אויך מצד דעם פאַרקויפער פון דער מענטשלעכער אַרבעט, מצד דעם לוין־אַרבעטער. און — גייט, קלויבט זיך פונאַנדער, ווער איז דאָ מער שולדיק אין דער הערשנדיקער אוממענטשלעכקייט, דער קאַפּיטאַליסט, צי דער לוין־אַרבעטער.

על־כל־פּנים דאַרף יעדן סאָציאַליסט זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינדיווידועלע מאַראַל, וואָס זאָל טאָקע אין דער אמתן זיך פונאַנדערבליען אין אַלעמענס הערצער און מוחות — קאָן נאָר דעמאָלט זיך באמת פונאַנדערבליען, ווען עס וועלן פאַרווירק־לעכט ווערן די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען פון דער סאָציאַלער עטיק: אין דער ערשטער ליניע, ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער קויף־און־

פאַרקויף פון מענטשלעכער אַרבעט, צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטן.

מיר באַגריסן פון גאַנצן האַרצן יענע סאָציאַליסטן, וואָס ווילן אָוועקשטעלן דעם סאָציאַליזם ניט נאָר אויף די עקאָנאָמישע נויטן פון די אַרבעטנדיקע מענטשן, נאָר אויך אויף די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער מאָראַל. אָבער פון אָט די נייע פריינד פון דעם מאָראַלישן איינשטעל אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט מוזן מיר קודם־כל פאָדערן איין קלייניקייט. מיר מוזן פאָדערן, זיי זאָלן אונדז דערקלערן זייערע סאָציאַלעטישע פּרינציפּן, און ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען זיי ווילן אָט די אָביעקטיווע פּרינציפּן פאַרווירקלעכן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווי שאַצן זיי מאָראַליש אָפּ די איינצלנע אינסטיטוציעס פון דער איצטיקער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט? וואָס האַלטן זיי פון דעם פּריוואַט־האַנדל צוליב פּראָפיט? ווי שאַצן זיי אָפּ דעם אינסטיטוט פון לוין־אַרבעט צוליב דעם פּריוואַטן פּראָפיט? וכו׳, וכו׳, וכו׳.

פאַרשווייגט מען אָט די אַלע פּראָבלעמען און פראַגן פון דער סאָציאַלער עטיק, קאָן ביי איינעם אויפקומען דער אפשר אומבאַרעכטיקטער חשד, אַז די גאַנצע איצטיקע גערעדעריי וועגן דער מענטשלעכער מאָראַל איז אָדער כדי צו „פאַררעדן די ציין" דעם אייגענעם סאָציאַליסטישמאָראַלישן געוויסן, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — כדי די פאָדערונגען פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל אויסצובילדן ווי אַ באַריער פאַר דער אפשר אויפקומענדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס פאַר איר איז נאַטירלעך די הויפּט־זאַך — די פאַרווירקלעכונג פון דער סאָציאַלער עטיק, ווי אַ באַזיס אויך פאַר דער מאָראַלישער העכער־בילדונג פון דעם מין מענטש.

1941.

ס'הויפּטל קרויט און די רויז

אַז אָדם הראשון איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן, האָט ער זיך געמוזט נעמען פאַר דער אַרבעט פון אַ פּשוטן פּויער. האָט ער אויפגעאַקערט אַ פעלד און האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס ער זאָל עס פאַרזייען.

זיינען צו אים געקומען אַ הויפּטל קרויט און אַ רויז.

— פאַרפלאַנץ מיך, — האָט געזאָגט ס'הויפּטל קרויט. — די גן־עדן יאָרן זיינען פאַר דיר אויף אייביק אַריבער. דו וועסט ליידן פון הונגער און דו וועסט דאַרפן אַנגרייטן שפּייז אויף ווינטער. איך בין דאָס, וואָס דו דאַרפסט. דו וועסט מיך איינבראָקן, איינזייערן און דו וועסט וויסן, אַז דו לעבסט אויף דער וועלט. אַ טעלערל זויער־קרויט מיט גענזן־שמאַלץ און אַ ביסעלע קימל דערצו...

און דאָס הויפּטל האָט דערביי אַרויסגעלאָזט אַזאַ זולל־וסובאדיק געשמעקעכץ, אַז ביי אָדמען האָט געגומען רינען וואָסער פון מויל.

— אי, אָדם, אָדם... — האָט טרויעריק געזאָגט דערויף די רויז. — נישט שוין ביסטו אַזוי טיף געפאַלן? אויף אויף דער ערד דאַרף מען האָבן דעם גן־עדן אין זינען. פאַרפלאַנץ מיך! איך בין דאָס, וואָס דו דאַרפסט. איינגעמאַכטע רויזן־בלעטלעך זאָלן זיין דיין שפּייז. טרינקען וועסטו רויזן־וואָסער, מיט רויזן־אייל — באַשמירן דיין לייב און מיט פרישע רויזן־בלומען באַצירן חוהס קאָפּ. און אין דעם וואָקסן פון דער רויזן־בלום זאָלסטו אַריינטאָן דיין זינען, וואָס פאַר אַ תענוג — צו זען, ווי פון דעם גרינעם קנאָפּ ווינדט זיך אַרויס דער קנויל; ווי דער קנויל נעמט זיך פאַנאַנדער אין איינצלנע בלעטלעך! ווי פולקום זייער פאָרם און פאַרב! ווי פּראַכטיק זי איז, די פאַרטיקע רויז, די אָנגעגאָסענע, איבערפול מיט לעבן און גליענדיקער לוסט! וויפיל שטימונג אין דער לעצטער רגע פון איר לעבן, אין דעם לעצטן שטילן הרף־עין פון העכסטע השתלמות פאַרן פאַנאַנדערפאַל!... פאַרפלאַנץ מיך...

— אַ שווערע הלכה — טראַכט אָדם, און באַלד גייט אין אים אַריין דער צעלאָזענער גייסט פון קאָמפּראָמיס.

— און ווי איז, אַז איך פֿאַרפּלאָנץ איךביידן? רויזן־דופּט איז אַוודאי אַ הימלישער תּענוג, אָבער זויער־קרויט מיט געזנן־שמאַלץ איז אויך אפשר אַן ענין.

דאָס הויפּטל־קרויט, דער גראָבער עגאָאיסט, איז תּיכּף מסכּים אויף דעם פּלאַן. אין האַרצן האָט ער געטראַכט: אין לעצטן תּכלית זיינען דאָך אַלע זאַכן סיי ווי סיי אַלץ איינס. איז מאי־נפקא־מינה? אַ מער, לאָם איך זיין פֿאַרזיכערט מיט מיינס...״

אָבער די רויז פּראָטעסטירט.

— דיין פּלאַן איז פֿאַלש, מיין ליבער אָדם! ס'איז הוילער עק־לעק־טי־ציזם! ס'גייט להיפּוך צו יעדער אויסגעהאַלטענער טעאָריע! ס'קאָן נישט זיין קיין שלום צווישן רויזן־דופּט און זויער־קרויט. אָדער איך, אָדער ער!

איז געבליבן, מען זאָל גיין מיט אַ דין־חכמה צו די פֿילאָסאָפֿן. נאָר אַזוי ווי דעמאָלט זיינען נאָך קיין מענטשלעכע פֿילאָסאָפֿן נישט געווען, האָבן זיי זיך געווענדט צו זייערע שרים (סאַרים — האַרן).

ווייל יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט איר שר. אַפֿילו אייזלען האָבן אַ מלאך אין הימל, וואָס איז ממונה אויף זיי. אַ פּשיטא שוין פֿילאָסאָפֿן. דער מלאך גשמיאל, צ. ב., איז ממונה אויף די מאַטעריאַליסטן, רוחניאל — אויף די אידעאַליסטן, מניאל — אויף די סינטעטישע מאָניסטן, און אַזוי כּסדר. און יעדער מלאך האָט זיך זיין קאַטעדרע און זיין ישיבה. אַפֿילו פּראַגמאַטיאל איז שוין דעמאָלט געווען, הגם פּראַגמאַטיזם, ווי אַ פֿילאָ־סאָפֿישע שיטה, האָט זיך אַרויסגעקריסטאַליזירט אין אָנהויב פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

זיינען אָדם מיט די פּלאַנצן געגאַנגען קודם צו דעם מלאך גשמיאל.

דער דיקער מלאך האָט זייער פֿיין אויפֿגענומען אָדמען און נאָך שענער — ס'הויפּטל־קרויט, האָט זיי ביידן דערלאַנגט שטולן צום זיצן. נאָר אויף דער אָרעמער רויז האָט ער אַפֿילו קיין בליק נישט געוואָרפֿן.

אויסגעהערט דעם סכסוך, האָט ער זיך געווענדט צו אָדמען:

— די מעשה דערפֿון איז אַזוי — האָט ער געזאָגט. — קרויט איז בבחינת גשמיות, מאַטעריע, און רויז איז בבחינת רוחניות, הוילער גייסט. עס איז אָבער ידוע, אַז קיין רוחניות איז בעצם גאָר נישטאָ. רוחניות איז נאָר אַ דמיון. ס'איז נאָר אַ צושטאַנד אַזאַ אין דער מאַטעריע. אַז דאָס קרויט הויבט אָן צו זייערן, דעמאָלט חלומט זיך אים אַ רויזן־בלום, גיט מען אים אָבער אַ ביסל געזנן־שמאַלץ, דעמאָלט פֿאַרשווינדט דער חלום.

אין גן־עדן, אדם, האָסטו געגוג געחלומט, נעם זיך איצטער פאַר ממשות־דיקע זאַכן. טראַכט וועגן תּכלית!

— אַט דאָס טענה איך דאָך מיט אים — מאַכט צופרידן ס'הויפטל קרויט. — אַ טעלערל זויער־קרויט, מיט אַ ביסל געגנזן־שמאַלץ, מיט אַ האַרעלע קימל דערצו...

און דאָס טוט ווידער אַ זולל־וסובאדיקן קוויטש...

די רויז לאָזט אָבער נישט אָפּ.

— הער אויס דעם אַנדער צד, אדם! לאָמיר גיין צו רוחניאלן.

רוחניאל, אַ לאַנגער מלאך, דין ווי אַ שטרוי, מיט אַ דינעם קאָפּ און לאַנגע, שוואַרצע האָר, איז ווי נאָר די רויז איז צו אים צוגעגאַנגען, תּיכף געפאַלן פאַר איר אויף די קני און גענומען זינגען שבחים פאַר איר דופט און פּראַכט.

די רויז האָט שעמעוודיק געגליט.

אַנגעקוויקט זיך מיט דעם דופט, הערט דער מלאך אויס די טענות, מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל.

— דער ענין — זאָגט ער — איז אַ האַרבער און אַ טיפער. רויז — דאָס איז די בחינה פון רוחניות, ווי קרויט איז די בחינה פון גשמיות. הנה ידוע, עס איז אָבער אַלעמען באַוואוסט, אַז קיין גשמיות איז בעצם גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ס'איז פאַראַן נאָר ריינע רוחניות. די גשמיות איז נאָר אַזאַ צושטאַנד אין דער רוחניות, אַז די רויזן־בלום פאַלט, רחמנא ליצלן, אַריין אין עצבות, אין דער לעצטער רגע פאַרן פאַנאַנדערפאַל, דעמאָלט טראָגט זיך דורך פאַר איר מרה־שחורהדיקן דמיון די געשטאַלט פון אַ הויפטל קרויט. דאָס איז אַ שווערער קאָשמאַר אַזאַ און מער גאָר־נישט. און — ווי זאָגט מנחם מענדלס שוויגער? — קרויט אין חלום איז אַ חלום און נישט קיין קרויט.

אַזאַ מין פשט אויף זיין עקזיסטענץ האָט דאָס הויפטל קרויט שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— אַזוי גאָר? דאָס בין איך, הייסט עס, דער חלום?... אַז אויס־הערן — איז אויסהערן אַלעמען! לאָמיר גיין צו מניאלן.

גייט מען.

דער דריטער מלאך האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיינע געסט.

— ברוך הבא, זייער חשובער הויפטל קרויט! ס'קאָצל קומט, ליבלעך דופטנדיקע רויז!ביידע צו מיר? ווי פרייט דאָס מיך! אַזוי דאַרף דאָך

דאָס זיין. איר געהערט דאָך איינס צום אַנדערן. ס׳איז גאָרנישט צו דענקען, רוחניות און גשמיות זאָלן קאָנען עקזיסטירן איינס אָן דעם אַנדערן. איר זייט איינס! איינס! איינס! — וואָס פּירט איך, מחשבותן, צו מיר?
דערציילט אים אדם דעם גאַנצן ענין.

אָט דאָ האָט זיך מניאל געגומען שאַרף איינקוקן אין די געסט, און זיין שטערן האָט זיך פאַרקנייטשט.

אין דער טעאָריע איז די איינהייט פון „קרויט" און „רויז" געווען אַזוי קלאָר. אָבער דאָ איז געשטאַנען פאַר אים די רעאַלע ווירקלעכקייט, מיט איר ברוטאַלן דואַליזם און סתירות צו דער טעאָריע. און דערצו נאָך איז עס געגאַנגען אין אַ פּראַקטישער שאלה.

האָט דער מלאך מניאל נאָך מער פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַנגעשפּאַרט אים אָן די צונויפגעלייגטע שפּיץ־פינגער פון דער לינקער האַנט, פאַרמאַכט זיינע אויגן און גענומען זיך שאָקלען און טראַכטן.

— הם... הם... — זינגט ער מיט אַ גמרא־ניגון. — אין תוך אַריין איז דאָס דאָך גאָר קיין שאלה נישט. דאָס האָבן נאָר די משוגעים, די איינזייטיקע מאָניסטן, זיך איינגעשפּאַרט, אַז נאָר איין זאַך איז רעאַל און די אַנדערע — אַ דמיון. רוחניות און גשמיות זיינען אָבער ביידע גלייך רעאַל. נישט, חלילה, ווי צוויי באַזונדערע סובסטאַנצן, נאָר ווי צוויי אייביקע רעאַלע אַטריבוטן, ווי צוויי זייטן פון איין־און־דערזעלביקער סובסטאַנץ. אַ הויפּטל קרויט... אַ הויפּטל קרויט... פון איין זייט איז עס טאַקע אַ הויפּטל קרויט. אָבער פון דער אַנדער זייט... פון דער אַנדער זייט... נו־יאָ, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו קלערן? — פון דער אַנדער זייט איז עס אַ — רויז!

דערהערט אַזאַ מין אַטעסטאַציע וועגן זיך, איז דאָס הויפּטל, אויס פריידיקער התפעלות, שיער נישט אַרויס פון די כלים.

— פאַרשטייסטו, אדם, וואָס דאָס באַטייט? דאָס באַטייט, אַז דו דאַרפסט די רויז אויף טויזנט כפּרות. אין מיר האָסטו אַלץ. אָט בין איך אַ הויפּטל קרויט און אָט טו איך מיך אַ שטעל, במחילה, מיט דער אַנדער זייט אַרויף — ווער איך אַ... רויז!

און נעמט און שטעלט זיך תיכּף אַוועק אויף זיין שטענגל און ווערט פאַרגליווערט אין דער קאָקעטישער פּאָזע פון אַן איידעלער פלאַנץ.

האָט אדם הראשון צוגענענט זיין נאָז צו דעם פלאַטשיקן קעפּל און האָט זיך אָפּגעקערט מיט אַ ווידער־ווילן.

— ס׳הויבט גאָרנישט אָן צו שמעקן מיט רויז — באַמערקט ער טרויעריק און תרעומותדיק מניאלן.

צעבייזערט זיך אויף אים דער מלאך:

— דו, פּרא אדם איינער! צו דיר רעדט מען על פּי ש־כ־ל, ברענגסטו מיר אַ ראיה פון דער נאָ־אָז!

— איר זייט גערעכט, אדוני טיפזיניקער מלאך! — מישט זיך דאָ אַריין די רויז, מיט אַ גיפטיקן שמייכעלע אויף די ליפּן. — אַפילו איך, וואָס האָב זיך גאָרנישט צו שרעקן פאַר דער קריטיק פון קיין נאָז אין דער וועלט, האַלט אויך, אַז דער עיקר איז שכל. און על־פּי־שכל האָב איך נישט וואָס אַראָפּצופּאַלן פאַר דעם חשובן הויפּטל. כ׳האָב פּונקט אַזאַ יחוס־בריוו ווי ער. אויך איך האָב דאָך אין זיך צוויי זייטן, מאַך איך אויך דעמזעלביקן קונץ, וואָס מיין חשובער כנגד: אָט בין איך אַ רויז און אָט בין איך... איך וויל פון מיין מויל נישט אַרויסרעדן...

איז מען אַוועק פון דאָרטן זייער אומצופרידענע. ראשית — איז אין דער רעאַלערווירקלעכקייט טאַקע זייער שווער איינצוזען, ווי אַזוי „רויז" און „קרויט" קאָנען זיין צוויי זייטן פון איין און דערזעלביקער זאַך. והשנית — איז דאָ די צרה מיט דער פּראַקטיקע. וואָס טוט מען, ווען אין דעם פּראַקטישן לעבן ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן זיי? וועמען פון זיי דאַרף פאַרט קומען די בכורה?

באַשליסט מען פּרואוון דאָס מזל מיט איינעם פון די מאָדערנסטע פילאָסאָפן, און מען לאָזט זיך גיין צו פּראַגמאַטיאַלן.

אַריין אין זיין געצעלט, האָבן אונדזערע פאַרשווינען באַמערקט, אַז אין אַ ווינקל, ביי אַן אויוועלע, איז דער מלאך געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך שוין גאָרנישט געפּאַסט פאַר אַ הימלישן באַשאַף, בפרט נאָך — פאַר אַ ממונה אויף פילאָסאָפיע. דער מלאך איז געשטאַנען און האָט צוגעגרייט אַ היפּש טעפּל, — טאַקע אַ גרויסן טאָפּ — זופּ פאַר זיך אויף וואַרמעס.

מילא, דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. אָבער דער אופן, ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט די אַרבעט — דאָס איז באמת געווען אַ פּאַטש אין פּנים יעדער אויסגעהאַלטענער פילאָסאָפישער שיטה.

קודם האָט ער אין טאָפּ אַריינגעשאָטן געריבענע פאַרפל, דערנאָך — פּערל־גרויפּן, דערנאָך — טערקישע בעבלעך, דערנאָך אַריינגעשאָטן אַ פּאָר נישט־צעשניטענע, אָפּגעשאָבענע מערן, דערנאָך — אַ פּאַסטערנאַק, אַ פּיעטרעשקע, אַ צעשניטענע ציבעלע, אַ פּאָר קאַרטאָפּליעס און אַ ביסל פּעפער. אָפּגעפּטרט די וועגעטאַרישע ממשלה, נעמט ער זיך פאַר דער אַנימאַלישער: שפּאַרט אין טאָפּ אַריין אַ שטיק אָקסנפלייש און הינערשע קעפּלעך און דרויב פון אַן ענטל. און, משמעות, נאָך נישט אינגאַנצן צו־

פרידן מיט זיין עקלעקטישן מישמאַש פון וועגעטאַבילע און אַנימאַלישע שטאָפן, האָט ער נאָך מוסיף געווען צו זיי אַ פּאָר זאַכן פון דער אַנאָרגאַנישער ממשלה: אַ ביסל זאַלץ און אַ היפּש ביסל וואַסער...

אַ שרעק! אַ שרעק!

ווען די רויז האָט דאָס אַלץ צוגעזען, זיינען איר ממש די דמים איינגעפאַלן. יעטוועדעס בלעטעלע איז געוואָרן בלייך און האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג. ווען זי האָט אָבער באַמערקט, אַז ער שלעפּט אויך די „אַנאָרגאַנישע ממשלה״ אין זיין טאָפּ אַריין, האָבן איר די פאַרבן ווידער אַ זעץ געטאָן אין פּנים. צונטער־רויט פון „צער און צאָרן״, האָט זי אויסגעשריען:

— אוי לעינים שכך רואות! אַ שאַנד און אַ חרפּה! און דאָס רופט זיך אַ מאָדערנער פילאָסאָף?! דאָס איז דאָך דער ריינסטער עק־לעקטי־ציזם! מיט וואָס זייט איר בעסער פאַר דעם מלאך עקלעקטיאל.

פּראַגמאַטיאַל איז פריער געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיין עסק, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט דעם אַנקום פון זיינע געסט. ערשט נאָך דעם אויסגעשריי פון דער רויז, האָט ער צוגעקערט זיין פּנים צו זיי און, פאַרנייגנדיק זיך מיט גרויס דרך־ארץ, זיך געווענדט צו דער רויז מיט אַ לייכטן שמייכל:

— אַ, גברת שושנה!* אויך צו מיר, אין מיין געצעלט פאַרוואָגלט? וואָס האָט אייך אַזוי אויפגעבראַוזט? משמעות, געכאַפּט מיך ביי אַ חטא? אַגב, וואָס פירט אייך אַלעמען צו מיר? נאָר — ציט אויף אַ ווילע, מיינע חשובע געסט! באַלד וועט פאַרטיק מיין זופּ — איך שטעל עס אויף דעם גיהנום־פייער, אָט ערשט פאַנאַנדערגעלייגט — וועלן מיר אַלע אונטערלענען, ווי אין פּסוק שטייט, אונדזערע הערצער און דערנאָך וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

די רויז האָט, אַ ברוגזע, זיך אָפּגעזאָגט פון דעם „עקלעקטישן בעטלער־זופּ״ און זיך אַריינגעשטעלט אין אַ גראַפין וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. ס׳היפּטל קרויט האָט אַ מורמל געטאָן: כ׳קאָן אויסקומען אָן דעם״, און זיך אַרונטערגערוקט אונטערן טיש.

— אַ שאָד, אַ שאָד! — האָט באַמערקט דער מלאך. — מיר וואָלטן געהאַט אַ מזומן.

— אויף מזומנים זייט איר, ווייזט אויס, גאָרנישט קיין קליינער בעלן — האָט ווידער די רויז געלאָזט פילן אירע שטעכערס.

---

* האַרנטע רויז.

נאָר אדם האָט זיך צוגעזעצט צו דער סעודה און האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם קרעפּטיקן געשמאַקן מאכל.

נאָכן עסן האָט דער מלאך אויסגעהערט די טענות און איז אַרויס מיט אַ לאַנגער דרשה צו דער רויז.

— איר האָט דערמאָנט, מאַדאַם, דעם עקלעקטיציזם און מיך האָט איר צוגעגליכן צו עקלעקטיאַלן. איר האָט, הפּנים, געהערט עפּעס קלינגען, איר ווייסט אָבער נישט פון וועלכן גלאָק. איז איך באַוואוסט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ קיין מלאך עקלעקטיאַל? אין די עולמות העליונים האָט מען באַ־שלאָסן בכלל מבטל צו זיין דעם עקלעקטיציזם, ווי אַ פילאָסאָפישע שיטה. און ווייסט איר פאַרוואָס? איר מיינט אפשר: דערפאַר, וואָס דער עקלעק־טיקער האָט נישט געהאַלטן נישט פון „איינהייטלעכקייט״, נישט פון „אויס־געהאַלטנקייט״? אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך תמיד באַנוצט מיט פאַרשיידענע עלעמענטן און האָט זיי נישט געקאָנט צונויפהעפטן אין איין־איינציקן אָרגאַנישן סיסטעם, מיט אַן איינהייטלעכן גרונט־געדאַנק? האָט איר אַ טעות, מאַדאַם! נישט אין דעם איז באַשטאַנען עקלעקטיאַלס חטא. זיין גרעסטער חטא איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: מיר אַלע, די שרים פון די אמתע פילאָסאָפישע שיטות, זעען איינצופלאַנצן אין די נשמות פון די קומענדיקע אמתע פילאָסאָפן קודם־כל די ברענענדיקע ליידנשאַפט צו דעם אמת. מיר פאָדערן פון זיי, זיי זאָלן זיך אַריינטאָן בלב ונפש אין די ענינים גופא, אין דעם לעבן גופא פון דער וועלט. זיי מוזן זיך מיען, אויס־צוגעפינען דעם אינעווייניקסטן תוך אירן, וואָס האַלט זי צונויף אין איינעם, יענעם אינעווייניקסטן תוך, וואָס דער רבונו־של־עולם איז עלה־על־דעתו־געווען ניט צו אַנטפּלעקן פאַר די מענטשן, כדי זיי זאָלן אַליין פּרוּוון דערשלאָגן זיך צו אים מיט דער גבורה פון דעם אייגענעם שכל. דער פילאָסאָף דאַרף טראַכטן וועגן דעם ענין, זיך אַריינחושן, און אים טאָר אַ ברעקל נישט אַרן, וואָס זיין געדאַנק וועט אויסגעפינען אין אים: איינהייט, צי פילהייט, צי אידעאַליזם, אָדער גאָר מאַטעריאַליזם.

„געוויס, איך מוז מודה זיין, אַז אַ סך תּלמידי־חכמים ציט ווי אַ מאַגנעט דווקא צו דעם „מאָניזם״, צו דער איינהייטלעכקייט. די מאָניס־טישע ישיבות זיינען דאָ איבערגעפּאַקט מיט נשמות. קיין חידוש נישט! דער מאָניזם טראָגט אַריין גאַנצקייט, שיינקייט און האַרמאָניע אין אַ פילאָ־סאָפישן בנין. און ער איז טאַקע אויך אַ סך שפּאַרעוודיקער, עקאָנאָמישער, אויב איר ווילט. קוים ווייס איך שוין, וואָס דער תוך פון דער גאַנצער איינהייטלעכער וועלט איז, בין איך שוין פּטור צו זוכן דעם לעצטן תוך פון די פאַרשיידנסטע פּרטים. און אַ סך זעטיקער איז דער מאָניזם. ער

באַפרידיקט ביז גאָר. האָט מען זיך דערפאַרשט ביז צו דעם לעצטן איינ־הייטלעכן וועלט־גרונט — אָדער גלויבט מען, אַז מען האָט זיי דערפאַרשט — אַזוי ווערט אין גאַנצן געשטילט דער מעטאַפיזישער הונגער.

„אָבער נישט אין דעם מאָניזם גייט עס ביי אונדז, אמתע פילאָסאָפן. די אַנטי־מאָניסטישע שיטות און זייערע שרים־שטייען ביי אונדז נישט אין קיין קלענערער חשיבות, איידער די מאָניסטישע. גייט אַריין אין דער ישיבה צו דואַליאַלן, וואָס לערנט דעם ריינסטן דואַליזם. וועמעס נשמות טרעפט איר דאָרטן? די נשמות פון אַזעלכע גאונים אדירים, ווי אַריס־טאָטל, ווי דעקאַרט. באַזוכט קריטיציאַלן, וואָס וויל האָבן, אַז דער מענטש־לעכער שכל איז בכלל נישט אין דער יכולת אויסצוגעפינען דעם פאַר־באָרגענעם סוד פון דער וועלט. טרעפט איר דאָרטן נישט די נשמה פון עמנואל קאַנט, דעם שאַרפקאַנטיקן, דעם פילקאַנטיקן בריליאַנט אין דער פילאָסאָפיע? אַפילו ביי פלוראַליאַלן, וואָס פאַרגינט זיך דעם לוקסוס צו גלויבן אין אַ פילהייט פון פאַרשיידענע סובסטאַנצן — אויך צו זיינע פיס זיצן אַ דזשאָן סטיואַרט מיל און אַ וויליאַם דזשיימס. וועגן מיין אייגענער ישיבה וויל איך נישט רעדן, אָבער פאַרגעסט נישט: די נשמה פון אַ בערגסאָן הערט זיך איין אין מיינע רייד און די נשמה פון אַ דזשיימס אוודאי און אוודאי!

„אָבער — ראשית חכמה — געדענקט, וואָס מיר פילאָסאָפן פון אַלע ריכטונגען פאָדערן, ווי אַ קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן: זיך אַריינגעבערן בלב ונפש אין דעם ענין גופא, אין דעם לעבן גופא. אים שטודירן אין דער ערשטער ליניע. און ערשט דערנאָך — אויב מען וויל און מען דאַרף — באַקאַנט ווערן מיט די געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אים.

„וואָס האָט אָבער געטאָן אונדזער עקלעקטיאַלקע? ער, דער פוילער מוח, האָט גאָרנישט געוואָלט אַליין טראַכטן, אַליין פאָרשן און בויען, אַליין אַריינגעבערן זיך אין די ענינים. האָט ער זיך פאַראינטערעסירט בלויז מיט די געדאַנקען וועגן זיי. איז ער אַרומגעלאָפן מיט זיינע תלמידים פון איין ישיבה אין דער אַנדערער, דאָ — אַ לעק, דאָ אַ שמעק, דאָ אַ כאַפּ, דאָ אַ לאַפּ. ביי איינעם געפעלט אים איין זאַך, ביי אַן אַנדערן אַן אַנדער זאַך, וואָס פּאַסט צו דער ערשטער, ווי אַ פינגער צו אַן אויג. און אַן אַ ברעקל אייגענער גייסטיקער אַרבעט, אָן אַ פּרוואו, אַליין, זאָל זיין וויפיל עס איז, אויפצואַקערן דעם ענין, האָט ער זיך צונויפגעעקלעקטעוועט אַ „וועלט־אַנבליק" פון די פאַרשיידנסטע שיטות און סברות און האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן זיין „סיסטעם".

„האָבן מיר זיך געפרעגט: וואָס וועט די מענטשהייט האָבן פון אַזוינע גאַנגען? וואָס פאַר אַ נײַס קאָן ער אויפטאָן? נישט קיין נײַע אמתן קאָן ער אויסגעפינען אין אַן ענין, נישט קיין נײַע געשטאַלטונגען פון דעם מענטשלעכן שאַפן קאָן ער אַרויסברענגען פון זיין אייגענעם גייסט. אַלץ, וואָס ער האָט, איז שוין פריער געווען ביי אַנדערע, מיט מער פרישקייט און אין אַ נאָענטערער שייכות צום לעבן, צום ענין. הייבט — אויף וואָסערע כפרות דאַרף מען אים?

„זיינען מיר געגאַנגען צו דער פמליא של מעלה מיט אַ פּעטיציע, מען זאָל איגאַנצן סקאַסירן די קאַטעדרע פונעם עקלעקטיציזם און ביי עקלעקטיאלן זאָל מען צונעמען זיינע פליגלען. האָבן מיר, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, געפּועלט. אָבער אַז מען איז צו עקלעקטיאלן געקומען נאָך די פליגלען, ערשט זיי זיינען ביי אים גאָרנישט געווען קיין אָרגאַניש אויסגעוואַקסענע. דער חברהמאַן האָט זיך צוגעקלעפּט קינסטלעכע פליגלען, צונויפגעפּאַפּט פון פאַרשיידענע פעדערן, וואָס ער האָט בשתיקה, בגנבה אַרויסגעצופּט פון אונדז. האָבן מיר אים פאַרטריבן פון אונדזער מחנה.

„אַזוי איז עס, ליבע האַרינטע מיינע! נישט אין דעם מאָניזם גייט עס אין דער פילאָסאָפיע. ווער ווייס, צי די מענטשהייט וועט ווען עס איז זיך דערגראָבן ביז צו דעם לעצטן איינהייטלעכן וועלט־פּרינציפּ! הייבט ווען אין דער טעאָריע אַזוי, על אחת כמה וכמה אין דער פּראַקטיקע! ווי קאָן מען דאָ וועלן מייסטערן זי לפי דער „אויסגעהאַלטענער איינהייטלעכער טעאָריע״, וואָס איז אָפּטמאָל געבוירן געוואָרן מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אויס די נויטן פון אַן אַנדער פּראַקטיקע און פון אַנדערע אומשטענדן אין לעבן!

„אויב ס׳איז דאָ אַ וועלכער עס איז „מאָניסטישער״ פּרינציפּ פאַר די פּראַקטישע נויטן פון לעבן, איז דאָס נאָר דער, וואָס איך האָב אָנגעווענדט אין מיין „עקלעקטישן״ זופּ. דאָס איז דער כלל, וואָס זאָגט: „אַלץ וואָס איז פאַר אונדז געזונט און געשמאַק און איז נישט להיפּוך צו אונדזער יושר, איז כשר און גוט, אַפילו ווען מען זאָל צונויפמישן מילכיקס מיט פליישיקס, כשרס מיט טריפה, נישט פאַר קיין פרומער יידענע געדאַכט״...

די רויז אָבער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבן.

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט — האָט זי געטענהט, ציטערנדיק מיט אַלע אירע בלעטלעך. — ס׳קאָן זיין, אַז ביי אייך, אין די „עולמות העליונים״, קאָן מען צולאָזן אויך אַזאַ — לאָזט מיך אָפּן זאָגן — צעלאָזענעם צוטריט צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן דענקען און שאַפן. אָבער ביי אונדז, אויף דער זינדיקער ערד? ביי אונדז ווייס איך

נאָר איינס: אַ רויז איז אַ רויז און נישט קיין הויפּטל קרויט, אַ הויפּטל קרויט איז אַ הויפּטל קרויט און נישט קיין רויז. און אין קיין טעאָריע קאָנט איר נישט מאַכן קיין פּלאַץ פאַר ביידע אינאיינעם.

און פאַרענדיקט האָט זי מיט אַ טיפן צער אין איר שטים:

— אָדער איך, אָדער ער!

פּראַגמאַטיאַל האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר מיט ליבע און רחמנות און דערנאָך מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— אַזוי? אין קיין טעאָריע איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אייך ביידן? און וואו, אייגנטלעך, ווילט מען אייך ביידן פאַרפּלאַנצן? אין אַ טעאָריע, צי אין אַ גאָרטן?

האָבן זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט. אַפילו די רויז האָט זיך ליבלעך צעשמייכלט...

— —

און אדם איז, אַ פריילעכער, אַרויס פון פּראַגמאַטיאַלס געצעלט, מיט דעם הויפּטל־קרויט אונטער זיין אָרעם און מיט דער רויזן־בלום אין זיין לינקער לאַץ. דאָס האָט מרמז געווען: די רויז איז אים פאַרט נעענטער צום האַרצן.

1928

סינטעטישער מאָניזם *

אין אונדזער היינטיקן יום־טוב באַטייליקט זיך כּמעט די גאַנצע יידישע פּראָגרעסיווע וועלט און אַלע אירע ריכטונגען. עס וואָלט זיך געפּאַסט, אַז מען זאָל אויף אַלעמענס יום־טוב רעדן וועגן יענע אידעען און אידעאַלן, וואָס פּאַראייניקטערסירן אונדז אַלעמען, אָבער אויסרעכענען זיי אַלע און באַווייזן זייער באַרעכטיקונג וואָלט פאַרנומען אַ סך מער צייט, איידער איך קאָן מיר נעמען פאַר דער פעסט־רעדע. אַנשטאָט דעם וועט איר מיר דערלויבן אָנצומערקן יענעם אַלגעמיינעם וועג, אויף וועלכן אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן דאַרפן שטרעבן צו גיין. איך וויל אים אָנרופן — דער וועג אויף דעם רוקן פון אַ באַרג.

איך וויל צו אייך רעדן וועגן דעם אַלגעמיינעם צוטריט ווי אַזוי צו זוכן דעם ענטפער אויף אַלע גרויסע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, וואָס פּלאָגן דעם מענטשן אין זיין שטרעבן צו די פיר העכסטע אידעאַלן זיינע: צו אמת אין דער דערקענטעניש, צו יושר אין דעם לעבן פון די מיט־מענטשן, צו שיינקייטן אין די געפילן און צו הייליקייט אין די מאָטיוון פון זיינע אַרבעטן און פּלאָגענישן.

שוין אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מענטשלעכער יחיד מיט אַן אייגענעם זעלבסט־באַוואוסטזיין און האָט איבער־געריסן די נאָפּל־שנור מיט וועלכער ער איז געווען צוגעוואַקסן צו זיין גרופּע, זיין משפּחה אָדער שבט, וואָס פלעגט אָנצייכענען און באַשטימען זיין לעבנס וועג, איז ביי דעם מענטשן אויפגעקומען די פראַגע: וועלכן וועג זאָל ער אַליין אויסקלייבן כּדי צו פירן אַ מענטשלעך חשובן לעבן?

איזה הוא הדרך שיבור לו האדם? וועלכן וועג זאָל דער מענטש אויסקלייבן? אַזוי ווערט טאַקע די פראַגע פאָרמולירט אין „פּרקי אָבות“. דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געשטרעבט נאָך אַן אַלגעמיינער פאָר־מול, וואָס זאָל דינען אי אַלס ריכט־שנור אין זיין אויפפירן זיך, סיי אין זיין פּראַקטישער טעטיקייט צוליב דעם אייגענעם נוצן, סיי אין זיינע חובות

---

* רעדע געהאַלטן דורך ד״ר ח. זשיטלאָווסקי ביי דער פייערונג פון זיין 70סטן געבוירנטאָג.

צו די אַנדערע מענטשן און צו זיך אַליין ווי צו אַ מאָראַלישער פּערזאָן, וואָס שטרעבט צו דער העכסטער מענטשלעכער חשיבות, סיי אין זיין טעאָרעטישן דענקען.

איינער פון די גרעסטע פילאָסאָפן פון דער אַלט־גריכישער וועלט, אַריסטאָטעלעס, האָט זיך געמיט צו באַווייזן, אַז אין דעם פּראַקטישן לעבן, סיי צוליב זיך, סיי צוליב אַנדערע דאַרף דער מענטש אויסוויילן אַ וועג, וואָס ליגט אין דעם רעכטן מיטן, צווישן אַן עקסטרעמער מעלה און אַן עקסטרעמען חסרון. פּחדנות, צום ביישפּיל, האָזענע ציטערקייט פאַר דער אייגענער פעל איז איינע פון די מיאוסטע מידות אין אַ מענטשלעכן כאַראַקטער און אַ מענטשלעכן אויפפיר, אָבער דער עקסטרעמער קעגנזאַץ פון פּחדנות שטריך — דער משוגענער רייסן זיך אין יעדער געפאַר, דער ניט וועלן זיך רעכענען מיט איר — איז פּונקט אַזאַ חסרון. דער וועג אין מיטן פון אָט די צוויי עקסטרעמען איז די העלדישקייט, דאָס ניט מורא האָבן פאַרן טויט ווען מען דאַרף שטעלן אין קאָן דאָס אייגענע לעבן, אָבער וואָס שפּילט זיך ניט מיט אים און שטעלט אים ניט אין קאָן אויס לייכטזין אָדער כּדי צו באַווייזן דעם אייגענעם קוראַזש. דאָס איז פאַר דער פּראַקטיק. אַן אַנדער וועג ווערט אָבער פון דעם זעלביקן דענקער אָנגעוויזן פאַר דאָס טעאָרעטישע פאָרשן און פאַר דער גרעזשעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אומעטום דאַרטן וואו מען האָט צו טאָן מיט אמת און פאַלש אָדער מיט גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט און נאָך אַזעלכע הויכע ענינים, — איז ניט שייך קיין מיטל־ליניע, וואָס זאָל זיין אַ חשובע פאַר דעם מענטשן. דאָ מוז ער גיין, אין דעם וועג פון דער עקסטרעמער מעלה, שטרעבן צו דעם אַבסאָלוטן אמת, דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט א. א. וו. ווי באַקאַנט, האָט זיך אויך דער רמב״ם שטאַרק איינגעשטעלט פאַר אָט דעם דרך אין לעבן, וועלכן אַריסטאָטל האָט אויסגעפונען. די וועלט דערמאָנט איצטער צו גוטן דעם רמב״ם, צו זיין אַכט הונדערט יאָריקן יובל, און מיט רעכט צו גוטן פאַר אַ סך זאַכן. אָבער מיט דעם אַלגעמיינעם וועג, וואָס דער געניאַלער אַריסטאָטעלעס און זיין טאַלאַנטפולער ערנסטער תּלמיד דער רמב״ם האָבן פאָרגעשלאָגן, קאָנען מיר ניט מסכּים זיין אין גאַנצן. מיר האָבן דאָ פאַר אונדז אייגנטלעך ניט איין וועג נאָר צוויי — דעם וועג פון דער מיטל־ליניע צווישן די געוויינלעכע מעלות און חסרונות און דעם וועג פון דעם עקסטרעם, אין די פראַגן פון אמת און יושר. אָבער ביידע וועגן האָבן אויך זייערע חסרונות, און אַפילו געפאַר. די סכּנה פון דער מיטל־ליניע באַשטייט דאַרין, וואָס מען געוואוינט זיך איין צו זוכן דעם מיטל־וועג אויך אין די העכערע ענינים פון אַ מענטשלעכן לעבן.

און ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס די פּראַקטיק פֿון דעם לעבן איז אַזאַ גוטער מליץ יושר פֿאַר דעם מיטל־וועג — „דער מיטן איז אַ גילדערנער שליטן", זאָגט אויך דער פּראַקטישער מענטש פֿון פֿאָלק. מען זוכט דעם מיטל־וועג אויך אין די העכערע ענינים דערפֿאַר, וואָס עס איז אין דאָס רוב פֿאַלן אַזוי שווער אויסצוגעפֿינען אויף זיכער וואו עס ליגט דער ריכטיקער עקסטרעם אין אַזעלכע ענינים ווי אמת און יושר.

גוט איז געווען אַריסטאָטעלן און דעם רמב"ם, ווייל זיי האָבן ביידע געגלויבט אין דער אַבסאָלוטער מאַכט פֿון דעם מענטשלעכן שכל, אַלעמאָל צו קאָנען געפֿינען דעם אַבסאָלוטן אמת און דעם אַבסאָלוטן יושר. אָבער ווער עס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון די מענטשלעכע שטרע־בונגען צו די העכסטע אידעאַלן ווייס, אַז אין דער ווירקלעכקייט קומען אויף זייער אָפּט צוויי עקסטרעמע ענטפֿערס, וואָס שליסן אויס לגמרי איינער דעם אַנדערן. און די אַרגומענטן פֿאַר און קעגן ביידע ענטפֿערס זיינען פֿון אַזאַ אַרט, אַז אָפּט האַלטן זיי ביידע די וואָג. און אַז ביי אַ רעכט־אָביעקטיוון אומפּאַרטייאישן איבערטראַכט ווייס מען ניט וועמען צו געבן די בכורה. איך נעם דאָ ווי אַ ביישפּיל נאָר איין איינציקע פֿראַגע, די אַזוי וויכטיקע פֿאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן וועלט־באַנעם: וואָס איז דער לעצטער תוך פֿון דער וועלט? איז דאָס די טויטע מאַטעריע ווי דאָס וויל דער מאַטעריאַליזם, אָדער איז דאָס — דער לעבעדיקער גייסט ווי דאָס טענהט דער אידעאַליזם? שווער צו געפֿינען דעם ריכטיקן ענטפֿער דאָרויף. רייסט זיך אַריין די געפֿאַר פֿון דער מיטל־ליניע פֿון דעם קאָמפּראָמיס פֿון מאַכן אַ פּשרה צווישן די צוויי עקסטרעמען אויסצוטיילן פֿאַר יעדן ענטפֿער אַ באַזונדער ספֿערע, האַלטן זיי אָפּגעזונדערט איינס פֿון דעם אַנ־דערן. מען זאָגט זיך: עס איז דאָ אַ מאַטעריעלע וועלט און עס איז פֿאַראַן אַ גייסטיקע וועלט. און וואו עס איז דאָ מאַטעריע, דאָרטן איז ניטאָ קיין גייסט, און וואו עס איז דאָ גייסט, דאָרטן איז אין אים ניטאָ קיין פּיצעלע מאַטעריע. ס'קאָן זיין: דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער ענטפֿער וועגן דעם לעצטן גרונט פֿון דער וועלט. די געפֿאַר פֿון דער פּשרה באַשטייט אָבער דאַרין, וואָס מען נעמט אָן דעם ענטפֿער ניט ווייל מען זעט אײַן זיין ריכטיקייט, נאָר ווייל מען וויל דערמיט צופֿרידן שטעלן ביידע קעמפֿנ־דיקע צדדים. און אין רעזולטאַט באַפֿרידיקט מען ניט קיין איינעם פֿון זיי, ווייל דער שכל פֿאָדערט באַווייזן, וואָס ווערן אַרויסגענומען פֿון דעם ענין גופֿא, ווי ער איז אין זיך גופֿא, און ניט כּדי צופֿרידן צו שטעלן די אָדער יענע מיינונג וועגן דעם ענין.

אין די צייטן פֿון אַריסטאָטל און דעם רמב"ם האָט מען אָבער נאָך ניט געוואוסט אָדער עס איז נאָך ניט געשטאַנען קלאָר פֿאַר די אויגן, אַז דער

מענטשלעכער געדאַנק גייט אָפּט אַרויף אויף אַן אַנדער אַרט מיטל־ליניע: וואָס קאָן באַפרידיקן אי דעם פּראַקטישן פאַרשטאַנד, אי דעם טעאָרעטישן שׂכל. דאָס איז ניט די מיטל־ליניע אין די טאָלן פון דעם געדאַנק, נאָר דער „גילדערנער מיטן״, וואָס לויפט איבער דעם באַרג־רוקן פון אַ גאַנצער קייט הויכע בערג.

שטעלט אייך פאָר, אַז עס ציט זיך אַזאַ קייט, אַזעלכע בערג, זאָגן מיר, אין דער גאַנצער לענג פון מזרח צו מערב. פון איין זייט באַרג־קייט לאָזט זיך אַראָפּ אַ שפּוע צו רעכטס, זאָגן מיר, צו דרום, און פון דער אַנדער זייט אַ שפּוע צו לינקס, זאָגן מיר, צו צפון. דער הויכער באַרג־רוקן איז אָבער פאַרדעקט מיט וואָלקנס און מען זעט אים נאָך ניט. קאָן מען נאָר גיין אויף די זייטן פון דעם באַרג, אָדער אויף דער רעכטער זייט, אָדער אויף דער לינקער. דעמאָלט טענהן די „רעכטיסטן״: מען דאַרף גיין אויף דער דרום־זייט פון דער באַרג־קייט. ענטפערן די „לינקיסטן״: חס וחלילה! די רעטונג ליגט אין דעם גאַנג אויף דער צפון זייט אויף דער לינקער זייט פון דעם באַרג! און אַט אין דער לאַגע קאָן מען שוין אַפילו קיין מיטל־ליניע ניט געפינען, וואָס זאָל ליגן אויף דעמזעלביקן שטח, אויף וועלכן עס באַוועגן זיך די קעמפנדיקע צדדים.

טרעפט אָבער, אַז אַ דענקער, זוכנדיק זיין אייגענעם וועג, הויבט אָן צו גיין פאָראויס, ניט אויף דערזעלביקער הויך אָדער נידער, אויף וועלכער ער האָט זיך באַוועגט אין איינעם מיט די אַנדערע, נאָר ער הויבט אָן צו גיין פאָראויס און אין דער הויך. גילט אים אָפּ, גייט ער אַרויף אויף דעם באַרג־רוקן, וואָס ליגט איבער די וואָלקנס; געפינט ער, אַז אויף יענעם באַרג־רוקן לויפט אַ וועג, אַ באַגאָסענער מיט זון־שטראַלן, איבער דער גאַנצער לענג פון דער קייט, און ער הויבט אָן גיין אויף אים פאָראויס אין דער ליכטיק.

גראָד ווען אַזוינס פּאַסירט אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, ווערט באַשאַפן אַ נייער ענטפער אויף די פּלאָגנדיקע פּראָבלעמען, וואָס איז ניט קיין אויסגעמוחטע פּשרה צווישן מיינונגען און איז פאָרט אַ מיטל־ליניע, אָבער אויף אַ העכערן פּלאַן, אויף יענעם פּלאַן אין וועלכן עס לויפן זיך צונויף די ליניעס, וואָס ציען זיך פון אונטן אַרויף, סיי פון דער דרום זייט באַרג, סיי פון זיין צפון זייט.

עס וואָלט זיך געלוינט אָנצושרייבן אַ גאַנצע ספּעציעלע געשיכטע פון יענע מאָמענטן אין דער מענטשהייטס גייסטיקן שאַפן, ווען עס פּלעגן אויסגעפונען ווערן אָט די וועגן וואָס ליגן אין דער הויך, אויף די באַרג־רוקנס, און פון דער ראַליע, וואָס יענע מאָמענטן האָבן געשפּילט סיי אין

גייסטיקן שאַפֿן, סיי אין דעם היסטאָרישן לעבן. דאָ וועל איך דערמאָנען נאָר אַ פּאָר פֿון אַזעלכע אַנטשיידנדיקע מאָמענטן.

נעמען מיר טאַקע דעם שטרייט צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם אין דעם פֿילאָסאָפֿישן וועלט־באַנעם, אין זיין טיפֿן דענקען און פֿאָרשן, האָט ברוך שפּינאָזאַ זיך דערהויבן צו יענער הויכער מיטל־ליניע, וואו סיי דער אידעאַליסטישער געדאַנקענגאַנג, סיי דער מאַטעריאַליסטישער לויפֿן זיך צונויף אין איין איינציקער ריכטונג אויף דעם באַרג־רוקן, וואו יעדער שריט איז אַן איינהייטלעכער סינטעז פֿון ביידע ריכטונגען. איז אויסגעקומען, אַז נאַטור און גאָט זיינען איין און דיזעלביקע זאַך, אַז עס איז ניטאָ קיין מאַטעריע אָן גייסט און אַז עס איז ניטאָ קיין גייסט אָן מאַטעריע. אָט די ריכטונג האָב איך אַ נאָמען געגעבן: „סינטעטישער מאָניזם”, אַן איינהייטלעכער אויג אויף דער וועלט, אַ צונויפֿגעגאָסענער פֿון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע גרונט פּרינציפּן, וואָס האָבן אין זייער אַנטוויקלונג פֿאָראויס און אין דער הויך זיך פֿון דעם סאַמע גרונט אַרויפֿגעהויבן צו זייער צונויפֿגוס אויף דעם באַרג־רוקן. דער סינטעטישער מאָניזם איז נאָך עד היום איינער פֿון די באַרעכטיקסטע און באַפֿרוכפּערנדיקסטע פֿילאָסאָפֿישע שטאַנדפּונקטן, דער עיקר אין דער באַטראַכטונג פֿון די לעבעדיקע ברואים.

אָדער נעמט די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס עמאַנואל קאַנט האָט אַריינגעטראָגן אין דעם געדאַנק פֿון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט דורך זיין טעאָריע פֿון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. אין זיין צייט האָבן געקעמפֿט צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שיטות. איינע אַרויסגעבראַכט פֿון בערקלעי, אַ סוביעקטיוו־אידעאַליסטישע, האָט געוואָלט האָבן, אַז די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט איז גאָר ניטאָ דרויסן, ווייל עס איז גאָר קיין דרויסן ניטאָ. די וועלט, אַן אָפּדרוכטעניש אין אַ מענטשלעכער נשמה. די אַנדער שיטה, פֿון דעם שאַרפֿן דענקער יום, אַן עקסטרעם רעאַליסטישע, האָט אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פֿון אַ מענטשלעכער נשמה, אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר אין אונדזער וועלט־דערקענטעניש שטאַמט, האָט ער געלערנט, פֿון די איינדרוקן וואָס די דרויסנלעכע רעאַלע וועלט מאַכט אויף אונדז. האָבן מיר דאָ ווידער צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן און דענק־ריכטונגען, וואָס לייקענען אָפּ איינס דאָס אַנדערע. דער געוואוינלעכער שכל הישר, וואָס וויל גיין אויף דער אונטערשטער מיטל־ליניע פֿון דער פּשרה האָט ניט געוואָלט וויסן פֿון די ביידע עקסטרעמען. עס איז באַקאַנט דאָס ענגלישע וואָרט־שפּיל ווערטל: „ווען בערקלעי סעד — דער איז נאָ מעטער, ענד יום סעד, דער איז נאָ מיינד, — נעוועד מיינד, איט דאַז נאַט מעטער וואָט דעי סעד”.

אָבער דער גרויסער עמאַנואל קאַנט האָט זיך יאָ גערעכנט מיט די צוויי עקסטרעמען אין דעם ענגלישן פילאָסאָפישן געדאַנק. ער האָט אין אַ וואונדערלעך, געדאַנקען־רייכן בנין אַרויסגעבראַכט אַ שטאַנדפּונקט, וואָס האָט אויפגעהויבן די פראַגע אויף דער הויך פון דעם באַרג־רוקן. דער שטאַנדפּונקט טראָגט דעם נאָמען: „עמפּירישער רעאַליזם און טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם״.

איר וועט געוויס ניט דערוואַרטן פון מיר, איך זאָל דאָ אייך דערקלערן יענעם וואונדערלעכן שטאַנדפּונקט. פאַר אונדז איז דאַך גענוג, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז ווען מען פרעגט אַ קאַנטיאַנער, צי איז די וועלט, וואָס מיר שטודירן אין די וויסנשאַפטן, באמת רעאַל? ענטפערט ער: יע, זי איז עמפּיריש לויט דער וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג און לויט אונדזערע חושים אַ רעאַלע וועלט. און פרעגט אַן אַנדערער, צי איז זי גאָר אפשר אידעאַל? ענטפערט ער ווידער: יאָ, זי איז אידעאַל, לויט די דענקפּראָצעסן, וואָס ברייינגען אַרויס די זיכערע וויסנשאַפט וועגן דער וועלט. הייסט עס ווידער, אַז די זעלביקע דערקענטעניש, וואָס גיט אונדז רעאַלע וויסנשאַפט, איז אין דער זעלביקער צייט אי רעאַל, אי אידעאַל. האָבן מיר דאָ ווידער אַ סינטעטישן מאָניזם. זאָגן יע צו צוויי אַנטקעגנגעזעצטע, אַזוי גרונט פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און אין דער זעלביקער צייט אויך זאָגן ניין צו זיי ביידן, קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען די צוויי שטאַנדפּונקטן זיינען ווי די צוויי זייטן, די רעכטע און די לינקע זייט, פון אַ באַרג—זייטן, וואָס אַלע זייערע ליניעס לויפן אַרויף פון די פאַרשיידענע גרונטן צו דער הויך־געלעגענער מיטל־ליניע אויף דעם באַרג־רוקן. עס ווערט געזאָגט „יע״ צו זייער ביידנס אַרויפלויף, עס ווערט געזאָגט „ניין״ צו זייער ביידנס בלייבן אונטן.

און איצטער אַ ביישפּיל פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג און דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף. ווען קאַרל מאַרקס איז אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישער דענקער און קעמפער, איז דעמאָלט די ראַדיקאַלע וועלט געווען פאַנאַנדערגעשפּאָלטן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן. עס זיינען געווען פּאָליטישע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן געזען דעם וועג צו דער מענטשלעכער פולער באַפרייאונג אין דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר אַ פרייהייטלעכער דעמאָקראַטיע. און עס האָבן זיך שוין אויך אויסגעבילדעט סאָציאַליסטישע ריכטונגען, וואָס האָבן לגמרי ניט געוואָלט וויסן פון אַ וועלכן עס איז פּאָליטישן קאַמף און האָבן, ווי די פוריעריסטן, געגלויבט, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן מען אויפבויען אפילו אונטער דעם רעזשים פון אַ טערקישן סולטאַן.

מאַרקס איז אין אָנהויב געגאַנגען מיט די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטן, אָבער געגאַנגען איז ער זעלבסטשטענדיק, אַלץ פאָראויס און אין דער הייך. איז ער אַרויף אויף דער הויכער באַרג־ליניע פון דעם „מאַרקסיסטישן" וועג, דעם מיטל־וועג אויף דעם באַרג־רוקן, וואָס פאַראייניקט אין איין־איינציקער אידעע פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף סיי דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר פרייהייט, סיי דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם — אַ סינטעטישער איינשטעל, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט נאָך עד היום אַזאַ אומגעהויער וויכטיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

לסוף נעמען מיר אַ ביישפּיל פון גאָר דער לעצטער צייט. פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, וואָס, אין זיין ריין וויסנשאַפטלעכן פאָרשן, באַרייכערט דעם סינטעטיש מאָניסטישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען מיט אַ נייעם נוסח, ווי אַזוי צו זאָגן „יע" און „ניין" צו צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן, וואָס שליסן אויס איינער דעם אַנדערן: „יע" און „ניין" צו זיי ביידן. איך האָב דאָ אין זינען דער עיקר יענעם טייל פון זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וואָס ברייננגט אַרויס די איינהייט פון אַזעלכע פונדאַמענטאַלע קעגנזאַצן אין דער נאַטור, ווי רו און באַוועגונג.

עס וואָלט מיך אַוועקגעפירט צו ווייט, ווען איך זאָל דאָ פּרואוון אַפילו אָנדייטן די אָריגינעלע אַרט, ווי אַזוי עס קומט אויס ביי איינשטיינען, אַז איין און דערזעלביקער קערפּער דאַרף אין איין און דערזעלביקער צייט באַטראַכט ווערן אי ווי זייענדיק אין רו, אי ווי זייענדיק אין באַוועגונג. (פאַר די יידיש־לייענער וועל איך אָפּשיקן צו מיין בוך וועגן איינשטיינס טעאָריעס.)

אָבער ניט נאָר ביי איינצלנע דענקער און וויסנשאַפטלעכע פאָרשער גע־פינען מיר, אַז דער וועג אויף דעם באַרג־רוקן פירט זייער אָפט צו די פּרוכ־פּערדיקסטע, ריין גייסטיקע רעזולטאַטן. מיר האָבן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און פון די איינצלנע פעלקער גאַנצע פעריאָדן וואָס מוזן באַטראַכט ווערן, ווי סינטעטישע, ווען דאָס לעבן פון פילע דורות פאַר־ווירקלעכן באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק דעם צונויפגוס פון צוויי קעגנזאַצן, וואָס האָבן געקעמפט אין דעם לעבן.

פאַר אונדז איז דאָס זייער וויכטיק צו האָבן אין אויג ווייל גראָד אין אַזאַ סינטעטישן פעריאָד באַוועגט זיך איצטער די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די גאַנצע צייט פון דעם צווייטן חורבן און דעם ערשטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט רעכענונג ביז צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע פון 1789 האָט זיך אונדזער געשיכטע באַוועגט אין אַ ליניע, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן די פרום־נאַציאָנאַלע. יידן האָבן געקוקט אויף זיך

ווי אויף קינדער פון אַ באַשטימטן פאָלק, דעם עם ישראל, און ווי אויף אָנהענגער פון אַ באַשטימטן גלויבן, דער „דת משה וישראל״. אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון אונדזער פאָלק אַריבערגעוואָרפן די ליניע אויף „יענער זייט״ באַרג — אויף דער זייט פון דער פּראָגרעסיווער אַסימילאַציע, וואָס האָט, אין איר ראַדיקאַלן עקסטרעם, לגמרי אָפּגעלייקנט ביידע יסודות פון דעם אַלטן וועג: אי די יידישע נאַציאָנאַליטעט, אי די יידישע רעליגיע. אָבער אין דעם אָנהויב אַכציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט זיינען די יידישע פּראָגרעסיווע שטרעבונגען אַרויף אויף דער הויכער באַרג־ליניע פון דעם סינטעטישן מאָניזם, וואָס זאָגט אַ קרעפטיקן „יע״ אי צו דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין, אי צו זיין פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. און אַפילו די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען ווערן אַריינגענומען אין חשבון אויף דעם נייעם וועג, אָבער אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, איידער פריער. ניט די פרעמדע קולטור און דאָס פרעמדע לעבן דאַרף אַסימילירן און איינשלינגען אונדז, נאָר מיר דאַרפן אין אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן אַריינגעמען און אַסימילירן אין זיך אַלץ, וואָס עס איז מענטשלעך חשוב און ווערטפול אין דעם לעבן און דער קולטור פון דער ניט־יידישער וועלט. אין אָט דעם פּעריאָד פון דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם לעבן מיר עד היום, און מיט יעדן דור פאַרשטאַרקט זיך זיין אויבערהאַנט סיי איבער דעם אַלטן פרום־נאַציאָנאַלן איינשטעל, סיי איבער זיין קעגנזאַץ, דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן.

אָט די אַלע געבראַכטע ביישפּילן פון דער פילאָסאָפיע, פון דער דערקענטעניש טעאָריע אין דער וויסנשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, זיינען, דוכט מיר, גענוג כדי צו אילוסטרירן דאָס, וואָס איך מיין מיט דעם „מיטל־וועג״ אויף אַ הויכן באַרג־רוקן.

געוויס, דאַרף מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז ספּינאָזאַ, קאַנט, מאַרקס און איינשטיין האָבן זיך ניט געיאָגט נאָכן סינטעטישן מאָניזם. זיי זיינען אַרויף אויף דעם באַרג־וועג, זוכנדיק דעם אמת צי דעם יושר, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, צי אין טאָל, צי אויף איין זייט באַרג, צי אויף דעם באַרג־רוקן, וואָס פאַרבינדט אין איינעם זיינע ביידע זייטן. און אין די סינטעטישע פּעריאָדן פון דעם היסטאָרישן לעבן האָט מען זיך אודאי ווייניקער ווי אַלץ זיך געקימערט וועגן דער, אַזוי צו זאָגן, טאָפּאָגראַפישער לאַגע פון זייער וועג.

אָבער מיר, וואָס מיר האָבן אַ סך אַזעלכע פּעריאָדן הינטער אונדז, פאַר וועמען עס ליגן קלאָר און אָפן די וועגן פון ספּינאָזאַ, קאַנט,

מאַרקס און איינשטיין — מיר, וואָס מיר לעבן תּמיד אין העפטיקן קאַמף פון אידעאישע קעגנזאַצן, מיר האָבן אַ גוט רעכט, באַוואוסטזיניק צו רעכענען זיך מיט דעם סינטעטיש־מאָניסטישן וועג, ווי צו פאַרענטפערן פּראָבלעמען. מיר האָבן אַ רעכט צו פרעגן זיך, צי איז דאָס ניט דער „דרך שיבור לו האדם", דער וועג, וועלכן דער מענטש דאַרף אויסוויילן פאַר זיך, ווייל גראַד אָט דער וועג האָט די שאַנסן אָם בעסטן צו באַפרידיקן אונדזער שטרעבן צו אמת און יושר. לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף איניקע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, סיי ריין יידישע, סיי אַלמענטשלעכע, ווי זעען זיי אויס, ווען מען זוכט זייער פאַרענטפערונג אויף דעם הויכן באַרג־וועג פון דעם סינטעטישן מאָניזם?

אָט איז אַ פּראָבלעם, וואָס האָט אונדזער יידישע אינטעליגענציע באַשעפטיקט אַזוי לייזנשאַפטלעך טיף נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק: דער קעגנזאַץ פון נאַציאָנאַליזם, פון לאַזן אומבאַרירט די איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין איינצלנע באַזונדערע פעלקער, און קאָסמאָפּאָליטיזם, דעם שטרעבן אָפּצושאַפן אַלן נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און צונויפגיסן די פעל־קער אין איין גלייכאַרטיקער מענטשהייט. קאָן מען זאָגן אַ קרעפטיקן „יע" אי צו דעם נאַציאָנאַליזם, אי צו דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און צו דערזעלביקער צייט אַ קרעפטיקן ניין צו זיי ביידן? און ווי אַזוי זאָלן דער דאָזיקער „יע" און דער דאָזיקער „ניין" געזאָגט ווערן?

וואָס איז די מענטשלעך חשובע בענקשאַפט, וואָס טרייבט צו דעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל? די קראַפט, וואָס טרייבט צו אים, איז ניט דער קאַפּריז, צו וועלן זען, אַז „אַלע יונים זאָלן האָבן איין פּנים", און אַז אַלע זאָלן זיין אויסגעקנאָטן פון איין און דעמזעלביקן טייג. געוויס זיינען דאָ אויך אַזעלכע קאָסמאָפּאָליטן. אָבער ניט אָט דער קאַפּריז פון גלייכמאַ־כערישקייט איז די מענטשלעך חשובע שטרעבונג אין דעם קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס איז די לעבנס־נויט, אָפּצושאַפן דעם ווילדן קאַמף, וואָס הערשט איצטער צווישן די פעלקער, ווייל פעלקער לעבן איצטער ניט ווי מענטשן, נאָר ווי וועלף. די פאַרברידערונג פון דער מענטשהייט איז דער אינע־וויניקסטער זין אין דער נשמה פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם. און וואָס איז די מענטשלעך חשובע בענקשאַפט, וואָס טרייבט צו דעם שטרעבן, צו דערהאַלטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט? דאָס איז ניט די ווילדע לוסט, צו אונטערדריקן און באַהערשן אַלע אַנדערע פעלקער, ניט אַפילו דער דראַנג, צו האָבן דעם גורל פון אַלע אַנדערע פעלקער אין דער אדמה, אַבי מען זאָל דאָס אייגענע פאָלק לאָזן צורו. אמת, אַזאַ עקסטרעמער שאָוויניזם אָדער עגאָאיסטישער נאַציאָנאַליזם — כאַפּט דער רוח אַלע

פעלקער, אַחוץ מײנעם! — איז דער הערשנדיקער טאָן אין די געווינטלעכע נאַציאָנאַליסטישע אידעען און אידעאַלן און אין זײ איז זיכער ניטאָ קײן אײן קערנדל פון מענטשלעך־חשובער בענקשאַפט. צו דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַליסטישער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג ווערט מען געטריבן דורך דעם ברענענדיקן געפיל פון מאָראַלישער אחריות קודם כל פאַר דעם גורל פון דעם אײגענעם פאָלק, אין וועלכן מען איז אַרײנגעבאָרן, מיט וועלכן מען איז ווילנדיק — ניט־ווילווּנדיק צענויפגעוואַקסן, פון וועלכן מען קאָן בײ דעם בעסטן ווילן, אָביעקטיוו גענומען, ניט אַרויסגײן, נאָר אַרויסשטאַרבן. דאָס איז די בענקשאַפט, צו זען דאָס פאָלק פרײ פון יעדער אונטערדריקונג, זעלבסטשטענדיק אין דעם אויסשמידן דעם אײגענעם גורל, געזיכערט אין זײנע עקאָנאָמישע לעבנס־קוואַלן און אומגעשטערט אין זײן גאַנג אויף דעם וועג פון אַ פרײען מענטשלעכן פּראָגרעס.

פאַרוואָס זאָל אָט די מענטשלעך חשובע, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע בענקשאַפט ניט קאָנען זײן פאַרבונדן מיט אַ בענקשאַפט, צו זען אַלע פעלקער פונקט אַזוי געזיכערט אין זײער עקזיסטענץ און פרײער אַנטוויקלונג, ווי מיר וואָלטן דאָס געוואָלט האָבן פאַר אונדזער אײגענעם פאָלק? פאַרוואָס זאָל אָט די בענקשאַפט זיך ניט קאָנען צונויפלעבן מיט דער אינעווײניקסטער בענקשאַפט, וואָס האָט באַלעבט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם — אָפּצושאַפן דעם פעלקער־האַס און דעם פעלקער קאַמף און פרײ צו מאַכן דעם וועג פאַר אַ פאַרברידערטער מענטשהײט?

געוויס קאָן מען דאָס. און ניט נאָר קאָן מען דאָס, נאָר מען מוז דאָס, ווײל עס איז ניטאָ קײן געזיכערטע פרײהײט פאַר קײן פאָלק, אויב פעלקער וועלן נאָך ווײטער לעבן, ווי וועלף. אָבער דער צונויפגוס פון די בײדע חשוב מענטשלעכע בענקשאַפטן און אידעאַלן קאָן ניט געשען, ניט אויף דער צפון־זײט פון דעם באַרג, וואו עס באַוועגט זיך דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, וואָס וויל ניט וויסן פון אַ מענטשהײט, ניט אויף דער דרום־זײט זײנעם, וואו עס האָט זיך באַוועגט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון די באַזונדערע פעלקער. צו אָט די בײדע עקסטרעמען, וואָס ליגן אין דער נידער, מוז מען זאָגן אַ קרעפטיקן „ניין״! דער צונויפגוס, דער „יע״ צו בײדן קאָן נאָר געשען און איז געשען אויף דער הויכער באַרג־ליניע, וואָס רופט זיך אינטערנאַציאָנאַליזם, אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון אונדזערע גרויסע נביאים, און וואָס שטרעבט צו דער פאַראײניקונג ניט פון סתם מענטשן, נאָר דווקא און בפירוש פון פרײע זעלבסטשטענדיקע פעלקער און אין פאַרברידערטער משפחה פון דער מענטשהײט, וואו קײן אײן פאָלק

האָט ניט קיין ברעקל איבערוואָג איבער דעם אַנדער פֿאָלק און וואו זיי אַלע זײַנען סאָלידאַריש פֿאַראינטערעסירט צו העלפֿן איינער דעם אַנדערן, אַז אַלע זאָלן קאָנען ווייטער שפּינען דעם פֿאָדעם פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע אין פֿרידן, זיכערקייט און פֿרייהייט. אין דער נידער קאָן מען ניט געפֿינען קיין מיטל־ליניע צווישן קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם, ווי מען קאָן ניט געפֿינען קיין מיטל־ליניע צווישן לעבן און טויט, צווישן פֿרידן און קריג. לעבן און טויט לאָזן זיך ניט פֿאַראייניקן, ווי עס לאָזן זיך ניט פֿאַראייניקן קריג און פֿרידן. די „יע" צו נאַציאָנאַליזם און קאָס־מאָפּאָליטיזם ווערן פֿאַראייניקט אויף דעם באַרג־רוקן אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער פֿאַרברידערונג פֿון דער מענטשהייט.

ענג צונויפֿגעבונדן מיט דעם קעגנזאַץ פֿון נאַציאָנאַליזם און קאָס־מאָפּאָליטיזם איז דער פּראָבלעם, וועלכן איך האָב אַמאָל אַ נאָמען גע־געבן „ייד" און „מענטש". איך געדענק נאָך גאַנץ גוט די צייט, ווען אויף דער יידישער פּראָגרעסיווער און ראַדיקאַלער גאַס איז צווישן אָט די צוויי ענינים, כּדי צו בלייבן אין די גרענעצן פֿון אונדזער איצטיקן פֿאַרגלייך, געלעגן אַ הויכער באַרג, וואָס מען קאָן נאָר אַריבערשפּרינגען, ווען מען פֿאַרלאָזט איין זייט זײַנע און מען גייט אַריבער אויף דער אַנ־דערער. עס האָט געהערשט דער גלויבן, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער, און וואָס מער ייד איינער איז, אַלץ ווייניקער מענטש איז ער. אויך אָט דער קעגנזאַץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז נאָר אַ קעגנזאַץ אין דעם נידעריקן טאָל און ניט אויף דעם הויכן באַרג־וועג, וואָס פֿירט צו אַ גאַנץ אַנדער אויסבליק אויף דעם ענין, וואו עס ווערט גאָר אמת, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ מער נאַציאָנאַל־באַ־שטימטער מענטש איז ער, און במילא — בנוגע אונדזער פֿאָלק, אַז וואָס מער מענטש איינער איז אַלץ מער ייד איז ער, און וואָס מער „ייד" איי־נער איז, וואָס מער ער נעמט אין זיך אַריין די אידעאַלן פֿון אַ פֿאַראיי־ניקטער מענטשהייט, ווי די יידישע נביאים האָבן זיי אַרײַנגעשטעלט אין דער געשיכטע, אַלץ מער מענטש איז ער.

די פּרטים אויך פֿון אָט דעם סינטעז מוזן דאָ בלייבן אָן אַ זייט. אָבער שוין האָט אָט דער געדאַנק אומעטום געשלאָגן וואָרצלען, אַז מענטש זיין, הייסט זיצן מיט דעם אייגענעם פֿאָלק ביי אַן אייגענעם וועבשטול פֿון קולטור־שאַפֿונג און וועבן דעם אַלמענטשלעכן אינהאַלט פֿון דער קולטור אין זיין אייגענער נאַציאָנאַלער פֿאָרעם, לויט זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן נוסח, און אַז דער בעסטער וועג פֿאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס איז, ווען די פֿעלקער שליסן זיך ניט איין אין זייערע אייגענע דלד אמות, נאָר לערנען

איינער פון דעם אַנדערן, ווירקן איינער אויף דעם אַנדערן דורך די פֿאַר־שיידענע אַרטן, ווי אַזוי זיי באַאַרבעטן די פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבן און שאַפן. אויך אַט די ווירקונג און קעגנווירקונג, וואָס לאָזט ניט איינשלאָפן די מענטשלעכע שאַפונגס־קראַפט, איז מעגלעך נאָר אויף דעם הויכן באַרג־וועג פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, וואו די פֿעלקער בלייבן פֿריי און זעלבסטשטענדיק אין זייער שאַפן, וואו זיי זיינען אָבער פֿאַר־בריידערט אויך אין זייערע קעגנזייטיקע ווירקונגען.

אויב דער מענטשלעכער פּראָגרעס איז, ווי איך גלויב, אַן איינהייט־לעכער שטרעבן צו פֿאַרווירקלעכן פֿיר פֿונדאַמענטאַלע אידעאַלן: פֿער־זענלעכע פֿרייהייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט, קולטורעלע רייכקייט, און אינ־טערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט, פֿאָדערט גראָד דער זין פון דער קול־טורעלער רייכקייט, אַז דער פּרוכט־גאָרטן פון דער מענטשלעכער קולטור־שאַפונג זאָל ניט באַשטיין פון איין־איינציקן מין פּרוכט־בוים, נאָר אַז אַלע אַרטן פּרוכט־ביימער זאָלן, אין געמיינשאַפטלעכן שוץ, אַרויסברענגען זייערע בליאונגען, טראָגן זייערע פֿאַרשיידנאַרטיקע פּרוכטן און אַזוי אַרום מאַכן אומגעהויער רייך די אוצרות פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

פון אַט די אַלע, אַלט־אַלטע געדאַנקען, אַלע אויסגעפונענע אויף דעם הויכן באַרג־וועג פון סינטעטישן מאָניזם, אַלטע געדאַנקען וואָס זיינען אָבער נאָך יונג און לעבעדיק עד היום און וואָס הויבן ערשט איצטער אָן ערנסט פֿאַרווירקלעכט צו ווערן אין לעבן, לאָזט מיך אַריבערשפּרינגען צו אַ פּאָר פּראָבלעמען, פֿריש־צאַפּלדיקע אין דעם קאַמף־רייכן, קעגנזאַץ־פֿולן היינט.

מיר האָבן פֿריער דערמאָנט דעם נאָכן סינטעטישן פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע, דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן, וואָס האָט זיך אַוועק־געשטעלט דעם ציל די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון אונדזער פֿאָלק אויף פּראָגרעסיווע וועלטלעכע יסודות. דער יידישער עפֿנטלעכער געדאַנק איז אָבער אין אַט דעם פּעריאָד כמעט גלייך פון אָנהויב אָן זיך פֿאַנאַנדער־געגאַנגען אין דריי פֿאַרשיידענע ריכטונגען: דעם טעריטאָריאַליסטישן, וואָס האָט געשטרעבט צו אַן אייגענעם יידישן לאַנד, אַלץ איינס וואו, אַבי ניט ארץ־ישראל, דער פּאַלעסטינאָפֿילישער אָדער ציוניסטישער, וואָס פֿאַר־בינדט דאָס שטרעבן צו אַן אייגענעם לאַנד מיט דעם אומבאַדינגטן תנאי פון נאָר ארץ ישראל, און דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער, וואָס וויל ניט וויסן פון אַן אייגענעם לאַנד און האָט געמאַכט פֿאַר זיין לאָזונג דעם פֿערז פון אַ קינדער־ליד: „דאָרט וואו מיר וואוינען, דאָרט איז אונדזער לאַנד״. העפֿטיק קעמפֿן נאָך עד היום די דריי ריכטונגען צווישן זיך. אָבער מערקט

איר ניט, אַז דאָס לעבן שאַרט זיך ביסלעכווייז צו דעם סינטעז צונויפֿגוס פֿון די דריי? דאָס לעבן טרייבט איצטער האַסטיק צו בויען ארץ ישראל, אין דערזעלבער צייט האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף דעם פּראַקטישן סדר היום דעם אויפֿבוי פֿון אַ יידישן לאַנד אין בירא־בידזשאַן, און האָט אַרויפֿגעבראַכט, אַנטוויקלט און פֿאַרפֿעסטיקט אַ נייע גייסטיקע ספֿערע, וואָס גיט דעם לעבנס־אָטעם אויך פֿאַר דעם גלות־נאַציאָנאַליזם — די מאָדערנע קולטור אין דער יידישער שפּראַך.

געוויס שאַרט זיך שוין איצטער דאָס לעבן צו דעם סינטעז פֿון די דריי ריכטונגען. אָבער צי קלעטערט שוין דאָס לעבן אין זיי, צו דעם באַרג־אַרויף, צו יענעם וועג, וואָס ליגט אויף דעם באַרג־רוקן, אין וועלכן עס גיסן זיך צונויף אין איינעם אַלע ליניעס פֿון די באַרג־זייטן? אויף אָט דער פֿראַגע האָט דאָס לעבן נאָך ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפֿער. אָבער מיר דאַרפֿן באַוואוסטזיניק איינווירקן אויף דאָס לעבן, אַז מען זאָל אין אָט דעם פּראָבלעם אַרויפֿגיין אויף דער הויכער באַרג־ליניע, מיר מוזן פֿאַרלאַנגען, ערשטנס, אַז עס זאָל איינגעזען ווערן די נויטיקייט פֿון דער פֿאַראייניקנדיקער באַרג־ליניע און דאָס הייסט קודם כל, עס זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן דער קאַמף צווישן די וואָס גייען אויף די זייטן באַרג. עס זאָל אָנדערקענט ווערן דאָס רעכט פֿאַר אַלע דריי ריכטונגען אויף אַן אומגעשטערטן וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. און דאָס הייסט אויך, אַז דאָס וואַקסן און זיך אַנטוויקלען סיי פֿון דעם בוי אין ארץ ישראל, סיי אין דעם אויפֿבוי פֿון בירא־בידזשאַן, סיי אין די אויפֿטואונגען פֿון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, זאָל ניט זיין נאָר אַ גיין פֿאָראויס, נאָר אויך אַ גיין אין דער הויך, צו איין סינטעטישן אידעאַל פֿון „ייד" און „מענטש", וואָס דאַרף זיין דער הערשנדיקער אין אונדזער לעבן, צי אין ארץ ישראל, צי אין בירא־בידזשאַן, צי אין אַנדערע קאָנצענטרירטע יידישע ישובים. אומעטום זאָלן אין דעם יידישן לעבן פֿאַרווירקלעכט ווערן די מענטשלעך ווערטפֿולע אָדער אויך די אַבסאָלוט נויטווענדיקע עלעמענטן, וואָס ליגן איןביידן, סיי אין דעם מהות „ייד", סיי אין דעם מהות „מענטש".

נאָך איין אידעען־קאָנפֿליקט מוז איך דאָ באַריכטן, וואָס שטעקט ביי אונדז ביי אַלעמען, ווי אַ ביין אין האַלז. נאָך קיינמאָל, אין דער צייט פֿון דער מאָדערנער געשיכטע, איז ניט געווען אַזוי שאַרף דער קאָנפֿליקט צווישן די צוויי גרעסטע אידעאַלן פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן לעבן — דעם אידעאַל פֿון סאָציאַליזם און דעם אידעאַל פֿון פֿרייהייט.

אין די צייטן פֿון פֿאַר קאַרל מאַרקס, האָט, ווי מיר האָבן דאָס פֿריער געזען, איין אידעאַל מבטל געמאַכט דעם אַנדערן. איצטער, אַ דאַנק דעם

איבערשטן, לייקנט שוין קיינער ניט די גויטווענדיקייט פוןביידע אידעאַלן. איצטער קומט דער קאָנפליקט פאַר וועגן דעם פריער און דעם שפּעטער. די וואָס גייען אויף דער דרום זייט באַרג זיינען זיכער, אַז פריער פרייהייט און דערנאָך סאָציאַליזם. פריער מוז מען שטרעבן אָפּצוהיטן און נאָך מער אויפצובויען די פאָרמען פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע; דאָס וועט אין דעם משך פון דורות דערפירן די אַרבעטנדיקע מענטשהייט צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. און די וואָס גייען אויף דער צפון זייט פון דעם באַרג הערן ניט אויף צו טענהן, אַז פריער סאָציאַליזם און דערנאָך פרייהייט. פריער דאַרף מען אויפבויען די יסודות פון אַ סאָציאַליסטישן לעבן און דאָס וועט שוין ממילא, אין אַ משך פון דורות, פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער פולער פרייהייט פאַר יעדן מענטשן.

איך גלויב אָבער, אַז מען קאָן בשום אופן ניט פאַנאַנדערדרייסן אויף צווייען אָט די צוויי גרעסטע אידעאַלן פון אַ מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט זיינען סאָציאַליזם און פרייהייט פּונקט אַזוי נויטיק ווי שפּייז און פרישע לופט. מען קאָן ניט אַרויפצווינגען אויף די אַרבעטער, זיי זאָלן הונגעריקערהייט שפּאַצירן אויף דער פרישער פרייער לופט, ווייל אין אַ משך פון אַ פּאָר דורות וועלן זיי האָבן אויך שפּייז צו דער זאַט. און מען קאָן אויך ניט אָנבינדן די אַרבעטער זיי זאָלן דערווייל, אין אַ פאַרשטיקטער לופט, עסן וואָס ס'איז פאַראַן, צו דער האַלבער זאַט, ווייל שפּעטער וועט מען האָבן צו דער גאַנצער זאַט און נאָך שפּעטער, אין אַ משך פון אַ פּאָר דורות, וועט מען אויך מעגן פריי אַרומשפּאַצירן אויף דער פרייער לופט. אין אַ געפרעסטער לופט, וואו דער לעצטער צוג פון גייסטיקער און פּאָליטישער פרייהייט ווערט דערשטיקט, ווערגט מען זיך אויך מיט דעם קאַרגן ביסן און אין איר מוזן סוף־כל־סוף אויך פאַרפּעלן דער מענטשלעכער אָטעם.

עס איז קלאָר, וואָס אַזוינס עס וואָלט געבראַכט מיט זיך דער הויכער באַרג־וועג פון סינטעטישן דענקען און שטרעבן: סאָציאַליזם און פרייהייט מוזן באַטראַכט ווערן, ווי צוויי זייטן פון איין־און־דערזעלביקער זאַך, פּונקט ווי ספּינאָזאַ האָט געטאָן מיט „גייסט״ און „מאַטעריע״. אין אונדזער פּראָ־בלעם איז דער לאָזונג פון דעם באַרג־וועג: „ניטאָ קיין פרייהייט אָן סאָציאַליזם און ניטאָ קיין סאָציאַליזם אָן פרייהייט״, און אָט דער געבאָט פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם מוז פאַרווירקלעכט ווערן אין דער העכסטער מעגלעכער מאָס, סיי אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, סיי אין דעם דורכפיר פון דעם סאָציאַלן איבערקער, סיי אין דעם ניי־בוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווי שווער עס איז אָבער אָפּט, צו געפינען דעם וועג צו דעם באַרג־רוקן, דאָס לייקן איך גאָר ניט, דאָס רוב ליגט דער באַרג־רוקן אַזוי הויך און איז אַזוי פאַרדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס, אַז אין דעם קלעטערן צו אים, טרעפט אָפּט, מען געפינט זיך פּלוצלונג פאַר אַ טיפן אָפּגרונט און מען מוז גיין צוריק און זוכן אַן אַנדער צוטריט צו אים.

דער עיקר אָבער איז — געדענקען, אַז עס האָט קיין זין ניט, צו בלייבן אויף איין זייט באַרג און מבטל זיין דעם צד שכנגד אָדער האָפן אַריבערצושלעפּן אים אויף „אונדזער" זייט, און פאַרהילכן די לופט מיט קעגנזייטיקע זידלערייען און קולות: עס האָט קיין זין ניט צו רופן איינער דעם אַנדערן „באַרבאַרן", „ווילדע מענטשנפרעסער", רחמנא לצלן, אָדער נאָך ערגער: „סאָציאַל־פאַשיסטן", ניט צו דער נאַכט געררעדט; האָט מען דעם באַרג־רוקן און דאָס שטרעבן צו אים אין זינען, מוז יעדער צד געדענקען, אַז עס וועט דאָך קומען די צייט, ווען אַלע וועלן אַרויף אויף דער איין ליניע, וואָס ליגט העכער פאַר די ליניעס אין די טאָלן, און אַז מען וועט דאָך דאַרפן גיין אויף איר ברידערלעך אין איינעם! אַנשטאָט צו פאַרביטערן איינער דעם אַנדערן דאָס לעבן, בעסער אין איינעם טראַכטן, ווי אַזוי פון ביידע זייטן צו געפינען דעם ריכטיקן צוטריט צו דער הויך.

און נאָך אַ פּונקט וויל איך דאָ באַרירן אין דעם אונדז אינטערעסירנדיקן ענין פון זוכן דעם באַרג־וועג, וואָס פאַראייניקט די קעגנזאַצן און שאַפט אָפּ די קאָנפליקטן. עס איז גאָר ניט אַזוי שווער אויף די פליגלען פון דער טעאָרעטישער פאַנטאַזיע, אַריבערצופליען איבער אַלע אָפּגרונטן און שפּיציקע פעלזן צו דעם הויכן באַרג־רוקן. מען קאָן אויך אויספּלפּולן אַ סינטעז פון קעגנזאַצן: מען קאָן צונויפפירן אַ „וואַנט מיט אַ וואַנט", צונויפבויגן, זאָגן מיר, אין דער פאַנטאַזיע די צפון־וואַנט מיט דער דרום־וואַנט ווי אַ שיפּועדיקן דאַך און זיך איינשמועסן, אַז מען גייט זיכער און פעסט אויף זיין פאַרבינדונגס־ברעט אין דער הויך. צו דעם באַרג־וועג קאָן מען ניט אַרויפפליען. דאָס איז אַ שטענדיקער שווערער גאַנג אַלץ פאָראויס און אַלץ אין דער הויך. און דאַרום קומט אויס צו גיין אָט דעם גאַנג אין אַ פינצטערער נאַכט מיט דער שטענדיקער זאָרג, ניט צו פאַרלירן דעם רעאַלן באָדן אונטער די פיס. נויטיקט זיך דער גאַנג אין אַן אינעווייניקסטן ליכט, וואָס אים זאָל מען שטענדיק טראָגן מיט זיך און אין זיך אויף דעם גאַנג אַלץ פאָראויס און אַלץ אין דער הויך. וואָס זאָל אונדז געבן דעם אינעווייניקסטן ליכט? — אויך אין דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע גייט מען זיך פאַנאַנדער אין פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס באַקעמפן איינע די אַנדערע. „דער יושר דאַרף זיין אונדזער אינעווייניקסטע

ליכט!״ — פאָדערט דער שטרענגער רעכטס-באַוואוסטזיין! „ניין!״ — פּראָטעסטירט דער עקסטרעמער אַלטרואיזם, „דער יושר איז צו שטרענג און איז אָפטמאָל באַרבאַריש. די מענטשנליבע דאַרף באַלייכטן אונדזער וועג!״ „אַך, יושר און מענטשנליבע — אַלטע סענטימענטן! דונערט די ווּיסנשאַפט — „דאָס קאַלטע ליכט פון דעם האַרטן אמת, וואָס ווייס ניט פון קיין מענטשלעכע געפילן, זאָל אייך פירן אין אייער וועג״. „און פון מיינטוועגן״, מישט זיך אַריין די עסטעטיק, „מעגט איר אַלע דריי איינע־מען די כפרה! שיינקייט! אָט דאָס איז דאָס העכסטע אין נאַטור און מענטש און אין איר ליכט דאַרפט איר וואַנדלען און נאָר צו איר ליכט דאַרפט איר דינען״! און גאָר פון אויבן קוקט אַראָפּ אויף די אַלע פיר קעמפנדיקע ריכטונגען די רעליגיע און גיסט אויס איר צאָרן אויף אַלעמענס קעפּ. „ווי־געשרייען, איר, וואָס וואַנדלט אין דער פינצטערניש! אייך אַלעמען פעלט דאָך דער קוואַל פון אייביקן ליכט, דער הייליקער פייער פון דעם רעליגיעזן גלויבן!״

האָבן מיר דאָ פאַר אונדז, ווי איר זעט, אַ פּאַנאַנדערדרייס אין איינצלנע גלידער די גאַנצע מענטשלעכע נשמה, וואָס בענקט פון תמיד אָן נאָך אירע העכסטע אידעאַלן: נאָך גערעכטיקייט, מענטשנליבע, אמת, שיינקייט און אויך זיך אויסצולעבן אין די העכערע געפילן פון הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט. דרינגט זיך דאָ אַרויף דער סינטעטישער געדאַנק, אַז אין דעם שווערן וועג אין דער ווייט און אין דער הויך דאַרף דער מענטש אָנצינדן אַלע פייערן פון זיין נשמה, זען, אַז קיין איינע פון זיי זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. און דאָס איז אפשר דער שווערסטער ענין אויף דעם שווערן, שווערן וועג.

נאָך איין קלײנער שטריך און איך וועל פאַרטיק ווערן מיט יענעם אַלגעמיינעם, געוויס זייער אַרעמען אומריס פון דעם וועג אַרויף באַרג, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט גראָד היינטיקן אָוונט דערמאָנען אייך אָן אים. ווען מען האָט אין דעם יענעם אָדער ווײַטיקן פּראָבלעם שוין געלאָזן הינטער זיך די וואָלקנס פון ספיקות און קאָנפליקטן; ווען מען איז אַרויף אויף דעם באַרג־רוקן און מען באָדט זיך אין זיינע זון־שטראַלן — אָדער מען גלויבט, אַז מען איז אַרויף אויף אים — איז ניט גענוג צו בלייבן אין דער הויך און אַרונטערצושרייען פון דאָרטן אין די נידערונגען: „אָט איז ער, דער הויכער וועג. קומט אַלע אַהער!״ מען מוז באַטראַכטן פאַר אַ חוב, זיך ווידער אַראָפּצולאָזן אין די טאָלן, אויף ביידע זייטן באַרג ווייזן, ווי אַזוי מען האָט געפונען דעם צוטריט צו דעם באַרג־רוקן, אויב מען האָט אים געפונען, און ווי מען זאָל שריט נאָך שריט אַרויפגיין צו אים.

אין מיין אייגענעם לעבן און שטרעבן האָט מיר, ווי מיר ווילט זיך גלויבן, אָפּגעגליקט, ניט איינמאָל אַרויפצוקלעטערן אויף דער פּאַראַייניקנ־דיקער ליניע, וואָס ליגט אין דער הויך און אין דער ווייט. איך האָב אָבער תּמיד באַטראַכט פאַר מיין חוב, קלאָר צו מאַכן אי פאַר זיך, אי פאַר אַלעמען יעדן שריט, וואָס האָט מיך געפירט אַהין. אָט דעם חוב האָב איך תּמיד געשפּירט אין זיך געמיט אויסצופילן אים בשלימות. צי דאָס האָט מיר זיך איינגעגעבן, איז, נאַטירלעך, ניט פאַר מיר צו באַשטימען.

.1935